STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00686

SIMKHE PLAKHTE FUN NARKOVE

Yehiel Yeshaia Trunk

Permanent preservation of this book was made possible by
Freda Kernes
in memory of
Harry Kernes

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

סימכע פלאכטע פון נאַרקאַווע

אָדער

דער יידישער דאָן קיכאָט

בּיכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

72

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

י. י. טרונק

סימכע בלאַטע פון נאַרקאָוו

אדער

דער יידישער דאָן קיכאָטע

באַזירט אויף דעם וווּנדערלעכן סיפּור־המעשה,
ווי עס האָט עס דערציילט יאַנקל לערער
המכונה מאָרגענשטערן פון לאָדזש.

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
I. I. Trunk, New-York

I. I. TRUNK

SYMCHE PLACHTE FUN NARKOWE

★

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1951

אינהאַלט

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס
יידישלעכע דרכים אין נאַרקאָווע 15
קאַפּיטל צוויי
חושך אין דער ווייבער־שול 17
קאַפּיטל דריי
אינדרויסן גייט אַ רעגן און די חשובי־העיר גייען אויף דער אסיפה 20
קאַפּיטל פיר
סימכע פלאַכטע דער וואַסער־טרעגער פון נאַרקאָווע 22
קאַפּיטל פינף
ר׳ געצל שיסט אַרויס מיט אַ געלעכטער 24
קאַפּיטל זעקס
די רביצין פוצט אויס די יתומה 25
קאַפּיטל זיבן
נאַרקאָווע וויגט זיך פון דער גרויסער נייעס 29
קאַפּיטל אַכט
דער מחבר וויל זיך פאַרגיין אין אַ ווייגענדיקס 30
קאַפּיטל ניין
ר׳ יאַנקל דער שול־שמש פאַרבעט אַלעמען אויף דער חתונה 33
קאַפּיטל צען
סימכע פלאַכטע אין בית־דין של מעלה 35
קאַפּיטל עלף
די יתומה ביים קרבן־מנחה־סידור 38
קאַפּיטל צוועלף
ר׳ זישעס פרנסות 41
קאַפּיטל דרייצן
ר׳ זישע זאָגט פאר פעשען די יתומה 45

קאַפּיטל פערצן
נאַרקאָווער ווייסע חברה און די קלעזמאָרים 47
קאַפּיטל פופצן
רויזע ווייִנט שוין 49
קאַפּיטל זעכצן
ס׳איז נישט קיין ווערטעלע, ווען ביי דער זייט פון מחבר שטייען
יאַנקל לערער פון לאָדזש און ר׳ זישע דער בדחן 51
קאַפּיטל זיבעצן
סימכע פלאַכטע אויבנאָן צווישן לומדים 53
קאַפּיטל אַכצן
אַ גאָלדענע קייט פון בדחנים קומען באַזינגען סימכע פלאַכטען 56
קאַפּיטל ניינצן
די כלה פּעשע ווי א בת־מלכה 59
קאַפּיטל צוואַנציק
סימכע פלאַכטע אין קיטל און אין רבס ספּאָדיקל 63
קאַפּיטל איין און צוואַנציק
כלה־אונטערפירעכץ 67
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק
וואָס עס האָט זיך געטון אין יחוד־שטיבל איז אַ סוד 70
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק
אַ שפע פון כל־טוב אויף די טישן פון בית המדרש 71
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק
סימכע פלאַכטע ווידער אויבנאָן 73
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק
יידן ברענגען דרשה־געשאַנק און ר׳ זישע זאָגט גראַמען און דער־
ציילט מעשיות 75
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק
מען האַצקעט אויף די דילן פון בית־מדרש 79

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס
ווער ווייסט מער, דער חכם צי דער נאַר? 83
קאַפּיטל צוויי
עס קוקט אויס ווי סימכע פלאַכטע הויבט אָן צו פאַרגעסן די חתונה 85
קאַפּיטל דריי
פּעשע אויפן יריד אין נאַרקאָווע 89
קאַפּיטל פיר
סימכע פלאַכטע כאַפּט אָפּ דאָס דאַוונען 91

קאַפּיטל פינף
אַ וואָרים אין כריין 93
קאַפּיטל זעקס
דער קליינער שכל און דער גרויסער רצון 99
קאַפּיטל זיבן
סימכע פלאַכטע פאַרן פענצטער 103
קאַפּיטל אַכט
עס טאָגט אין די קאַרטאָפּלעס. אפשר צוריק וואַסער־טרעגער 105
קאַפּיטל ניין
סימכע פלאַכטע גייט אַרויס אויפן מאַרק 107

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס
פלאַי פלאָים פון די ליטוואַקעס און פון די רויטע יידעלעך 115
קאַפּיטל צוויי
וואַלד איין וואַלד אויס קיין דער ליטע 118
קאַפּיטל דריי
וואָס דער פּוילישער ייד האָט געזען אין דער ליטווישער קרעטשמע 123
קאַפּיטל פיר
ווי אַזוי דער פּוילישער ייד האָט פאַרבראַנגט אין דער ליטווישער קרעטשמע 125
קאַפּיטל פינף
דער ליטוואַק האַלט שמאַל 128
קאַפּיטל זעקס
אַ מת־מצווה 131

פערטער טייל

קאַפּיטל איינס
ר׳ פּייוועקע דער ליטוואַק קומט קיין נאַרקאָווע 135
קאַפּיטל צוויי
ר׳ פּייוועקע גייט גלייך אין בית־המדרש אַריין 136
קאַפּיטל דריי
ר׳ פּייוועקע לעבט פון שהיה־פּיה און לייגט זיך שלאָפן ווען אין בית־המדרש איז שוין פינצטער 139
קאַפּיטל פיר
ר׳ פּייוועקע לויפט נאָך סימכע פלאַכטען אין וואַלד 141
קאַפּיטל פינף
דאָס מזל רייט אַקעגן סימכע פלאַכטען מיט טראָמפּייטן און פּייפּיאָלן 144

פינפטער טייל

קאַפּיטל איינס
דער נאַרקאָווער פּריץ אויף געיעג אין וואַלד 149
קאַפּיטל צוויי
פעשע שטייט ביי דער קיך און סימכע פלאַכטע פאַלט אַריין ווי אַ וויכער 156
קאַפּיטל דריי
ר׳ פייווקע דער ליטוואַק זיצט אויף אַ שטיין און שמועסט מיט זיך אַליין וועגן יידן אין דער ליטע און וועגן פוילישע דריפּקעס 160
קאַפּיטל פיר
דעם פּריצעס פערד צווישן צוויי וועלף 161
קאַפּיטל פינף
נאַרקאָווע אין שטויב מדהרות אביריו 164
קאַפּיטל זעקס
מען ברענגט ר׳ שעפּסעלען מורה־הוראה צום רב 169
קאַפּיטל זיבן
ר׳ גאַדל דער קרוב־למלכות 173
קאַפּיטל אַכט
ווער איז ער? 176
קאַפּיטל ניין
סימכע פלאַכטע אין געהאַקטע צרות 178
קאַפּיטל צען
גיי באַרעכן אַ גוי 181
קאַפּיטל עלף
סימכע פלאַכטע ביי דער ש״ס־גמרא 184
קאַפּיטל צוועלף
וואָס עס שטייט באַשריבן אין אַלטן נאַרקאָווער פּנקס 189
קאַפּיטל דרייצן
ר׳ געצל און ר׳ יאָקל טראָגן אין זייערע הענט דעם גורל פון אַ שטעטל מיט יידן 191
קאַפּיטל פערצן
ששון ושמחה ביי סימכע פלאַכטען אויף דער קיך 193
קאַפּיטל פופצן
אין פּאַלאַץ פון נאַרקאָווער פּריץ 197

זעקסטער טייל

קאַפּיטל איינס
אויפדערנאַכט אין דער פּריצישער סאַלע 201

קאַפּיטל צוויי
ר׳ פּייוקע אין בית־המדרש חצות־צייט 208
קאַפּיטל דריי
פרימאָרגן אין סאָד 210
קאַפּיטל פיר
מען שפּאַנט די קאַרעטעס 212
קאַפּיטל פינף
רי רביצין זאָגט, אַז עס זענען משיחס צייטן און מ׳דאַרף פּאַקן די פּעקלעך און זיך גרייטן קיין ארץ־ישראל 214
קאַפּיטל זעקס
העיר נאַרקאָווע צהלה ושמחה 216
קאַפּיטל זיבן
ר׳ מעכטשע בייסט זיך די צונג 219
קאַפּיטל אַכט
ר׳ פּייוקע זיצט אויף אַ שטיין און שמועסט מיט זיך אַליין 222
קאַפּיטל ניין
ר׳ מעכטשע האַלט וואָרט 225

זיבעטער טייל

קאַפּיטל איינס
יחוס ביי יידן און להבדיל ביי גויים 231
קאַפּיטל צוויי
דאָס חדר־מיוחד פון פּאַן וויטשעך 234
קאַפּיטל דריי
מען זוכט און מען נישטערט 237
קאַפּיטל פיר
שבחים וועגן יאַנקל לערער 240
קאַפּיטל פינף
שוין אין דער קאַרעטע שיט סימכע פלאַכטע מיט נסים 245
קאַפּיטל זעקס
סימכע פלאַכטע זיצט אויף דער גאָלדענער פּאַטערשטיל 248
קאַפּיטל זיבן
ר׳ משה־בער דער אַרענדאַר זיצט אויף דער חזקה 251
קאַפּיטל אַכט
שפּע אין אַ יידישער קרעטשמע אין פּוילן 253
קאַפּיטל ניין
ר׳ משה בער קוקט אָן סימכע פלאַכטען און ר׳ פּייוקען דעם ליטוואַק 257

קאַפּיטל צען
נאַרקאָווער יידן האָבן געהערט אַ שמועס צווישן ר׳ משה בערן דעם אַרענדאַר און דער יידענע געגעגדל און עס באַשריבן לדורות 260
קאַפּיטל עלף
פּריצים קומען אַנצופאָרן אין קאָרטעס ווינטשעווען דעם פּאַן וויטשעך 263
קאַפּיטל צוועלף
ר׳ פּייוקע זיצט אויפן ראַנד פון נאַרקאָווער וואַלד 266
קאַפּיטל דרייצן
די וועלט טוט זיך אָן אין אַ ווייסן קיטל צוליב סימכע פלאַכטעס יום־הדין 269
קאַפּיטל פערצן
די לבנה שטייט איבערן קוימען פון ר׳ משה בערס קרעטשמע 273
קאַפּיטל פופצן
אונטערן דרייצנטן בוים ליגט באַהאַלטן דאָס גאָלדענע קעסטעלע 275
קאַפּיטל זעכצן
אַ פּריצישער יאַריד אַרום ר׳ משה בערס קרעטשמע 278
קאַפּיטל זיבעצן
ווער איז דער גנב? 281
קאַפּיטל אַכצן
עס טראָמפּייטערט דער טראָמפּייט 284
קאַפּיטל ניינצן
מען גייט! 287
קאַפּיטל צוואַנציק
מען נעמט זיך צו די דרייצןביימער 290
קאַפּיטל איין און צוואַנציק
דער פּאַן וויטשעך האַלט ביים פאַרלירן אַ גרעסערן אוצר 293
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק
קיין נאַרקאָווע מיטן פּאַן צדיק! 296
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק
נאַרקאָווער יידן פאַרגעסן די דאגות־פּרנסה 299
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק
דעם רב דערקוטשעט אַ שווערע תוספות 301
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק
פּעשעס פינצטערע חלומות 303
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק
סימכע פלאַכטע רבי און פּעשע רביצין 306

אַכטער טייל

קאַפּיטל איינס
דער חילוק צווישן נאַרקאָווער אָרעמעלייט און דעם וואַרשעווער מלכות 311
קאַפּיטל צוויי
דער פּוילישער מלך קאָן נישט צוטון קיין אויג 314
קאַפּיטל דריי
מען שיקט שטאַפּעטן צו די גרויסע פּריצים און דערווייל מאַכט מען בעלער 316
קאַפּיטל פיר
אין וואַרשע גופא פאַר דער אסיפה אין קעניגלעכן שלאָס 318
קאַפּיטל פינף
דער מחבר פירט די לייענער אריין בחצרות המלכים 320
קאַפּיטל זעקס
די קרובים למלכות 322
קאַפּיטל זיבן
דער מלך דערציילט זיינע מלוכה־זאָרגן 325
קאַפּיטל אַכט
אין נאַרקאָווע האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד פון מלכים 329
קאַפּיטל ניין
אין שליחות פון מלך לעשעק דעם פליכעוואַטן ירום הודו 331
קאַפּיטל צען
די גאָלדענע קאָטשן מיט סימכע פלאַכטען פאַרפאָרן צו ר׳ אלין אין דער קרעטשמע 335
קאַפּיטל עלף
ווייסט איר ווער איך בין, ר׳ סימכעצקע? 337
קאַפּיטל צוועלף
ר׳ פּייוקע דערציילט סימכע פלאַכטען פון ווערימל מיטן ליכטעלע 340
קאַפּיטל דרייצן
ר׳ פּייוקעס טאַטע־מאַמע 342
קאַפּיטל פערצן
ר׳ פּייוקע פאָרט איבער דער ליטע אין אָרעמאַנסקע בוידן און טראַכט וועגן דער וועלט 344
קאַפּיטל פופצן
דעם מלכס נאָר קומט אַ קוק טון אויף ר׳ פּייוקען 346
קאַפּיטל זעכצן
ווידער אַן אסיפה בחצרות המלכים 350

קאַפּיטל זיבעצן
דער זינג־פויגל און דאָס רעטעניש 354
קאַפּיטל אַכצן
מען טוט מיטן זינג־פויגל ווי דער זקן האָט געראטן 356
קאַפּיטל ניינצן
ר' פּייוּקע זיצט אין דער קאָטש און טראַכט וועגן מזל 358
קאַפּיטל צוואַנציק
די פּוילישע מלכה מיט אירע הויף־דאַמעס קומען זען סימכע פלאַכטען 362
קאַפּיטל איין און צוואַנציק
ליהודים אין נאַרקאָווע 364
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק
דער מחבר איז מוסר־מודעה, אַז ער וועט נישט גיין אויף די שלעכטע
דרכים פון אַנדערע פאַרפאַסער 368
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק
כבקרת רועה עדרו 370

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

יידישלעכע דרכים אין נאַרקאָווע. — אַ קהלשע יתומה. — אַ וועלט־שאַנקייט. — זי מעג שוין הערן שפּילן.

אין סאַמע יידישן געדיכטעניש פון פּאַרצייטישן פּוילן איז געלעגן גאָר אַ קליין שטעטעלע. לאָמיר זאָגן עס האָט געהייסן נאַרקאָווע. יידן אין פּוילן זענען געווען פרום און גאָטספאָרכטיק. נאַרקאָווע איז געווען אַ פרום שטעטעלע מיט כלי־קודש און מיט אַ רב. דער רב איז געווען אַן אַלטער ייד. אַ צולאָ: צום רבנות האָט ער געפירט אַ שטיקל רעביסטווע פאַר ווייבער און פּראָסטע יידן. פּאַרצייטישע גוטע־יידן האָבן שבת געטראָגן ווייסע זשופּיצעס. פּרייטיק צו נאַכטס האָבן זיי געדאַווענט אין אַ טלית. דאָס זעלביקע איז זיך נוהג געווען דער נאַרקאָווער רב. ער האָט געגעבן סגולות פאַר קראַנקע און מקשה־לילדס, און גענומען פּדיון אַכצן האַרטע פּוילישע גראָשן. ביי אַלע גליקן איז ער נעבעך געווען אַ גרויסער אביון.

צום שטעטלישן פאַרמעג האָט אויך באַלאַנגט אַ קהלשע קיילעכדיקע יתומה. אַ יתומה אָן טאַטע־מאַמע. פון גרויס רחמנות האָט זי די רביצין גענומען אהיים אונטערן רבס דאַך. די מויד איז שוין געווען אַן עלטערע בוגרת פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. זי האָט געהייסן פּעשע.

פאַר פאַרצייטישע יאָרן האָט עס געהייסן אַ פאַרזעסענע מויד.

מן־הסתם איז דער לייענער טשיקאַווע צו וויסן ווי די יתומה פּעשע האָט אויסגעקוקט אין איר לייבלעכער צורה און צי זי האָט געהאַט דעם זיבעטן חן פון אַ כשרער בתולה.

דאָ ווילן מיר לאָזן רעדן דעם מחבר יאַנקל לערער פון לאָדזש המכונה מאָרגנשטערן. ער וועט אונדז אויסמאָלן דאָס שיינע געשטאַלט פון דער בתולה, אַקוראַט אויף דער האָר, ווי ער האָט עס איבערגענומען פון זיין עלטער־באָבע:

„אַ נאָז האָט זי געהאַט ווי אַ פּאַס, אַ פּנים ווי אַ טויער (וואָרט־שפּיל: יפת־תואר). אַ פּאָר גרויסע אויגן ווי אַן אונגעריש קאַלב, אַ פּאָר גראָבע ליפּן ווי די גאָמבע פון אַ רוסישן אָקס, אַ פינגער ווי די פיס פון אַ העלפאַנט. קלוג ווי אַן אַלט אייזל. נאָר אָן עין־הרע האָט זי געקאָנט עסן ווי אַ פערד. און צו דעם אַלעם איז זי געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס".

נאָר מילא — ביי פּאַרצייטישע יידן אין פּוילן האָט מען נישט גע־טאָרט לאָזן זיצן אַ יתומה. די רביצין האָט אַ שמועס געטון מיטן רב דערוועגן. דער רב האָט געטון אַ זיפץ, זיך אַ קראַץ געגעבן אונטערן ספּאָדיקל און געזאָגט צו דער רביצין: מע מוז די יפת־תואר חתונה מאַכן.

עס רעדט זיך חתונה מאַכן. ווי אַזוי? קיין בלינדן האָט מען נישט געקאָנט קריגן. דער וואָס האָט געהאַט אויגן איז אַנטלאָפן ווו דער פעפער וואַקסט.

פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל האָט די קיילעכדיקע יתומה פעשע דער־גרייכט די יאָרן ווען מען מעג שוין הערן שפּילן, דאָס הייסט: זי איז געוואָרן אַ בת־שלושים.

קאַפּיטל צוויי

חושך אין דער ווייבער־שול. — ר׳ יאַנטשע דער בעל־הלוואה. — עמך שער און אייזן. — אין עסיק און אין האָניק.

די רביצין איז געזעסן אין דער ווייבער־שול אָנגעטון אין אירע גרויסע שפּאַקולן, געטייטלט מיטן פינגער אין א קרבן־מנחה־סידור און געדאַוונט. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען אַן עלטערע יידענע און געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט אַ שאַרפע שמיעה און אויפגעכאַפּט וואָס די ווייבער שמועסן.

פון וואָס שמועסן ווייבער? געוויינטלעך פון דער רביצין. ס׳טייטש; אין רבס שטוב דרייט זיך אַרום אַ וויסטע יתומה. די צעפּ ווערן איר גראָ. די רביצין שווייגט און טוט נישט קיין שידוך. ביי יידן זענען ברוך־השם נישט פאַראַן קיין קלויסטערס וווהין מע קאָן אָוועקזעצן אַ פאַר־זעסענע יתומה.

די נגידותטע פון שטעטל, אַ יידענע מיט אַ גווידער, מיט אַ שאַרפע גאָמבע און מיט אַ מענה־לשון, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צווישן די ווייבער און גערדשנט אויפן הויכן קול:

— ווען ביי אַן אַנדערן ייד אין שטעטל וואָלט זיך חס ושלום גע־פונען אַ בתולה ביי די שלושים, וואָלט דער רב מיט דער רביצין איינגע־ריסן וועלטן. אַז סע קומט צום רב אַליין מיט זיין רביצין טוט קיין פויגל נישט קיין פּיפּס.

אַלע ווייבער אין דער ווייבער־שול האָבן צוגעשאָקלט מיט די קופּ־קעלעך.

די רביצין האָט אַריינגעלייגט איר פּאַטשיילע מיט די שפּאָקולן אי־נעם קרבן־מנחה־סידור און אַהיימגעגאַנגען צום רב, און אים דער־ציילט פון דעם חושך, וואָס עס טוט זיך אין דער ווייבער־שול.

דער רב האָט זיך ווידער אַ קראַץ געטון אונטערן ספּאָדיקל און גע־זאָגט צו דער רביצין:

— די ווייבער זענען נעבעך זייער גערעכט. עס איז באמת אַ גרוי־סע עבירה צו לאָזן אַרומדרייען זיך אַ בוגרת אויף גאָטס וועלט.

— וואָס זאָל מען טון? האָט געפרעגט די רביצין מיט גרויס עצבות.

— וואָס הייסט, וואָס מען זאָל טון? האָט זיך דער רב געחידושט אויף דער רביצין. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַן אשת־חיל און אַ קלוגע יידענע. נעם און כאַפּ שוין דעם זילבערנעם קאַשטער פון מיין שטעקן, די זילבערנע בתים פון מיינע תפילין און מיין פוקסן־פוטער. דאָס איז ראשית. שנית: נעם דיין גאָלדענעם קאַניק מיט דעם שוילשטיק און די צוויי שנירלעך קרעלן, און גיי אַריבער צו ר׳ יאַנטשע דעם בעל־הלוואה און באָרג דיר געלט אויפן משכון. מיר וועלן די יתומה שיין באַקליידן, מחמת ווייבער זאָגן, אַז זי איז נישט קיין איבעריקע יפת־תואר. אַז זי איז נישט איבעריק קלוג — ווייס איך אַליין. דערצו גייט זי נעבעך נאַקעט און באָרוועס. ווער וועט זי נעמען? וועט מען זי אָנטון אין בגדי־מלכות, וועלן שוין שדכנים קומען צולויפן און ברענגען דעם זיווג.

די רביצין איז געגאַנגען צו ר׳ יאַנטשען. ר׳ יאַנטשע האָט באַקוקט די משכנות ביי אַ גראָשנדיק ליכטל. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער דער רביצין אָפּגעציילט ק״ן זהובים — הונדערט און פופציק גילדן.

די רביצין האָט געברענגט דעם מטמון צום רב אין בית־דין־שטוב אַריין. דער רב האָט גענומען אַ שטיקל קרייד און געמאַכט דעם פאָלגנדיקן חשבון:

פאַר פופציק גילדן זאָל מען די יתומה באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס. הונדערט גילדן וועט מען אַוועקלייגן אין אַ טעפּל אויף נדן. די יתומה וועט באַגלייך זיין צו אַלע נגידישע כלות אין נאַרקאָווע. זי וועט אויס־נעמען הן וואָס שייך הלבשה און הן וואָס שייך נדן.

סימכע פלאַכטע

מע האָט גערופן ר׳ מעכטשען דעם שניידער, אַ פּאָנפּאָוואַטע ייד מיט זעקס פינגער אויף איין האַנט, אַ ייד אַ פריילעכער וואָס קען נישט אַרויס־רעדן קיין ריש. מע האָט גערופן ר׳ נאַפטשען דעם שוסטער, אַ ייד וואָס האָט נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן און קוקט אַריין אין אַ סידור ווי אַ האָן אין בני־אָדם. דיביידע בעלי מלאכות, שער און אייזן, האָבן זיך אַ נעם געטון צו דער יתומה. ר׳ מעכטשע האָט איר אויפגענייט אַ קליידל פון באַשטשיק צו דריי פּייעס אַן אייל, ווי אויך אַ פּאָר העמדער. ר׳ נאַפטשע האָט איר געמאַכט אַ פּאָר שיך סך־הכל פאַר זעקס פּייעס. די רביצין האָט נאָך צוגעלייגט אירס אַ רויטע פאַטשיילע און אַ פאַרטעך. מע האָט די יתומה אויסגעסטראָיעט ווי אַן אמתע בת־מלכה.

איצט דאַרפן נאָר קומען די שדכנים און ברענגען אַ חתן פון שפּיץ מעסער.

קאַפּיטל דריי

אינדרויסן גייט אַ רעגן און די חשובֿי־העיר גייען אויף דער אסיפֿה. — די גענויע רשימה פֿון נאַרקאָ־ווער שיינע מענטשן. — איך האָב אים!

די בת־מלכּה איז דערווײַל געזעסן אין גראָען צאַפּ. דאָס טעלערל פֿון הימל האָט זיך נישט באַוויזן.

הכנסת־כּלה איז אָבער אַ גרויסע מצווה. אין פּאַרצײַטישן פּוילן האָט מען זיך נוהג געווען ווען אַ דבר־מצווה צונויפֿצורופֿן אַן אסיפֿה.

דער רבֿ האָט טאַקע גערופֿן די חשובֿי־העיר אויף אַן אסיפֿה צו טון אַ טראַכט כּדת מה לעשׂות — וואָס טוט מען ווײַטער מיט דער יתומה?

ס'איז געווען נאָך מעריבֿ און נאָך וועטשערע. דאָס שטעטל נאַרקאָווע האָט געזונקען אין חושך. די הימלען האָבן זיך געעפֿנט און איבער נאַר־קאָווע האָט געגאָסן אַ מבול. דאָס שטעטל האָט זיך נישט געפּוילט און זיך איבערגעדרייט אין אַ גרויסער טיפֿער בלאָטע. איבער דער דאָזיקער בלאָטע האָבן די בעלי־אסיפֿה געטאָפּטשעט צום רבֿ.

אין נאַרקאָווער חושך־מצרים האָט יעדער פֿון זיי געטראָגן אַ לאַמ־טערנע, כּדי בשלום אַדורכצוקומען די בלאָטע. זיי זענען אַרײַנגעקומען צום רבֿ מיט זייערע לאַמטערנעס און אײַנגאַנצן אויסגעווייקטע פֿון רעגן.

מיר וועלן דאָ געבן אַ גענויע רשימה פֿון די שיינע מענטשן פֿון נאַרקאָווע, וואָס זענען געקומען אויף דער אסיפֿה בײַם רבֿ, כּדי צו קלערן ווי אַזוי צו באַשטאַטן די יתומה מיט אַ שידוך.

ר' געצל דער בית־דין־שמש. אַ ייִד מיט אַ גראָב קול און מיט אַ ברייטע געלע באָרד. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע פּאַפּירענע לאַמטערנע.

סימכע פלאַכטע

ר׳ יאָקל דער שול־שמש. אַ דריבנע יידל מיט אַ הויקערל.

ר׳ זישע דער שול־קלאַפּער. אַ חוץ זיין לאַמטערנע האָט ער נאָך געטראָגן מיט זיך דעם הילצערנעם שול־האַמער, מיט וועלכן ער קלאַפּט אַלע באַגינען אין יידישע לאַדנס און רופט נאַרקאָווער יידן אין שול אַריין. מיט דעם דאָזיקן שיינעם גאָטספאַרכטיקן האַמער שיידט זיך ר׳ זישע נישט פונאַנדער אויף אַ רגע.

ר׳ קיווע דער תלמוד־תורה־מלמד. אַ בייזער ייד מיט אַ שיקלדיק אויג.

ר׳ נחום דער טרייבעטשער. אַ ייד מיט אַ בויך און מיט אַן אויסגע־פּעצטע גלאַנציקע קאַפּאָטע.

ר׳ טרייטל דער נאמן פון דער יאטקע. אַ ייד מיט אַ שוואַכן חוש־השמיעה.

דער רב איז געזעסן אויבנאָןביים טיש און געדרויכערט אַ לאַנגן ליולקע־ציביק.

די רביצין איז געשטאַנען פונדערווייטנס ביי דער טיר. אַ יידענע זעצט זיך נישט צו צום טיש ווו מאַנסבילן זיצן. זי האָט אָבער אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער גרויסער אסיפה.

מע האָט געשמועסט, געדרייט מיט די פינגער און אַרומגערעדט דעם וויכטיקן ענין פון אַלע זייטן. מע איז בשום אופן נישט געקומען צו קיין טאָלק. אינדרויסן האָט געגאָסן דער רעגן. דער זיווג פאַר דער יתומה פעשע האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויפן טיש.

פלוצים האָט ר׳ זישע דער שול־קלאַפּער אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון מיטן שיינעם הילצערנעם שול־האַמער אין טיש אַריין. ער האָט אַ געשריי געגעבן ווי אים וואָלט אויפגעלויכטן אַ ליכט אין קאָפּ:

— איך האָב אים, רבותי!

— וועמען? האָט די גאַנצע אסיפה אַ געשריי געטון. אַפילו די רביצין ביי דער טיר האָט פאַרגעסן, אַז זי איז נישט מער ווי אַ יידענע און אַ געשריי געטון באַגלייך מיט די מאַנסבילן:

— וועמען?

— איך האָב, האָט ר׳ זישע אַלץ געקלאַפּט מיטן שול־האַמער, איך האָב אים, סימכע פלאַכטען.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

קאַפּיטל פיר

סימכע פלאַכטע דער וואַסער־טרעגער פון נאַרקאַ־ווע. — זיינע מנהגים און זיינע פירעכצן. — די וועלט און יענע וועלט.

איצטער לאָמיר אויף א רגע אָפּלאָזן די אסיפה פון די חשובי־העיר פון נארקאָווע ווי אויך פעשען די יתומה. מיר וועלן זיך אויף טשעקאַ־וועסט באַקענען מיט סימכע פלאַכטען.

אין נארקאָווע האָט זיך געפונען א פראָסטער יונג. געהייסן האָט ער שמעון. גערופן האָט מען אים סימכע. ער איז געגאַנגען נאַקעט און באָר־וועס, און ער האָט זיך צוגעדעקט דאָס לייב בלויז מיט א שטיקל פלאַכטע. דעריבער האָט מען אים גערופן סימכע פלאַכטע. די גאַנצע שטאָט פון קליין ביז גרויס האָט אים געקאַנט. סימכע פלאַכטע איז געווען א וואַסער־טרעגער און געטראָגן וואַסער פאַר נארקאָווער יידן. א חוץ דער פלאַכטע האָט ער נאָך פאַרמאָגט א פאָר שאַנדעס מיט א פאָר קאַנען. סימכע פלאַכטע איז געווען דער שטאָט־נאַר פון נארקאָווע און ער האָט זיך דווקא ליב געהאַט צו חברן רק מיט פראָסטע גויים. ער האָט נישט געהאַט קיין שכל צו קיין שום זאַך סיידן צו דער אכילה און צו טראָגן וואַסער. ער האָט צומאָל נישט געוווסט פון קיין צורת־מטבע און געטראָגן זעקס קאַנען וואַסער פאַר א שטיקל ברויט.

הכלל, נארקאָווע האָט זיך נישט געהאַט וואָס איבערצונעמען מיט איר וואַסער־טרעגער.

ביי סימכע פלאַכטען איז געווען א מנהג פון קדמונים. — אַלע דאָ־נערשטיק אויף דער נאַכט האָט ער געטראָגן וואַסער פאַר די דינסטמיידן.

סימכע פלאַכטע

וואַסער לכבוד שבת וועגן. ער האָט אויך געטראָגן זאַמד אויסצושיטן די דילן אין יידישע שטובן לכבוד שבת. מיט דעם נעמלעכן זאַמד האָט ער געהאָלפן רייבן די מעשענע שבת־לייכטער און די גאָפּל־מעסער. פאַר אָט־דער שווערער עבודה האָט ער פון די דינסטמיידן באַקומען דאָס אויסגעקראַצטע פון די טעפּ. ביי סימכע פלאַכטען אין מויל זענען עס געווען זעלטענע מטעמים. ער האָט זיך דערפון באַלעקט. אַ גאַנץ יאָר האָט ער אויך געטראָגן וואַסער און געהאַקט האָלץ ביי ר׳ תנחום דעם בעקער. ר׳ תנחום האָט אים דערפאַר געלאָזט שלאָפן אויפן וואַרעמען פּיעקעליק. סימכע פלאַכטע האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט דער וואַרעמקייט אויבן אויפן באַקאויוון. האָט זיך געטראָפן אין נאַרקאָווע אַ ברית־מילה צי אַ חתונה, האָט דעמאָלט סימכע פלאַכטע געאַרבעט ווי אַ פערד, געהאַקט האָלץ און געטראָגן וואַסער. בשכר זה האָט מען אים געגעבן די טעלער אָפּצולעקן. סימכע פלאַכטע האָט געגלויבט, אַז דאָס זענען די טעלער פון גן־עדן. נאָר בכלל און געווייינטלעך — סיי אין די זומערדיקע היצן און סיי אין די ווינטערדיקע פרעסט איז ער אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָר־וועס, מיט דער בלויזער פלאַכטע אויפן לייב.

קאַפּיטל פינף

ר׳ געצל שיסט אַרויס מיט אַ געלעכטער. — צוויי מצוות מיט איין כאַפּ. — אַלע זענען מסכים אויפן שידוך. — ר׳ געצל גייט אַרויס אויפן רעגן.

די חשובי־העיר האָבן תחילת גאָר נישט אַזוי לייכט געקאָנט באַנע־מען ווי מען פּאָרט צוזאַמען סימכע פּלאַכטען מיט פּעשען דער יתומה. ר׳ געצל דער בית־דין־שמש האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ גרויס געלעכטער. דער רב האָט אַ שטאַרקן צי געטון מיט זיין ליולקע־ציביק און געזאָגט, אַז מע קאָן דאָ טון צוויי גרויסע מצוות מיט איין כאַפּ. צו לאָזן אַרומ־דרייען זיך אַן אַלטן בחור נאַקעט און באָרוועס איז אויך נישט קיין קליינע עבירה. דערהערט וואָס דער רב זאָגט, האָבן אַלע, ובתוכם די רביצין, מסכים געווען אויפן שידוך.

נאָר וואָס טוט מען ווייטער? סימכע פּלאַכטע איז אַ נאַר און אַ פּראָס־טער נפש. גיי ווייס וואָס אַ נאַר וועט איינפאַלן? אַנשטאָט צו פאַרשטיין די גרויסע טובה קאָן סימכע גאָר עפּענען דאָס פּראָסטע פּיסק און רעדן דיבורים ווי אַ גוי.

— ווייסט איר וואָס? האָט דער רב געזאָגט צום בית־דין־שמש, גיי צו סימכע פּלאַכטען און זאָג, אַז דער רב רופט אים. דאַרפסט נישט זאָגן וועגן וואָס.

ר׳ געצל דער בית־דין־שמש האָט גענומען די גרויסע לאַמטערנע מיטן גראָבן שטעקן און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן רעגן וואָס האָט כסדר געגאָסן אין נאַרקאָווער חושך.

קאַפּיטל זעקס

די רביצין פּוצט אויס די יתומה. — סימכע פלאַכטע קומט מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן. — ניין, רביצין. — ברוך־הבא, סימכע, דו ביסט אַ ייד? — די אסיפה ענדיקט זיך מיט גרויס געדעטעניש. — די נאַרקאָווער לבנה ווינטשט סימכע פלאַכטען מזל־טוב.

איידער ר׳ געצל האָט באַדאַרפט קומען מיט סימכען, האָט דערווייל די רביצין אין דער קיך אויסגעפּוצט די כלה אין עסיק און אין האָניק, ד״ה אין די בגדי־מלכות, וואָס ר׳ נאַפּטשע און ר׳ מעכטשע האָבן פאַר איר געמאַכט. דערצו האָט זי איר אָנגעטון די רויטע פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, כדי סימכע פלאַכטע זאָל געפּלעפט ווערן פון דער שאָנקייט פון דער כלה, מיט וועלכער דער רב און קהל גייט אים מזכה זיין.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט. הינטער דער טיר האָט מען געהערט ר׳ געצלס קול ווי אויך דאָס געקלאַפּ פון שאָנדעס און שווערע באָרוועסע טריט פון דעם שטאָטישן וואַסער־טרעגער.

די טיר האָט זיך געעפנט. ר׳ געצל איז געשטאַנען מיט זיין לאַמ־טערנע. נעבן אים — סימכע פלאַכטע מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן, ד״ה מיט די שאָנדעס און מיט די קאַנען.

אין אַזאַ מעמד האָט סימכע פלאַכטע געוואָלט אַריינגיין צום נאַר־קאָווער רב.

— סימכע לעבן, האָט די רביצין געפּרוווט צו אים צו רעדן מיט אַ זיס קולכל, עס שיקט זיך נישט אַריינצוקומען צום רב מיט שאָנדעס

ווי א פראָסטער גוי. שטעל זיי אוועק ביי דער טיר צוזאַמען מיט די קאַנען. קיינער וועט זיי חס ושלום ביי דיר נישט צוגנבענען. דאָ זיצן נישט חלילה קיין גנבים. סאַמע שיינע יידן.

— ניין, רררביצין, האָט סימכע געזאָגט אַן איינגעשפּאַרטער און געשאַרט איבערן דיל מיט די נאַסע באָרוועסע פיס. די שאַנדעס און די קאַנען זענען מיין פאַרמעגן. סימכע פלאַכטע גלויבט נישט אַפילו זיינע אייגענע אויגן.

ס'איז נישט געווען וואָס צו מאַכן. סימכע פלאַכטע האָט זיך אוועק־געשטעלט פאַרן בית־דין־טיש ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ ברונעם וואַסער.

— ברוך־הבא, סימכע, האָט דער רב געזאָגט און אַ פּאַך געטון מיטן ליולקע־ציביק, ער האָט געטון אַ שמייכעלע און געפרעגט ביי סימכען:

— דו ביסט אַ ייד, סימכע?

— אוואַדע אַ ייד, האָט סימכע געגעבן אַ לאַך ווי אַ פּויער אין דער קרעטשמע. מיין מאַמע זאָל מיר אַזוי לעבן ווי איך בין אַ ייד. כאָטש איך בין קיינמאָל נישט געגאַנגען אין קיין חדר און ווייס נישט וואָס סע שטייט אין סידור.

—אויב דו ביסט אַ ייד, האָט דער רב געזאָגט האַלב אין ערנסט און האַלב מיט שמייכל, טאָ פאַר וואָס זשע האָסטו נישט חתונה? אַ ייד טאָר זיך נישט אַרומדרייען לײדיק אָן אַ ווייב.

סימכע פלאַכטע האָט געטון אַ קלאַפּ מיט די שאַנדעס אין די קאַנען אַריין, און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— גויים זאָגן, אַז איר, רבי לעבן, האָט אויף זיך אַ קעפּעלע, האָט ער געזאָגט גראָב און הויך, צום סוף, זאָלט איר מיר מוחל זיין — רעדט איר ווי אַ יידענע. ווער וועט מיך נעמען? אַפילו אַ מויד פון סאַמע באַרג מיסט וועט נישט וועלן אויף מיר קוקן. סימכע פלאַכטע האָט אויפגע־דעקט זיין נאַקעט לייב און עס געוויזן דער חשובער אסיפה פון נאַרקאַ־ווע. — אַ שיינער חתן סימכע פלאַכטע, מיין מאַמע זאָל מיר אַזוי לעבן.

— ניין, סימכע לעבן, האָט דער רב געזאָגט, ס'איז נישט פאַראַן קיין ייד וואָס האָט נישט חתונה. פאַר יעדן ייד איז אין הימל באַשערט אַ זיווג.

דער רב האָט זיך געוואָנדן צו דער רביצין און געוויזן מיטן ליולקע־ציביק אויף דער טיר פון דער קיך.

— נו, האָט ער געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון.

די רביצין איז אַריין אין קיך און באַלד צוריקגעקומען מיט דער אויסגעפּוצטער יפהפיה. דאָס גרויסע פּנים פון דער מויד האָט געלאַכט און געלויכטן מיט טויזנט חן. מיט דער רביצינס רויטער פּאַטשיילע אויפן קאָפּ האָט זי אויסגעקוקט ווי אַן אמתע פּריצה (דער מייסטער יאַנקל לערער זאָגט, אַז אין דער רביצינס פּאַטשיילע האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ רויטער אינדיק). די רביצין האָט די יתומה צוגעפירט כמעט ווי צו סימכע פלאַכטעס נאָז און געזאָגט מיט אַ סך באַהאַרצטקייט:

— נאַ, סימכע לעבן, און קוק דיר אָן די מויד. קהל האָט אויסגעקליבן פאַר דיר אַ זיווג.

— נישט בלויז אַ זיווג, האָט דער רב געזאָגט און געקוקט אויף דער אסיפה. ער איז פּאַמעלעכל צוגעגאַנגען צו דעם ספרים־אַלמער, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ צוגעדעקט ערדן־טעפּל, עס אויפגעדעקט און געוויזן סימכע פלאַכטען.

פונעם טעפּל האָט אַרויסגעשיינט אַ גאַנצער אוצר מיט נייע קופּערנע צענערס.

— דאָס איז דער נדן, האָט דער רב געזאָגט מיט אַ חשיבות גלייך ווי ער וואָלט אויסגענומען די טויז אייכל.

סימכע פלאַכטע האָט געפינטלט מיט די אויגן. ער האָט געקוקט דאָ אויפן טאָפּ מיט דעם געלט, דאָ אויף דער אויסגעפּוצטער יפהפיה. ער האָט מיט די באָרוועסע פיס אַ שפּרונג געטון אין דער הויך און געשריגן צו דער רביצין:

— שוין, שוין. איך וויל זי שוין פאַר אַ ווייב.

— וואָס הייסט שוין? — האָט דער רב אים געמוסרט. — אַזוי פירט זיך נישט ביי יידן. צום ערשטן מאַכט מען תקיעת־כף און תנאים. דערנאָך שטעלט מען אַ חופה מיט וועטשערע און קלעזמאָרים. דערנאָך ערשט ביסטו אַ באַווייבטער מיט מזל.

— ניין, רבי, שוין, שוין, האָט סימכע פלאַכטע געמאַכט קולות.

י. י. טרונק

אַלע האָבן באַשיינפּערלעך געזען, אַז מען האָט צו טון מיט אַ פּראָסטאַק שבפּראָסטאַק. מען האָט סימכען קוים איינגענומען און אים צו־געזאָגט נאָך גאָלדענע גליקן. די אסיפה האָט זיך פאַרענדיקט מיט גרויס געראַטעניש. די חשובי־העיר האָבן צוריק אָנגעצונדן זייערע לאַמטערנעס. סימכע פלאָכטע האָט זיך אָנגעטון די שאַנדעס און גענומען די קאַנען. די רביצין מיט דער יתומה זענען צוריקגעגאַנגען אין קיך. די חשובי־העיר האָבן געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אַוועקגעגאַנגען.

אינדרויסן האָט אויפגעהערט דער רעגן. די הימלען האָבן זיך אויס־געלייטערט. איבער די שטילע יידישע דעכער פון שטעטל נאַרקאָווע האָט אויפגעלויכטן די לבנה שיין ווי אַן אתרוג. מען האָט ממש געזען בחוש ווי די לבנה ווינטשט סימכע פלאָכטען מזל־טוב און בעט זיך ביי נאַרקאָ־ווער יידן אַז מען זאָל זי מחדש־זיין.

קאַפּיטל זיבן

נאַרקאָווע וויגט זיך פון דער גרויסער נייעס. — די רביצין מיט עטלעכע גבאיטעס גייען איבער די הייזער. — נאַרקאָווע גרייט זיך צו דער חתונה.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך נאַרקאָווע געוויגט פון דער גרויסער נייעס, וואָס איז געשען נעכטן אויף דער אסיפה פון רב מיט דער רביצין און די חשובי־העיר. נאַרקאָווער יידן האָבן געהאַלטן פון מצוות. דער רב האָט זיי מזכה געווען מיט אַ מצווה, וואָס אַלע נאַרקאָווער, פון קליין ביז גרויס, קאָנען טון. די בייזע צינגער אין דער ווייבער־שול זענען אַנטשטומט געוואָרן. זריזים־מקדימים — יידן און ווייבער, וואָס האָבן געוואָלט זיין די ערשטע ביי דער מצווה, האָבן אַריינגעטראָגן צו דער רביצין ווי נאָר אַן אַלט מלבוש, אַ העמד, אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר צעריסענע שיך, אַ חסידישן גאַרטל און אַן ארבע־כנפות. קודם האָט מען אין זינען געהאַט מלביש צו זיין רעם נאַקעטן סימכע פּלאַכטען. די יתומה איז דערווייל געווען פאַרזאָרגט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די רביצין מיט עטלעכע פרומע גבאיטעס גענומען גיין איבער די הייזער. זיי האָבן אַריינגענומען אין זייערע פאַר־טעכער אַלצדינג וואָס יידן האָבן נאָר געגעבן. דער עיקר האָט מען צו־געגרייט בעטגעוואַנט פאַר חתן־כלה. איין יידענע האָט געגעבן אַביסל פעדערן, אַן אַנדערע — אַן אַלטע רויטע ציך, און אַ דריטע — אַן איינשיט.

די רביצין מיט די גבאיטעס זענען אַהיימגעקומען מיט פולע פאַרטעכער.

נאַרקאָווע האָט זיך מיט גרויס פאַראַד געגרייט צו דער חתונה פון סימכע פּלאַכטען מיט פעשען דער יתומה.

קאַפּיטל אַכט

דער מחבר וויל זיך פאַרגיין אין אַ ווײַנעדיקס. — ער דערמאַנט זיך אָבער, אַז עס האַלט ביי סימכע פלאַכטעס חתונה.

מיר האַלטן איצט ביי דער גרויסער שמחה אין נאַרקאָווע. מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן פון וועמענס פעדער אָט־אָ־די פרייד פון אַ שטאָט מיט יידן איז אַרויסגעפלאָסן. איך מיין דעם מייסטער יאַנקל לערער. ווער איז ער געווען אָט־אָ־דער דערציילער, וואָס האָט אין די הערצער פון פשוטע יידן געשפּילט מיט זיין פעדער ווי מיט פייפיאָלן און שאַלאַמייען?

אָ, דער גורל פון אַלע גרויסע דיכטער! קיינער זעט נישט די טרערן, וואָס פליסן הינטער דער מאַסקע פון דיכטערישע פּריילעכקייטן. קיינער זעט נישט דעם עלנטן בעטלער־מאַנטל, וואָס עס טראָגט דער דיכטער, — הגם דער דאָזיקער מאַנטל לייכט פאַר די אויגן פון דעם לייענער מיט אַזוי פיל קיניגלעכן כשוף. זינט האָמער און סערוואַנטעס ביז היינט צו טאָג, האָט זיך דער גורל פון אַלע דיכטער נישט געביטן אויף אַ האָר. די דיכטער שפּאָטן פון דער צייט — דערפאַר שפּאָט די צייט פון זיי. די צייט ענדערט זיך נישט אויף די וועגן פון זייער לעבן. זי טוט זיי בסדר אָפּ אויף טערקיש.

דאָס לעבן פון אונדזער מייסטער יאַנקל לערער המכונה מאָרגנשטערן איז געווען געגליכן צום לעבן פון אַלע געליבטע קינדער פון די מוזעס. אַ לעבן וואָס איין העלפט — די ווירקלעכקייט — האָט זיך געשפּונען אין טיפן מענטשלעכן עלנט. די צווייטע העלפט — ווער ווייסט ווי זי אָנ־צורופן — איז גריילעך נישט מער ווי אַ שאָטן. זי איז זיך פאַרגאַנגען

סימכע פלאַכטע

אין די גאָלדענע מלכותן פון פאַנטאַזיע. אין די גליקלעכע ליכטי־קייטן פון זעאונג. אָ, יאַנקל לערער, המכונה מאַרגנשטערן פון לאָדזש! איך בין גרייט אָפּצושאָקלען דעם שטויב פון דיין געדעכעניש און דערציילן פון דיין לעבן און וועבן.

יאַנקל לערער האָט געוווינט אין אַ פינצטערן קעלער אין באַלוט, אינמיטן דער לאָדזשער אָרימקייט. זיין שטיקל ברויט האָט ער קוים פאַר־דינט דערמיט, וואָס ער האָט די אָרימסטע יידישע טעכטער פון באַלוט געלערנט לייענען און שרייבן יידיש. דעריבער האָט ער געהייסן יאַנקל לערער.

אין די אָוונטן, באַלוט האָט געזונקען אין חשכות פון דער נאַכט, און יאַנקל לערערן איז אויך פינצטער געווען אויפן געמיט, ער איז געווען האַלב צי גאַנץ הונגעריק, האָט ער אין זיין קעלער אָנגעצונדן אַ קינדל האָלץ. ביים שיין פון דעם דאָזיקן קאַרגן פייערל אינמיטן פון באַלוט האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי בויגנעם פאַפיר און גענומען די גענדזענע פעדער אין דער האַנט. ער האָט געשריבן אַלערליי מעשיות און דערציילט דעם פראָסטן יידישן פאָלק פון זיינע דמיונות און זעאונגען.

אַן אַנדערע, שענערע וועלט האָט אויפגעשיינט אין דעם ליכט פונעם קאַרגן פייערל. אַ וועלט — ווער ווייסט ווי זי אָנצורופן. זי איז גרייליך נישט מער ווי שוים און שאָטן. אַ וועלט פול מיט וווּנדערלעכע גן־עדן־התחתונס. אַ וועלט וואָס האָט אין זיך נישט געהאַט דאָס מינדסטע פון דער רעאַליטעט פון יאַנקלס לעבן. מיט אַ געוואַלטיקער שפע פון גלוס־טיקייט און פרייד האָט זי אַ שטראָם אַרויסגעגעבן פון יאַנקל לע־רערס פעדער און זיך אויסגעגאָסן אויפן פאַפיר ווי אַ טייך פון גינגאָלד און איידלשטיינער פון ליכט און פון בשמים.

ווער ווייסט ווי פינצטער עס איז געווען יאַנקלס לעבן גראָד דעמאָלט ווען ער האָט צוגעגרייט סימכע פלאַכטעס פלאַכטעס חתונה, און אים, דעם נאַקעטן סימכען, אַן עפּן געטון, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אַלע ברונעמער פון גליק און דערפאָלג.

ווער ווייסט צי אין דער געשטאַלט פון סימכען האָט ער אונדז נישט איבערגעלאָזט די גאַנצע איראָניע פון זיין אויטאָ־פּאָרטרעט, און דעם שמייכל פון זיין לעבנס־פילאָזאָפיע?

ווער ווייסט אים, דעם פּאַציִשן מאַן, וואָס טאַנצט פאַר אונדז אין אַ נאַראָנים־מיצל מיט גלעקלעך. און פאַרזיסט אונדז אַלעמען די שעהען? ער אַליין איז דער טרויעריקסטער.

מען רופט אים דיכטער.

עס איז געווען אַ יאָר פאַר דעם, ווי היטלערס שווערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן קאָפּ פון פּוילישע יידן. זיינע חיילות זענען געקומען זיי צו פאַרניכטן. מיין פריינט, דער לאָדזשער גאסן־פילאָזאָף, חיים וואָדניק, איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען איבער די אָרימע פאַרוואָרלאָזטע געסלעך פון באַלוט. מיט זעכציק צי זיבעציק יאָר צוריק האָט דאָרט געוווינט יאַנקל מאָרגנשטערן דער מייסטער. עס איז גראַד געווען אין א דאָנערשטיק. כאָפּטעס יידישע בעטלערס האָבן זיך געלאָזט אויפן שנאָר צו די באַלעבאַטישע יידישע שטיבער אויף פּיעטרקאָווער גאַס. די יידישע בעטלערס און אָרימעלייט האָבן געוווינט אין באַלוט. ס׳זענען געגאַנגען מיטן בעטל־זאַק בעטלערישע ווייבער.

צווישן די דאָזיקע ווייבער איז מיטגעקראָכן אַן אַלטע איינגעבויגענע זקנה. זי איז געגאַנגען קריעה בליה, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. דאָס איז געווען די עלטסטע און אָרימסטע בעטלערקע, וואָס איז דאָנערשטיק מיטגעגאַנגען מיט די ווייבער איבער די הייזער פון די זאַטערע יידן.

חיים וואָדניק, דער סאָקראַטעס פון די לאָדזשער גאַסן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר געוויזן אויף דער עלנטער זקנה.

— איר ווייסט ווער זי איז? האָט ער מיך געפרעגט און באַלד צו־געגעבן: דאָס איז די בת־יחידקע פון יאַנקל לערער.

איך וואָלט גריילעך געקענט דערציילן נאָך מעשיות פונעם זעלטענעם לאָדזשער מייסטער, נאָר עס זענען מעשיות טרויעריקע. צו וואָס זאָל איך דיר, טייערער לייענער, אומעטיק מאַכן אויפן געמיט? פאַרוואָס זאָל איך די שיינע וועלט פאַרציען מיט אַ שוואַרצן וואָלקן? נאַרקאָווע גרייט זיך איצט אויף דער חתונה פון סימכע פלאַכטע און פּעשע דער יתומה. מיר מוזן זיין פריילעך!

קאַפּיטל נײַן

ר׳ יאָקל דער שול־שמש פֿאַרבעט אַלעמען אויף דער חתונה. — סימכע פּלאַכטע פּאַסט אין חופּה־טאָג, נאָר מען מוז אים היטן.

שבת אין מיטן דעם לייענען האָט ר׳ יאָקל דער שול־שמש א קלאַפּ געטון מיט זיין דריבנע הענטעלע אין „שולחן" אריין. ער האָט מיט א ניגון אויסגערופן בפקודת הרב דמתא: אלע נארקאָווער יידן, אנשים, נשים וטף זאָלן למען השם קומען אויף סימכע פּלאַכטעס חתונה. זיי זאָלן קומען נישט נאָר כדי צו דערפרייען די הערצער פון קהלס חתן־כלה. דאָס אליין איז שוין א גרויסע מצווה. זיי זאָלן אויך געדענקען מיטצוברענגען דרשה־געשאנק איטלעכער לויט זיין יכולת.

שטעטל האָט געפאָלגט.

אין חופּה־טאָג האָט נארקאָווע אויסגעקוקט ממש ווי עס וואָלט אין איר געווען פּורים אָדער שמחת־תורה. נארקאָווע האָט פארגעסן אירע דאגות און זיך געגרייט צו דער חתונה.

אין זיין חופּה־טאָג האָט סימכע פּלאכטע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן נישט געטראָגן קיין וואסער. ער איז געזעסן מיט זיינע שאָנדעס און קאָנען ביי ר׳ תנחום דעם בעקער ביים פּיעקעליק. ער איז געווען אָנגעטון — מעשה חתן — אין אַן אלטער רבנישער קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געהאט ארומגעוואלגערט צווישן אלטווארג אויפן בוידעם ביי דער רביצין. די רביצין האָט די קאַפּאָטע אוועקגעשענקט צו סימכעס אויס־שטייער.

י. י. טרונק

א חתן מוז אין חופה־טאָג פאסטן. שטאָט האָט געוווסט, אז עס איז שווער צו פועלן ביי סימכע פּלאַכטען א תענית. קוים וואָס ער פאסט אדורך יום־כפור און תשעה־באב. מען מוז אים דעמאָלט היטן, דעם גראָבן יונג, ער זאָל נישט פארגעסן, אז מען טאָר נישט עסן אין היילקן טאָג. אפילו נארקאָווער גויים האָבן געוווסט צו היטן סימכע פּלאַכטען אין יום־כפור. אמאָל האָט ער דערפאר באַקומען פון א גוי מיט א בייטש איבערן קאָפּ. דעם גוי האָט זיך אויסגעדוכט, אז סימכע האָט זיך ארויס־געגנבעט פון דער שול און זוכט א פרעס. סימכע איז דעמאָלט באמת גאָר נישט שולדיק געווען. אפילו מען וואָלט אים דערהרגעט וואָלט ער חס ושלום נישט געגעסן אין יום־כפור. די יידן אין קיטלען און טליתים, דאָס יאָמערדיקע געדאווען אין היליקן טאָג, ווי אויך די היץ פון די ברע־נענדיקע יום־כפור־ליכט אין די זאמד־קאַסטענעס — דאָס אַלצדינג האָט אָנגעוואָרפן אויף סימכען אזא יענע־וועלטישע אימה, אז ער האָט פאר־געסן יעדן הונגער. אָבער עס איז נאָר שייך צום יום־כפור. פאסטן אין חופה־טאָג — דערצו ביי ר׳ תנחומס אויוון פון וואַנען די ברייטלעך האָבן ארויסגעשמעקט ווי צענדליקער יצר־הרעס — דאָ איז באמת שווער געווען פאר סימכען בייצושטיין דעם נסיון. מען האָט אים געמוזט היטן ווי א גנב.

ר׳ תנחום דער בעקער מיט זיין ווייב האָבן זיך אונטערגענומען צו היטן סימכע פּלאַכטען.

ווען דער חתן איז סימכע פּלאַכטע, מוז מען אים קוקן אויף די פינגער.

קאַפּיטל צען

סימכע פלאַכטע אין בית־דין של מעלה. — אויבן און אונטן. — וואָס טויג מיר דער טאָפּ מיט געלט און די שיינע יתומה? — ר׳ תנחום רעדט צו אים מיט דער לאָפּעטע.

ס׳איז נישט פון די לייכטע זאכן צו היטן סימכע פלאַכטען אין תענית פון חופּה־טאָג. רוויזע די בעקערין, ר׳ תנחומס אשה, האָט אים געזאָגט מיט גוטן און מיט בייזן, וואָס עס הייסט פאר אַ חתן א חופּה־טאָג, און אז דער נעמלעכער טאָג איז געגליכן צו יום־כפּור. זי האָט אים דערציילט, אז פאר אים, סימכע פלאַכטען, האָט זיך איצט אין הימל פאַרזאמלט דער בית־דין־של מעלה. עס שרייבן דאָרט די פּענעס און מען קוקט נאָך זיינע ביכער און חשבונות. מען משפּט אים. עס אמפּערן זיך וועגן אים גוטע און שלעכטע מלאכים. סימכע פלאַכטע האָט זי אָנגעקוקט שטאַרק פאַרחידושט און נישט געגלויבט זיינע אויערן. ער האָט עס נישט באַנומען ווי אַזוי אויף אים, אויף וועמען אין נאַרקאָווע האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט — זאָל מען פון אים מאכן אזא וועזן אויבן אין די הימלען. סימכע איז געווען א צו פּראָסט נפש, כדי צו פאַרשטיין דעם חילוק פון אויבן און אונטן. ער האָט כסדר געקוקט אויף די ברייטלעך און געשלונגען שפּייעכץ. פּלוצים האָט ער זיך גאָר צעשריגן: אָט טוט ער אויס דער רביצינס קאַפּאָטע, נעמט די שאָנדעס און די קאַנעץ און גייט טראָגן וואַסער. וואָס טויג אים דער טאָפּ געלט און פּעשע די יתומה, ווען ער ווערט שיער נישט געשוואָלן פון הונגער? רוויזע האָט אַ מאך געטון מיט דער האנט און געוויזן אויפן שטערן און גערופן ר׳

תנחומען. ר׳ תנחום איז צוגעקומען אן איינגעמעלטער און מיט דער גרויסער לאַפּעטע. ער האָט גערעדט צו סימכען נישט אײדל, ווי מען רעדט צו אַ חתן, נאָר מיטן גראָבן לשון ווי צו אַ פּראָסטן יונג, ד״ה אויב סימכע וועט פּרוּוון זיך צוצורירן צו אַ ברייטל אָדער גאָר אַנטלויפן, איז מיין נאָמען נישט תנחום, אזוי האָט ר׳ תנחום געזאָגט און געוויזן אויף דער לאַפּעטע, אויב איך וועל דיר נישט געבן מיט דער לאַפּעטע איבערן קאָפּ. דו וועסט שוין וויסן אָנצוזאָגן אַ צענטן, וואָס עס הייסט נישט צו פאָלגן דעם רב און קהל פון נאַרקאָווע.

מיט פעשען דער יתומה איז עס געווען לייכטער.ביים רב אין הויז איז זי געוווינט געווען צו פרומע יידישע מנהגים. די רביצין האָט זי גע־לערנט יידישקייט. זי האָט אויך געקענט אביסל סידור און עברי־טייטש. פאַרשטייט זיך, אַז נישט זייער אַ סך. די מויד האָט זיך געמוזט צוטייטלען מיט די פינגער, כדי בשלום אַדורכצוקומען אַ שייטל סידור.

אין חופּה־טאָג האָט טאַקע די רביצין אָוועקגעזעצט די יתומה ביי אַ קרבן־מנחה־סידור, איר אויפגעמישט אַ תחינה פון שרה בת טובים, וואָס אַ כלה דאַרף זאָגן אין חופּה ־טאָג כדי צו געפינען חן און לייטזעלי־קייט אין די אויגן פון איר מאַן און צו האָבן גוטע און כשרע קינדער. די רביצין האָט איר אויך געוויזן אויף אַ בלעטל אין „מעין־טהור״, וואָס אין קרבן־מנחה־סידור און זי געהייסן זאָגן.

די כלה־מויד האָט געטייטלט מיט די גראָבע ידים איבערן סידור און געריטשעט אויפן קול וועגן די ווייבערישע ענינים. מען האָט עס געהערט איבער האַלב נאַרקאָווע.

נאָך האַלבן טאָג האָט מען פאַרן רבס פענצטער פאַרנומען אַ געשריי פון אַלערליי יינגלעך. ס׳איז געוואָרן אַן אָנגעלייף. מען האָט געשריגן; קלעזמאָרים גייען! אינמיטן פון דער ווייסער חברה האָט געשפּאַנט די נאַרקאָווער קאַפּעליע מיט זייערע כלי־זמר. ר׳ זישע דער בדחן איז געגאַנ־גען אין דער שפּיץ.

די נאַרקאָווער קאַפּעליע איז אַריינגעקומען צום רב אין בית־דין־שטוב. ר׳ זישע דער בדחן האָט געטון אַ קוש די גרויסע פאַרמעטענע מזוזה, וואָס האָט געהאָנגען אויפן ביישטידל פון רבס טיר. דאָס נעמלעכע

סימכע פלאַכטע

האָבן געטון די איבעריקע קלעזמאָרים. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט די כלי־זמר. ר׳ זישע האָט זיך אויסגעטון דעםברייטן סאמעטענעם קאַש־קעט און געבליבן שטיין אין דער פארפעצטער יאַרמלקע. אין דער יאַרמל־קע קומט אים אָן לייכטער צו גראַמען. די איבעריקע קלעזמאָרים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום ר׳ זישען. סע האָט געהייסן, אַז מען וועט אָפּ־שפּילן פאַר דער כלה.

קאַפּיטל עלף

די יתומהביים קרבן־מנחה־סידור. — קלעזמאָרים גייען! — די נאַרקאָווער קאַפּעלע. — ר׳ פּייוול מיטן פידל. — ר׳ גרונם מיט דער פלייט. — ר׳ שבתי מיטן באַס. — ר׳ וואָווע מיט דער פּויק.

איידער מיר וועלן אויפשפּילן לכבוד דער כלה, וועל איך קודם־כל באקענען דעם לייענער מיט די פאַרשוינען פון נאַרקאָווער קאַפּעליע.

ר׳ פּייוול מיטן פּידל. אַ קליין יידל מיט אַ גראָלעך בערדל. סיי יידן און סיי גויים זאָגן, אַז ווען ר׳ פּייוול פאַרבויגט דאָס קעפּל און פאַרגייט זיך מיטן סמיטשיק אויפן פידעלע — צעשמעלצן זיך אַלע הערצער פון מתיקות. אפילו די פייגל אויף די נאַרקאָווער דעכער הערן אויף צו זינגען און האָרכן זיך צו צו ר׳ פּייוולס אַ וואַלעכל, אַ נתנה־תוקף, צי גאָר אַ כלה־באַדעקנס.

ר׳ גרונם מיטן פלייט. מען האָט אים אין נאַרקאָווע אויך גערופן ר׳ גרונם דער סריס, מחמת זיין פּנים איז געווען לאַנג, נאַקעט און געל ווי אַן אתרוג. ווו אַלע יידן האָבן בערד, האָט ר׳ גרונם נישט מער געהאַט ווי אַ שפּיציקע גאָמבע אָן אַ סימן פון אַ האָר. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער ייד. סיי זומער און סיי ווינטער האָט ער געטראָגן אַ זומערדיק כאַלאַטל. פאַר נישט קיין ייד שום ייד געדאַכט איז ער געווען אַ חשוך־בנים. זיין ווייב איז אויך געווען אַ הויכע און אַן אויסגעדאַרטע און איז זייער ענלעך געווען צו ר׳ גרונמען — נאָר אַנשטאָט אַ כאַלאַטל האָט זי געטראָגן אַ ווייבערישע ספּודניצע. זי האָט נישט געשפּילט אויף קיין פלייט נייערט געהאַנדלט מיט הינער. יידן האָבן געטענהט, אַז ר׳ גרונם

סימכע פלאַכטע

זאָל נישט פאַרשוואַרצן די יאָרן פון אַ יידישער טאַכטער און זי־ אָפּגטן. ר׳ גרונם האָט עס אָבער אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר. אין דער קאַ־ פעליע האָט ער געשפּילט די פליים. ער האָט די פליים געשפּילט מיט אַזאַ אימפּעט און געפּייפּעריי, אַז ער האָט ממש נישט געהערט ווו עס האַלטן די איבעריקע קלעזמאָרים. עס האָט אויסגעקוקט, אַז אין דער נאַר־ קאָווער קאַפּעליע הערט ר׳ גרונם אַלעמען ווי דעם קאָטער און מאַכט שבת פאַר זיך.

ר׳ שבתי מיטן באַס. אַ שווייגנדיקער ייד מיט אַן אויסגעדריפּעטער און צעריסענער קאַפּאָטע. לאַנגע געדיכטע ברעמען האָבן אים פאַרשטעלט די אויגן. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ שוואַרצע געדיכטע באָרד און זי האָט אים דערגרייכט ביז צום בויך. ר׳ שבתי האָט שטענדיק געטראָגן אַ גאַרטל און כסדר געשעפּטשעט מיט די ליפּן. אין נאַרקאָווע האָט מען געשמועסט, אַז דאָס זאָגט ר׳ שבתי תהילים. האַלבע נאַכט האָט מען אים געהערט אָפּריכטן חצות. האַלבע נאַכט, ווען מען האָט אַריינגעקוקט צו ר׳ שבתין דורכן פענצטער — ר׳ שבתי האָט געוווינט אין לעצטן הייזל פון נאַרקאָווע, דאָרט ווו עס הייבן זיך אָן די גוייִשע פעלדער — האָט מען געזען ווי ר׳ שבתי זיצט אויף דער ערד ווי אַן אָבל. נעבן אים ליגט זיין באַס. ר׳ שבתי וויינט אויפן חורבן בית־המקדש. אין נאַרקאָווע האָט מען שטאַרק חושד געווען, אַז ר׳ שבתי באַלאַנגט צו די למד־ואָו.

הגם דער באַס איז דאָס גרעסטע כלי־זמר און האָט סטרונעס ווי שטריק און ר׳ שבתים סמיטשיק איז געווען געגליכן צו אַ זעג — פונ־ דעסטוועגן האָט מען אים, ר׳ שבתים באַס, נישט אַרויסגעהערט פון דער קאַפּעליע. עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי ר׳ שבתי פירט מיטן סמיטשיק איבער אַ שטומער כלי. עס איז געווען ר׳ גרונמס פליים, וואָס האָט ר׳ שבתים באַס נישט געלאָזט אויפהייבן דעם קאָפּ. סיידן ווען ר׳ גרונם האָט אַוועקגענומען זיינע ליפּן פון דער פליים כדי זיך אויסצושנייצן די נאָז — ערשט דעמאָלט האָט מען געהערט ווי ר׳ שבתים באַס מאַכט בור־בו.

מען האָט געזאָגט, אַז ר׳ שבתי האַלט כסדר אַראָפּגעלאָזט די אויגן כדי נישט צו קוקן אויף קיין נקבות. ווען ער איז געוואָרן אַ קלעזמער, האָט ער אויסגעבעטן ביים רבונו של עולם לאַנגע געדיכטע ברעמען, כדי

זיי זאָלן אים הענגען איבער די אויגן ווי פּאַרהאַנגען. דער רבונו של עולם האָט עס אים צוליב געטון.

דער לעצטער פון די קלעזמער איז געווען ר׳ וואָווע מיט דער פּויק.

אין שטעטל האָט מען געהאַלטן ר׳ וואָוועוּן פאַר א ווילדן תם און א געהרגעטן אויף דער עברי. ער איז געווען די לעמעשקע אונטערן פּאַנטאָפל פון זיין ווייב און געציטערט פאַר איר קוק. ווען זי פלעגט אַריינפאַלן אין בעס, האָט זי ר׳ וואָוועוּן געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין מיט די שטעקעלעך פון דער פּויק. זי האָט אָפּט די פּויק באַנוצט פאַר א לאָקשןברעט. אויף חתונות אָבער און אויף פּריצישע בעלער, ווו די נאַרקאָווער קאַפּעליע האָט געשפּילט פאַר פּריצים און פּריצהס האָט ר׳ וואָווע מיט די זעלביקע שטעקעלעך געקלאַפּט אין דער פּויק. ער האָט אפילו ליב געהאַט איינצושלאָפן אין סאַמע בעסטן מיטן פּויקן, אָבער אויך שלאָפעדיקערהייט האָט ער געפּויקט.

צו דער גרויסער שמחה של מצוה, דער חתונה פון סימכע פּלאַכטע מיט פּעשע דער יתומה, האָבן זיך די אַלע קלעזמאָרים גאָר באַזונדערס אונטערגעגאַרטלט מיט זייערע כלים. יעדער איינער פון זיי האָט אויסגעפּרווט אויף זיין כלי א ניי שטיקל נגינה. אָבער גאָר באַזונדערס האָט זיך געגרייט ר׳ זישע דער בדחן. וועגן אים און זיינע הכנות וועלן מיר רעדן באַזונדער אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צוועלף

ר׳ זישעס פּרנסות. — אַלצדינג גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ. — ר׳ שמעלקע זאָגט אָפּ די פּאָר גילדן און ר׳ זי־שע קויפט אַ מטמון. — וואָס די פייגל אויף די דעכער פאַרציילן פון ר׳ זישען. — חורבן־ירושלים אין נאַרקאָווע.

ביי זיין מאמעס וויגל האָט קיינער ר׳ זישען נישט געזונגען, אז ער וועט זיין דער נארקאָווער שטאָט־בדחן, זינגען און זאָגן אויף נארקאָווער חתונות און גראַמען שור מיט בור. נאָך דער חתונה, ווען ר׳ זישע איז נאָר אַראָפּגעגאַנגען פון די קעסט און שוין געהאַט, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, אַ ווייב מיט קינדערלעך, האָט ער זיך געמאַכט אַ קליין שניט־קרעמל סאַמע אין מיטן מאַרק פון נאַרקאָווע. פריער האָט דאָס נעמלעכע קרעמל באַלאַנגט צו אַ יידענע אַן אַלמנה. מען האָט געשמועסט, אז אויף די פּאָליצעס ביי דער אלמנה אין קרעמל ליגט די הצלחה. מען רייסט איר פּשוט פון די הענט. באַלד ווי ר׳ זישע האָט זיך נאָר אַריינגעצויגן, האָט די הצלחה זיך מיישב געווען און זיך אָפּגעטראָגן פון די פּאָליצעס. ר׳ זישען האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. עפּעס האָט קיינער אין נארקאָווע נישט חתונה געהאט און מען האָט נישט באַדאַרפט ר׳ זישעס ציטץ. דער מלאך־המות האָט פון עמעצן באקומען אַ שנעל אין דער נאָז און האָט פארגעסן נארקאָווע. סע האָט באַשיימפערלעך גע־שמעקט מיט משיחס צייטן. חברה־קדישא איז אַרומגעגאַנגען מיט טרוי־קענע העלדזער. אויפן טהרה־ברעט האָט אָנגעהויבן צו וואקסן גראָז און נארקאָווער הינער האָבן דאָרט געפּיקט. דאָס לייוונט איז געלעגן אויף ר׳

זישעס פּאַליצעס אויף דעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געלעגן די הצלחה. אָבער פּרנסה דאַרף מען, האָט ר׳ זישע אויפגעגעסן דאָס קרעמל און גע־בליבן ביי די לייַדיקע פּאַליצעס. ס׳איז דאָרט נישט געלעגן נישט קיין לייוונט, נישט קיין ציטץ, און נישט קיין הצלחה. ר׳ זישע האָט זיך מיישב געווען און געוואָרן אַ דרדקי־מלמד. עס איז אויך נישט געגאַנגען. ס׳האָט געהאַלטן ממש ביי סכנת־נפשות. האָבן יידן אים געעצהט צו נעמען אַ שטעקעלע און גיין צווישן די גויים איבער די דערפער און קויפן פון גויים פּעלעכלעך פון קעלבעלעך און פּעלעכלעך פון האָזן. אַנדערע יידן, וואָס טוען עס און פּאַרלאָזן נאַרקאָווע אויף די ששת ימי המעשה און זוכן זייער מזל צווישן די גויים אויף די דערפער, האָבן דערפון פּרנסה בשפע. באין ברירה האָט ר׳ זישע גענומען דאָס שטעקעלע און זיך געלאָזט אויף גאָטס אינדרויסן. הגם עס איז אים אָנגעקומען מיט סכנת־נפשות, מחמת ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין פּויליש כדי צו רעדן מיט די גויים, און דער עיקר האָט ער געציטערט פאַר הינט. מעשה־שטן ווימלט עס אין די דערפער פון הינט, און די הינט האָבן דווקא חשק צו אַ יידישער קאַפּאָטע, אָבער וואָס טוט נישט אַ ייד צוליב פּרנסה? האָט זיך פּונקט געמאַכט, אַז אין דעם זומער, ווען ר׳ זישע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין די דערפער זענען די קעלבלעך געבענטשט געוואָרן מיט אריכת־ימים. זיי האָבן נישט געוואָלט פּגרן. די האָזן האָבן זיך מיישב געווען און זיך נישט געלאָזט שיסן.

ר׳ זישען איז ווידער געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

דער אויבערשטער שפּייזט אָבער פון אַ מילב ביז צו אַ וויזל־טיר. האָט זיך געמאַכט, אַז דער אַלטער שטאָט־בדחן ר׳ שמעלקע האָט זיך צוגעקילט אין באָד. ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און — בלע המות לנצח — האָט ער אָפּגעזאָגט די פּאָר גילדן. נאַרקאָווע איז געגאַנגען אויף רעדלעך; סטייטש, דער בדחן ר׳ שמעלקע זאָל אָפּטון אַזאַ נאַריש־קייט און זיך אָוועקליינגן אויפן טהרה־ברעט? די אלמנה איז געבליבן אויפן וואַסער און אָנגעהויבן אויסצופּאַרקויפן די בעבעכעס. זי האָט געוואָלט פאַרלאָזן נאַרקאָווע און אַוועק ווו דער פּעפער וואַקסט. וואָס איז נאַרקאָווע שולדיק, אַז ר׳ שמעלקע האָט זיך צוגעקילט אין באָד? דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט. צווישן די יידן, וואָס האָבן אָפּגעקויפט ביי דער אלמנה

ר׳ שמעלקעס בעבעכעס, איז אויך געווען ר׳ זישע. ער האָט געזוכט גע־שעפטן. פאַר עטלעכע האַרטע פּוילישע גראָשן האָט ער געקויפט עפּעס אַ צוגעבונדן פּעקל.

אַהיים געקומען האָט ר׳ זישע גענומען אויפצושנירעווען דאָס פּעקל. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאָס פּעקל איז געווען פאַר־קנופּט און פאַרבונדן. מען האָט געמוזט האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער צו דערגיין אַ טאָלק אין ר׳ שמעלקעס קניפּלעך. נישט אַנדערש נאָר ר׳ שמעלקע האָט דאָרט באַהאַלטן אַן אוצר, האָט ר׳ זישע געטראַכט, און זיך מיט נאָך מער ברען גענומען צום פּעקל.

קיין מטמון מיט גאָלד — ווי ר׳ זישע האָט אין פלוג חושד געווען — האָט ער נישט געפונען. דערפאַר זענען דאָרט געווען אַלערליי שמות, מעשה־ביכלעך און באַשריבענע פּאַפּירלעך. וואָס האָט ר׳ שמעלקע באַ־דאַרפט אָט די שמאַכטעס אַזוי צו באַהאַלטן און צו פאַרקניפּן? האָט ר׳ זישע געטראַכט. ער האָט אויף טשעקאַוועסט אַ קוק־אַריין־געטון וואָס סע טוט זיך דאָרט אין די דאָזיקע שמות. ר׳ זישען איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין די אויגן. ער האָט מיטאמאָל געזען, אַז אין דעם דאָזיקן אוצר האָט דער רבונו של עולם אים צוגעשיקט די ריכטיקע פרנסה. און סך־הכל נישט מער ווי פאַר עטלעכע האַרטע פּוילישע גראָשן.

ס׳זענען געווען מעשה־ביכלעך אויף עברי־טייטש, שקאַצישע און פריילעכע מעשיות פון אַרענדאַרן און בת־מלכהס, ווי אויך מעשיות אויף צו וויינען און אויף צו לאַכן. אחוץ דעם זענען געווען ביכלעך מיט לידער און גראַמען, וווּ עס זענען מיט גרויס מאַראַלישער מתיקות געווען באַשריבן אַלערליי פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט יידן און יידישע שטעטלעך. דערנאָך האָט ר׳ זישע זיך גענומען איבערצולייענען די באַ־שריבענע פּאַפּירלעך. כדי בעסער צו קאָנען לייענען האָט זיך ר׳ זישע אָנגעטון שפּאַקולן.

ס׳זענען געווען אַלטע, פאַרגעלטע פּאַפּירלעך אָנגעשריבענע מיט בלאַ־סע וואַסערדיקע טינט. אַ סך אותיות האָט מען שוין היפּשלעך שווער גע־קענט לייענען. עס זעט זיך אויס, אַז ר׳ שמעלקע האָט די פּאַפּירלעך באַ־קומען בירושה פון פריערדיקע ברחנים אָדער זיי אויך אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש. געפונען האָט זיך דאָרט, אין די פּאַפּירלעך, פון פויגל־מילך און

פון מיקן־שמאלץ. אלצדינג וואס מען באדארף נאר צו זינגען און צו זאגן אויף חתונות, כלה־באדעקנס און חתן־באזינגעניש, אלערליי נוסחאות און פאר אלערליי גראדן. פאר לומדישע בחורים און פאר מיוחסדיקע כלהס. פאר נגידים און קבצנים. פאר יתומות און יתומים. דערצו אלערליי לשון־קודשדיקע נוטריקון צוצופאסן צו די נעמען פון חתן־כלה און מחו־תנים. מען האט זיך נאר די אלע זאגענישן און מזמורים באדארפט אויס־לערנען אויף אויסנווייניק און מען איז א פארטיקער בדחן ווי פון דער נאדל אראפ. גראד האבן זיך איצטער אין נארקאווע געמאכט עטלעכע חתונות. ר׳ שמעלקע ליגט שוין אויפן הייליקן ארט. עס קאן זיין פרנסה בשפע. ר׳ זישע האט געזען בחוש, ווי מען האט אים געוויזן מיט א פינ־גער פון הימל צו קויפן דעם בדחנישן מטמון ביי דער אלמנה.

ר׳ זישע האט נישט לאנג געברייעט און אנגעהויבן קנעלן פון די פאפירלעך. עס איז געגאנגען ווי א מזמור. דערצו איז ביי ר׳ זישען אויף דער צונג געשען אן אמתער קריעת־ים־סוף. אייגענע גראמען האבן זיך פון ר׳ זישען פלוצים אנגעהויבן צו שיטן ווי פון א לעבעדיקן זאק. ר׳ זישע האט אליין נישט געוווסט, אז ער האט מיט זיך אינעווייניק ארומ־געטראגן א גאלד־גרובן.

אין א שיינעם פרימארגן כלחוך השור, מען האט אקערשט געהאט געעפנט די לאדנס אין נארקאווער הייזלעך. ווייבער אין שלאף־הויבן האבן אנגעהויבן ארויסצוטראגן די פאמעניצעס, האבן פייגל אויף די דעכער דערציילט, אז ר׳ שמעלקע מעג שוין רואיק שלאפן אויפן הייליקן ארט. נארקאווע האט באקומען א שפאגל־נייעם בדחן.

אויף דער ערשטער חתונה, ווען ר׳ זישע האט אנגעהויבן צו בא־זינגען די כלה — גראד איז זי געווען א יתומה — און ר׳ פייוול האט אים צוגעשפילט אויפן פידל, איז צווישן די ווייבער געווארן אזא יאמער־לעכע יללה, אז מען האט געמיינט, אז אין נארקאווע איז חורבן־ירושלים.

קאַפּיטל דרייצן

ר׳ זישע זאָגט פאַר פּעשען די יתומה. — ילְלות. — זאָל זיין אַ קאַפּעלע שטילער.

ר׳ זישע האָט זיך גוט אויסגעהוסט און אַ ווייז געטון מיט אַ פינגער צו דער קאַפּעליע. אַלע כלי־זמר האָבן אַ שפּיל־אויף געטון פאַר פּעשען דער כלה־מויד. זי איז נאָך כסדר געזעסן, געטייטלט מיט די הענט אויפן קרבן־מנחה־סידור און געהאַקט תחינות אויפן הויכן קול. אין דער שטוב זענען געווען די רביצין און עטלעכע גבאיטעס. ר׳ זישע האָט אָנגעהויבן צו זאָגן. די הערצער פון די ווייבער זענען באַלד צעשמאָלצן ווי וואַקס. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פּיסקלעך און זיך געווישט די אויגן מיט די שפּיצן פון זייערע פאַרטעכער. ר׳ פּייוול האָט אַ פּיר־אונטער געטון מיטן סמיטשיק. דאָס האָט נאָך מער געהויבן דאָס מאָראַלישקייט. פּעשע די יתומה האָט געקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע קעלבערנע אויגן. תחילת האָט זי זיך גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס מיינט מען טאַקע זי, — און איז פּלוצים אַרויס מיט אַ גרויס געלעכטער. באַלד אָבער איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט געהערט ווי ר׳ זישע דערציילט מיט אַ סך האַרצרייסעניש פון דעם ביטערן מזל פון אַ יתומה; אַז איר, פּעשעס, געשטאָרבענע טאַטע־מאַמע — וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט אָנגעזען פאַר די אויגן — האָבן הענדום־פּענדום פאַרלאָזט דאָס שיינע ליכטיקע גן־עדן — וווּ זיי זיצן ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן — און געלאָפן צום כסא־הכבוד פאַר איר, דער יתומה, אויסצובעטן אַ ליכטיק מזל. דערהערט דאָס, איז פּעשע די יתומה פּלוצים אַרויס מיט אַ ילְלה, אַז מען האָט געמיינט, אַז ר׳ זישע גייט זי קוילען מיט אַ מעסער, אָדער אַז נאַרקאָווע האָט זיך אָנגעצונדן פון אַלע פיר זייטן און מען שרייט: וואַסער!

י. י. טרונק

ר׳ זישע דער שול־קלאפּער איז אריינגעקומען מיטן שיינעם הילצער־נעם שול־האמער. ר׳ יאָקל דער שול־שמש איז אריינגעקומען מיט א גרויסע רויטע פאטשיילע. זיי האָבן ביידע געשריגן, אז עס זאָל זיין א קאַפּעלע שטילער, מחמת די יתומה מיט אירע יללות איז מבלבל די מאנס־בילן אין דער בית־דין־שטוב.

קאַפּיטל פערצן

נאַרקאָווער ווייסע חברה און די קלעזמאָרים. — די זון פריײט זיך מיט אין די בלויקייטן פון די הימלען. — סימכע פלאַכטע ביי ר׳ תנחומס באַק־אויוון.

נאַרקאָווער ווייסע חברה זענען מיט רעש און געטומל געשטאַנען הינטערן רבס פענצטער און געהערט ווי ר׳ זישע זאָגט פאַר דער כלה. מען האָט געוווסט: באַלד וועלן די קלעזמאָרים מיטן בדחן אוועקגיין צו ר׳ תנחום דעם בעקער כדי אויפצושפּילן פאַר דעם חתן־בחור, פאַר סימכע פלאַכטען.

ס׳האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט. די קאַפּעליע איז אַרויס־געקומען פון רבס דירה. ר׳ גרונם דער פּליטיסט האָט זיך כסדר מיט דער צונג באַלעקט די נאַקעטע אויסגעטריקנטע ליפּן. ער האָט, באַגלייך מיט אַלע קלעזמאָרים, באַקומען אַ גלעזל בראָנפן פון דער רביצין.

די קאַפּעליע האָט מאַרשירט צו ר׳ תנחומען. די זון האָט געשיינט איבער נאַרקאָווע מיט אַזאַ שפּעדיק ליכטיקייט ווי זי וואָלט זיך אויבן אין די בלויקייטן מיטגעפרייט מיט סימכע פלאַכטעס חופּה־טאָג הינטער דער קאַפּעליע זענען נאָכגעלאָפן די שטעטלדיקע פּוסט־ און־פּאַסטניקעס.

אַ באַרוועס יינגל האָט זיך פון גאָר צופריער מקדים געווען און אָן אָטעם אַריינגעלאָפן צו ר׳ תנחומען אים מבשר צו זיין, אַז סע גייען די קלעזמאָרים. סימכע פלאַכטע איז געזעסן ביים באַק־אויוון אַן אָנגעכמור־רעטער און געבורטשעט צו זיך, — מחמת אין בויך האָט אים געביסן דער הונגער. ר׳ תנחומס ברייטלעך האָבן, מעשה שטן, כסדר פאַרשמעקט די לופטן מיט די גלוסטיקסטע ריחות.

י. י. טרונק

סימכע פלאכטע, ווען ער האט דערזען די קלעזמארים, האט זיך אויפ־געשטעלט, ר׳ תנחום איז צו אים צוגעגאנגען און האט אים א שלעפ געטון ביי דער פאלע:

—וואס שטייסטו ווי א ליימענער גולם? זאג: ברוך הבא!

סימכע פלאכטע האט א מינוט געשוויגן, דערנאך איז ער אינגאנצן רויט געווארן און ער האט געטון א ריטשע ארויס, אז מ׳האט געהערט איבער גאנץ נארקאווע:

— ברוך הבא!

ער האט זיך אנידערגעזעצט און האט, שוין מיט א שטילער קול, א פרעג געטון ביי ר׳ תנחומען:

— ווען וועל איך שוין קריגן צום עסן?

קאַפּיטל פופצן

רויזע ווײַנט שוין. — ר׳ תנחום וויל זײַן אַ מחותן. — אַ נאָמען פון דער הגדה.

באַלד ווי ר׳ זישע מיט די קלעזמאָרים האָבן זיך נאָר באַוויזן אויף דער שוועל, האָט שוין רויזע אָנגעהויבן צו ווײַנען. ר׳ תנחום דער בעקער איז שטאַרק געפּלעפט געוואָרן פון דעם געדאַנק, אַז זײַן באַק־אויוון האָט דערלעבט די זכיה, אַז אַנשטאָט דער אייביקער גריל זאָלן גאָר נעבן אים שפּילן קלעזמאָרים און עס זאָל זאָגן ר׳ זישע דער ברחן. די וועלט איז טאַקע פול מיט חידושים. פּלוצים איז ר׳ תנחום צוגעגאַנגען צו רויזען און אָפּגעווישט זײַנע פאַרמעלטע הענט אָן איר פאַרטעך. מיט אָפּגע־ווישטע הענט איז אים אויסגעקומען אויסצוקוקן ווי אַ מחותן.

ר׳ זישע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע צערעמאָניעס. ער האָט זיך אויסגעטון דעם קאַשקעט און געבליבן שטיין אין דער יאַרמלקע, — אַ סימן אַז די צונג הייבט זיך ביי אים אָן צו רירן. די קלעזמאָרים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום ר׳ תנחומס באַק־אויוון ווו סימכע פּלאַכטע אין דער רבנישער קאַפּאָטע איז געזעסן אָן אָנגעכמורעטער. עס האָט אים ביטער געהונגערט און עס איז אים נישט אײַנגעגאַנגען דער גאַנצער פּאַראַד וואָס נאַרקאָווע מאַכט פאַר זײַן כבוד וועגן.

ווײַסע חברה האָט זיך געוואָלט אַרײַנרײַסן צו ר׳ תנחומען, כדי צו הערן ר׳ זישען און די קלעזמאָרים. אַ בעקערײַ איז נישט קיין בית־דין־שטוב. אַ בעל־מלאכה און אַ ווײַסער חברהניק איז איין עמך שער און אײַזן. וואָס וואָלט עס ר׳ תנחומען געאַרט, ווען ער לאָזט הנאה האָבן

נאַרקאָווער ווייסע פייגל? טאַקע גאָרנישט שבגאָרנישט. פונדעסטוועגן האָט ער אַ כאַפּ געטון די לאַפּעטע און אַרויסגעיאָגט דאָס יונגוואַרג.

ער האָט עס חס־ושלום נישט געטון פון שלעכטסקייט. ס׳איז שוין אַזוי געווען זיין טבע.

ס׳איז אַ חתונה של מצווה און ר׳ זישע האָט געוואָלט אַ זאָג טון פּאָר סימכע פּלאַכטען, אַז נאַרקאָווע זאָל עס האָבן צו געדענקען. אויף דער צונג האָבן אים ממש געטאַנצט די גראַמען און די לשון־קודשדיקע נוטריקון. כלומרשט בסוד האָט ער זיך מיטן אויער צוגעבויגן צו סימכע פּלאַכטען און אים געפרעגט ווי זיין טאַטע הייסט.

— דרייט מיר נישט קיין ספּאָדיק, ר׳ זישע — האָט סימכע פּלאַכטע פינצטער געזאָגט — פון וואַנען זאָל איך וויסן ווי מיין טאַטע הייסט?

באַין ברירה האָט ר׳ זישע אויסגעטראַכט אַ נאָמען פון דער הגדה און דעם דאָזיקן פּסחדיקן נאָמען פון סימכע פּלאַכטעס טאַטעס מיט פיל קונציקייט אַרומגעפלאָכטן מיט גראַמען און נוטריקון. ס׳איז ממש אַ חיות געווען צו הערן, — דערצו נאָך, ווען ר׳ פייוול האָט צוגעטון דאָס זייניקע מיטן סמיטשיק אויפן פידעלע.

קאַפּיטל זעכצן

ס׳איז נישט קיין ווערטעלע, ווען ביי דער זייט פון מחבר שטייען יאַנקל לערער פון לאָדזש און ר׳ זישע דער בדחן. — כדי עס זאָל האָבן אַ זיסן טעם הויבט אָן דער מחבר צו רעדן מיט גראַם.

טייערער לייענער און טייערע לייענערין. איר מעגט מיר גלייבן בנאמנות, ס׳איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו באַשרייבן אַלצדינג פּאַ־דריבנע, וואָס עס האָט זיך געטון אין נאַרקאָווע אין סימכע פּלאַכטעס חופּה־טאָג. עס איז נישט קיין ווערטעלע, ווען פוןביידע זייטן פון מחבר — ער איז אין סך־הכל נישט מער ווי אַ ווינציקער פּראָזע־שריי־בער אין לשון יידיש — שטייט אַזאַ פּעדער־מייסטער ווי יאַנקל לערער פון לאָדזש און אַזאַ געניטער גראַמען־פלעכטער ווי ר׳ זישע דער בדחן. מה נאמר ומה נדבר, איך הקטן — דער מחבר — גיי אַרום מיט מיין פאַנטאַזיע צווישן אָט די צוויי גדולים ווי איינער, וואָס דרייט זיך אַרום מיט אַ גראָשנדיק ליכטל צווישן אַ שלל פון ברענענדיקע הבדלות און צעפּלאַקערטע שטורקאַצן. עס איז נישט קיין שפּילעכל צו שרייבן ניכ־טערע און טרוקענע פּראָזע, ווען אויף מיין פעדער הייבן אָן צו טאַנצן די גראַמען ווי שקאָצישע לצימלעך און בעטן זיך ביי מיר, איך זאָל זיי אַרויסלאָזן אויפן פּאַפּיר. איך מוז דאָ אויסזאָגן אַ סוד פון שרייבערישן חדר. וואָס שייך גראַמען האָבן די פערזן־שרייבער אַ שם פאַר גאָלדענע הערצער. זיי האָבן ביי דער האַנט פולע שטייגן מיט גראַמען, וואָס זיצן דאָרט ווי הינער אויף אייער — ווילן די גראַמען מיט גרויס געפילדער אַרויס אויף די ליכטיקייטן פון פּאַפּיר — איז אדרבה ואדרבה. די בעלי־

השיר קענען זיך עם פארגינען. מיר, פראָזאאיקער, האָבן נישט אַזעלכע גוטע לבבות, און דערצו זענען מיר נישט געבענטשט מיט אַזאַ שפע.

אָבער אַלצדינג האָט זיין שיעור, און אויך מיין הארץ איז גרייט אַרויסצוגיין פון זיינע ברעגעס, ווארים נאַרקאָווע גייט ממש אויף רעדער. אין דער מקווה פאַרגייען אין אַ קאָזאָקל דער בעזים מיטן בעדער. אין די דרויסנס ביי די גויים שמעקן אפילו די סעדער. וואָס איז דאָ אַ סך צו ריידן? נאַרקאָווער ווייבער און מיידן האָבן זיך אויסגעפוצט ווי די נשים־צדקניות אין גן־עדן. ביי יאָקל דעם שול־שמש די פיר חופה־שטאַנגען און אויף די פעלדער די זאַנגען, אַלע זענען זיי אין אַ טענצל געגאַנגען. אפילו די הינער אין די שטייגן, די פייגל אויף די צווייגן קענען נישט שווייגן. פאַר פעשען דער יתומה און סימכע פלאַכטען דעם חתן טוען זיי זיך בויגן מיט שמחה וששון.

קאַפּיטל זיבעצן

סימכע פּלאַכטע אויבנאָן צווישן לומדים. — ר' יאָקל ברענגט אויף אַ קופּערנעם בעקן אַ קיטל און אַ טלית.

גאָר פאַרנאַכטלעך צו זענען די לומדישע און חסידישע בחורים פון נאַרקאָווע אריינגעקומען צו ר' תנחומען דעם בעקער מקבל־פּנים צו זיין דעם חתן סימכע פּלאַכטע. עס איז אַזוי דער מנהג מיט אַלע יידישע חתנים — און נאַרקאָווע האָט ליב געהאַט צו טון אירע מצוות מיטן פולן שעפּל. ר' תנחום, נאָך אַן איינגעמעלטער, האָט הענדום פּענדום צוזאַמען מיט זיין אשה רויזע צונויפגעשטעלט אַ טיש, כדי צו פּראַווען דעם דאָזיקן אַלטן און שיינעם יידישן מנהג. סימכע פּלאַכטע ביים אויוון איז נאָך געוואָרן פינצטערער, בעת ער האָט געזען ווי ר' תנחום שטעלט ארויף אויפן טיש צוויי געבאַקענע לעקעכער און אַ פלאַש מיט פּסחדיקן בראָנפן. סימכע פּלאַכטע האָט זיך שוין געהאַט מייאש געווען צו קריגן אַמאָל עפּעס אין מויל אריין און ער וועט שוין אַזוי מוזן זיצן און פאַסטן ביזן טויט אַריין — עס איז אים באמת מער נישט אָנגעגאַנגען נישט פּעשע די יתומה און נישט דער טאָפּ מיט געלט. ר' תנחום האָט אים גראָבלעך אַ שטויס געטון אין דער זייט און אַרויפגעפירט אויבנאָן. סימכע פּלאַכטע האָט אַלצדינג געלאָזט מיט זיך טון — ער האָט כסדר מורא געהאַט, אַז אָט גיט אים נאָך ר' תנחום אַלס צולאָג מיט דער לאָפּעטע איבערן קאָפּ.

אין דער רבנישער קאַפּאָטע, אויבנאָן, צווישן די שאַרפסטע בחורים פון נאַרקאָווער בית־המדרש, האָט סימכע פּלאַכטע באמת מער נישט אויסגעקוקט ווי דער אַמאָליקער וואַסערטרעגער און שטאָט־נאַר פון נאַר־קאָווע.

ער, סימכע פלאַכטע, האָט גאָר פון דאָרט אַרויסגעלויכטן ווי אַ רבישער גלגול וואָס איז נתעלה געוואָרן פון די הינערפֿלעט, צי גאָר אַ למדן־וואָוניק אַ נסתר. ער וואָלט זיך ממש נישט געגלויבט די אייגענע אויגן צו זען די שענסטע און איידעלסטע בחורים פון נאַרקאָווע אַרום דעם אויבנאָן פון דעם פּראָסטן יונג און דעם חוכא וטלולא. דער כוח פון אַ יידישער מצווה איז אין לשער אין איר כשוף. זי קען באמת איבערקערן אַלע אונדזערע בליקן אויף דער וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַריינמישן דעם שאָטן פון דעם העכסטן רצון אין אונדזער קלענסטער טאַט.

ווי דער מנהג איז ביי יידן, דאַרף דער חתן איצט צו זאָגן אַ פּשטל און די גרעסטע לומדים מוזן אויפשטעלן זייערע אויערן און האָרכן. כדי נישט מבייש צו זיין דעם חתן און צו פאַרדעקן זיין פּראָסטקייט, האָבן זיי אָנגעהויבן אַ שטאַרקן פּלפּול. די שאַרפסטע פייַלן פון גמרא און פוסקים האָבן אָנגעהויבן צו פליען און צו זשומען אַרום דער מסיבה פון דעם וואַסערטרעגער. ס'האָט ווי באַשיינפערלעך אויסגעקוקט ווי סימכע פלאַכטעס תמעוואַטע שווייגעניש איז אויך אַ חלק פון די לומדישע שמועסן.

אַרום דעם שטאָט־נאַר פון נאַרקאָווע האָט זיך צעברענט די שלאַכט פון דער העכסטער חכמה וואָס יידן פאַרמאָגן.

די לומדישע נאַרקאָווער בחורים האָבן זיך צעשאָקלט מיט זייערע פּיאות און אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער ווי עס וואָלט זיי עפּעס אָפּגעבריט. אין זייערע געבליטן האָט זיך צעברענט דאָס חריפות פון דער תורה. באַלד איז אַריינגעקומען דער רב אָנגעטון אין שטריימל און אין דער שבתדיקער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. ער האָט געוויכערט זיין לאַנגן ליולקע־ציביק און זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן נעבן סימכע פלאַכטען. דער רב האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצומישן אינעם תורה־געפּעכט. מחמת ער איז שוין געווען אַן אַלטער ייד, האָט ער עס געטון געלאַסענער ווי די יונגע לומדים. מען האָט געפרעגט קשיות, געענטפערט תירוצים און איינער דעם אַנדערן געוואָלט אַריינטרייבן אין דער ענג.

ווער ווייסט ווי לאַנג די פייערן פון דער תורה וואָלטן אַזוי געפלאַקערט אַרום סימכע פלאַכטען. דער פּלפּול האָט זיך ערשט געהאַלטן אינמיטן רעכטן פונאַנדערציען. ר' יאַקל דער שול־שמש איז אָבער אַריינגעקומען

סימכע פלאַכטע

מיט אַ גרויסן קופּערנעם בעקן, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ שניי־ווייסער קיטל און אַ טלית, ער האָט עס אוועקגעשטעלט אויבנאָן פאַרן חתן.

עס האָבן זיך ווידער באַוויזן די נאַרקאָוווער קלעזמאָרים מיט ר׳ זישען בראש. זיי זענען געקומען פון כלה־באַזינגען ביי דער רביצין אין הויז, אַ באַזינגען פון וועלכן מיר וועלן דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

די לומדים אַרום סימכע פלאַכטען האָבן זיך באַרואיקט ווי שטורעם־ווינטן, וואָס שטילן זיך פאַמעלעכל איין.

ר׳ זישע דער בדחן האָט זיך גוט אויסגעהוסט און אויפגעהויבן זיין פינגער צו דער קאַפּעליע וואָס איז געשטאַנען גרייט מיט זייערע כלי־זמר אויפצושפּילן. ר׳ זישע דער בדחן האָט אָנגעהויבן צו זאָגן פאַר סימכע פלאַכטען דאָס אַלצדינג וואָס מען זאָגט ביי יידן פאַר אַ חתן קודם־החופה.

קאַפּיטל אַכצן

אַ גאָלדענע קייט פון בדחנים קומען באַזינגען סימכע פּלאַכטען. — איז עס נישט מער ווי אַ חלום?

נאַרקאָווע האָט לאַנג געהאַט צו דערציילן פון דעם דאָזיקן חתן־באַזינגעניש. ר׳ זישע האָט דאָ אַרויסגעבראַנגט אויפן ליכט פון דער וועלט און פאַר יידישע הערצער אַלצדינג דאָס, וואָס עס האָט זיך געפונען אין ר׳ שמעלקעס אוצר. עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי גאַנצע דורות מיט געשטאָרבענע בדחנים, ברחנים, וואָס זענען שוין אויפן עולם־האמת און זענען דאָרט משמח מיט זייערע גראַמען די געמיטער פון צדיקים — וואָרים ווי ס׳איז באַוווסט גלייכן זיך די וועלט און יענע וועלט ווי משל און נמשל, און ווי ליכט און שאָטן — אַז אָט אָ די גאָלדענע קייט פון יידישע בדחנים האָט זיך געפעדערט אַריינצוקומען און צו באַזינגען סימכע פּלאַכטען. נאַרקאָווע האָט אַליין נישט געוווסט ווי מיט איר מצווה האָט זי אויפגערודערט אַלע עולמות. אויך ביי ר׳ זישען גופא אויף דער צונג האָבן זיך געעפנט קוואַלן ווי קיינמאָל נישט.

ר׳ זישע האָט אויסגעמאָלט פאַר סימכע פּלאַכטען די גרויס פון טאָג, וואָס הייסט יום־החופה און די גרויס פון דער מצווה וואָס מען רופט זי זיווג. ער האָט אויך גערעדט פון נאַרקאָווער יידן און דערציילט פון דער פרייד אין דער פמליא של מעלה ווען יידן טוען אַ מצווה, מחמת ווי ס׳איז בידוע פּלאַקערט אין די עולמות עליונים אַ גלוסטעניש צו יידישע מעשים טובים. דער חוכא וטלילא סימכע פּלאַכטע האָט ווי זיין שטייגער איז נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם אַלעם וואָס ר׳ זישע זאָגט דאָ וועגן אים, זאָגט און זינגט מיט אַזאַ שיינעם באַהאַרצטן ניגון און מיט אַזוי פיל וואונדערלעכע קונציקע גראַמען.

סימכע פלאַכטע

זיצנדיק אויבנאָן צווישן די שענסטע לומדים האָט ער זיך געקראַצט אין קאָפּ און געטראַכט, אַז נאַרקאָווע איז משוגע געוואָרן אין דעם דאָזיקן פּראָסטן מיטוואָך — מען לאָזט אים נישט מער טראָגן וואַסער און האַקן האָלץ, נייערט מען האָט אים אויסגעטון די פלאַכטע פון נאַקעטן לייב און אָנגעטון אַ שיינע רבנישע קאַפּאָטע. דערצו גייט מען אים חתונה מאַכן מיט פּעשען דער יתומה. אין רבס ספרים־אַלמער האָט מען פּאַר אים אָוועקגעשטעלט אַ טאָפּ מיט קופּערנע צענערס. וווּנדער איבער וווּנדער.

אָבער אפשר איז אַלצדינג נישט מער ווי אַ חלום — אַ חלום פון אַן אָרעמען וואַסער־טרעגער;

ס'איז טאַקע נישט מער ווי אַ חלום.

ער ליגט גאָר איצטער נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע ביי ר' תנחומען אויפן וואָרעמען פּיעקעליק. די נאַקעטע פּלייצעס טוען אים וויי פון האַקן האָלץ און טראָגן וואַסער. און פון וואָס קאָן אַ סימכע פלאַכטע אויפן פּיעקעליק האָבן אַ גרעסערן תענוג, אויב נישט צו חלומען פון די ציִמעס־איבערבלייבעכצן אין די טעפּ און פון אַנדערע נעכטיקע טעג.

ניין, עס איז נישט מער סיידן ווי אַ חלום פון אַ וואַסער־טרעגער; און אין מיטן דעם דאָזיקן חלום זאָגט ר' זישע דער בדחן זיינע גראַמען און עס שפּילן די קלעזמאָרים.

סימכע פלאַכטע האָט געקוקט אויף די לעקעכער אויפן טיש צו וועלכע מען טאָר זיך נישט צורירן — ר' תנחום וועט געבן מיט דער לאָפּעטע איבערן קאָפּ — און אין די אויערן זיינע האָבן געזומעט ר' זישעס שילדערונגען וועגן זיין, סימכע פלאַכטעס, חופּה־טאָג און די שיינע גראַמען זיינע.

דאָ האָט ער באַמערקט ווי דער רב אין שטריימל און אין דער שבת־דיקער אַטלעסענער קאַפּאָטע וואָס זיצט נעבן אים אויבנאָן — אָט דער אַלטער נאַרקאָווער רב — נעמט זיך פּאַמעלעך שניידן דעם לעקעך, און גיט אים, סימכע פלאַכטען, אַ גרויסע המוציא לעקעך, און גיסט אים אָן אַ גלעזל בראָנפן און זאָגט מיט גרויס באַהאַרצטקייט:

— טרינק לחיים, חתן סימכע שיחיה, זאָל דיר זיין מיט גרוים מזל. נאַרקאָווע זאָל האָבן פון דיר נחת.

י. י. טרונק

ס׳איז אַ חלום, האָט ביי זיך געטראַכט סימכע פּלאַכטע און מיט ביידע ידים געכאַפּט דעם לעקעך, און אַרונטערגעגאָסן דאָס גלעזל בראָנפן אין האַלדז אַריין ווי עס טוען די גוים אין קרעטשמע.

דער רב האָט גענומען אין האַנט אַריין אַ קעלישיקל בראָנפן און געזאָגט:

— לחיים יידן, וואהל אייך אין אייערע מעשים טובים.

קאַפּיטל נײַנצן

די כלה פּעשע ווי אַ בת־מלכה. — צווישן ליכט, זילבער און מעש. — האָר צעפּלעכטן. — מען באַהאַלט פּאַר סימכע פלאַכטען די חנען פון פּעשען די יתומה. — ר׳ זישע דער בדחן עפנט די טויערן פון רחמים. — כלה באַדעקנס. — מזל־טוב!

אין דער נעמלעכער שעה, בעת ביי ר׳ תנחומען אין בעקעריי איז פאָר־געקומען דער קבלת־פּנים פאַר סימכע פלאַכטען, האָבן זיך ביי דער רביצין צונויפגעזאַמלט די שיינע ווייבער, די נגידותטעס און גבאיטעס פון נאַר־קאָווע. זיי זענען אַלע געקומען צו דער רביצין משמח זיין די כלה, די יתומה פּעשע, צו פּראַווען איר כלה־באַדעקנס כנהוג ווי עס פּירט זיך ביי אַלע יידישע כלות. הגם אין חיוב פון אַנדערע מצוות שטייען כידוע די ווייבער אָפּ פון די מאַנסבילן, די מצווה אָבער פון הכנסת־כלה דערהייבט אַלע יידן צו איין מדריגה, אַלע יידן ווערן דערביי נתעלה, אַלץ איינס צי אַ מאַנסביל צי אַ יידענע.

מען האָט פּעשען אַוועקגעזעצט אין דער מיט־שטוב אויף אַן אַלטער סאַמעטענער פאָטער־שול וואָס אַ נאַרקאָווער נגידותטע האָט אויסגעבאָרגט. אַרום פּעשען אויף דער כלה־שטול האָט מען אָנגעצונדן שבת־לייכטער. אַזוי ווי דער רביצינס שבת־לייכטער זענען געווען צו ווייניק צו לייכטן פאַר דער כלה, האָבן אַנדערע נגידישע ווייבער אויך מיטגעבראַנגט פון דער היים זייערע שבת־לייכטער, זילבערנע און מעשענע, ווי אויך לייכטער ווי מנורות מיט רערן און אויסגעהאַמערטע הערשעלעך און ציגעלעך.

זוי פאַר אַ בת־מלכּה האָט זיך אַרום פּעשען צעפּלאַקערט אַ שלל מיט ליכט, און דאָס ליכט האָט געפינקלט אין זילבער און אין מעש.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צעפּלעכטן די האָר פון דער יתומה. די רביצין און די גבאיטעס האָבן איר צעפּלאָכטן די האָר. אין דער דאָזי־קער צייט פאַרן כּלה־באַדעקנס ווייזן זיך די מיידלשע האָר פון אַ יידי־שער בתולה דאָס לעצטע מאָל אין זייער צניעותדיקער שיינקייט. דער קאָפּ פון אַ כּשר ווייבל דאַרף זיין אָפּגעשוירן. איר חן געהער פון איצטער אָן נייערט צו איר באַשערטן דורך חופּה־וקידושין. די האָר זענען דער חן פון אַ בתולה — אַ חן וועלכער מאַכט אויפהייבן צו זיך די אויגן פון אַ מאַנסביל. נאָך חופּה־וקידושין דאַרפן די אויגן פון פרעמדע מאַנסבילן זיין פאַרשלאָסן פאַר די חנען פון אַ יידישער טאָכטער.

הגם די האָר פון פּעשען דער יתומה זענען געווען גאָר קנאַפּע און גראָבע ווי פּויערישער פלאַקס, און זיי האָבן אין זיך געהאַט ווייניק פון די אויבנבאַשריבענע חנען — פונדעסטוועגן האָבן נאַרקאָווער ווייבער גע־וואָלט מאַכן דעם אָנשטעל — און אַלץ צוליב דער גרויסער מצווה — אַז אויך פּעשעס פאַלט נישט אַראָפּ מיט איר מיידלשער באַחנטקייט פון אַנדערע יידישע טעכטער, און אויך איר שיינקייט מוז ווערן באַהאַלטן בלויז פאַר סימכע פלאַכטעס ווענן און זיין אָפּגעהיט פאַר די בליקן פון פרעמדע מאַנסבילן.

ווען פּעשע די יתומה איז אַזוי געזעסן ווי אַ בת־מלכּה מיט צעפּלאָכ־טענע האָר אינמיטן דער ליכטיקייט פון די זילבערנע און מעשענע שבת־לייכטער — איז ר׳ זישע דער בדחן און די קאַפּעליע געקומען אויפצו־שפּילן און צו זאָגן צום כּלה־באַדעקנס.

ר׳ זישע האָט שוין בייטאָג געהאַט געזאָגט פאַר דער כּלה־מויד און איר דערציילט וואָס עס טוט זיך אין איר חופּה־טאָג אויבן אין די הימ־לען — עס איז באמת געווען נישט מער ווי אַ טראָפּן אָקעגן דעם וואָס ר׳ זישע האָט איצט געהאַט צו זאָגן. עס האָט ממש באַשיימפּערלעך זיך אויסגעדוכט: אפילו די ווייסע ליכט אין די זילבערנע און מעשענע לייכ־טער פלאַקערן און שמעלצן זיך מחמת מתיקות פון דערציטערטקייט, אויך זיי האָרכן ר׳ זישען און פאַרשטייען אים. וואָס עס האָט זיך געטון אין די הערצער פון די ווייבער איז גאָר נישט צו באַשרייבן. דאָס געוויין און

געיאָמער פון אַלע ווייבער צוזאַמען מיט דער כלה פּעשע האָט זיכער געמוזט עפּענען אויבן אַלע טויערן פון רחמים. אויב אין אַ הימל־ווינקל ערגעץ האָט זיך געפונען אַ מקטרג וואָס האָט זיך דווקא געוואָלט אָנזעצן אויף פּעשען דער כלה און אויף איר מזל — בין איך אים אָסור נישט מקנא.

אינמיטן דעם דאָזיקן שפּילן, זאָגן, וויינען פון ווייבער און פלאַקערן פון ליכט אין די שבת־לייכטער, האָט זיך פּלוצים האַסטיק אָן עפן־אויף געטון די טיר.

ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער און ר׳ זישע דער שול־שמש האָבן זיך בייזאַמען באַוויזן אויף דער שוועל; ר׳ יאָקל האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם שיינעם הילצערנעם שול־האַמער. ר׳ זישע האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע. ר׳ זישע האָט געפּאָכעט צו די ווײַ־בער מיט דער רויטער פאַטשיילע און געשריגן:

— שטילער, נשים. דער חתן מיטן רב זאָל לעבן קומען צו באַדעקן די כלה.

באַלד נאָך די שמשים האָבן זיך באַוויזן די חשובי־העיר פון נאַר־קאָווע, די נעמלעכע וואָס מיר קענען נאָך פון דער ערשטער באַרימטער אסיפה. אינמיטן פון זיי — דער רב אין שטריימל און אין דער שבתדיקער אַטלעסענער קאַפּאָטע. נעבן אים סימכע פלאַכטע אין דעם מלבוש וואָס ער האָט באַקומען במתנה פון דער רביצין. הינטער זיי איז אַן איינגע־מעלטער געגאַנגען ר׳ תנחום דער בעקער.

ר׳ זישע דער בדחן האָט אויפגעהערט צו זאָגן. די קאַפּעליע האָט אויפגעהערט צו שפּילן. די ווייבער האָבן פּלוצים אויפגעהערט צו וויינען. ס׳איז געוואָרן שטיל און מען האָט כמעט ווי געהערט ווי עס ברענען די ליכט אין די שבת־לייכטער. די אַלע חשובע מאַנסבילן זענען בייזאַמען מיט סימכע פלאַכטען צוגעגאַנגען צו דער שטול פון פּעשען דער כלה־מויד.

ר׳ זישע דער שול־שמש האָט פון דער קעשענע אַרויסגענומען אַ ווייס זיידן דעק־טוך און עס געגעבן סימכע פלאַכטען אין דער האַנט אַריין. דאָס דאָזיקע זיידענע דעק־טוך באַלאַנגט צו קהל, און אַ גאַנץ יאָר ליגט דערין איינגעוויקלט דער שטאָטישער שופר. דער רב האָט זיך מיט באַ־

י. י. טרונק

הארצטער ערנסטקייט אָנגערופן:

— חתן שיחיה, סימכע, באַדעק די כלה!

ר׳ תנחום דער בעקער האָט פון הינטן געטון סימכען אַ שטויס.

סימכע פלאַכטע האָט אַרויפגעוואָרפן דאָס קהלשע זיידענע טוך אויפן קאָפּ פון דער כלה פעשע.

אַלע האָבן געשריגן מזל־טוב.

די ווייבער האָבן געוואָרפן האָפּן אויפן קאָפּ פון דער כלה.

קאַפּיטל צוואַנציק

סימכע פּלאַכטע אין קיטל און אין רבס ספּאָדיקל. — אויפגעשפּילט זאָל ווערן. — קעפּ אויף קעפּ אין נאַר־קאָווע. — נאַרקאָווער שול. — די חופּה. — מאַכטס אַ וואָרע, יידן, עס גייט פּעשע די כלה.

נאָך דעם כלה־באַדעקנס האָט מען סימכע פּלאַכטען צוריק געפירט צו ר׳ תנחומען אין דער בעקעריי. מען האָט אים, דעם חתן, צוגעגרייט צו דער חופּה. מען האָט אים אָנגעטון אין אַ ווייסן קיטל און אויפן קאָפּ האָט מען אים אָנגעטון דעם רבס וואָכעדיק אויסגעקראָכן ספּאָדיקל. סימכע פּלאַכטע האָט אין דער דאָזיקער הלבשה טאַקע אויסגעקוקט ווי גאָר אַ בתעלה געוואָרענער. דער רב האָט אים אָנגענומען ביי אַן אָרעם. ביי דעם אַנדערן אָרעם האָט אים אָנגענומען ר׳ תנחום דער בעקער, וואָס פון גרויס התלהבות צו זיין דער אונטערפירער, האָט ער פאַרגעסן אויסצוטון די פאַרמעלטע קאַפּאָטע און זיך אָנטון אין די שבתדיקע בגדים. אַלע יידן אין שטוב האָבן אָנגעצונדן געפלאָכטענע הבדלות. ר׳ זישע דער בדחן האָט אַ געשריי געטון: „מיטן רעכטן פוס, דער חתן גייט, דער חתן גייט, מיט מזל און מיט פרייד, אויפגעשפּילט זאָל ווערן, יידן זאָלן זיך מערן ווי זאַמד און ווי שטערן, ווו זיי ווען זיך נאָר ווענדן און קערן". די קאַ־פּעליע האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס. ר׳ גרונם דער פלייטיסט האָט געוויזן וואָס ער קאָן און געמאַכט אַזעלכע שניידיקע שלשלתן מיט זיין פלייט אַז מען האָט געמיינט, אַז נאַרקאָווע גייט כּאַדאָראַם. אַזוי איז מען אַרויס אינדרויסן אויפן גאַס, מחמת ווי עס איז געווען אַ מנהג אין פאַר־צייטישן פּוילן האָט מען געשטעלט אַ חופּה פאַר דער שול.

אינדרויסן איז מען געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ. נאַרקאָווער יידן האָבן געקוקט ווי מען פירט סימכע פלאַכטען צו דער חופּה. אַ סך ווייבער און מיידלעך האָבן געהאַלטן אין די הענט הבדלות און ליכט. עס זענען אויך געשטאַנען און געקוקט די נאַרקאָווער גויים, גויעס, שקצים און שיקסעס. כאָטש גויים, האָבן זיי זיך אויך געפילט ווי בעלי־שמחה אויף דער גרויסער מצווה־חתונה וואָס נאַרקאָווע מאַכט. אַ סך גויים זענען געווען גאָר בגילופנדיק. מן־הסתם האָבן זיי לכבוד דער שמחה געמאַכט די גרויסע כוסה. עס זענען געווען פּראָסטע גויים פון די נאָענטע פריינט פון סימכע פלאַכטען, דאָרפישע גויים וואָס האָבן מיט אים געשמועסט, אָנפאַרטרויט פאַר אים זייערע הערצער, און זיך אפילו מיט אים עצות געהאַלטן. נאָר ביי יידן אין שטעטל איז סימכע פלאַכטע געווען דער שטאָט־נאַר. ביי גאָר פּראָסטע גויים האָט סימכע פלאַכטע טיילמאָל אויסגעקוקט ווי אַ חכם — און דאָס דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ ייד. אַ סך גויים זאָגן, אַז דער נאַרישסטער ייד איז קליגער פונעם קליגסטן גוי.

עס איז געווען אַ געדרענגעניש, אַ געשריי אַרום סימכע פלאַכטען אויף יידיש און אויף פּויליש. גאָר פּראָסטע מענטשן האָבן זיך געווישט די אויגן, ווען זיי האָבן געזען ווי אָט דער וואַסער־טרעגער גייט פלוצים אין אַ קיטל און אין אַ ספּאָדיקל: ווי עס פירט אים ביי דער האַנט דער רב און דער בעקער ר׳ תנחום; ווי די נאַרקאָווער קאַפּעליע רייסט זיך עד לב השמים גלייך ווי גאַנץ נאַרקאָווע וואָלט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס.

די פּראָסטע נאַרקאָווער יידן, וואָס זענען געשטאַנען פונדערווייטנס און געקוקט זענען געווען גערירט צו זען ווי אפילו דער סאַמע נידעריקסטער קאָן אַ מאָל דערהויבן ווערן, און קיין שום מענטש אויף דער וועלט קען נישט וויסן אויף וואָסער מאָרגן ער באַדאַרף צו האָפן און וואָס עס איז פאַר אים באַשערט.

וואָס נענטער מען איז צוגעקומען צו דער שול אַלץ גרעסער איז געוואָרן דאָס טומלעניש פון דער שמחה. אפילו די קינדער האָט מען אַרויסגעלאָזט פון די חדרים און דער תלמוד־תורה כדי מקיים צו זיין די מצווה פון משמח צו זיין חתן־כלה. פון גרויס איילעניש צו דער מצווה האָבן די מלמדים פאַרגעסן איבערצולאָזן זייערע קאַנטשיקעס. אין יאַרמלקע און

שפאַנצער און הויזן און מיט די קאַנטשיקעס אין די הענט זענען די מלמדים געשטאַנען און געקוקט צוזאַמען מיט די חדר־ייִנגלעך. אויך די הדר־ייִנגלעך האָבן געהאַלטן הבדלות. ווייסע חברה וואָס האָט נישט געהאַט קיין הבדלות האָבן געפּיפן און געמאַכט כלערליי שטיק, פאַרשטייט זיך מיט דער כוונה צו באַשיינען די מצווה. גויים האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן. איין גוי האָט פון אַ פּיסטויל אויסגעשאָסן אויף וויוואַט. יידן האָבן זיך אויף אַ רגע דערשראָקן פון דעם פּיסטויל־קנאַל, און אַ ווייבל האָט אַ געשריי געטון: סע ברענט! מען האָט זיך אָבער באַלד באַרויִקט און ווייטער געפירט סימכע פלאַכטען צו דער חופּה.

די אַלטע נאַרקאָווער שול, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן מאַרק, איז געווען אַ טונקלער עניוותדיקער הילצערנער בנין. די דאָזיקע שול, וואָס קיינער געדענקט נישט ווער און ווען מען האָט זי אַהער געברענגט קיין נאַרקאָווע, איז געווען אין געשטאַלט פון אַ בשמים־ביקס — און געהאַט אַן אויסגעבויגענעם מיט מאָך־באַוואַקסענעם דאַך. דאָס שול־בנין האָט געהאַט אין זיין געהילץ אַ סך יידישקייט און אַ סך זקנה. פאַר די אַלטע ערפּורכטיקע טירן פון דער שול איז געשטאַנען די נאַרקאָווער חופּה. אַ חופּה איבערגעדעקט מיט אַ רויט טוך. דאָס חופּה־טוך איז געווען אויסגענייט און אויסגעהאָפטן פון פאַרצייטישע נאַרקאָווער ווייבער מיט מגן־דודס און מיט פּסוקים. פיר חשובע נאַרקאָווער באַלעבאַטים האָבן גע־האַלטן די דרענגלעך פון דער חופּה. דער עולם יידן און אין דער מיט די אונטערפירערס מיט סימכע פלאַכטען האָבן זיך דערנענטערט. מען האָט סימכע פלאַכטען אַרונטערגעפירט אונטער דער חופּה און ער האָט גע־גלאָצט אַרום זיך.

דאָ איז ר׳ תנחום דער בעקער צו אים צוגעגאַנגען און אַרויסגענומען אַ פּאַטשיילע פון דער איינגעמעלטער קעשענע, ער האָט סימכען דערלאַנגט די פּאַטשיילע און געזאָגט מיט אַ ירגזון:

— וואָס קוקסטו, סימכע, אַרום זיך ווי אַ ניין־יאָריק קאַלב? אַ חתן אונטער דער חופּה מוז זיך צוהאַלטן די אויגן. נאַ דיר די פּאַטשיילע און פאַרשטעל דיר די אויגן, דו כשרע בהמה.

ר׳ תנחום האָט שוין געהאַט אויף דער צונג נאָך אַ גראָב וואָרט, ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט וואָס עס טוט זיך איצט אַרום אים.

י. י. טרונק

אזוי ווי ר׳ תנחומס קול האָט פאַר סימכע פלאַכטען געשמעקט מיט לאַפּעטע, און ער איז נישט געווען זיכער, צי האָט ר׳ תנחום נישט אַמאָל מיטגענומען די לאַפּעטע אויך אונטער דער חופּה אַרונטער, האָט ער, סימכע, זיך האַסטיק אַ נעם צו געטון ר׳ תנחומס פאַטשיילע צו די אויגן.

פונדערווייטנס האָבן זיך ווידער געהערט די שאַרפע שלשלתן פון ר׳ גרונמס פלייט.

אלע האָבן געשריגן:

— מאַכטס אַ וואַרע, יידן, עס גייט פעשע די כלה.

די ווייסע חברהניקעס זענען נאָכגעלאָפן נאָך די אונטערפירערס און געוואַלדעוועט:

ציגעלע, מיגעלע רייב די קלאַצקעס,
רויטע פאַמעראַנצן.
אַז פעשע און פלאַכטע גייען צו דער חופּה,
גייט גאַנץ נאַרקאָווע טאַנצן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

כלה־אונטערפירעכץ. — מען לייענט די כתובה. — מיט וואָס סימכע פלאַכטע מוז פאַרזאָרגן פעשען די יתומה. — סימכע פלאַכטע בעבעט. — די רביצין און רויזע די בעקערין טאַנצן אַקעגן מיט אַ קוילעטש.

די גבאיטעס און חשובע ווייבער פון נאַרקאָווע, סיי אַלטע יידענעס און סיי יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן אויך ערשט געהאַט חתונה געהאַט, אַלע האָבן זיך אויסגעפּוצט אין סאַמעטענע און זיידענע בגדי־שבת. אין פּאַרצייטישן פוילן זענען ווייבער געגאַנגען אין שול אַריין אין טערקישע טיכער. אין די דאָזיקע טיכער האָבן זיי זיך איינגעהילט לכבוד דער חתונה. אויף די קעפּ האָבן זיי זיך אָנגעטון שיינע און פאַרביקע קופּקעלעך, קופּקעלעך מיט שלייפן און בענדער. אויף די קופּקעס פון די עלטערע ווייבער האָבן געציטערט ציטער־נאָדלען. שבת־ און יום־טובדיק, נאָר מיט געפלאָכטענע הבדלות אין די הענט, און כמעט ווי טענצלדיק — די פּיס האָבן געהויבן — זענען זיי געגאַנגען ארום פעשען דער כלה און אירע אונטערפירערקעס. אונטערגעפירט די כלה האָבן די רביצין און רויזע די בעקערין. די רביצין איז געגאַנגען אָנגעטון אין איר שבתדיקע יופּע און מיט אַ גרויסע און טיפע קופּקע אויפן קאָפּ. רויזע די בעקערין האָט אויף זיך געהאַט אירע בגדי־יום־טוב. מען איז מיט דער כלה אַרונטערגעקומען אונטער דער חופּה. סימכע פלאַכטע איז געשטאַנען אין קיטל און אין ספּאָדיקל און זיך צוגעהאַלטן די אויגן מיט ר׳ תנחומס פאַטשיילע. דער כלה איז דער קאָפּ און דאָס פּנים געווען פאַרדעקט מיטן וויס־זיידענעם קהלישן דעק־טוך. די אונטערפירערקעס האָבן זי זיבן מאָל אַרומ־

געפירט אַרום סימכע פלאַכטען און ענדלעך זי אַוועקגעשטעלט לעבן אים אונטער דער חופה.

דער רב האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. דאָס איז געווען די כתובה. די כתובה איז געווען שיין געשריבן מיט גאָל־דענע געכתיבהטע אותיות. ר׳ שמשי דער נאַרקאָווער סופר האָט זי מיט אַ געניזענע פען אָנגעשריבן לכבוד סימכע פלאַכטעס חתונה. דער רב האָט געלייענט די כתובה אויפן שיינעם אַלטן אַראַמעאישן לשון. געלייענט מיט אַ ניגון און אויסגערעכנט די געלטער און תכשיטים וואָס סימכע פלאַכטע שענקט פעשען דער בתולה. ברחל בתך הקטנה האָט דער רב אויסגערעכנט אַלצדינג וואָס סימכע פלאַכטע נעמט אויף זיך צו פאַר־זאָרגן זיין אשה ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. נישט דער גופא נאַר־קאָווער רב און נישט די שמשים אונטער דער חופה האָבן קלאָר געוווסט וואָס עס זענען די אַלטע תרגום־לשונדיקע מטבעות מיט וועלכע סימכע פלאַכטע באַצאָלט די כתובה פון דער בתולה פעשע, ווי אויך נישט וואָס עס זענען די תכשיטים וועלכע ער מוז איר קויפן, ווי אויך נישט דאָס תרגום־לשון פון די שיינע ווייבערישע מלבושים וואָס ער מוז איר מאַכן. דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון דער כתובה איז געווען נייערט ווי גמרא. אויך די נעמען פון הבחור החתן שמהה שיחיה און די כלה המהוללה פעשע שתחיה זענען געווען ווי קלאַנגען פון דער גמרא אינעם מויל פון נאַר־קאָווער רב.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קידושין. דעם נאַרקאָווער רב איז אפילו שווער אָנגעקומען צו רעדן מיט דער בתולה פעשע. ווי צו אַ כלה האָט ער גערעדט צו איר האַלב אויף לשון־קודש. פעשע די יתומה איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם און נישט געוווסט וואָס מען וויל פון איר. ערשט די רביצין האָט אָנגענומען אַ פינגער פון דער כלה־מויד און אים אַקעגנגע־שטעלט סימכע פלאַכטען.

סימכע פלאַכטען איז אויך נישט געווען פון די גרינגע זאַכן אים אַריינצוהאַקן אין קאָפּ וואָס דער רב וויל פון אים. ער האָט מורא געהאַט אַרונטערצונעמען די פּאַטשיילע פון די אויגן. ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער און ר׳ זישע דער שול־שמש זענען צו אים ביידע צוזאַמען צוגעגאַנגען. מיט כוח האָבן זיי אים אַוועקגעריסן די פּאַטשיילע. סימכע פלאַכטע האָט

זיך אומגעקוקט אַ דערשראָקענער. ער האָט גאָר נישט געוווּסט, אַז לעבן אים שטייט פּעשע די יתומה, אַ כּלה פאַרשלייערט אין אַ ווייס טוך און מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער. וואָס וויל מען פון אים? תנחום האָט אים געזאָגט אויף גאָר נישט קיין איידעלן אופן, אַז ער זאָל גוט צוליגן דעם בהמהשן קאָפּ און וואָרט ביי וואָרט נאָכזאָגן אַלצדינג וואָס דער רב זאָגט. „מיין נאָמען איז נישט תנחום", האָט דער בעקער ווייטער געוואָלט זאָגן, נאָר סימכע פלאַכטע איז באַלד געוואָרן ווי אַ לעמעלע.

נאָרקאָווער לצים האָבן לאַנג געהאַט צו דערציילן ווי אַזוי סימכע פלאַכטע האָט מיט נויט־שוויים און ווילדע גרייזן נאָכגעבעבעט דעם „הרי את". פּאָרט איז מען איבערגעקומען און סימכע פלאַכטע איז מיט מזל געוואָרן אַ באַווייבטער. דערפאַר, אַז מען האָט אים אוועקגעלייגט אַ גלאָז אונטער די פיס און אים געהייסן עס צעטרעטן, האָט ער עס געטון מיט גוואַלדיקן אימפּעט און געמאַכט פונעם גלאָז קאַשע.

אַלע האָבן געשריגן מזל־טוב.

ר' זישע דער שול־שמש האָט געזונגען „מי אדיר". ר' יאָקל דער שול־קלאַפּער האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט אַ פאַנפעוואַטע קול. די קאַפּע־ליע האָט אויפגעשפּילט אַ פריילעכס. מען האָט אַריינגעלייגט דער יתומה פּעשעס יד אונטער סימכע פלאַכטעס אָרעם. מיט גרויס שמחה וששון איז מען אַפּערגעגאַנגען פון אונטער דער חופּה.

אינדרויסן האָבן די רביצין און רויזע די בעקערין אַקעגנגעטאַנצט דעם פּאָרל מיט אַ קויליטש. ווייבער האָבן זיך אַרומגענומען אין אַ ראָד, געטאַנצט פאַר חתן־כּלה און צוגעפּאַטשט מיט די הענט. ר' גרונם מיט דער פּלייט האָט געמאַכט קאָזשעלקעס אין דער לופטן. עס האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

וואָס עס האָט זיך געטון אין יחוד־שטיבל איז אַ סוד.

וואָס עס האָט זיך געטון אין יחוד־שטיבל ביי דער ווייבער־שול ווען סימכע פלאַכטע און פעשע די יתומה האָבן צוזאַמען געגעסן די גילדענע יויך — איז אַ סוד. דאָס האָבן נישט געוווּסט נישט די שטומע ווענט פון דער ווייבער־שול, נישט די שפּינען וואָס זענען געזעסן אין זייערע שפּין־געוועבן אין די שול־ווינקלען, און נישט די פייגל אויפן שול־דאַך. עס האָט עס אַפילו נישט געוווּסט דער מייסטער יאַנקל לערער, וואָס אַ חוץ דעם האָט ער כמעט אַלצדינג געוווּסט און מיט דעם ליכט פון זיין פאַנטאַזיע איז ער בכוח געווען אריינצודרינגען אין די דינסטע שפּאַרונעס פון די געשעענישן און אין די מענטשלעכע מעשים און טראַכטענישן. איז וואָס זאָלן מיר דאָ פּרוּוון צו טרעפן?

גענוג איז צו דערציילן — ווען די רביצין מיט רויזע דער בעקערין זענען אריינגעקומען אין יחוד־שטיבל כדי אַרויסצופירן סימכע פלאַכטען צו דער סעודה פון די מאַנסבילן און פעשען צו דער סעודה פון די ווייבער, זענען די טעלער פון דער גילדענער יויך געווען אויסגעלײדיקט ווי אַ וויס־טעניש. די קינבאַקן פון דעם פּאָר־פּאָלק האָבן געריבן ווי מילשטיינער. צי האָט איינער צום אַנדערן צומאָל אויפגעהויבן די אויגן, סימכע פלאַכטע צו דער הערלעכער יתומה און פעשע צו איר באַשערטן וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַ גוטער ייד? טייערער לייענער, וואָס ציסטו מיך פאַר דער צונג? בנאמנות, איך ווייס עס נישט און איך וויל דיר נישט סתם דער־ציילן קיין באָבע־מעשיות.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אַ שפע פון כל טוב אויף די טישן פון בית המדרש. — ווייבערישע בראַנפנס.

מען האָט סימכע פּלאַכטען אַריינגעפירט אין בית המדרש. דאָרט איז געווען די חתונה־סעודה. אַרום די אַלטע הילצערנע טישן — וואָס זענען אַלע טאָג אין יאָר אָנגעלייגט מיט ש"ס און פּוסקים און ביי וועלכע עס זיצן נאַרקאָווער בחורים און לערנען — אויף אָט די טישן האָט מען געפּראַוועט סימכע פּלאַכטעס חתונה־סעודה. זיי זענען געווען איבערגע־דעקט מיט ווייסע טישטעכער און פול מיט כל־טוב וכיטוב. מאַכל און משקה האָבן יידן געברענגט פון אַלע עקן נאַרקאָווע. אַרענדאַרן און ישוב־ניקעס וואָס ווינען אין דערפער צווישן גויים האָבן איינגעשפּאַנט זייערע פערדלעך און געברענגט פון דאָרפישן מטוב הארץ, היינו פיש, גענדז און אינדיקעס. די סעודה איז געווען פון אזא כיד המלך, אַז נאַרקאָווע האָט עס לאַנג געהאַט צו געדענקען.

אַרום די טישן זענען געזעסן כמעט אַלע מאַנסבילן פון שטעטל. מען האָט געגעסן וואַרעמע בולקעס און געטונקט זיי אין פיש־יויכן. פיש, העכט, קאַרפּן און אַנדערע גרויסע און קליינע דגים זענען געווען לרוב. אַרענדאַרן האָבן געברענגט גאַנצע טונען מיט פיש. מען האָט געזופּט די פעטע יויכן מיט לאָקשן און געשניטן פּאַסן פון די געבראָטענע גענדז, אינדיקעס און הינער. די צימעסן האָבן מיט זייער זיסקייט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע בית־המדרש. משקה איז געווען ביד רחבה. ווער מיר גוטס גינט! די לייט פון דער חברה־קדישא וואָס האָבן זיך געפילט אויף סימכע פּלאַכטעס חתונה ווי דאָס אויבערשטע פון שטייסל, אויך זיי האָבן גע־

זאָגט, אַז וואָס שייך מאכל און משקה קאָן זיך אפילו די חברה־קדישא נישט דערמאָנען, ווען זיי האָבן זיך געבאָדן אין אַזאַ שווילטאָג.

דאָס נעמלעכע איז געווען אין דער ווייבער־שול, וווּ מען האָט צו־געגרייט די סעודה פאַר די ווייבער. אויך דאָ האָבן די ווייבער פון נאַר־קאָווע נישט געלייגט דערנעבן און זיך געלאָזט ווילגיין. אנשטאָט שאַרפן בראָנפן וואָס גילט נאָר פאַר די העלדזער פון מאַנסבילן זענען דאָ געשטאַ־נען קאַראַפינקעס מיט געלע און רויטע ליקערן. זיסע בראָנפנס, וואָס נאַרקאָווער ווייבער האָבן געהאַט אין דער היים אין גרויסע בוטלעס, אָנ־געשטעלט אויף אַלערליי געווירצן און נעגעלעך און צוגעמישט מיט צוקער, צימערינג און שאָלעכצן פון פאַראַיאָריקע אתרוגים. די ווייבערישע בראָנפנס האָבן נישט געברענט אין די גערעדעים, נייערט פאַרצויגן דעם גומען ווי אַ מעדן. די ווייבער האָבן זיך נישט געזשאַלעוועט פון דעם ווייבערישן בראָנפן, געגומען היפשע קעלישקעלעך און זיך געווינטשעוועט נחת פאַר חתן־כלה, פאַר נאַרקאָווער יידן און פאַר יידן אין כל תפוצות ישראל. און אַז מען זאָל דערלעבן משיחן.

נאָך דער גילדענער יויך האָט מען אויפן אויבנאָן צווישן די ווייבער אַרויפגעפירט די יתומה די כלה פעשע. מען האָט זי אוועקגעזעצט ביי דער רביצין. די כלה האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און געמאַכט אַ תל פון אַלצדינג וואָס מען האָט איר אַרויפגעלייגט אויפן טעלער, גע־טרונקען ווייבערישן בראָנפן און זיך געווינטשעוועט צוזאַמען מיט אַלע ווייבער. ווינטשעווען האָט זי געקאָנט ווי אַ גבאיטע. זי האָט געהאַט שימוש דערין ביי דער רביצין אין הויז.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

סימכע פלאַכטע ווידער אויבנאָן. — ר׳ פּייוועלע שפּילט אויפן פידעלע און עס רעדן יידישע הערצער. — ר׳ זישע דער בדחן וועט ווייזן וואָס ער קאָן.

דעם חתן סימכע פלאַכטען האָט מען אַרויפגעפירט אויבנאָן. ער האָט נישט געקוקט ווו מען פירט אים, נאָר געגלאָצט אויף די טישן מיט שפּע און געזען ווי נאַרקאָווע זיצט און אַכלט. דאָס שפּייעכץ איז אים גערונען איבער די ליפּן. איין שטיקל טרייסט איז געווען פאַר אים צו זען אַז ר׳ תנחום דער בעקער שטייט אים נישט ביי דער זייט, רק זיצט צווישן עולם און איז מיטן גאַנצן לב ונפש אַריינגעטון אין אַ שיסל. אויבנאָן ביים רב ווו מען האָט סימכע פלאַכטען אַוועקגעזעצט איז די אכילה פאַרלאָפן מיט ווייניקער פּאַרע. פאַרקערט: די שיסלען זענען געשטאַנען האַלב פולע און ס׳איז גאָר אָנגעגאַנגען אַ תורה־שמועס צווישן רב מיט די נאַרקאָווער לומדים. סימכע פלאַכטע האָט געברענט ווי אויף הייסע קוילן. ווייבאַלד ער האָט זיך נאָר אַוועקגעזעצט און געזען פאַר זיך אַ פולע שיסל, האָט ער באַלד געמאַכט אין איר אַ ווישטעניש.

ווען מען האָט געהאַלטן נאָך אַלע היומס און מען האָט שוין געהאַט אויפגעגעסן דאָס צימעס, איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש ר׳ זישע מיט דער קאַפּעליע. דאָס מאָל האָט ר׳ פּייוועלע אַליין געוויזן וואָס ער קאָן און געשפּילט אַ וואָלעכל. נישט געקוקט דערויף וואָס דער עולם האָט געהאַט פולע בייכער און די מיילער האָבן זיך געקלעפּט מיט די זיסקייטן פון צימעס — פונדעסטוועגן האָבן די הערצער נישט געוואָלט שווייגן און זיי זענען איבערגעגאַנגען פון דער איידעלער מתיקות פונעם וואָלעכל.

אפילו די וואָס האָבן נאָך געזוכט אויף די טישן און זיך אָנגעגאָסן צו גלע־זעלעך משקה, האָבן פּאַמעלעכל אויפגעשטעלט די אויערן צו הערן ר׳ פּיי־וועלעס פידעלע. אפילו די תורה־שמועסן אויבנאָן זענען שטילער געוואָרן. די שאַרפסטע קעפּ פון נאַרקאָווע און אפילו דער אַלטער רב האָבן אויפ־געהאָרכט. מען האָט געוווסט, ווען ר׳ פּייוועלע טוט זיך אַ נעם צום סמי־טשיק, מוזן אפילו די ווינטן אויפן פעלד אַנטשווייגן ווערן און האָרכן.

נאָר ווי לאַנג קאָן ר׳ פּייוועלע שפּילן? ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך אין דער נאַכט און אפילו אַ חתונה של מצווה קאָן זיך נישט אַוועקציען אָן אַ סוף. חתן־כלה מוזן נאָך טאַנצן דאָס מצווה־טענצל. מען מוז אויסרופן די דרשה־געשאַנקען וואָס נאַרקאָווער יידן האָבן ביד רחבה געבראַכט פאַרן פּאָר־פּאָלק. מען האָט געוווסט, סימכע פּלאַכטע מיט פעשע דער יתומה וועלן ביי קיינעם נישט זיין אויף קעסט. אויף דער ערשטער צייט האָט מען זיי געוואָלט האַלטן אויף קעסט ביי קהל און זיי געבן פון כל־טוב.

וואָס נאַרקאָווע האָט געבראַכט פאַרן פּאָר־פּאָלק און די ווונדערלעכע גראַמען וואָס ר׳ זישע דער בדחן האָט געזאָגט בעת ער האָט אויסגערופן דאָס דרשה־געשאַנק — אָט די אַלע חידושים מוז זיך דער לייענער גוט צוגרייטן כדי זיי צו הערן אין נאָענטסטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

יידן ברענגען דרשה־געשאַנק און ר׳ זישע זאָגט גראַמען און דערציילט מעשיות. — מען טאָר נישט זיין קיין גוטער.

ר׳ זישע דער בדחן האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויבנאָן אויפן טיש צווישן די שענסטע נאַרקאָווער יידן. פון אַלע טישן אין בית־המדרש האָבן זיך יידן אויפגעשטעלט צו ברענגען דאָס דרשה־געשאַנק און צו הערן ווי ר׳ זישע וועט עס אויסרופן. מען האָט געשלעפּט דאָס דרשה־געשאַנק אין זעקלעך און זעק. יידן זענען זשעדנע געווען צו הערן די גראַמען, וואָס וועלן דאָ געזאָגט ווערן איבער פּראָסטע וואָכעדיקע זאַכן. אויך די ווייבער זענען געקומען פון דער ווייבער־שול און זיך געשטופּט ביי דער טיר פון בית־המדרש צו הערן ר׳ זישען.

ר׳ זישע איז געשטאַנען אין דער יאַרמלקע און אַראָפּגעקוקט אויפן עולם. ווי זיין שטייגער איז האָט ער זיך תחילת גוט אויסגעהוסט כדי צו האָבן אַ קלאָר קול. די דאָזיקע רפואה פאַר אַ בדחן איז געשטאַנען אויף אַ בלעטל אין ר׳ שמעלקעס אוצר. אַ בדחן, וואָס איז, משמעות, פריער געווען אַ סופר האָט דאָרט געכתיבהט צוגעשריבן „השמר והזהר", זיך גוט אויסצוהוסטן קודם הזאגן. אויב אַזעלכע מומחים ווי דער באַרימטער ר׳ שמעלקע און די אַמאָליקע בדחנים האָבן געזאָגט „השמר והזהר" — מוז מען עס היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

צום ערשטן האָט ר׳ זישע דערציילט אַ מעשה פון ר׳ שמעלקעס פריילעכע מעשיות. אַ מעשה פון די גאָר־גאָר פּאַרצייטישע אַרענדאַרן. פאַרגרעבטע יידן, וואָס האָבן געהאַלטן קרעטשמעס העט־העט אין דער־

פער צווישן ימים מיט גויים, אָדער האָבן געברענט סמאָלע אין די פינצ־טערע וועלדער פונעם אַמאָליקן פּוילן. יידן, וואָס זענען געזעסן ווייט פון די קוואַלן פון יידישקייט. יענע יידן נעבעך ווען ס'איז געקומען פּסח־צייט, איז זיי שווער און ביטער געווען אָפּצוריכטן דעם סדר. זיי האָבן נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס אין די קליינע פינטעלעך, — דעריבער איז דאָס סדר אָפּריכטן ביי זיי אויסגעקומען ווי אַ קאַטאַרזשנע האָראָ־וואַניע. קוים קוים וואָס זיי האָבן אַדורכגעטאָפּטשעט די הגדה, און דאָס מיט ווילדע און אויסטערלישע גרייזן. דער עולם יידן אין בית־המדרש האָט געהערט ר' זישעס מעשיות און געקייכט פון געלעכטער. די ווייבער ביי די טירן האָבן זיך געטרייסלט פון לאַכן גלייך ווי זיי וואָלטן זיך צעשיט אין זייערע בגדי־שבת. ר' יאָקל דער שול־שמש האָט געהאַט בדעה אויפצוהייבן זיין רויטע פּאַטשיילע און שרייען צו די ווייבער, אַז עס זאָל זיין שטילער. ער האָט עס נישט געטון. ער אַליין, ר' יאָקל, האָט אויך געלאַכט פון ר' זישעס מעשיות. אפילו דער רב אויבנאָן וואָס האָט במשך זיין גאַנץ לעבן זעלטן ווען אַ שמייכל געטון — אַ ייד טאָר נישט שמייכלען בעת דאָס בית־המקדש ליגט אין חורבות און ער מוז וואַרטן דערמיט ביז משיח וועט קומען, אָז ימלא שחוק פינו — אויך דער רב זאָל לעבן האָט אַ לייכטן שמייכל געטון. ער האָט באַלד אויפן אָרט געהאַט דערויף אַ היתר. משמח צו זיין חתן־כלה איז נישט קיין קליינע מצווה. די חז"ל ווי מיר געפינען עס אין דער גמרא, זענען שטאַרק נזהר געווען די דאָ־זיקע מצווה מקיים צו זיין. אַזוי ווייט איז דערגאַנגען ר' זישעס דעם בדחנס כוח. ר' שמעלקע אויפן הייליקן אָרט האָט אויך מן־הסתם אַ שמייכל געטון אין זיין קבר און געמאַכט מיט די ליפּן. שפתיו דובבות בקבר.

ר' זישע איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיינע מעשיות. נאַרקאָווע איז געווען אויפן העכסטן אופן בגילופין. ר' זישע האָט נאָך אַ מאָל געטון אַ הוסט און זיך גענומען צום דרשה־געשאַנק.

די רביצין איז אַרויפגעקומען אויבנאָן צו ר' זישען און אים דער־לאַנגט צוויי מעשענע שבת־לייכטערלעך, וואָס דער רב זאָל לעבן שענקט דרשה־געשאַנק. ר' זישע האָט אַ נעם געטון די לייכטערלעך. תוך כדי דיבור האָט ער מיט אַ שיינעם מאַראַלישן ניגון געטון אַ זאָג און אַ זינג:

דער רב זאָל לעבן פֿון קהילת נאַרקאָווע שענקט דרשה־געשאַנק שבת־לייכטערלעך פֿון מעש. לייכטערלעך מיט רערעלעך שש. אפילו אַ סגי־נהור זעט אויף דער וואָר, אַז דאָס מעש איז והב־טהור. ר׳ זישע האָט מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעשטעלט די שבת־לייכטערלעך פֿאַר סימכע פּלאַכטען און זיך אומגעקוקט אויפֿן עולם. דערנאָך האָט זיך ר׳ זישע געוואָנדן צו די ווייבער ביי די טירן: „ברענגט, ברענגט דרשה־געשאַנק יידעלעך און ווייבעלעך, געבענטשטע יידישע טייבעלעך, אין קופּקעלעך און הייבעלעך. גאָט ברוך הוא זאָל אייך צוריקגעבן בכפלי כפלים און מיר זאָלן זיך אַלע פֿרייען לשנה הבאה בירושלים״. אָט די גאָלדענע גראַמען האָט ער לעבעדיקע און צאַפּלדיקע אַרויסגענומען פֿון ר׳ שמעלקעס אוצר. פֿון אַלע זייטן האָט מען זיך געשטופּט אַרום ר׳ זישען און געברענגט דרשה־געשאַנק. מען האָט געשלעפּט גאַנצע זעק מיט עסנוואַרג, טעפּ און שיסלען און אַלערליי כלים צום עסן און צום קאָכן. ווי אויך לאָקשנברעטער, ריבאייזנס, וואַלגערהעלצער און אַנדערע זאַכן, וואָס דאָס פֿאָר־פֿאָלק באַדאַרף צו באַלעבאַטישקייט. אַלע האָבן זיך געריסן אַרום ר׳ זישען, געשריען און געבעטן, אַז ער זאָל אויסרופֿן דאָס דרשה־געשאַנק. ר׳ זישע האָט געשמייכלט, זיך געגלעט פֿאַרן בערדל און געזאָגט: „ווייזט יידן וואָס איר האָט אין אייערע כשרע ידים, איך, ר׳ זישע בן ר׳ שמעלקע, אַ ייד פֿון די יוצאי מצרים ווינטשט אייך הצלחה און יראת־שמים. הנה זייט וויסן נאַרקאָווער יידן, אַ בדחן איז אַ גרויסער בעל־ידען. דער פּטיש איז דער בדחן און די וועלט איז דער סדן. בדחנישע ברכות גייען נישט לאבדון״. וואָס אַ מאָל מער דרשה־געשאַנק־געבער האָבן זיך געשטופּט צו ר׳ זישען און אים געוויזן וואָס זיי טראָגן. דער מילנער ר׳ מנשה האָט אויף זיינע פּלייצעס געברענגט צו שלעפּן אַ זאַק מיט קאַשע. ער האָט געפּרייכט ווי אַ גאַנדז און געוויזן ר׳ זישען אויפֿן זאַק. ר׳ זישע האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַ זאָג געטון: הגם ר׳ מנשה איז נישט קיין מר בר רב אשי אין חומש מיט רשי — קאָן ער אָבער שלעפּן אַ זאַק מיט קאַשע. דערנאָך האָבן זיך געשטופּט צו ר׳ זישען די אַרענדאַרן און די ישובניקעס. פֿעסטע און געוויקסיקע דאָרפֿישע יידן אין גראָבע פּויערישע שטיוואַלעס, מיט אָפּגעברענטע פּנימער און מיט גרויסע ווילדע בערד. זיי האָבן געטראָגן פֿולע זעק מטוב־הארץ. אַרום זיי האָבן געווייעט די ווינטן און די ריחות

פון דאָרף און פעלד און ס'האָט זיך געדוכט ווי דער גאַנצער גוישער אינדרויסן וואָלט אהער געקומען צו געבן הרשה־געשאַנק.

לכבוד די פּראָסטע אָרענדאַרישע יידן האָט ר' זישע געטון א באַזונ־דער הוסטל און געזאָגט מיט גאָר א האָפּערדיקן ניגון: פון די דערפער די אָרענדאַרן זענען גאָר נישט קיין נאַרן. צו ברענגען דרשה־געשאַנק טוען זיי בענקען און גאַרן. זיי ברענגען מזמרת הארץ, הן וואָס וואַקסט הינטער דער קרעטשמע ביים ייד און הן וואָס ס'וואַקסט ביים פּריץ.

איך וויל נישט אַלצדינג באַשרייבן אויפן פּאַפּיר וואָס ר' זישע האָט געזאָגט און געגראַמט. איך וויל נישט לייכטער מאַכן דאָס לעבן פון אַנ־דערע בדחנים. זאָלן זיי אויך האָרעווען אויף גראַמען און נישט נעמען פון גרייטן. היינטיקע ציטן, ווען די דורות זענען נעבעך שוואַכער, האָבן דאָס אָרט פון די אַמאָליקע בדחנים פאַרנומען די פּאָעטן. איך ווייס אויף זיכער, אַז זיי, די היינטיקע פּאָעטן מיין איך, וועלן זיך וואַרפן ווי הייזע־ריקן אויף ר' זישעס קונציקע גראַמען און אָנפילן מיט זיי די פּאָעטישע קעשענעס. און איך וויל אויך די שוואַכערע דורות נישט איינברענגען קיין האָראָוואַניע. ערשטנס, טאָר מען נישט זיין קיין גוטער: והשנית, זאָלן די פּאָעטן נישט האָבן אַזאַ לייכט לעבן.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

מען האַצקעט אויף די דילן פון בית־המדרש. — סימ־כע פלאַכטע און פעשע די יתומה טאַנצן דאָס מצווה־טענצל.

גאָר שפּעט אין דער נאַכט האָט מען פונאַנדערגערוקט די טישן אין בית־המדרש. דער עולם האָט געכאַפּט אַ טענצל. אין נאַרקאָווע זענען גע־זוען יידן טענצער. יידן וואָס האָבן געוויזן וואָס זיי קאָנען סיי אין פּורים און סיי אין שמחת־תורה. אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר זענען דאָס געווען יידן נידריקער ווי דאָס גראָז און שטילער ווי דאָס וואַסער. מען האָט זיי אין נאַרקאָווע גראָד געהאַלטן פאַר נישט־קשהדיקע לעמעשקעס. אָט די יידן האָבן זיך פּלוצים פאַרוואַנדלט אין שוועבנדיקע פייגעלעך און גע־האַצקעט אויף די דילן פון בית־המדרש. פאַרשטייט זיך, אַז די נאַרקאָ־ווער קאַפּעליע האָט צוגעטון דאָס איריקע.

איצט איז געקומען דער העכסטער פּונקט פון דער חתונה און פון דער מצווה פון שמחת חתן־כלה. מען האָט צוגעגרייט סימכע פלאַכטען און די כלה פעשע די יתומה צום מצווה־טענצל.

דאָ האָט מען שוין באמת נישט געקאָנט אָפּטיילן די מאַנסבילן פון די ווייבער.

אַלע האָבן זיך געשטופּט צום ראָד אין וועלכן מען האָט מיט גרויס געפּילדער אַריינגעפירט סימכע פלאַכטען מיט פעשען דער יתומה. סימכע פלאַכטע האָט געקוקט אַרום זיך אַ פינצטערער און נישט געוווסט וואָס מען וויל פון אים. די יתומה פעשע האָט געשיינט אויפן גאַנצן פּנים און רק געקוקט אויף סימכע פלאַכטען. זי האָט זיך שוין אין איר לעבן געהאַט

אָנגעזען מיט מצווה־טענצלעך. נישט בחינם איז זי אויסגעהאָדעוועט געוואָרן ביי דער רביצין. ווען ר׳ יאָקל דער שול־שמש האָט איר געגעבן די רויטע פּאַטשיילע אין דער האַנט אַריין, האָט זי עס געכאַפּט ווי אַ כשרע מציאה און אָקעגן געשטופּט די פּאַטשיילע סימכע פּלאַכטען. יענער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. ר׳ תנחום דער בעקער האָט אַ געשריי געטון אויפן קול: איז מיין נאָמען נישט תנחום, דו קעלבערנע בהמה, נעם אָן ביי דער פּאַטשיילע און טאַנץ מיט דער כלה. סימכע פּלאַכטע האָט אַ כאַפּ־אָן געטון ביים עק פון ר׳ יאָקלס פּאַטשיילע. קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט. ר׳ זישע האָט אַ געשריי געטון: מיטן רעכטן פוס! סימכע פּלאַכטע און פּעשע די יתומה אָנהאַלטנדיק זיך ביי איין פּאַטשיילע האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין אַ ראָד.

ווייבער האָבן זיך אַרומגענומען אין אַ רעדל און געטאַנצט אַרום חתן־כלה. די קאַפּעליע האָט געשפּילט און די ווייבער האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

ווער ווייסט מער, דער חכם צי דער נאַר? — פּילאָסאָ־פישע באַטראַכטענישן פון מחבר.

מיר ווייסן באמת נישט וואָס עס איז די וועלט און וואָס עס זענען אירע מעשים. די חוקרים און פילאָזאָפן וואָס האָבן כסדר גערעדט וועגן דער וועלט און אירע יסודות האָבן נאָך ווייניקער געוווסט דערפון ווי די פּראָסטע מענטשן. די חוקרים וואָס האָבן עס נעבעך געמיינט ערלעך, האָבן אָפן מודה געווען אַז זיי ווייסן נישט. פאַרקערט; זיי האָבן אָט אָ דאָס נישט־ווייסן וואָס שייך דער וועלט געמאַכט פאַרן טיפסטן וויסן פון זייערע חקירות.

אינדרויסן פאַר דער טיר פון דעם גרויסן סוד וואָס מיר רופן וועלט זענען די חוקרים געשטאַנען ווי נאַקעטע אָרימעלייט אין די טונקלענישן. אין די דאָזיקע טונקלענישן האָבן זיי אָנגעצונדן קליינע גראָשנדיקע ליכטעלעך. מיט אָט די ליכטעלעך האָבן זיי געפּרוווט ווי ווייט עס איז מעגלעך אַריינצוקוקן אין דעם וואונדערלעכן נישט־וויסן.

די גראָשנדיקע ליכטעלעך האָבן געהייסן משלים און גלייכענישן.

וואָס איז אַ משל?

מען האָט גענומען אַ מענטש און זיין טראַכטן, אַ מענטש און אַלצדינג וואָס עס פּאַסירט מיט אים אין לעבן, און מען האָט זיך אָנגעהויבן פאַרצושטעלן: מן־הסתם געשעט עס אַזוי בערך און מיט טויזנט כביכולס אין דעם גרויסן סוד גופא. מן־הסתם — און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל מן־הסתם — איז דאָ איין גורל און איין געזעץ פאַרן גרעסטן און פאַרן קלענסטן. און מען האָט צו זיך געזאָגט: לאָמיר זיך צוקוקן ווי אַזוי עס

געשעט ביים קלענסטן און מיר וועלן פּרווון אויף דעם סמך אויסצומאָלן אַ השגה ווי אַזוי עס געשעט ביים גרעסטן.

דער בשר־ודם האָט אויסגעטראַכט דאָס שיינע כשוף־לאַמטערל, דעם משל מיין איך, כדי אַרונטערצוקוקן הינטער די שרייפּעלעך פון דער וועלט. ער האָט טיילמאָל געזען טשיקאַווע זאַכן, זאַכן, אויב זיי זענען נישט דער גאַנצער אמת פון דער וועלט, זענען זיי וואָרשיינלעך קרוב לאמת.

איינס פון די מערקווירדיקסטע געשעענישן וואָס דער מענטש האָט געזען הן אין זיך אַליין און הן אין דער סודותדיקער וועלט־מאַשין איז נעמלעך, דאָס אייביקע ראַנגלעניש צווישן חומר און רוח, צווישן אויבן און אונטן. די דאָזיקע מלחמה פירט זיך הן אין דער נשמה פונעם מענטש און הן אין דער נשמה פון דער וועלט. זי מוז שטאַמען נאָך פון ששת ימי בראשית און זי האָט נישט בדעה אויפצוהערן ביז היינט צו טאָג. עפּעס איז מען נאָך, משמעות, אין אַלע עולמות נישט געקומען צו קיין אויסגלייך. און אויך נישט אין דעם עולם־קטן וואָס רופט זיך: דער בן־אָדם. די וואָס זענען שוין פון אויבן ווערן צוריק אַראָפּגעשלעפּט אונטן. און פאַרקערט, די וואָס זענען פון אונטן ווערן בכוח אַרויפגעצויגן אויבן. עס גייט צו ווי אויף אַ קאַרוזעלע. אַלצדינג דרייט זיך עולים ויורדים אין אַ קרייז צווישן ליכט און פינצטערניש. צי וועט סוף כל סוף אַלצדינג אַרויפקומען אויבן, צי אַלצדינג אַראָפּקומען אונטן? דער גרעסטער חכם ווייסט עס זיכער נישט. אפשר ווייסט עפּעס דערפון דער גרעסטער נאַר.

אונדזער מייסטער יאַנקל לערער פון לאָדזש האָט אין זיין וווּנדער־לעכן משל סימבע פלאַכטע זיך באַמיט צו דערגיין אַ טאָלק צווישן אויבן און אונטן. אָבער אויך ער ווייסט עס נישט, און האָצקעט זיך אַרום אויף דער אויבן באַשריבענער קאַרוזעלע, ווי מיר וועלן עס זען אינעם ווייטער־דיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צוויי

עס קוקט אויס ווי סימכע פלאַכטע הויבט אָן צו פאַר־געסן די חתונה. — ער זעט בלויז די זעק מיט דרשה־געשאַנק. — סימכע פלאַכטע ליגט צווישן די וואַרעמע פערענעס און טראַכט וועגן הונגער. — דאָס איז שיסלען און טעפּ?

נאָך דער חתונה, נאָך דעם אַלצדינג וואָס האָט מיט אים פּאַסירט און נאָך דעם מבול פון שפע וואָס האָט זיך פּלוצעם אינמיטן דערין אַ גאָס אַראָפּ געטון אויפן קאָפּ פון סימכע פּלאַכטען איז אים פאַרבליבן אין זכרון נישט מער ווי אַ גאָלדענער נעפּל. ער האָט עס עפּעס נישט געקאָנט באַנעמען און האָט זיך דערין נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבן. די פּאַראַדן, די קלעזמאָרים און די גרויסע חתונה זענען אים איצט אויסגעקומען ווי הלומות אין די הינערפּלעט. נישט מער ווי אויסדוכטענישן. ער האָט עס במעט נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז טאַקע אַזוי געווען.

איין זיכערקייט איז פון דעם אַלצדינג פאַרבליבן. די ווירקלעכקייט וועלכע ער האָט מיט די אייגענע אויגן אויך איצטער געזען אַרום זיך. דאָס האָט ער געמוזט גלויבן.

וויפל סימכע פלאַכטע זאָל זיך נישט האָבן געחידושט איבער זיין מזל, האָט ער פאָרט געמוזט זען אַז ער טראָגט נישט מער קיין פּלאַכטע אויפן נאַקעטן לייב. גייט אָנגעטון אין אַ זשיפּיצע ווי אַלע באַלעבאַטים פון נאַרקאָווע, האָט אַן אשה אַן קיין עין־הרע. אַן אשה אַ גרייס און אַן אָסאָבע, צעוואַקסן ווי אַ בוים פון פלייש און איברים אין דער הויך און

אין דער ברייט. זי הייסט פּעשע די יתומה. ער האָט אַ טאָפּ מיט קופּערנע צענערם וואָס אין אים כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קוק. דער עיקר האָט ער אָן איינגן באַלעבאַטישקייט און שלאָפט נישט מער אויף ר׳ תנחומס פּיע־קעליק. אַרום און אַרום אין זיין פּריש־אויסגעקאַלכטן חדר שטייען פּולע, פּולע זעק מיט עסנוואַרג.

דער דאָזיקער אמת וואָס האָט זיך פאַר סימכע פּלאַכטען פּאַמעלעך אַרויסגעשיילט פון אָט די אַלע גאָלדענע צעשווימענקייטן — איז געבליבן די ממשות נאָכן שיינעם חלום; דאָס איינציקע גאָלדענע קעסטעלע וואָס אַ טונקעלער ים האָט אים אַרויסגעוואָרפן פאַר די פיס. אָט אָ די ממשות האָט סימכע פּלאַכטע געוואָלט גוט באַטאַפּן מיט די הענט כדי זיך כסדר צו פאַרזיכערן, אַז עס איז נישט קיין הינערפּלעט, נייערט טאַקע וואָר און וואָר און נאָך אַ מאָל וואָר.

ער האָט זיך דערמאָנט דעם אייביקן הונגער וואָס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט זינט ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער מאַמעס בויך. ווער די דאָזיקע מאַמע איז געווען האָט ער נישט געוווסט. עס איז אים געווען אַ קנאַפּע נפקא־מינה. סימכע פּלאַכטע האָט פיינט געהאַט צו טראַכטן וועגן זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דער מינוט. די מאַמעס בויך האָט אים אַרויסגעוואָרפן אַ נאַקעטן קיין נאַרקאָוועו. אַ נאַקעטער האָט ער זיך דאָ צווישן נאַרקאָווער יידן נישט־קשה אָפּגעמוטשעט. פאַר אַלעמען אַ חוכא וטלולא. ער האָט פאַר זיי, פאַר די נאַרקאָווער יידן, גע־טראָגן וואַסער, געהאַקט האָלץ, געשייערט זייערע טעפּ און זייערע לייב־טעך לכבוד שבת. ווען זיי האָבן געמאַכט חתונות צי בריתן האָט ער גע־האָרעוועט ווי אַ פערד און דערפאַר באַקומען אַ שטיקל טרוקן ברויט, אָדער — ווען דאָס הארץ פון נאַרקאָוועו איז שוין איבערגעגאַנגען פון שפע — מען האָט אים געלאָזט אָפּלעקן דאָס איבערגעבליבענע אויף די טעלער און דאָס אויסגעקראַצטע פון די טעפּ.

איצט צווישן די זעק מיט עסנוואַרג איז דאָס אַמאָליקע געפיל פון הונגער נאָך שטאַרקער און בולטער אַרויסגעקומען פאַר די אויגן פון סימכע פּלאַכטען. דער מוראַדיקער ווידעראַנאַנד צווישן אַ פולן בויך און אַ ליידיקער קישקע האָט זיך מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אויסגעמאָלן פאַר אים. פּאַמעלעכל האָט עס כמעט אין אים פאַרווישט דעם גאָלדענעם

סימכע פלאַכטע

רויש פון דער חתונה. פון אַלע שיינע זכרונות איז אים פאַרבליבן די איינ־ציקע ממשות; עסן, עסן און נאָך אַ מאָל עסן.

עס איז געווען אין אַ שיינעם פרימאָרגן, באַלד נאָך די שבע־ברכות, סימכע פלאַכטע איז נאָך געלעגן צווישן די פערענעס, אויף זיינע פלייצעס וואָס זענען זיין גאַנץ לעבן געווינט געווען צו שווערער האַראָפּאַשנער משא, האָט ער געפילט די ווארעמע פוילקייט פון אַ גוף צווישן פעדערן. ער האָט זיך נישט געאיילט אויפצושטיין. פעשע אין אַ שלאָף־קופּקע האָט זיך גענומען אַרויסטראָגן די גרויסע פּאָמעניצע וואָס איז פול געווען ביזן אויג מיט די אָפּפאַלעכצן פון נעכטיקן געקעכץ. זי האָט געקוקט אויף סימכע פלאַכטען צווישן די פערענעס און איר ברייט פנים האָט געשיינט.

סימכע פלאַכטע האָט זיך מיטביידע הענט געקראַצט אין קאָפּ און האָט זיך אויסגעגעניצט אויפן הויכן קול.

— גוט מאָרגן, פעשע, האָט ער געזאָגט ווי אין דער וועלט אַריין.

— גוט יאָר, סימכע לעבן, האָט פעשע געזאָגט. אַ גוטן און געזונטן אויפשטאַנד אויף דיר, האָט זי אים געווינטשעוועט ווי אַ גבאיטע — קריך אַרויס פון בעט און גיב אויף דער געשווינד אַ דאַוון אָפּ, איך וועל דיר געבן אָנבייסן.

סימכע פלאַכטע האָט געענטפערט אַ פינצטערער:

— אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן אין איין הונגער און עס האָט מיר גענאָגט אונטערן לעפעלע. איך האָב נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. איך עס און פרעס און עפּעס וויל די קישקע נישט פול ווערן.

— האָסט נעבעך נישט קיין אַפּעטיט, סימכע לעבן, האָט פעשע געזאָגט ווייך און געבליבן פאַר אים שטיין מיט דער פּאָמעניצע. דאַרפסט למען־השם אויפעסן פאַר וועטשערע אַ בינטעלע מיט קנאָבל, כ׳האָב גע־הערט ווי בינקע די רופאטע האָט עס געזאָגט דער רביצין. עס איז אַ רפואה בדיקה צו אַפּעטיט.

— קנאָבל איז אוודאי גוט, און די פּולע זעק מיט דרשה־געשאַנק געפעלן מיר אויך גוט, און דער טאָפּ מיט צענערס געפעלט מיר אוודאי, און אויך דו פעשע די יתומה געפעלסט מיר. עס וואָלט באמת געווען אַ ליכטיק לעבן ווען נישט די טעפּ און די שיסלען.

— וואָס האָסטו, סימכע לעבן, צו די טעפּ און די שיסלען? זיי האָבן חלילה לעבער אויפן דנאָ? האָט פּעשע געפרעגט אַ דערשראָקענע.

— דאָס זענען טעפּ מיט שיסלען? האָט סימכע פּלאַכטע געטון אַ ריטש און זיך אויפגעזעצט צווישן די הויכע פּערענעס, אויך מיר טעפּ מיט שיסלען! סאַמע קיין און שפּיי! קינדער אין די ווינדעלעך לעקן פון אַזעלכע שיסעלעך און נישט קיין עין־הרע שיינע באַלעבאַטים ווי סימכע פּלאַכטע און פּעשע די יתומה. אַט די שיסעלעך מיט די טעפּעלעך מאַכן מיך גראָ און אַלט. איך האָב מורא אַז איך וועל שוין, חלילה, בלייבן הונגעריק ביזן טויט אריין.

פּעשע האָט געטון אַ ביטערן קרעכץ.

— וואָס זשע זאָל איך טון? סימכע לעבן?

— וואָס הייסט וואָס דו זאָלסט טון? האָט סימכע געזאָגט מיט אַ ירגזון, איך האָב געמיינט אַז די רביצין האָט דיך געלערנט חכמה, לסוף ביסטו גאָר אַ גרויסע בהמה! אַט שטיי איך אויף פון בעט און וועל ארויסנעמען פון טאָפּ עטלעכע צענערס. דו, פּעשע, גיי מיט זיי אין מאַרק אריין — היינט איז גראָד אַ יריד — און קויף די אמתע טעפּ מיט די אמתע שיסלען, מיר זאָלן קאָנען האָבן אַ ליכטיק לעבן. קויף גרויסע דוני־צעס און גרויסע טעפּ אין וועלכע מען קאָכט וועש, ווי אויך ווייק־שיסלען. אין די טעפּ וועלן מיר קאָכן און אין די שיסלען וועלן מיר עסן, וועלן מיר ערשט וויסן אַז מיר האָבן חתונה געהאַט און זענען למזל מאַן און ווייב און וועלן זיך עלטערן אין ווילטאָג ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

סימכע פּלאַכטע איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צום טאָפּ מיט געלט, אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע קופּערנע מטבעות און זיי דערלאַנגט פּעשען.

פּעשע האָט אוועקגעשטעלט די פולע פּאָמעניצע אין דער מיט שטוב, און אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק צו טון דעם ווילן פון סימכע פּלאַכטען איר מאַן.

קאַפּיטל דריי

פּעשע אויפֿן יריד אין נאַרקאָווע. — יידן און גויים האַנדלען און וואַנדלען. — ווי די אַמאַליקע בני־ענק.

ביי דער רביצין און פֿון די תחינות וואָס זי האָט זיך אין חופּה־טאָג אָנגעלייענט ווי אַ פֿויק האָט פּעשע געוווסט אַז אַ ווייב דאַרף נישט מער צו טון נייערט צו זיין צום ווילן פֿון איר מאַן. עס איז אַ סגולה צו שלום־בית און צו גוטע קינדער, און עס איז אויך אַ מצווה גלייך ליכט־בענטשן און חלה־נעמען. פּעשע די יתומה האָט די מצווה צו זיין אַ גוט ווייב צו סימכע פֿלאַכטען געוואָלט טון מיטן פֿולן שעפֿל.

ס'איז געווען יאַריד־טאָג אין נאַרקאָווע. פּעשע איז געקומען אין מאַרק אַריין מיט אַ פּאַטשיילע אין וועלכער עס זענען געלעגן פֿאַרבונדן די קופּערנע צענערס וואָס סימכע פֿלאַכטע האָט איר געגעבן. אינמיטן מאַרק איז געווען אַ גרויס קאָכעניש. פּויערים און פּויערטעס זענען געקומען פֿון די אַרומיקע דערפֿער צופֿוס אָדער מיט פֿורלעך. יידן און יידענעס זענען געשטאַנען מיט שטעלעכלעך אָנגעפּאַקטע מיט צעלניק און פֿאַרביקע שניט־סחורות. ביי די גויישע פֿורלעך האָבן יידן באַטאַפּט עופֿות און קעלבלעך. ביי די יידישע שטעלעכלעך האָבן גויים גענישטערט אין די שניט־סחורות. פּויערים האָבן זיך אָנגעמאָסטן די סערעמענגעס וואָס נאַר־קאָווער שניידערוקעס האָבן פֿאַר זיי גענייעט אין די ששת ימי המעשה. פּויערטעס האָבן זיך אָנגעמאָסטן פֿאַרטעכער און בייטשלעך פֿאַרביקע קרעלן. ס'איז געווען אַ געפּילדער צווישן יידן און גויים. מעלה־גרהקע בהמות האָבן געקוקט אויפֿן מאַרק און זיך פּלוצים מיישב געווען און גע־מעקעט. די עופֿות אין די שטייגן אויף די פּויערישע פֿורלעך האָבן אומ־

גערולדיקע געבאָלדערט ווי זיי וואָלטן שוין געוואָלט האָבן די זכיה אַ קוק צו טון אויפן נאַרקאָווער שוחט. שכורע גויים האָבן זיך געוואָלגערט אויף די טרעפּ פון יידישע שענקען, אָדער זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אונטער די אויסגעשפּאַנטע פורלעך. אַ סך יידן האָבן פּלוצים איבערגעלאָזט זייערע ווייבער צווישן גויישן געפּילדער און זענען אַוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אָפּצוכאַפּן דאָס דאַווענען.

ס׳איז נישט קיין שפּילעכל יאַריד־טאָג.

פּעשע האָט זיך מיט דער פּאַטשיילע אין דער האַנט אַרומגעדרייט צווישן די טעפּער. די טעפּער זענען געווען אַלטע שווייגנדיקע גויים פון ווייטע לייטיקע דערפער. דאָרט האָבן זיי געמאַכט ערדענע טעפּ און הילצערנע שעפער און זיי געברענגט צו פאַרקויפן אויפן נאַרקאָווער יריד. די טעפּ און די שעפער זענען געווען אויסגעשטעלט אַרום די אויסגעשפּאַנטע פויערישע פורלעך. די שווייגנדיקע גויים זענען געזעסן און געפרעסן ברויט מיט חזיר.

פּעשע האָט אויסגעקליבן די סאַמע גרעסטע טעפּ און שעפער. זי האָט אַרויסגענומען די מטבעות פון דער פּאַטשיילע, זיי באַשפּיגן פאַר אַן עין־הרע און באַצאָלט די גויים. איך וויל דאָ נישט דערציילן די גריים און די מאָס פון די געפעסן. יאַנקל לערער פון לאָדזש האָט זיי אפשר געזען מיט זיינע לייבלעכע אויגן, וואָרים ער פאַרגלייכט זיי צו קאַמע־ניצעס. איך האָב זיי נישט געזען, און וואָס שייך זייער פאַרנעם פאַרלאָז איך מיך אינגאַנצן אויפן לאָדזשער מייסטער.

די דאָזיקע כלים אין וועלכע ס׳האָבן געגעסן, ווי עס דערציילט דער חומש, סיידן די אַמאָליקע בני־ענק, האָט פּעשע אַהיים געברענגט צו סימכע פּלאַכטען. ער איז נאָך אַלץ געלעגן צווישן די פּערענעס און געוואַרט אויף פּעשען. ווען ער האָט דערזען די געפעסן איז ער אַ שפּרונג אַראָפּ געגעבן פון בעט און געשאַרט מיט די נאַקעטע פּיס אויפן דיל ווי עס איז געווען זיין טבע בעת ער האָט געטראָגן וואַסער.

— פּעשע! האָט ער געטון אַ ריטש, שטעל זיך שוין אַוועק קאָכן דעם אָנבייסן, איך וועל אין דער מינוט אַ רייב־אָפּ געבן דאָס דאַווענען.

קאַפּיטל פיר

סימכע פלאַכטע כאַפּט אָפּ דאָס דאַווענען. — פּעשע שטעלט זיך קאָכן. — אין גרויסן שלום־בית.

סימכע פלאַכטע האָט אויף זיך אַ כאַפּ אַרויף געגעבן טלית און תפי־לין ווי עס וואָלט געברענט, און אַ ברום־אָפּ געטון דאָס מכלומרשטע דאַווע־נען. וואָס ער האָט געקאָנט פון דאַווענען איז אַ חרפּה צו דערציילן. מן־הסתם נישט מער פון אַ גוי. געדאַוונט האָט ער פון אויסנווייניק, מחמת אַ סידור האָט אים געפעלט ווי אַ טויטן באַנקעס. פּעשע האָט אפילו באַלד נאָך שבע־ברכות געזאָגט, אַז זי וועט אים לערנען סידור, בתנאי ער וועט נאָר צוליינן קאָפּ. דערווייל איז עס נאָך נישט געקומען דערצו.

דערווייל האָט פּעשע צעלייגט אַ פייער אין קיך. זי האָט דאָרט אַריינגעשטופּט אַ קלאָפּטער מיט האָלץ. דאָס פייער האָט זיך צעקנאַקט און צעברענט מיט חשק און מיט אימפּעט. זי האָט אַרויפגעשטעלט די גרויסע טעפּ. מיט פולע הענט האָט זי גענומען פון דעם דרשה־געשאַנק אין די זעק און אַריינגעשיט אין די טעפּ.

סימכע פלאַכטע האָט אַפּערגעקוקט פון הינטערן טלית און געזען ווי די טעפּ האָבן זיך צעדברט אויף די פייערקעס. עס איז אַלצדינג געטון געוואָרן אין גרויס געאײַלעניש. פּעשע האָט געגרייט צום טיש און סימכע פלאַכטע האָט זיך אויסגעטון דעם טלית און תפילין.

אין גרויסן שלום־בית האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק אוועקגעזעצט עסן אָנבייסן. די שיסלען מיט געקעכץ האָבן פּאַר זיי געפּאַרעט. זיי האָבן זיך כמעט נישט געקאָנט אָנקוקן מחמת דער גרויסער פּאַרע. דערפאַר האָט מען געהערט דאָס טראַסקען מיט די ציינער און דאָס סמאַטשקען מיט די

ליפן. סימכע פלאכטע האט זיך געווינטשן אזא לעבן מיט זיין אשה פעשע ביז הונדערט און צוואנציק יאר.

ווי אזוי די זעק האבן זיך פאמעלעך אויסגעשעפט און עס האט זיך אויסגעדוכט, אז אויפן ליכטיקן שלום־בית קלייבט זיך א שווערער וואלקן — פון דעם וועט דער לייענער געוויר ווערן אין ווייטערדיקן קאפיטל.

קאַפּיטל פינף

אַ וואָרים אין כריין. — תכלית. — עס טאָגט אין די זעק. — עס פּיקן די מחשבות ווי בייזע פייגל. — אַ תכלית־שמועס צווישן סימכע פלאַכטען מיט פּעשען. — אַרבעטן? — אומזיסט האָט ר׳ פּייוועלע געשפּילט אַ וואָלעכל? — סימכע פלאַכטע וויל ווערן אַ רב.

אין דעם דאָזיקן ליכטיקן שלום־בית זענען פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן. סימכע פלאַכטען האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער ליגט אין כל־טוב ווי דער וואָרים אין כריין. זיין קאָפּ האָט קיינמאָל נישט געהאַט די טבע צו טראַכטן און צו חשבונען אַ טריט ווייטער ווו עס דערגרייכט די נאָז. ער האָט געגלויבט, אַז די זעק מיט דרשה־געשאַנק זענען אַ תהום פון שפע, אַ תהום, וואָס האָט נישט קיין דנאָ און שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס. ווען פּעשעס הענט וועלן זיך נאָר דאָרט אַריינשטעקן וועלן זיי, די זעק מיט שפע, איר אַקעגנקומען ווי די געבענטשטע ברונעמער מיט זייער וואַסער. דאָס ליכטיקע לעבן וועט זיך ציען ביז, ביז. ווייטער פון דעם „ביז" האָט סימכע פלאַכטע נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט נישט גורם געווען די נעכטיקע טעג פון די טראַכטעניש.

אויך פּעשע האָט אויף זיך נישט געהאַט קיין קאָפּ פון אַ מיניסטער, פונדעסטוועגן האָט זי ביי דער רביצין אין שטוב צוגעזען באַלעבאַטישקייט און געהערט דאָרט ווי אַלערליי ווייבער שמועסן פון תכלית. וואָס עס איז אַזוינס תכלית, האָט איר די רביצין קיינמאָל נישט געזאָגט. די רביצין

האָט צו איר אָפּט געזאָגט: אַלטע מויד, וואָס וועט זיין פון דיר דער תכלית? פּעשע האָט געמיינט אַז די רביצין וויל זי זידלען. פּעשע האָט נאָר געפילט אַז תכלית איז זייער אַן אומעטיק וואָרט און עס זאָגט דעם מענטשן נישט צו קיין איבריק גוטס.

ביז איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אונטער די פייערקעס פון דער קיך האָבן געקנאַקט און געפלאַקערט די פעטע פלאַמען פון די האָלץ־שייטן, דאָס וואַסער אין די טעפּ האָט אָנגעהויבן צו זידן ווי אַ צעיאַכ־מערטער גזלן. פּעשע האָט זיך אָראָפּגעבויגן צו די זעק כדי צו שעפּן פון די אייביקע אוצרות. צום ערשטן מאָל כמעט האָט זי אָנגעהויבן צו באַ־מערקן אַז עס זענען שוין נישט די אייגענע זעק. זיי הויבן זיך פּאַמעלעכל אָן אויסצולײדיקן. אין אַ סך פון די זעק האָט מען שוין געקאָנט זען דעם פּאַרלאַטעטן דנאָ. די זעק ווערן עפּעס ווי לעבעדיק, עפּענען ליידיקע פינצטערע מיילער און שרייען צו איר ווי אַמאָל די רביצין.

— פּעשע, אַלטע מויד, וואָס וועט זיין דער תכלית?

פּעשען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, זי האָט באַנומען וואָס עס הייסט אַזוינס תכלית, און אַז די זעק מיט דרשה־געשאַנק ווילן מער נישט געבן.

סימכע פלאַכטע איז דערווייל געשטאַנען אָנגעטון אין טלית און תפילין און געברענט צום אָנבייסן. דערווייל האָט ער עפּעס געבעבעט. אָך און וויי, עס האָט געהייסן אַז ער דאַוונט. די אויגן זיינע האָבן גיריק געקוקט אויף די צעיאַכמערטע טעפּ, אויף די פייערקעס און אויף פּעשען ביי די זעק.

פּעשע האָט געטון אַ שווערן זיפץ און מיט גרוים עצבות אַרויסגע־נומען פון דעם מזל־ברכה וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים טאָגן. כדרכה האָט זי דערווייל אָנגעשיט פולע טעפּ. סימכע פלאַכטע האָט געצופּט דעם טלית, ער האָט געברומט און געברענט ווי אויף קוילן.

ביים אָנבייסן איז דאָס פּאָר־פאָלק געזעסן ביי פּאַרעדיקע שיסלען. סימכע פלאַכטע האָט געגעסן מיט גרוים אַפּעטיט און די צונג האָט זיך אים געווייקט אין די מאכלים. אַזוי ווי ער האָט נישט ליב געהאַט צו טראַכטן און אַרויסצוקוקן פון דער שיסל בעת ער האָט געגעסן, האָט ער

סימכע פלאַכטע

צומאָל נישט באַמערקט ווי פּעשעס לעפל אַרבעט נישט מיט דעם אַמאָליקן אימפּעט.

פּעשע האָט געקוקט אויף איר סימכען און אויף זיין אַפּעטיט קיין עין־הרע — איז איר נאָך פינצטערער געוואָרן פאַר די אויגן. די מחשבות האָבן איר געפּיקט אין מוח ווי בייזע פייגל. אין סימכע פלאַכטעס שיסל האָט שוין געהאַלטן ביים דנאָ. פּלוצים האָט זי אַ זאָג געטון:

— סימכע לעבן, ס'איז נישט גוט.

סימכע פלאַכטע האָט געמיינט אַז דאָס איז פּעשע אויסן די פּעטש געקעכצן פאַר וועלכע ער זיצט. ער האָט נישט האָלט געהאַט צו הערן רכילות אויף עסנוואַרג.

— ניין, דאָס עסן איז גוט, ס'איז גאָר גוט, האָט ער געריטשעט מיט אַ פול מויל און דאָס געקעכץ איז אים געראָנען איבער די ליפּן. עס איז גאָר גוט, פּעשע מיין ווייב, וואָס דו קאָכסט אין די גרויסע טעפּ.

— איך מיין נישט דאָס געקעכץ, האָט פּעשע געזאָגט אַ פינצטערע. קוק אויף טשעקאַוועסט אַריין אין די זעק, סימכע לעבן, ס'הויבט דאָרט אָן צו ווערן חושך.

— וואָס הייסט חושך אין דרשה־געשאַנק? האָט סימכע פלאַכטע געוואָלט אויפשפּרינגען, אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז ר' תנחום דער בעקער גיט אים מיט אַ לאַפּעטע איבערן קאָפּ.

— עס האַלט ביים אויסשפּייען אין די זעק, סימכע לעבן. אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין וועלן מיר, איך זאָל מיין מויל נישט עפענען צום בייזן, אָנהויבן הונגערן.

ערשט ביים וואָרט הונגערן וואָס האָט פול געמאַכט זיין געמיט, זיינע מחשבות און זיינע אינגעווייידן, האָט סימכע פלאַכטע אוועקגעלייגט דעם לעפל, געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און געקוקט אויף פּעשען ווי זי וואָלט פּלוצים משוגע געוואָרן און פאַרנעמט זיך אים צו קוילען מיט אַ מעסער. וואָס הייסט הונגערן? האָט ער געוואָלט אַ ריטש טון, נאָר די צונג האָט זיך אים נישט גערירט אין מויל, דערצו האָט ער אין מויל מיט אַ מאָל דערשפּירט אַ ביטערניש.

— סימכע לעבן, האָט פעשע געזאָגט און סימכע פלאַכטע האָט געזען ווי פעשע מאַכט אַ טרויעריק פנים — אין די זעק האַלט עס ביי אַ ליידיקן ויהי־רחום.

זי האָט אים פאַמעלעך געגעבן צו פאַרשטיין ווי עס שטייט מיטן דרשה־געשאַנק.

עס האָט סימכע פלאַכטען געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין. ער איז געוואָרן אַזוי פריטשמעלעט, אַז האַלטנדיק אַ פולן לעפל אין דער האַנט האָט ער אים נישט באַוויזן אַריינצונעמען אין מויל אַריין.

— וואָס זאָלן מיר טון? האָט ער געגעבן אַ הוק אויף פעשען.

פעשע איז געוואָרן ווייכער און זיך באַמיט צו שמייכלען:

— מיין ליבער מאַן, ביסט אַמאָל געווען אַ שיינער פאַרדינער און האָסט געטראָגן וואַסער איבער נאַרקאָווע. עס איז מיין קלוגע עצה: נעם פונדאַסניי די שאַנדעס און די קאַנען און טראָג וואַסער איבערן שטעטל. וועסט פאַרדינען געלט און פאַרן געלט וועלן מיר ווידער אָנפילן די זעק מיט כל־טוב. איך וועל דיר קאָבן די אמתע אָנבייסנס און וועטשערעס. טאָמער חלילה, לא יעלה ולא יבוא, וועלן מיר זיך פאַרלאָזן אויף די בלויזע זעק, וועלן מיר, אויף אַלע פוסטע קרעטשמעס — דאָ האָט פעשע דריי מאָל אויסגעשפיגן — בלייבן מיט ליידיקע בייכער און מוזן אַוועקלייגן די ציין אויף די פּאָליצעס.

— וואַסער־טראָגן? האָט סימכע פלאַכטע געבעבעט און געפינטלט מיט די אויגן (ער האָט נאָך אַלץ כמעט ווי נישט געהערט ווי פעשע רעדט) וואַסער־טראָגן נאָך דער שיינער חתונה? אומזיסט איז געווען די חופה ביי דער שול? אומזיסט האָט ר׳ פייוועלע געשפילט אַזאַ וואָלעכל? אומזיסט האָט ר׳ זישע אַזוי געזאָגט און געזונגען? וואָס הייסט עפּעס? ווידער סימכע פלאַכטע מיט די שאַנדעס?

פעשע האָט זיך צו אים צוגערוקט, זי האָט אַוועקגערוקט איר שיסל און אַוועקגעלייגט איר לעפל. וואָס מיינסטו, סימכע לעבן, איז אַ חתונה? אַלע יידן אין נאַרקאָווע האָבן אַמאָל חתונה געהאַט. די חתונה גייט אַוועק, די קלעזמאָרים הערן אויף צו שפּילן, די פייגעלעך הערן אויף צו זינגען, חתן־כלה למזל ווערן באַלעבעסלעך און מען מוז אַרבעטן. פּרנסה איז נישט קיין געבראָטן טייבעלע וואָס פליט גלייך אין מויל אַריין. מען מוז אַר־

בעטן אויף פּרנסה, סימכע לעבן. קיין בייז אויג, מיט די שאַנדעס און די קאַנען ביסטו געווען אַ גילדענער פּאַרדינער. מען מוז ווידער טראָגן וואַ־סער און מיר וועלן האָבן צו עסן.

— אַרבעטן, אַרבעטן, האָט סימכע פלאַכטע ביטער נאָכגעקרימט פעשעס ווערטער, ווייניק האָבן זיך מיינע פּלייצעס אָנגעפּראַצעוועט? בנאמנות פעשע, ווען איך וואָלט וויסן אַז נאָך אַזאַ חתונה איז אַלצדינג אַיים און מען מוז ווידער טראָגן וואַסער וואָלט איך נישט חתונה געהאַט. וואָלסט דיר געמעגט בלייבן אַן אַלטע מויד ביי דער רביצין. אַזאַ גאָל־דענע חתונה, און דערנאָך גיין טראָגן וואַסער? אַרבעטן, זאָגסטו פעשע? איך האָב בנאמנות געמיינט, ווען מען האָט חתונה הויבט זיך אָן אַ ליכ־טיק לעבן און מען זיצט צוזאַמען מיטן ווייב און מען עסט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

—יעדער מענטש מוז אַרבעטן, האָט פעשע געזאָגט ווייך, זי האָט זיך באַמיט צו זיין באַהאַרצט צו סימכע פלאַכטען ווי אַ מאַמע צו אַ קינד, סימכע לעבן, דאָס עסן פליט נישט אין די שיסלען אַריין דורך דער סטעליע.

— דו זאָגסט זאָלסט מיר מוחל זיין אַ גראָבע ליגן. דער רב זאָל לעבן אַרבעט נישט און פונדעסטוועגן האָט ער ברוך־השם צו עסן.

פעשע איז געוואָרן פריטשמעליעט.

— דער רב זאָל לעבן איז אַ רב און אַ גוטער־ייד, און דו קאָנסט, זאָלסטו מיר מוחל זיין, נישט קיין צלם פאַר קיין אלף.

סימכע פלאַכטע וואָס האָט במשך דעם גאַנצן שמועס געהאַלטן דעם לעפל אין דער האַנט, און מיט דער אַנדערער האַנט צוגעהאַלטן דעם טע־לער ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז ער זאָל פון אים נישט אַנטלויפן, האָט מיט אַ מאָל אַ קלאַפּ געטון מיטן לעפל אין טיש אַריין ווי אים וואָלט עפּעס ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ.

— פעשע לעבן, האָט ער געזאָגט און צו איר אַהין געקוקט ווי ער וואָלט זיך ביי איר געבעטן, נאָך אַזאַ חתונה אַרבעט מען נישט. איך קאָן מער נישט טראָגן קיין וואַסער. איך וויל אויך זיין אַ רב ווי דער רב זאָל לעבן. דו ווייסט דאָך ווי אַזוי מען ווערט אַ רב. ביסט דאָך ביי אים געווען טאָג ווי נאַכט. דו ווייסט וואָס אַ רב טוט כדי ער זאָל האָבן

פון אַלדעם גוטן און נישט דאַרפן צו אַרבעטן. איך וויל אויך ווערן אַ רב. זאָלן אַנדערע טראָגן וואַסער.

פּעשע האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

— ראשית, גייט אַ רב אין אַ ווייסע זשיפּיצע און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לאַנגן ווייסן גאַרטל, און טראָגט אַ גרויסן ספּאָדיק אויפן קאָפּ. ער האַלט אין דער האַנט אַ גרויסן יאַמשענעם שטעקן מיט אַ קאָשטער, זיצט איבער אַ גרויסן לאַנגן סידור שאָקלט זיך און שרייט. אַז ער דאַוונט לויפט ער אַהין און אַהער, פּאַטשט מיט די הענט אין דער וואַנט און מאַכט געוואַלדן. נאָכדעם קומען אַריין יידן, זאָגן אים: גוט־מאָרגן רבי און גיבן אים געלט און ער באַדאַרף נישט צו אַרבעטן.

— דאָס איז אַלצדינג? האָט סימכע פלאַכטע געטון אַ לאַך־אויף אַ צופרידענער, און דו, פּעשע נאַר, הייסט מיך נעמען די שאַנדעס און די קאַנען אויף די פּלייצעס. ניין. איך וויל בעסער ווערן אַ רב. פּאַטשן מיט די הענט קאָן איך בעסער ווי דער רב זאָל לעבן. לויפן אַהין און אַהער קאָן איך בעסער ווי ער, און שרייען וועל איך — אַז נאַרקאָווע וועט זיך צוזאַמענלויפן און זען ווי סימכע פלאַכטע איז געוואָרן אַ רב, און וועלן מיר ווידער ברענגען זעק מיט דרשה־געשאַנק.

— און דער סידור? האָט פּעשע געפרעגט.

— זאָרג זיך נישט, פּעשע לעבן, אויך מיטן סידור וועלן מיר זיך שוין אַן עצה געבן, אַבי גיי נאָר און שאַף מיר אַ ווייסע זשיפּיצע, לאַנג און ברייט, און פאַרזאָרג מיך מיט אַלצדינג וואָס אַ רב באַדאַרף.

פּעשע איז געזעסן און זיך געקראַצט אונטער די שלאָף־קופּקע, עפּעס האָט זיך איר נישט צוגעגלויבט אַז סימכע פלאַכטע קאָן אויף אַן אמתן ווערן אַ רב?

און וואָס מיינסטו, טייערער לייענער?

די וועלט איז נישט מער סיידן אַ שפּיל־קעסטעלע אויף אַ קאַטאַרינקע. אויף דער וועלט־קאַטאַרינקע, מיין איך, זענען אויך פאַראַן ווייסע מייזעלעך, וואָס ציען אַרויס די גורל־קוויטלעך. אויף גאָר נישט דאַרף מען זיך הידושן. אַלצדינג איז מעגלעך. אַלצדינג — סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע — קאָן אונדז באַגעגענען אויף די אומפאַרשטענדלעכע וועגן פון דער וועלט, ווי מיר וועלן טאַקע זען אין די ווייטערע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל זעקס

דער קליינער שכל און דער גרויסער רצון. — וויאָ פערדעלע. — צווישן די ארזי־לבנון. — בגדי־מלכות.

די וועלט זאָגט: אַ נאַרישע יידענע. די וועלט זאָגט אויך, אַז אַ יידענע האָט לאַנגע האָר און אַ קורצן שכל. מן־הסתם איז עס אַזוי פון ששת ימי בראשית און מיר זעען עס כּידוע אפילו ביי אונדזער מוטער חוה. צוריקגעשמועסט, האָט די נאַרישסטע יידענע אין זיך אַ היפּשע מאָס ביטערקייט מיט וועלכער זי קאָן איבערביטערעווען דעם קליגסטן מאַנסביל. דער קורצער שכל האָט זיך נישט מיט וואָס לאַנג מיישב צו זיין און גלויבט דערפאַר גיכער אין דער מערכה און אין דער קלוגער אייגזעעניש פון דעם מכלומרשטן צופאַל. נישט איינמאָל זענען מיר עדות ווי דער קליינער שכל שטעלט דעם גרויסן שכל אויס פאַר אַ לעמעשקע, און דאָס נאָר דעריבער ווייל דער גרויסער שכל האָט זיך געקווענקלט צו שפּילן אויף דער מערכה. דער קליינער שכל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, ער האָט זיך בלינד אַרויפגעזעצט אויף דער מערכה ווי אויף אַ צעהאָצקעט פערדל, אַ געשריי געטון וויאָ, און טאַקע אוועק געריטן אַהין וווּ מען דאַרף.

פּעשע, ווי מיר קאָנען זי פון די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז אוודאי נישט געווען קיין גרויסע חכמה. קיין שום קלוגע רייד האָבן איר נישט אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ. די רביצין וואָס איז גראָד געווען אַ קלוגע יידענע האָט געהאַט מיט איר צו זינגען און צו זאָגן. דערפאַר האָט זי, פּעשע, באמת געהאַט אַן אָפן אויער פאַר דער מערכה. ווייל זי האָט געהאַט אַזוי ווייניק צו פאַרשפּילן האָט זי געהאַט אַזוי פיל צו געווינען.

סימכע פלאַכטען מאַכן פאַר אַ רבֿ? דער וואָס האָט נאָר געהאַט אַן עוקץ שׂכל אין זיין מינדסטן נעגעלע וואָלט געלאַכט אין די פויסטן. ער וואָלט געזאָגט — און וואָלט אפשר גערעכט געווען — די וועלט איז פּשוט משוגע געוואָרן מיט דעם איינפאַל צו מאַכן גראָד דעם קלענסטן פאַר דעם גרעסטן און אַריינצושטעלן דאָס ווינציקסטע גרעזעלע ווי אַ גלייכן צווישן די ארזי־לבנון. מעגלעך, דער מחבר גופא וואָלט דאָס נעמ־לעבע געטראַכט ווען ער וואָלט נישט געווען געזען ווי דורך אַ קליינע מצווה — הכנסת כלה — האָט דאָס פּיצעלע שטעטעלע נאַרקאָווע אַ ריר־געטון ביי די רעדער פון אַלע עולמות. אפּנים קוקט עס אויס, אַז אין דעם גאַנג פון דער וועלט לאָזט מען דעם תם אָפּט אַריינקוקן אין אַזעלכע שפּעלטעלעך ווו דער חכם באַווייזט גאָר נישט אַריינצוקומען. די פּשוטע אמונה אין נסים אויף וועלכער עס פאַרלאָזט זיך אַ פּראָסטע יידענע, קאָן טיילמאָל אויפטון וווּנדער איבער וווּנדער... און דער גרויסער חכם — ער חקרנט און חקרנט און מען ווייזט אים נישט מער ווי אַ גרויסע פייג.

זיכער וואָלט עס מצד דעם מחבר געווען אַן עוולה ווען ער וואָלט חלילה פאַרגעשטעלט פּעשען ווי אַ שווינדלערקע וואָס האָט געהאַט בדעה אויסצונאַרן די בכורה ביי נאַרקאָווע און ביי דער וועלט. דער מחבר וואָלט דאָ געוויזן אַז ער איז אַליין, זאָל ער מיר מוחל זיין, נישט־קשה פון אַ לעמעשקע און ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס אין די דרכים פון מענטש־לעכן גורל און מענטשלעכן טראַכטן. דער חוכא וטלולא סימכע פּלאַכטע און די קהלישע יתומה פּעשע זאָל גאָר וועלן אָנטון דער וועלט אַ ספּאָ־דיק און די וועלט וועט זיך טאַקע לאָזן? וועט עס דער טייערער לייענער טאַקע גלייבן דעם מחבר אויפן וואָרט? ווי מיר האָבן געזען איז נאַרקאָווע געווען אַ שטאָט קיין עין־הרע אָנגעשטאָפּט מיט תורה און מיט לומדים. אפילו אַזאַ בהמה ווי פּעשע האָט דוכט זיך געמוזט וויסן אַז נאַרקאָווע וועט זיך נישט לאָזן פירן אין באָד.

אלא וואָס זשע דען? מיר מוזן ווידער קומען צו דער וווּנדערלעכער מסקנה: מן־הסתם האָט דער פּראָסטער און דער נידריקסטער אַ געפיל און אַן איינזעעניש, אַז דאָס וווּנדערלעכע און אומפאַרשטענדלעכע באַ־לאַנגט גאָר צום תוך פון דער וועלט. און דער פּראָסטאַק פּרוווט דעריבער צו שטעלן דאָס גורל־שפּיל פון לעבן דווקא אויף דער טונקלסטער קאָרט.

מן־הסתם, מחמת דעם דאָזיקן געפיל, האָט פעשע נישט לאַנג גע־בריִעט און געקויפט ווייסע ברייטע קרעיעס און געלאָזט מאַכן פאַר סימ־כע פלאַכטען א לאַנגע רבנישע זשיפּיצע מיט לאַנגע ארבל און מיט מעשענע האָקעס. זי האָט געקויפט א ווייס האַנטעך פון פינף אייֵלן פאַר א גאַרטל. זי האָט געוווּסט אַז ביים רב אויפן בוידעם ליגט אַן אַלטער אויסגעקראַכענער ספאָדיק נאָך פון תרחם צייטן און זי האָט דעם ספּאָדיק געבערענגט. אויב א מענטש טוט — ווי מיר ווייסן — א מעשה וועלכע ער באַנעמט נישט, טוט ער עס, ווי געוויינטלעך מיט איבערטרייבענישן און גוזמאות. פעשע האָט געוואָלט מאַכן סימכע פלאַכטען פאַר א רב און אומגעלומפּערט נאָכגעמאַכט אַלצדינג וואָס זי האָט געזען ביים רב זאָל לעבן פון קהילת נאַרקאָווע. זי האָט געזוכט א יאַמשענעם שטעקן מיט א קאָשטער, און דעריבער געפאַלן אויף אַן המצאה צו נעמען א שטעקן פון א בעזים און לאָזן מאַכן ביי א בלעכער א בלעכענעם קאָפּ כדי עס זאָל אויסקוקן ווי א רבנישער יאַמשענער שטעקן מיט א זילבערנעם קאָש־טער. סימכע פלאַכטע האָט זיך אָנגעמאָסטן די רבנישע בגדים. אין פאַר־צייטישן פוילן האָט מען נישט געוווּסט פון קיין שפּיגל. מען האָט גע־מוזט פרעגן ביי א צווייטן וואָסער פּנים מען האָט. סימכע פלאַכטע האָט גענומען דעם בעזים־שטעקן אין דער האַנט אַריין און געפרעגט ביי פעשען:

— נו, פעשע לעבן, בין איך שוין א פּאַרטיקער רב?

— מיין מאַמע זאָל מיר אַזוי לעבן ווי יאָ, האָט פעשע געזאָגט א צעשטראַלטע און א צעחדושטע, אָבער עס פעלט דיר נאָך דער גרויסער לאַנגער סידור.

— גיי אַהין צום רב זאָל לעבן, האָט סימכע פלאַכטע געזאָגט מיט א ירגזון, דאָרט שטייט א גרויסער אַלמער פול מיט סידורים און ברענג מיר פון דאָרט א סידור, נאָר ער זאָל זיין גרויס און דיק.

פעשע איז אַהין געגאַנגען צו דער רביצין מיקלאָמפּערשט עפּעס זוכן. איז זי דאָך געווען דאָרט א בן־ביתטע און זי האָט צו סימכע פלאַכ־טען געבערענגט צוטראָגן א גרויסע ש"ס־גמרא.

— איצט פעלט דיר שוין גאָר נישט, סימכע לעבן, האָט פעשע א באַשמחהטע געזאָגט נאָך ביי דער טיר האַלטנדיק די ש"ס־גמרא מיט ביידע הענט.

י. י. טרונק

דערהערט די הסכמה פון פעשען אז ער איז שוין א פאַרטיקער רב, איז סימכע פלאַכטע געקומען צו דער זעלבסטפאַרשטענדלעכער מסקנה; קודם־כל איידער ער שטעלט אַרויף זיין פוס אויפן ערשטן טרעפּל פון דער הויכער מדרגה איז דאָס גלייכסטע פון דעם גלייכסטן און דער יושר פון אַלע יושרס, היות אין די זעק האַלט עס שוין ביי „עלינו״, זאָל מען פאַר־געסן אַלע עצבותן און מיט דעם סאַמע ל ע צ ט ן אָנפילן די טעפּ פונקט ווי אין די ערשטע טעג נאָך שבע־ברכות. מיט דעם גרויסן בטחון אויפן מאָרגן וואָס וועט זיכער ברענגען כל־טוב, זאָל מען זיך געזעגענען מיטן נעכטן אויך מתוך כל־טוב.

קאַפּיטל זיבן

סימכע פלאַכטע פאַרן פענצטער. — יידן קומען דער־ווייל נישט. — פינצטער און ביטער.

סימכע פלאַכטע האָט זיך אָנגעטון די ווייסע זשיפּיצע און דעם אויסגעקראָכענעם ספּאָדיק אויפן קאָפּ. ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין דעם לאַנגן בעזים־שטעקן מיטן בלעכענעם קאָשטער און זיך אַוועק־געזעצט ביים פענצטער כדי יידן זאָלן זען וואָס סימכע פלאַכטע איז געוואָרן. פּעשע האָט פאַר אים אויפגעמישט די ש״ס־גמרא וואָס זי האָט צוגעלקחנט פון נאַרקאָווער רבס אַלמער. פאַרשטייט זיך אַז זי האָט די אויפגעמישטע גמרא אַוועקגעלייגט פאַר סימכע פלאַכטען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּים אַרויף. סימכע פלאַכטע האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען איבער דער גמרא. ער האָט זיך געשאָקלט גלייך ווי ער וואָלט געהאַט דאָס זיבן־יאָריקע קדחת, דערביי האָט ער געריטשעט, געמאַכט ווילדע קולות. ביי אים איז אויסגעקומען אַז ער טוט עס פּונקט אַקוראַט ווי דער נאַרקאָווער רב זאָל לעבן.

פּעשע האָט געהאַט אַזאַ אמונה אין דער מערכה וואָס סימכע פלאַכטע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן, אַז זי האָט זיך אַזש אַוועקגעשטעלט אינדרויסן פאַרן פענצטער, בכדי ווען נאַרקאָווער יידן וועלן אָנקומען צו לויפן און ברענגען געלט און פריש דרשה־געשאַנק זאָלן זיי זיך חס ושלום על פּי טעות נישט פאַרבלאָנדזשען. זי איז געשטאַנען גרייט זיי צו ווייזן דעם וועג צום נייעם צדיק.

קיין שאָטן פון אַ ייד האָט זיך דערווייל נישט באַוויזן.

— שאָקל זיך שטאַרקער, סימכע לעבן, האָט זי צו אים אַריינגעשריגן

דורכן פענצטער, שריי העכער. די יידן, זעט זיך אויס, האָבן דיך נאָך נישט דערהערט.

סימכע פלאַכטע האָט זיך צעטרייסלט ווי אַ וויכער, זיך געשאָקלט און געריטשעט איבער דער פאַרקערטער ש״ס־גמרא, אויף וואָס די וועלט שטייט.

קיין פיצל שאָטן פון אַ ייד האָט זיך נישט באַוויזן.

עס האָט אַזוי געדויערט עטלעכע שעה.ביים פאַרפאַלק זענען דער־וויילֿ די קישקעס געוואָרן ליידיק און מען האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט עסן.

נאָכן עסן האָט זיך די שפּילֿ אָנגעהויבן פונדאָסניי. עס זענען פאַר־גאַנגען עטלעכע טעג. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן פאַרן פענצטער. אין די זעק האָט מען שוין געמוזט קראַצן מיט די נעגל כדי פון דאָרט וואָס עס איז אַרויסצובאַקומען. אָנשטאָט די נאַרקאָווער יידן וואָס זאָלן קומען מיט נייע זעק און מיט געלט האָט גאָר דער הונגער זיך פאַרנומען צו קלאַפּן ביי סימכע פלאַכטעס טיר.

ס׳האָט אויסגעקוקט צו ווערן ביטער און פינצטער.

קאַפּיטל אַכט

עס טאָגט אין די קאַרטאָפּלעס. אפשר צוריק וואַסער־טרעגער? — מאָרגן בלי נדר אינדערפרי כלחוך השור.

אַ יידענע האָט נישט האַלט צו זיין שטאַנדהאַפטיק. אויף די וואָג־שאָלן צווישן אמונה און ספק הוידעט זי זיך אַרויף און אַראָפּ און פאַר־געסט במחילה גאָר אָפט וואָס זי האָט געזאָגט מיט אַ מינוט אויף צוריק. שוין די חז״ל האָבן געזאָגט: נשים דעתן קלות.

פּעשע האָט געזען אַז ס׳פּאַרגייען טעג. סימכע פּלאַכטע טוט נעבעך מיקלאָמפּערשט אַלצדינג וואָס אַ רב באַדאַרף צו טון. נאַרקאָווער יידן בלייבן פּאַרט ווי טויב און קומען נישט. עס האַלט שוין ביי די לעצטע קאַרטאָפּלעס אין די זעק. דאָס וואָרט „תכלית״ וואָס זי האָט געהערט ביי דער רביצין שטייט ווידער פאַר איר ווי אַ שוואַרצער שד, דעקט אויף די הינערישע פּיסלעך, לאַכט רחמנא ליצלן און שטשירעט מיט די ציין. האָט זי געטון אַ ביטערן זיפץ און גענומען ווידער רעדן צו סימכע פּלאַכ־טען, וואָס הגם ער איז איצט געגאַנגען אָנגעטון ווי אַ רב, האָט ער אָבער ביי דער שיסל זיך אויפגעפירט ווי דער אַמאָליקער וואַסער־טרעגער. זי האָט אים געזאָגט בזה הלשון:

— סימכע לעבן, האָט זי געזאָגט, עס טאָגט אין די לעצטע קאַר־טאָפּלעס. אויף מאָרגן אם ירצה השם האָב איך נישט וואָס אַריינצולייגן אין די טעפּ. דו שאָקלסט זיך און שרייעסט, און קיינער קומט יאַקאָש נישט. אפשר איז פּאָרט מער תכלית די קאַנען און די שאַנדעס.

סימכע פּלאַכטע האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון דער מדריגה.

— נאַרקאָווע ווייסט נאָך נישט אַז איך בין אַ רב, האָט ער געזאָגט,

משמעות אז בלויז זיצןביים פענצטער ווי א רב איז וויניק. יידן אין נאר־קאָווע זענען ברוך השם פאַרהאַוועט און קיינעם פעלט נישט איין אַז ערגעץ הינטער אַ פענצטער זיצט אַ נייער רב. מאָרגן בלי נדר באַלד אינדערפרי כלחוך וועל איך מיך אָנטון ווי אַ רב און גיין אין בית־המדרש אריין דאַווענען. איך וועל מיך ווייזן פאַר קהל. יידן מוזן זען בחוש וואָס פון סימכע פלאַכטען איז געוואָרן. זיי וועלן שוין שפּעטער קומען און ברענגען פון כל־טוב. נאָר געדענק, פעשע לעבן, איך האָב געזען וואָס דו קאָנסט קיין עין־הרע אַוועקטון ביי דער שיסל — ווען איך וועל אַוועק־גיין דאַווענען און זיך ווייזן פאַר יידן, זאָלסטו מיר דערווייל נישט אויפ־פרעסן דאָס לעצטע ביסל אכילה. איך קאָן נישט — אויף אַלע פּוסטע ווינטן — בלייבן ביי אַ ליידיקער קישקע.

פעשע האָט אים פאַרזיכערט:

— איך וועל דיר זיכער איבערלאָזן פון די קאַרטאָפלעס, סימכע לעבן, מיין מאַן. נאָר זוים זיך נישט לאַנג. מיך קאָן פונאויפסניי אָנהייבן צו הונגערן. איך קאָן מיך חלילה פאַרגעסן און אויפעסן דאָס לעצטע.

סימכע פלאַכטע האָט פאַרמאַכט די גמרא און אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער. ער האָט געזען אַז דאָס זיצן ביים פענצטער ווי אַ רב וועט נישט ברענגען צו קיין תכלית. ער האָט אויסגעטון די ווייסע זשיפּיצע מיטן ספּאָדיק און צוריק געוואָרן דער אַלטער וואַסער־טרעגער. ער האָט צוזאַמען מיט פעשען אויפגעגעסן דאָס לעצטע ביסל וואָס איז נאָך פאַר־בליבן אין די טעפּ און זיך געלייגט שלאָפן נישט מיט דעם זעלביקן פולן בויך ווי אין די פריערדיקע נעכט. דערפאַר האָט ער אַ גאַנצע נאַכט גע־האַט שיינע חלומות. ער האָט געחלומט פון דעם מאָרגנדיקן טאָג ווען ער וועט זיך ווייזן ווי אַ רב לעיני כל ישראל פון נאַרקאָווע, און ווי מיר וועלן עס זען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל ניין

סימכע פלאַכטע גייט אַרויס אויפן מאַרק. — יידן לויפן זיך צוזאַמען אויפן בייזן ווונדער. — סימכע פלאַכטע אויף דער שוועל פון בית־המדרש. — סימכע פלאַכטע אין וואַלד. — ער שטעלט זיך אַוועק דאַווענען הינטער אַ בוים.

צומאָרגנס אינדערפרי, טאַקע גאָר כלחוך, די ליבע זון האָט אויפגעשיינט און נאָרקאָווע האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די ביינאַכטיקע אייערשאָלן. סימכע פלאַכטע האָט זיך געפעדערט אָנצוטון די ווייסע רבישע זשיפּיצע, דעם אויסגעקראָכענעם ספּאָדיק און זיך אַרומגעגאַרטלט מיטן ווייסן גאַרטל. ער האָט גענומען דעם בעזים־שטעקן אין דער האַנט אַריין און דעם גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם. נאָך א מאָל האָט ער אָנגעזאָגט פּעשען, אַז זי זאָל זיין איינגעהאַלטענער אין איר יצר־הרע און נישט אויפעסן דאָס לעצטע ביסל. ער האָט תמיד געזען ווי שיינע יידן קושן די מזוזה ביים אַוועקגיין. סימכע פלאַכטע האָט אויך אַרויפגעלייגט זיין אויסגעפּראַצעוועטע האָראָפּאַשנע האַנט אויף דער מזוזה, אַ סמאָטשקע געטון דער האַנט, אויפגעמאַכט די טיר און אַרויס אין דרויסן.

אין נאָרקאָווע האָט זיך אָנגעהויבן דער ששת ימי־המעשה קודם־כל ביי די גויים. זיי האָבן שוין געהאַלטן אינמיטן פון אַלע מלאכות וואָס עשו איז געוווינט צו טון. א גוי באַדאַרף נישט דאַווענען. באַלד ווי ער קריכט נאָר אַרויס פון די פּערענעס נעמט ער זיך צום פּרעס און צו דער האַק. הגם די הענער האָבן אָקערשט געהאַט אָפּגעקרייעט האָבן שוין נאָרקאָווער גויים געהאַלטן העט. מען האָט געטריבן די קי אויף דער פּאַשע

מחוץ לעיר. מען האָט געשמאַק געזעגנט קלעצער און געהאַקט מיט האַ־מערם. אין די גוישע הייף האָבן שוין די עופות געבאָלדערט פון פריען כאור און חזירים האָבן זיך דאָרט, ווי געוויינטלעך, געטאָרעט אין די בלאָטעס און געכריוקעט. פויערישע פורלעך זענען געפאָרן פון די דערפער. גויים האָבן אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי עס גייט אַ רב. זיי איז נישט איינגעפאַלן, אַז עס איז סימכע פּלאַכטע. מאַלע וואָס אַ רב גייט דאַווענען.

ערשט אויפן מאַרק האָבן נאַרקאָווער ייִדישע תושבים באַקומען צום אַנבליק סימכע פּלאַכטען אין רבנישן הולך. די ערשטע וואָס האָבן אים דערזען זענען געווען ווייבער וואָס זענען געקומען אויפן מאַרק צו באַ־טאַפּן די עופות אויף די פּויערישע פורלעך, ווי אויך ייִדן בעלי־מלאכות וואָס האָבן געדאַוונט בהשכמה איידער זיי האָבן זיך גענומען צום שוסטער־בענקל און צו נאָדל־פאָדים. די ערשטע האָט אים, סימכען, דערזען אַ ייִדע־נע. גראָד האָט זי געהאַלטן אַ רויטן האָן אין דער האַנט און געוואָלט אים אַריינבלאָזן אינעם פאַרפעדערטן הינטן. די ייִדענע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם האָן אויף דער ערד. אַ נס וואָס דער האָן איז געווען געבונדן, אַזיסט וואָלט ער געמאַכט אַ ויברח. זי האָט געטון אַ פּאַטש־צוזאַמען די הענט ווי עס וואָלט איר חס ושלום געווען געשען דאָס גרעסטע אומגליק.

— אויף אַלע מיינע שונאימס קעפּ, האָט די ייִדענע געמאַכט קולות, קומטס ייִדן און זעט סימכע פּלאַכטען אין אַ ספּאָדיק און אין אַ ווייסע זשיפּיצע.

מער האָט נישט געפעלט. פון אַלע זייטן מאַרק זענען זיך אויפן בייזן וווּנדער צונויפגעלאָפן ייִדן און ייִדענעס. נאַרקאָווע האָט די גרויס פון טל־ומטר און די ווילדע נייעס האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבערן שטעטל. אין ייִדישע הייזלעך האָבן זיך געעפנט פענצטער. ייִדן אין יאַרמלקעס און ווייבער אין שלאָף־קופּקעס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ. אָרום סימכע פּלאַכטען איז געוואָרן אַ גרויס געשריי. צי איז ער, שונאי־ציון, משוגע געוואָרן אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. צי אפשר האָט זיך דעם חוכא־וטלולא, וואָס קאָן זיך נישט אויף קיין לוח, גאָר געחלומט, אַז ס'איז פּורים און ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רב און גייט זינגען פּורים־לידלעך אין ייִדישע הייזער!?

סימכע פלאַכטע

סימכע פלאַכטע האָט זיך דערשראָקן נאָר ער איז אַלץ ווייטער גע־טראָטן אין זיין רבנישן הילוך מיטן בעזים־שטעקן אין דער האַנט און מיטן טלית־ און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם. אַלץ מער יידן זענען זיך צו־זאַמענגעלאָפן. דער מאַרק האָט געשאַלט פון געשריי און געלעכטער. ווייַ־סע חברה האָט זיך צעפיפן אויפן גרויסן קנאַק. אַז דער ערשטער שטיין איז פאַרבייגעפלויגן פאַר סימכע פלאַכטעס ספאָדיק — האָט ער אויפגע־הויבן דעם שטעקן און אָנגעהויבן צו פאָכען אַרום זיך.

דאָס בילד ווי אַ רבֿ אין אַ ווייסע זשיפיצע, אין אַ ספאָדיק און מיט אַ טלית־זאַק אונטערן אָרעם פאָכעט ווי, להבדיל, אַ גוי מיט אַ שטעקן האָט נאָך מער אויפגעהייטערט און צערייצט די געמיטער. ס׳געפייפעריי פון ווייסער חברה האָט דערגרייכט צו אַ ווילדער מדרגה. אַרום סימכע פלאַכטען זענען געפלויגן שטיינער און בלאָטע.

ער האָט געזען, אַז ס׳איז נישט גוט און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין בית־המדרש אַריין.

די טישן אין בית־המדרש זענען שוין געווען באַזעצט מיט בחורים וואָס זענען געזעסן און גאָר געשמאַק געלערנט. אויפן עמוד האָבן גע־ברענט ליכט. אומעטום זענען געשטאַנען יידן אין טלית און תפילין און געדאַווענט. אויך אין בית־המדרש אַריין האָט דערגרייכט די שמועה וואָס עס טוט זיך אויפן מאַרק מיט סימכע פלאַכטען. אַ סך בחורים האָבן גע־וואָלט אַרויסלויפן און קוקן, משום ביטול־תורה זענען זיי אָבער געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער.

באַלד האָט מען געהערט דורך די בית־המדרש־פענצטער געשרייען, געלעכטערס, געפייפערייען פון ווייסער חברה. סימכע פלאַכטע אָנגעטון ווי אַ רבֿ, מיט אַ טלית־זאַק און מיט אַן אויפגעהויבענעם בעזים־שטעקן איז געלאָפן הענדום־פענדום אין בית־המדרש אַריין.

דאָ האָבן שוין בית־המדרש־בחורים נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון. טייל מתפללים האָבן אפילו געמאַכט מיט די הענט און געשריגן „נו". עס האָט גאָר נישט געפועלט. פון אַלע טישן האָבן זיך די בחורים אויפגעשטעלט. מען האָט געכאַפּט אין די הענט אַריין אַלצדינג, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. טייל בחורים האָבן זיך אויסגעטון די לאַטשן און געבליבן שטיין מיט באַזאָקטע פיס — אַלצדינג כדי צו געבן אַ קבלת־

פנים דעם נעכטיקן חתן פון קהל. מען האָט אפילו לײדיק געמאַכט אַ טיש, אַז װען סימכע פּלאַכטע װעט אַרײנקומען זאָל מען אים בכבוד גדול אַרײנצימבלען אַ מישקאַנטע. ער װעט שױן פאַרזאָגן אַ צענטן צו מאַכן נאַרקאָװע פאַר נאַרן.

װײַבאַלד סימכע פּלאַכטע האָט זיך נאָר באַװיזן אױפן שװעל פון בית־המדרש זענען פון אַלע זײַטן אים געפלױגן אין קאָפּ אַרײן אַלערלײ שמאַטעס, לאַטשן, האַנטעכער און אַנדערע זאַכן. גאָר פרומע ײדן װאָס האָבן געהאַלטן אינמיטן דאַװענען האָבן געשריגן „נו". טײל באַלעבאַטים האָבן געשמײכלט — הגם זײ זענען געגאַנגען אין טלית און תפילין און גע־האַלטן פונקט װו מען טאָר נישט מפסיק זײַן.

— סימכע פּלאַכטע! קוקט אָן סימכע פּלאַכטען! האָט עס געשאַלט הינטער די פענצטער פון בית־המדרש. דאָס אָנגעלאָף איז געװאָרן װאָס אַמאָל גרעסער. אױף סימכע פּלאַכטעס ספּאָדיק — װען ער איז געשטאַ־נען אױף דער שװעל פון בית־המדרש — זענען געפלױגן פון אַלע זײַטן לאַטשן און שמאַטעס.

די בחורים האָבן זיך פאַרנומען אים אַרײנצוציען אינעװײניק. ער האָט געפרוּװט אַ הױב אױף צו טון דעם בעזים־שטעקן מיטן בלעכענעם קאָשטער. די אימה פאַר אַ מקום־קדוש האָט אים געלײמט די הענט. ער האָט געקוקט מיט צעטומלטע אױגן. צװישן די שרײער און װאַרפער האָט ער דערקענט בחורים װאָס זענען אין זײַן חופה־טאָג געזעסן לעבן אים אױבנאָן.

ער האָט נישט באַװיזן צו מאַכן אַ טריט װײַטער איבער דער בית־המדרש־שװעל, און געגומען צוריק אַרױסלױפן אױפן גאַס. דאָ איז ער אַרײנגעפאַלן אין אַ כאַפּטע װײַסע חברה, װאָס האָט אים אָנגעהױבן צו רײַסן בײַ דער װײַסער רבנישערי זשיפּיצע, בײַ ם גאַרטל, און אים געװאָלט אַרױסרײַסן דעם בעזים־שטעקן פון דער האַנט. ער האָט געפילט קלעפּ אױפן ספּאָדיק און אױף די פּלײצעס. סימכע פּלאַכטע האָט פעסט גע־האַלטן דעם טלית און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם און דעם שטעקן אין דער האַנט און אָנגעהױבן צו לױפן װי אַ געיאָגטע חיה. לױפן האָט ער געקאָנט װי דער פלינקסטער שײגעץ. ער איז געלאָפן מיט אימפּעט און

מיט אימה. געלאָפן ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. דער ווינט האָט אים צעווייעט די פּאָלעס פון דער ווייסער זשיפּיצע.

פּאַמעלעך האָבן זיינע אויערן פאַרנומען ווי די געשרייען און די געפּייפערייען דערווייטערן זיך הינטער אים — און ער געפינט זיך אינמיטן דער שטילקייט פון די הינטערשטאָטישע פעלדער. נאָר ער איז ווייטער געלאָפן, הגם קיינער האָט אים מער נישט געיאָגט.

ער איז געלאָפן און געלאָפן. ווי לאַנג האָט ער אַליין נישט געוווסט. פלוצים האָט ער געהערט אַרום זיך דאָס רוישן פון ביימער און געפילט די קילע שטילקייט פון אַ וואַלד־טונקלקייט. ערשט אין מיטן פון די ביימער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געכאַפּט אָטעם. סימכע פלאַכטע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אומגעקוקט. ער איז טיף אינמיטן וואַלד. דער וואַלד ברומט ווי ער וואָלט געווען פאַרטון אין אַ גרויס טונקל דאַוונען. אַ דאַווענען, וואָס איז ווינטיק און שמעקט רוי און זאַפטיק. ערגעץ־ווו פון מיטן וואַלד האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון דעם פּיק־האָלץ. דאָס ערשטע וואָס סימכע פלאַכטע האָט געפילט אין זיך איז געווען דער אַלטער נאַגנדיקער הונגער וואָס איז אים באַקאַנט אַ גאַנץ לעבן. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט צום קאָפּ און געפילט אַז ער טראָגט דעם ספּאָדיק. ער האָט זיך באַטאַפּט די ווייסע רבנישע זשיפּיצע און דעם טלית און תפילין־זאַק אונטערן אָרעם. די מחשבות האָבן זיך אים געמישט און ער האָט אַליין נישט געוווסט צי איז ער טאַקע אַ רב, צי דער אַלטער נאַקעטער סימכע פלאַכטע דער וואַסער־טרעגער. ער האָט זיך פלוצים דערמאָנט אין פעשען און ווי זי שטייט אין דער שלאָף־קופּקע און קאָכט אין די גרויסע טעפּ. ער האָט זיך דערמאָנט ווי פעשע האָט אים געהייסן דאַווענען און זיך שאָקלען איבער דער גמרא. ווי נישט מיט זיין אייגענעם ווילן האָט זיך סימכע פלאַכטע איינגעהילט אין טלית און תפילין. זיך אַוועקגעשטעלט אונטער אַן אַלטן וואַלד־בוים און אָנגעהויבן זיך צו שאָקלען און צו דאַווענען אינמיטן דעם טונקעלן רוישן פון וואַלד.

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס

פּלאַים פון די ליטוואַקעס און פון די רויטע יידעלעך.

אין פּאַרצייטישן פּוילן איידער די דורות זענען געוואָרן שוואַכער איז נאָך נישט געווען — בעוונותינו הרבים — דאָס פּאַרפּלייצעניש פון די ליטוואַקעס. וואָס די ליטוואַקעס האָבן געמאַכט פון פּוילן דאַרף מען נישט צו דערציילן. פּוילישע יידן ווייסן פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. די ליט־וואַקעס האָבן געבראַכט קיין פּוילן די בערלינער טרייף־פּסולען און דער־מיט אָפּגעווייט די ווייבער פון תחינות און צאינה־וראינה. אונדזערע פרומע באָבעס אין אַמאָליקן פּוילן האָבן געוווסט נייערט פון גאָטספאָרכ־טיקע ספרים. דער עיקר האָבן די ליטוואַקעס געמאַכט אַ תל פון דעם שיינעם יידיש־לשון. זיי האָבן עס אָנגעפּילט ווי אַ פּויק מיט סאַמע סמכן און קמצן. פּאַרצייטישע פּוילישע יידן וואָלטן עס מן־הסתם גאָר נישט פאַרשטאַנען. אין די שפּעטערע יאָרן איז געוואָרן אַ מאָדע ביי פּוילישע יידן צו רעדן יידיש ווי די ליטוואַקעס. וכדי בזיון וקצף. נישט איין פּוי־לישן ייד האָט דאָס האַרץ וויי געטון צו זען ווי די ליטוואַקעס האָבן זיך צעלייגט איבער פּוילן ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. אפילו אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאָס לשון פון די ליטוואַקעס פאַרנומען כמעט דעם אויבנאָן. לעצטנס האָבן טייל יידישע שרייבער ווי איטשע מאיר וויסנבערג וסיעתו אָנגעגורט פּייל און בויגן און אַרויס אין אַ הייליקער מלחמה קעגן די ליטוואַקעס, קעגן זייערע דרכים, קעגן זייערע סמכן און קמצן.

אָבער דעמאָלט בימי סימכע פּלאַכטע זענען די ליטוואַקעס נאָך גע־

זעסן אין די וועלדער און שטעטלעך מחוץ די גרענעצן פון קרוין־פוילן. זיי זענען געזעסן אין זייערע מרחקים ווי די רויטע יידעלעך הינטערן סמבטיון. קיינער האט זיי נאך נישט געהאט אנגעזען אויף די אויגן און נישט גע־האט געהערט זייער תרגומדיקן לשון־יידיש. שמועות אבער זענען וועגן זיי אריבערגעקומען איבער די גרענעצן פון פוילן. שמועות וואס האבן ממש אלעמען פארבליפט מיט זייער חידושדיקייט און אויסטערלישקייט. קודם כל האט מען דערציילט, אז ביי די ליטוואקעס זענען נישט פאראן קיין פראסטע מענטשן ווי א שטייגער ביי אונדז אין קרוין־פוילן. ווען עס ווערט געבוירן א ליטוואק פארגעסט דער מלאך פימפער אים צו טון א שנעל אין דער נאז. די ליטוואקעס קומען דעריבער ארויס אויף דער וועלט אנגע־שטאפטע מיט ש״ס און פוסקים. שוין אין דער וויג ליגט א ליטוואק און לערנט גמרא. זייגנדיק ביי דער מוטערס ברוסט, כאפט ער מיט איר, מיט דער ליטווישער מאמע, הייסט עס, א שארפן פלפול אדער פארענטפערט א הארבן רמב״ם. איז וואס שייך שמועסן פלפול מיט א יידענע? אין פוילן האט מען זיך עס נישט געקאנט צוגלויבן. עס לאזט זיך אויס: אויך די ווייבער ביי די ליטוואקעס קאנען גמרא און פוסקים. אנשטאט צו מאטלען שיטן זיי מיט מאמרי־חז״ל. זיי באדארפן נישט קיין רב. זיי זענען אליין, די ליטווישע נשים מיין איך, אינדערהיים אין אלע טיפע־נישן פון איסור־והיתר.

וואלט דאך געווען גוט. נאר — דער שווארצער יאר ווייסט ווי אזוי — דווקא ביי אזעלכע יידן ארבעט דער יצר־הרע מעשים. כנראה איז דער יצר־הרע א ליטוואק, א ממזר־קאפ און א למדן און ער ווייסט ווי צו רעדן מיט די יידן פון דער ליטע. דער יצר־הרע — האט מען דער־ציילט אין נארקאווע — האט זיך צוגעכאפט צו די ליטוואקעס ווי צו דעם הייסטן געבראטנס. ער זיצט ביי זיי טאג ווי נאכט און האט נישט קיין צייט צו קומען קיין פוילן. אהער קיין פוילן שיקט ער בלויז זיינע לאפי־טוטן און שאלאטן־שמשים. זיי זאלן, הייסט עס, מכשיל זיין פוילישע יידן. צו אונדזער גרויס גליק טוען די דאזיקע לאפיטוטן זייער יצר־הרע־ארבעט ווי פארטאטשעס און פוילישע יידן בלייבן יידן.

דארט העט אין די ליטווישע שטעטלעך, קרעטשמעס און וועלדער זיצט דער בעל־דבר בכבודו ובעצמו. ער טוט זיינע מעשים פאוואליע און

מיט גרויס ישוב־הדעת. עס איז נישט קיין שפּילעכל צו זיין אַ יצר־הרע ביי לומדים. ער מוז דאָרט גוט שוויצן דער ימח־שמוניק. הלמאי זאָלן מיר לייקענען — ער מאַכט עס ווי אַ ממזר און עס געראָט אים טאַקע צו מאַכן פון די ליטוואַקעס — ליטוואַקעס, ווי מיר וועלן עס זען אין קור־מענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צוויי

וואַלד איין וואַלד אויס קיין דער ליטע. — ביי דער גרענעץ. — די מיקלאַמפּערשטע קרעטשמע.

עס איז בידוע אויף דער וועלט: קיין שום סוד קאָן נישט בלייבן אויף אייביק. סוף כל סוף קומט אַרויס דער בוימל אויפן וואַסער. ווי אַ ייד זאָל נישט וועלן זיין אויסטערליש און זיך באַהאַלטן הינטער די הרי־חושך מיט זיין שטייגער און מיט זיינע מעשים — מען דערטאַפּט אים און מען ציט אים אַרויס אויפן ליכט פון דער וועלט סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן. ווען אפילו די ל״ו באַהאַלטן זיך אויס אין די טיפֿ־סטע וועלדער — קומט אַ ייד און געפינט זיי. די בני־משה און די רויטע יידעלעך האָבן זיך גאָר מיישב געווען און זיך באַהאַלטן העט הינטערן סמבטיון. עס איז שפּעטער געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. יידן האָבן זיך צו זיי דערקליבן און געהאַלטן ביי זיי שבת — ווי מיר ווייסן עס פון אלדד הדני און פון אורח־חיים.

אויך די ליטוואַקעס האָט מען סוף כל סוף דערקנאַסט.

איך וועל עס דערציילן בהדרגה, ווי אַזוי מען האָט עס דערציילט אין נאַרקאָווע.

עס האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, איינער אַ פּאַרצייטישער פּוילישער ייד — מן־הסתם אַ ייד וואָס דער האָבער האָט אים געשטאָכן צו זוכן מטמונים אין די מרחקים — האָט געהערט אַז ווייט אין דער ליטע קאָן מען האַנדלען, ווי מען זאָגט, מיט דזשינקעס און מאַנדלען. דער ייד האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און זיך געגרייט אין וועג אַריין. פּאַרצייטנס אין וועג אַריין איז נישט געווען ווי היינט צו טאָג.

היינט צו טאָג קויפט מען אַ בילעט, מען זעצט זיך אַרויף אויף דער באַן און — פאַף. פּאַרצייטנס האָט עס געגומען וואָכן ביז מען האָט געקאָנט אַ געשריי טון דעם ערשטן וויאָ. מיט וואָכן צופריער האָט מען געמוזט דינגען אַ בויד און לאָזן גוט אויסשמירן די רעדער. מען האָט געמוזט וויסן ווער עס איז דער בעל־עגלה. צי די סוסים קאָנען זיך נישט אַמאָל אײַנמיטן אַ וואַלד מיישב זײַן און בעסער זיך לאָזן אויפפרעסן פון וועלף, צי בכלל זיך אַוועקלייגן און וואַרטן אויף דער פּגירה — איידער צו טון אַ טריט ווייטער. אַלצדינג האָט מען געמוזט וויסן און אויסחשבונען פאַר־דראָבנע ופּאָדריבנע. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געזעגעניש מיטן גאַנצן שטעטל. דעם ווייב האָט מען איבערגעלאָזט אַ גט על פּי תנאי, אַז טאָמער חס ושלום וואָס עס מאַכט זיך, זאָל זי חלילה נישט בלייבן קיין עגונה. ווייבער האָבן געוויינט ווי ביי אַ לוויה. לסוף נאָך אַלע היומס איז מען ערשט אַרויפגעקראָכן אויף דער בויד, זיך אײַנגע־וויקלט אין פּעלצן און טיכער און — געפאָרן.

יענער פּאַרצייטישער פּוילישער ייד, ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט זיך גענומען אַוועקצופאָרן קיין דער ליטע און צו זוכן דאָרט גליקן. שטעטל האָט געזאָגט אַז ער וועט שוין נישט צוריקקומען און די לעבעדיקע אַלמנה מעג שוין באַצייטנס טראַכטן וועגן אַ שידוך. דער ייד אָבער האָט אַ קוש געטון די מזוזה און געפאָרן.

ווי לאַנג ער איז געפאָרן קיין דער ליטע ווייסט קיינער נישט. מען ווייסט נאָר אַז ער איז געפאָרן און געפאָרן וואַלד אײַן, וואַלד אויס. טייל פון די וועלדער אין וועלכע דער פּוילישער ייד איז געפאָרן זענען געווען אַזוי פינצטער אַז מען האָט דאָרט נישט געוווּסט ווען טאָג און ווען נאַכט. די ביימער זענען דאָרט געוואַקסן פון ששת ימי בראשית און זיי האָבן נאָך געדענקט ווי אדם הראשון איז געגאַנגען אין חדר אַריין. סטאַיעס בערן און וועלף האָבן דאָרט געטראָפן דעם ייד און זענען אים באַפאַלן אין די הונדערטער. נאָר ער איז פון זיי ניצול געוואָרן. די גאַנצע נסיעה איז געווען איין קייט מיט נסים. באַלד דעם ערשטן שבת נאָך זײַן צוריק־קומען קיין פּוילן האָט דער ייד געבענטשט גומל.

ווי לאַנג ער איז אַזוי געפאָרן אָן וועג און שטעג ווייסט נישט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קיין בן־אדם. דער ייד גופא האָט שוין געמיינט

אַז סך־הכּל איז גאַנץ ליטע נישט מער ווי אַ בבא־מעשה. זי איז לא היה ולא נברא. וואָס הייסט? וואָס מער מען פאָרט צו איר, אַלץ מער זעט מען, ווי מען קומט גאָר נישט אָן? ער איז אָבער געווען אַ ייד אַן עקשן. ער האָט נישט געקוקט אויף קיין ווינט און קיין רעגן, אויף קיין נאַכט און קיין טאָג — ער מוז קומען קיין דער ליטע.

ויהי היום, עס איז נאָך געווען גאָר באַגינען. די בויד און די רעדער זענען שוין געווען פול מיט בלאָטע. די סוסים, וואָס אַרויספאַרנדיק פון פוילן זענען זיי געווען אויסגעפאַשעטע און האָפערדיקע, זענען שוין איצט מער נישט געווען סיידן ווי שאָטענעס פון פערד, גלים של עצמות, און זיי האָבן זיך קוים געשלעפּט. דער ייד הייסט אָבער שמייסן מיט דער בייטש אבי צו קומען ווייטער — ביז מען איז למזל צוגעקומען צו אַ שלאַנג־בוים.

מען טוט אַ קוק — אויפן שלאַנגבוים איז צוגעקלעפּט אַ שטיקל אַלט מזוזה־פּאַרמעט און אויפן פּאַרמעט איז אָנגעשריבן מיט דריבניטשקע רשי־כתב: „ליטע".

דער פּוילישער ייד האָט געזען בחוש אַז מען איז צוגעקומען אַריבער־צוטרעטן די גרענעץ ווו פון אַלע ווינטן שמעקט עס מיט גמרא און מיט פּקחות.

דעם שלאַנגבוים האָט געעפנט אַ יידענע אין די מיטעלע יאָרן. זי איז געווען דאַר און אויסגעגרינט ווי זי וואָלט געווען געהאַלטן אינמיטן פון אַ תענית. זי איז נישט געגאַנגען ווי אונדזערע פּוילישע נשים, אין אַ קופּ־קע, נייערט דער קאָפּ איז איר געווען אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל.

דער ייד האָט איר געגעבן אַ האַרטן פּוילישן גראָשן פאַר עפענען דעם שלאַנגבוים. די יידענע האָט אים אויפן אָרט אָפּגעענטפערט מיט אַ מאמר חז"ל.

דער ייד וואָס איז געווען אַ בן־תורה האָט פאַרשטאַנען. דער בעל־עגלה נעבעך אַ פּראָסט נפש, האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ האָן דעם בני־אדם, און ער האָט געמיינט אַז זי רעדט טערקיש.

ווען מען איז אַריבערגעפאָרן דעם שלאַנגבוים און שוין געווען על אדמת ליטע, האָט דער פּוילישער ייד געפרעגט ביי דער יידענע, צי עס

איז נישט פאַראַן אין דער נאָענט ערגעץ אַ קרעטשמע. ער האָט געוואָלט אָפּדאַווענען און עפּעס טועם זיין.

די יידענע האָט אים געוויזן מיט אַ שאַרפן פינגער ערגעץ צווישן די ליטווישע ביימער און געזאָגט, אַז דאָרט איז די קרעטשמע.

די פוילישע יידן האָבן זיך אָהינגעלאָזט מיט דער בויד.

אין פוילן זענען די קרעטשמעס אויך נישט געווען קיין פּאַלאַצן, אָבער דאָס וואָס זיי האָבן דערזען פאַר די אויגן, איז געווען פּשוט אַ קליינע איינגעפאַלענע מפּולת מיט אַן איינגעבראָכענעם שינדל־דאַך — די ערשטע ליטווישע קרעטשמע. די ווענט פון דער קרעטשמע זענען געווען אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעך. קיין הינער און קיין גענדז, ווי ביי אונדזערע פוילישע קרעטשמעס, האָט מען נישט געזען. עפּעס אַ דאַרע ציג מיט אַ שפּיציק לומדיש בערדל האָט שאַרף אָנגעקוקט די נייע יידן און געטון אַ מעקע ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אָפּגעבן שלום־עליכם.

ווען די יידן זענען אָטאָ־דאָ אַראָפּגעקראָכן פון דער בויד איז זיי נאָך ווייניקער אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַ קרעטשמע. אין פוילן זענען זיי געוווינט געווען, אַז אין קרעטשמעס זאָל תמיד זיין פריילעך און לוסטיק, מען זאָל פון דאָרט הערן די געשרייען פון שיקסעס און שיכורע גויים. אין דער ליטווישער מפּולת איז אָבער געווען שטיל ווי אין אַן אויער. דער פוילישער ייד האָט שוין אָנגעהויבן חושד צו זיין, אַז די יידענע ביים שלאַגבוים האָט מיט איר מאמר חז״ל געמיינט עפּעס אַ רמז און נישט קיין פּשוטע קרעטשמע, וווּ מען קען אָפּדאַווענען און אָפּעסן.

באין ברירה — עס איז שוין געווען שפּעטלעך — מען מוז דאָך פאָרט אָפּדאַווענען און אָפּעסן — האָבן זיי געזוכט אַ טיר ווו אַריינצו־קומען אין דער מ׳קלאָמפּערשטער קרעטשמע. זוך היינט, זוך מאָרגן. דער בעל־עגלה האָט נישט געוווסט פון זיינע הענט און פיס. דער ייד, וואָס איז געווען אַ בן־תורה, האָט קוים־קוים געפונען עפּעס אַ זייטיק טירל. אַ טירל קוים וואָס עס האָט געזשיפּעט. אויף דעם דאָזיקן טירל איז געווען צוגעקלעפּט אַן אַלט שטיקל פּאַרמעט און אויף דעם איז ווידער געווען עפּעס אויפגעשריבן מיט דריבניטשקע רשי־כתב. נאָר אַ גענייט שאַרף

אויג, אַן אויג וואָס איז געווױנט צו נישטערן אין ספרי־פּלפּול, האָט גע־קענט איבערלייענען. עס איז געווען אויפגעשריבן „קרעצמע״.

דער ייד האָט געעפנט דאָס טירל און אַריין אינווייניק. און אַך און ווײ, אויב דאָס הייסט אַ קרעטשמע. הינטערן קראָם־טיש איז געשטאַנען עפּעס אַן ערלית, דווקא אַן אָסאָבע אין דער הייך און אין דער ברייט. אַן ערלית מיט אַ גוידער און מיט האָר ווי זומערדיקער פלאַקס.

אַ קראָם־טיש פון אַ שענק אין פּוילן איז תמיד געווען פול אָנגעלאָדן מיט שפע. דאָ, אין דער ליטע, זענען אויף אים געלעגן נישט מער ווי עטלעכע איינגעדאַרטע ציבעלעס, אַ בינטל קנאָבל און עס איז געשטאַנען אַ האַלב פלעשל בראָנפן. די ערלית האָט עפּעס געשמועסט אויף גויאיש מיט צוויי נידעריקע גויטשיקלעך, וואָס זענען האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע געזעסן ביי אַ טיש און געשניטן שטיקלעך פון אַ ציבעלע. זעט זיך אויס, אַז דאָס זענען **געווען די קונים.**

דער ייד פון פּוילן האָט געמיינט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ גויאישע קרעטשמע. עס האָט אים שטאַרק געחידושט. סטייטש, אַ לאַנד ווי ליטע, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט תורה, זאָלן דאָרט די קרעטשמעס האַלטן פּשוטע גויים? אין פּוילן, ווו דער עולם איז אַ פּראָסטער, זענען דווקא די בעלי־קרעטשמע סאַמע יידן. דעם יידן האָט געהונגערט און ער האָט געוואָלט אָפּדאַווענען. ער האָט ביי זיך געטראַכט, אַז חידושן זיך אויף דער ליטע האָט ער צייט שפּעטער. און ער האָט געפרעגט ביי דער ערלית ווו מען קען דאָ אָפּדאַווענען אין דער דאָזיקער משטיינס געזאָגטער קרעטשמע.

האָט זי אים געוויזן אויף עפּעס אַן אויסגעדריפּעט טירל מן הצד און אים געהייסן דאָרט אַריינגיין.

דער ייד מיטן בעל־עגלה זענען אַהין אַריינגעגאַנגען.

וואָס זיי האָבן דאָרט געזען שטייגט איבער אין וווּנדערלעכקייט אַלע וווּנדערלעכע מעשיות פון די רויטע יידעלעך.

קאַפּיטל דריי

וואָס דער פּוילישער ייד האָט געזען אין דער ליטווי־שער קרעטשמע. — אותות ומופתים.

ס׳איז געווען אַ חדרל ד׳ על ד׳. די ווענט שוואַרצע און איינגעבוי־גענע און פול מיט שפּינען און שפּינוועבס. אַ האַלב חדרל האָט פאַרנו־מען אַ גרויסער פּיעקעליק. פון הינטערן פּיעקעליק האָט דער פּוילישער ייד געהערט ווי עפּעס ברומט אין זינג־זאַנג. ער האָט אַרונטערגעקוקט. ראַרטן איז געזעסן אַ הויכער, לאַנגער ייד אין שפּאַנצער און הויזן און אין אַ פאַרלאַטעטן אַרבע־כנפות. דער ייד איז געווען דאַר און געל ווי אַ פּאַראַיאַריקער אתרוג. ער האָט נישט געהאַט קיין האָר אויפן קאָפּ נייערט אַ שפּיציקן קאָפּ־שאַרבן און דערצו אַ קליין אויסגעקראָכן בערדל. אויף אָט דעם קאָפּ־שאַרבן איז געזעסן אַ צעריסענע יאַרמלקע, וואָס אין פּוילן וואָלט מען זי נישט אויפגעהויבן פון אַ באַרג מיסט. דער ייד איז געזעסן איבער אַן אָפענער גמרא, זיך טיף אַרונטערגעבויגן צו איר, שטאַרק מעמיק געווען אין די זייטיקע תוספות פון דער גמרא, און געברומט צו זיך ווי אַ בין, וואָס שלאָגט זיך אָן אין אַ זומערדיק פענצטער.

דער פּאַרטיפּטער ליטוואַק האָט געמוזט נישט באַמערקן דעם אָנקו־מענדיקן פּוילישן ייד. דער פּוילישער ייד האָט געטון אַ הויכן הוסט.

דער ליטוואַק האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון דער גמרא, ער האָט געקוקט מיט שאַרפע און שפּיציקע אויגן, — אויגן וואָס זענען אינעם אויסגעדאַרטן פּנים געשטאַנען אָפענע ווי וואַסערן אין אַ וויסטעניש. אַרום דעם ליטוואַקס אויגן איז נישט געווען קיין סימן פון קיין ברעם.

— סאָלעם אַלעיכעם, האָט דער ליטוואַק אויסגעשטרעקט אַ לאַנגן

און דאַרן פינגער, ער האָט זיך געוואָלט צוריק אַראָפּבייגן צו די תוספותן. אָבער דער פּוילישער ייד האָט געוואָלט וויסן ווער עס איז אָט דאָס נפש הינטערן פּיעקעליק פון דער קרעטשמע, און האָט אים אַ פרעג געטון:

— איר זענט דאָ דער באַלעבאָס ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

— יע, פאַרסטעיט זיך, האָט דער ליטוואַק געענטפערט. — ער האָט געוואָלט אָפּהאַקן דעם שמועס. ווי עס האָט אויסגעקוקט איז אים שווער געווען אויף אַ רגע צו האָבן ביטול־תורה.

פּוילישע יידן זענען אָבער נייגעריקע און באַרעדעוודיקע. דערצו אין אַ פרעמד לאַנד, וואָס איז פול מיט חידושים, האָט ער ווייטער געפרעגט:

— וואָס שייך איר לאָזט אַזוי די קרעטשמע אויף הפקר? מען קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַן ערלית. אַ גוי האָט ליב אוועקצוקוקן פון דעם „לא תגנוב". ביי אונדז אין פּוילן האָבן יידן אַ טבע אויף אַלצדינג אַליין צו האָבן אַן אויג.

— וואָס סייך „לא תגנוב"? — האָט דער ליטוואַק קוים אַ שמייכל געטון און זיך ווידער געלאָזט צו די תוספותן — ס'איז דאָך מיין ווייב.

דער פּוילישער ייד האָט אויפגעריסן די אויגן און אין אָנהויב גע־מיינט, אַז ער הערט נישט גוט. אָט די גויע איז זיין ווייב? ער האָט קוים אַרויסגעבעבעט:

— וואָס רעדט איר, ר' ליטוואַק?

— יע, יע, — האָט דער ליטוואַק געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון — יע, יעוודאָקיע (אַזוי האָט געהייסן די ערלטע) מיין אשה, זאָלן לעבן, איז אַן אשת־חילטע. זי האָט פון מיר אַראָפּגענומען דעם גאַנצן עול־פּרנסה. איך קאָן באָרעך האַסעם זיצן יומם ולילה ביי דער גמרא.

דער פּוילישער ייד האָט געמיינט, אַז ער קריגט מיט אַ לאָפּעטע אי־בערן קאָפּ, נאָר ער האָט געשוויגן און געטראַכט, אַז די אַלע מעשיות וואָס מען דערציילט אין פּוילן וועגן דער ליטע זענען פאַרט נישט קיין אויסטראַכטענישן. ער האָט זיך געשטעלט דאַווענען און ביי זיך באַשלאָסן צו בלייבן עטלעכע טעג אין דער דאָזיקער מפּולת פון אַ קרעטשמע און נאָכצוקוקן די דרכים פון אַ ליטוואַק. ער האָט געזען חידושים און חידושים, ווי מיר וועלן עס דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל פיר

ווי אַזוי דער פּוילישער ייד האָט פאַרברענגט אין דער ליטווישער קרעטשמע. — שבת־קודש אין פּוילן און אין ליטע. — וואָס טוט דער ליטוואַק הינטערן פּיעקעליק.

עס איז געווען מיטוואָך אינדערפרי, ווען דער פּוילישער ייד איז אָנגעקומען אין דער ליטווישער קרעטשמע. ער האָט באַדאַרפט ווייטער צו פאָרן און זיך אומצוקוקן ווו מען קאָן אין ליטע מאַכן מסחר. די ער־שטע באַגעגעניש מיט דער ליטווישער קרעטשמע האָט אים אָבער פאַר־כאַפּט. ער האָט כמעט פאַרגעסן אַלע מסחרים און געוואָלט דערוויל בלייבן עטלעכע טעג אין קרעטשמע און זען וואָס עס וועט זיין ווייטער. עסן האָט ער באַקומען ווייניק. אַפילו די אויסגעפייניקטע סוסים האָבן נישט מער געקריגן סיידן ווי שטרוי. פון האָבער האָט מען אין דער ליטע גאָרנישט געהערט. מען האָט בלויז דערציילט, אַז אין די שטאַלן פון מלך של ליטע באַקומט דאָס באַליבסטע פערד איינמאָל אין דער וואָך אַ פּאַרציע האָבער אין אַ זאַלץ־מעסטל — און דאָס נאָר, ווען דעם מלכס האַרץ גייט שוין איבער פון חסד.

געשלאָפן איז דער פּוילישער ייד צוזאַמען מיטן בעל־עגלה ערגעץ אין אַ פּוסטער סטאַדעלע. ביינאַכט האָבן דאָרט פון אומעטום אריינגע־בלאָזן די ווינטן און פון אַלע דאַך־לעכער האָבן אַריינגעקוקט די שטערן. אין די פינצטערנישן האָבן די עכברים געפּראַוועט שוואַרץ־שבת. עס זעט אויס, אין דער דאָזיקער קרעטשמע האָבן אפילו די מייז געפאַסט תעניתים און זענען נעבעך געווען טויט־הונגעריק. דער פּוילישער ייד האָט אַלצ־

דינג גענומען פאר ליב. ער האָט געוואָלט זען, צי דאָס וואָס מען דערציילט אין נארקאָווע און אין פוילן וועגן דער ליטע האָט טאקע א ממשות.

דער עיקר האָט ער זיך צוגעקוקט צום ליטוואק הינטערן פּיעקעליק. ער, דער ליטוואק, איז דאָרט געזעסן יומם ולילה און געברומט איבער א גמרא.

דער פּוילישער ייד האָט כסדר געוואָלט מיט אים אריינגיין אין א שמועס, כלומרשט געוויר ווערן וועגן ליטווישע מסחרים. ער האָט אפילו אָנגעשלאָגן דעם ליטוואק צו ווערן א שותף און אים צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. דער ליטוואק האָט אים געוויזן אויף דער גמרא און געזאָגט, אז ער האָט קיין צייט נישט צו שמועסן דברים בטלים. מכוח די גאָלדענע גליקן האָט דער ליטוואק געזאָגט, אז תורה איז די בעסטע סחורה און אז ער, דער פּוילישער, זאָל אים נישט דולן קיין ספּאָדיק. און האָט ווייטער זיך גענומען צום לערנען.

באין ברירה האָט דער פּוילישער ייד געשוויגן און זיך ארומגעדרייט איבער דער פּוסטער קרעטשמע צו זען מה יהיו חלומותיו, ד״ה וואָסער פּרי איז דאָס די מדינת ליטע. עס האָט אָנגערוקט שבת־קודש.

פרייטיק בין־השמשות האָט אפילו אויפן קראָם־טיש געצאנקט א גראָשנדיק ליכטל, נאָר דער ייד האָט נישט געוווסט צי מיינט דאָס שבת־ליכט. די קרעטשמערקע מיטן פּרצוף פון אן ערלית האָט מען נישט געזען. זי איז עפּעס ווי אין דער ערד אריין.

ס׳האָבן אויפן טונקעלן הימל אויפגעשיינט די דריי שבת־שטערן. דער פּוילישער ייד מיטן בעל־עגלה האָבן שוין פון פריער פאר זיך אליין געצונדן שבת־ליכט. איצטער האָט דער פּוילישער ייד אין דער פּוסטער קרעטשמע אָנגעהויבן מקבל־שבת צו זיין מיט גרוים באהארצטקייט. ער האָט געדאוונט מיט פיל מתיקות און זיך דערמאָנט וואָס עס טוט זיך איצטער אין פרייטיק־צונאכטס צווישן יידן אין פוילן — ער האָט גע־דאוונט ווי אַ פאַרוואָרפענער ייד אין אַ פרעמד לאַנד. דערנאָך האָט ער געמאכט קידוש מיט א ניגון און אויפן קול, דער בעל־עגלה האָט פרום צוגעהערט דעם קידוש. דערנאָך האָבן זיי, די פּוילישע יידן, דער סוחר הייסט עס מיטן בעל־עגלה, צוזאמען גענעסן די ערשטע סעודה פון שבת.

נאָכן עסן, נאָך די זמירות און נאָכן בענטשן, האָט זיך דער פּוילישער ייד מיישב געווען: סיי־ווי איז שבת־קודש און סיי־ווי האָט ער נישט וואָס צו טון. איז איידער ער גייט צוריק אין דער סטאָדאָלע זיך לייגן שלאָפן צווישן די ווינטן און צווישן די עכברים — וועט ער בעסער אומישנע אַריינגיין אין זייטיקן חדרל אַריין און אַ קוק טון וואָס עס מאַכט דער ליטוואַק הינטערן פּיעקעליק. צי האָט ער דאָרט, דער ליטוואַק הייסט עס, שוין אָפּגעגעסן די סעודה פון פּרייטיק־צונאַכטס?

דער פּוילישער ייד טוט אַ מאַך־אויף דאָס צעבראָכענע טירל. פון הינטערן פּיעקעליק הערט זיך ווייטער דאָס געוועגלעכע געברום. משמעות, דער ליטוואַק זיצט און לערנט. קוים־קוים צאַנקט פון דאָרט אַפּער אַ שיי־מער פון אַן אָנגעצונדן ליכט. דער פּוילישער ייד האָט געטראַכט: מן־הסתם האָט דער ליטוואַק דאָרט אָנגעצונדן די שבת־ליכט. ער האַלט שוין נאָכן צימעס און נאָכן בענטשן — און דערווייל, נאָך סעודת־שבת, האָט ער זיך ווידער אַ נעם געטון צו דער גמרא.

דער פּוילישער ייד איז פּאַמעלעך צוגעקומען צום פּיעקעליק. ער טוט אַ קוק און אים איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דער ליטוואַק זיצט טאַקע ביי דער גמרא, אָבער אין סאַמע פרייטיק־צונאַכטס האַלט ער אַ ברענענדיק קנייטל אין דער האַנט און לייכט זיך צו צו די דריבניטשקע אותיותלעך פון די תוספותן.

— וואָס ליטוואַקעס קענען — האָט דער פּוילישער ייד געטראַכט — נישט אומזיסט זאָגט מען ביי אונדז אין נאַרקאָווע, אַז ליטוואַקעס זענען טאַקע גרויסע לומדים, אָבער צלם־קעפּ איינס ביי איינס.

קאַפּיטל פינף

דער ליטוואַק האַלט שמאַל. — בלע המות לנצח.

מוצאי־שבת נאָך הבדלה האָט דער פּוילישער ייד בײַ זיך באַשלאָסן, אַז מאָרגן בלי־נדר, זונטיק כאַור, וועט ער הייסן אײַנשפּאַנען די בויד און אַוועקפאָרן ווײַטער אין דער ליטע. וואָס וועט ער דאָ אויסזיצן אין דער קרעטשמע?

כך הוה. מען נעמט אײַנשפּאַנען די בויד און מען וויל זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

פּלוצים הערט מען אַ געוואַלד פון דער קרעטשמע. די קרעטשמערקע לויפט אַרויס מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר און מאַכט יללות.

דער פּוילישער ייד מיטן בעל־עגלה זענען אַרײַנגעלאָפן אין דער קרעטשמע זען וואָס עס איז געשען.

עס לאָזט זיך אויס, באַלד אינדערפרי איז דער ליטוואַק, נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט, אַוועקגעפאַלן אין דער הינער־פּלעט, און עס האַלט מיט אים שמאַל.

דער פּוילישער ייד איז אינדערהיים, אין פּוילן, געווען אַ שטיקל מבקר און אַ גבאי פון דער חברה־קדישא. טוט ער אַ קוק אויפן ליטוואַק. עס האַלט בײַ כלו כל הקיצין. דער ליטוואַק גרייט זיך אָפּצוזאָגן די פאָר גילדן.

מען האָט אַרײַנגערופן אַ גויאישן פעלדשער און געלאָזט דעם ליטוואַק אָדער. עס העלפט אים ווי אַ טויטן באַנקעס. דער פּוילישער ייד זעט ווי

דער ליטוואַק איז זיך מכין צו גסיסה. מען מוז בלייבן. מען קען נישט אוועקפאָרן און לאָזן אַ ייִד שטאַרבן אינמיטן צווישן גויים.

דער ליטוואַק איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז. דער פּוילישער ייִד שטייט פאַרן בעט און קוקט. דער ליטוואַק הייבט אָן צו ווערן בלוי. עס רוקט זיך צו דער סוף און מען מוז אָנצינדן ליכט. די קרעטשמערקע — דער שוואַרצער יאָר ווייסט צי זי איז גאָר מזרע ישראל — הערט נישט אויף צו מאַכן קולות.

פּלוצים עפנט דער חולה די אויגן. דער פּוילישער ייִד בייגט זיך צו צו הערן. אפשר וויל דער חולה זאָגן ווידוי? פאַרט אַ ייִדישע קישקע?

אנשטאַט צו זאָגן ווי אַ ייִד ווידוי, פאַרלאַנגט גאָר דער ליטוואַק מען זאָל אים געבן פאַר יציאת־נשמה אַ ווערעמדיקע פלוים.

— וואָס טויג אייך, ר׳ ליטוואַק, אַ ווערעמדיקע פלוים? און פּונקט גראָד איצט, ווען אַ ייִד דאַרף טראַכטן מכוח בית־דין של מעלה? — האָט דער פּוילישער ייִד געפרעגט דעם שכיב־מרע, וואָס אָט־אָט הויכט ער אויס דעם לעצטן אָטעם.

דער חולה האָט געקרעכצט און קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

— טאַקע דערפאַר, — האָט ער קוים געענטפערט. — אַ ייִד גייט אָפּגעבן דין וחשבון פאַר זיינע מעשים. וויפל גוטע מלאכים עס וועלן זיך פאַר מיר אָננעמען, ווייל איך בין געווען א לא פסק פומיה מגירסא — ווייס איך נישט. אומעטום שאַצט מען נישט אָפּ קיין פאַרדינסטן. איך בין זיכער, אַז אַלערליי מלאכי־חבלה שאַרפן שוין אויף מיר די צינגלעך. איי וועט מען סמיינען. ווי לאַנג און וויפל מען וועט סמיינען ווייס איך נישט. אָבער איך בין אַ ייִד אַ ליטוואַק און האָב האָלט צו וויסן אַ חשבון. ווען כ׳וועל הערן ווי מען רופט; אצינד האַקט אים אַריין פאַר דער ווערעמדיקער פלוים — וועל איך סוין וויסן, אַז אַן עק. דער חשבון איז פאַרענדיקט. איך בין סוין איבערגעקומען.

דער פּוילישער ייִד האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. געבן דעם גוסס אַ ווערעמדיקע פלוים — הייסט פּשוט ווערן אַ שותף צו אַן עבירה. נישט געבן? איז דאָך צוואת שכיב־מרע.

י. י. טרונק

דער פוילישער ייד איז געשטאנען און זיך געקווענקלט. דער ליטוואק האט זיך נישט ליב געהאט צו נאר צו מאכן, און — בלע המות לנצח — ער האט זיך אויסגעדרייט צו דער וואנט און געבליבן ליגן ווי א קלאץ.

דער פוילישער ייד האט אים צוגעלייגט א פעדער צו דער נאז. די פעדער האט נישט געטון קיין פיפס.

די קרעטשמערקע מיטן גויאישן פרצוף האט נישט אויפגעהערט צו מאכן געוואלדן.

קאַפּיטל זעקס

אַ מת־מצווה. — וואָס דער פּוילישער ייד האָט געפונען. — הענדום־פּענדום צוריק קיין פּוילן.

עס האָט זיך געמאַכט אַ מת־מצווה; אַ יידישער בר־מינן צווישן אַ דאָרף גויים. דער פּוילישער ייד האָט זיך מיישב געווען, אַז ער מוז בלייבן און ער האָט געהייסן צוריק אויסשפּאַנען די בויד. דער ייד מיטן בעל־עגלה האָבן דעם מת „אָפּגעהויבן" פון בעט, אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד מיט די פיס צו דעם טירל און אים אונטערגעלייגט זיבן שטרוי כדת וכדין, ווי עס פירט זיך ביי יידן. דער טויטער ליטוואַק איז געל געוואָרן ווי וואַקס, די נאָז האָט זיך אים אויסגעצויגן און געוואָרן שפּיציק און משופּע. דער ייד האָט געהייסן אָנצינדן צוויי ליכט דעם ליטוואַק צוקאָפּנס, און געזאָגט משניות אויף אויסנווייניק.

פערטער טייל

קאַפּיטל איינס

ר׳ פּייוּקע דער ליטוואַק קומט קיין נאַרקאָווע.

אין נאַרקאָווע האָט מען דערציילט, אַז ר׳ פּייוּקע דער ליטוואַק וואָס איז שפּעטער — ווי מיר וועלן זען אין די ווייטערע קאַפּיטלען — עולה לגדולה געוואָרן צוזאַמען מיט סימכע פּלאַכטען, איז געקומען קיין נאַרקאָווע באַלד נאָכדעם ווי דער אויבנדערמאָנטער פּוילישער ייד איז צוריק געקומען פון דער ליטע.

מען האָט אויך דערציילט, כ׳מיין נאַרקאָווער יידן האָבן דערציילט; ווייבאַלד ר׳ פּייוּקע האָט געזען ווי דער פּוילישער ייד פּאָרט צוריק פונ־וואַנען ער איז געקומען, האָט ער זיך, ר׳ פּייוּקע הייסט עס, נישט לאַנג מיישב געווען, גענומען אַן אָרעמאַנסקע שטעקן אין דער האַנט אריין, אַן אָרימאַנסקע זעקל אויף די פּלייצעס און זיך נאָכגעלאָזט קיין פּוילן. ווי אַזוי ער איז אַריבער דעם שלאַגבוים — מחמת ער האָט נישט געהאַט קיין האַרטן גראָשן צו באַצאָלן דער יידענע — דאָס איז אַ סוד. נאָר ער איז אַריבער. מן־הסתם האָט ער זיך אַרונטערגעכאַפּט פון הינטן הינ־טער דער בויד אַז קיינער זאָל נישט זען. אַזוי אַרום האָט ער בשתיקה מיטגעמאַכט די גאַנצע שווערע און ניסימדיקע נסיעה. אַ פּאָר מייל הינ־טער נאַרקאָווע האָט ער זיך צופוס געלאָזט אין שטעטל אַריין. ער איז געגאַנגען ווי אַן אָרימאַן אַ מדינה־גייער. ווי אַזוי און אין וואָסער הולך ער איז אָנגעקומען קיין נאַרקאָווע וועלן מיר בהדרגה דערציילן אין נאָענטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צוויי

ר׳ פּייווקע גייט גלייך אין בית־המדרש אַריין. — איז ער אַ למד־ואו, אָדער אַן ארץ־ישראל ייד? — ניין, אַ ליטוואַק.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז אָנגעקומען קיין נאַרקאָווע אין סאַמע אינדערפרי. ער איז געקומען אין דעם ווייסטעסטן הולך פון אַן ארחי־פרחי. ר׳ פּייווקע איז געגאַנגען באָרוועס, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, די פּאָלעס פון קריעה ובליהדיקן בגד פאַרבויגן אין אַ זייט פון די נאַקעטע אויסגעדאַרטע פיס. אַזוי האָט זיך ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק באַוויזן אין נאַרקאָווע. ער האָט געטראָגן אַ זעקל אויף די פּלייצעס, אַ גראָבן וואַלד־שטעקן אין דער האַנט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן אויסטערלישן שמויסן מיצל. ער איז געווען אינגאַנצן אַ פאַרשטויבטער ווי איינער וואָס קומט פון מרחקים. ר׳ פּייווקע האָט זיך אין ערגעץ נישט אומגעקוקט, געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד און געשפּאַנט גלייך צום בית־המדרש צו. ער האָט זיך ביי קיינעם נישט געפרעגט ווו עס איז דאָס בית־המדרש. ער האָט עס באַשיימפּערלעך געוווסט. נאַרקאָווע האָט תחילת געמיינט, אַז עס איז איינער פון די ארחי־פרחי וואָס האָט זיך אויסגעוואָלגערט אין אַלע הקדשים פון קרוין־פּוילן און קאָן יעדעם מינדסטע שטעטעלע אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן. וואָרים ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק וואָס איז אָקערשט געהאַט אַהער געקומען פון הינטער די הרי־חושך — פונוואַנען האָט ער טאַקע געוווסט ווו עס איז דאָס נאַרקאָווער בית־המדרש?

אין די נאַרקאָווער שטובן האָט נאָך זינט קדמונים נישט געהאַט געטרעטן קיין ליטווישער פוס. מיט ר׳ פּייווקעס קומען האָבן זיך פאַר

פוילן פאַרענדיקט די ששת ימי־בראשית. עס איז אָנגעקומען דער ערשטער ליטוואַק. און גראָד קיין נאַרקאָווע. ווי נאַרקאָווע וואָלט נישט געהאַט די גרייס פון אַ טל־ומטר נייערט אַ שם־דבר וואָס עס קלינגט מיט איר איבער אַלע מרחקים.

אַריינקומענדיק אין בית־המדרש האָט ר׳ פּייווקע נישט אַ קוש געטון די מזוזה ווי עס איז דער מנהג. פּונקט האָט געדאַוונט אַ מנין. ר׳ פּייווקע האָט נישט מיטגעדאַוונט. איך וויל דאָ נישט חושד זיין קיין ייד. מן־הסתם האָט ר׳ פּייווקע געדאַוונט ערגעץ אויפן וועג הינטער אַ בוים. בייז און אומגעדולדיק האָט ער מיטגעזאָגט קדושה און אמן. ער האָט עס געטון ווי ער וואָלט קיין צייט נישט געהאַט. באַלד איז ער צוגעגאַנגען צו די גרויסע ספרים־אַלמערס אין בית־המדרש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ ש״ס־גמרא, זיך מיט איר אַוועקגעזעצט אויף אַ האַרטע באַנק לעבן אויוון און אָנגעהויבן צו ברומען.

אין פּוילן איז מען נישט געוווינט געווען אַז אַן ארחי־פּרחי זאָל נישט אין זינען האָבן קודם־כל די אָרימאַנסקע פּרוטה און די שיסל געקעכץ. אַ קריעה־ובליה זאָל זיך גאָר אַוועקזעצן ביי דער גמרא? קיינעם האָט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָס איז אַ ליטוואַק און אַז אַזוי פירט זיך עס אין דער ליטע. דאָרט לערנען אַלע. תחילת האָט מען גאָר געוואָלט אַ טראַכט טון וועגן אַ למד־ואו. ניין. די למד־ואוניקעס פליען נישט סתם אַרום איבער דער וועלט ווי די פייגעלעך, און קומען נישט אַריין אין די בתי־מדרשים זיך צו ווייזן מיט דער תורה. אַ למד־ואוניק איז אַ נסתר. אוודאי וועט ער זיך בפרהסיה נישט אַוועקזעצן מיט אַ גמרא און שטעכן אַלעמען אין די אויגן.

נאַרקאָווע האָט זיך געחידושט: אַן אויסטערלישער ארחי־פּרחי.

בונם דער בית־המדרש־שמש — אַ ייד וואָס איז תמיד הייזעריק און אַפילו אין בית־המדרש איז ער אַרומגעגאַנגען אין בלויזן וואַטאָוון שפּאַנצער — איז גראָד געשטאַנען אויף אַ בענקל און אַריינגעשטעלט ליכט אין די מעשענע הענג־לייכטער. בונם האָט געהאַט אַן אויג אויף אַלע אָרימע־לייט און מדינה־גייער. יעדן באַזונדער פון זיי האָט ער געקאָנט ביים נאָמען. אַן אָרימאַן וואָלט ער דערקענט אין דער פינצטער. פאַר בונמען איז ר׳ פּייווקע געווען אַן אמת פּנים־חדשות. ער, בונם, איז אַראָפּגעקראָכן

פון בענקל, צוגעגאַנגען צום פרעמדן אויסטערלישן אָרעמאַן, אים דערלאַנגט שלום־עליכם און אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט און צי ער האָט שוין עפּעס געגעסן.

ר' פּייוּוקע האָט געענטפערט אויף ליטוויש לשון, אַז ער קומט פון ווייטע מרחקים און ער באַדאַרף נישט צו עסן — געוויזן אויפן אָרימאַנסקען זעקל און געזאָגט, אַז ער וועט שוין נישקשה דערמיט אויסקומען.

בונם האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ר' פּייוּוקע זאָגט. ער האָט בלויז פונעם מויל פון פרעמדן אָרימאַן געהערט סמכן און קמצן און געמיינט אַז דער מדינה־גייער רעדט לשון־קודש און איז געקומען פון סאַמע ארץ־ישראל.

בונם דער אונטער־שמש איז געווען אַ פּראָסטער ייד און נישט פאַרשטאַנען לשון־קודש. ארץ־ישראל איז נישט געווען פאַר זיינע השגות — דעריבער האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן בענקל און זיך גענומען פּאַרען ביי אַ מעשענעם הענג־לייכטער.

קאַפּיטל דריי

ר' פּייוּוקע לעבט פון שהיה־פּיה און לייגט זיך שלאָפן ווען אין בית־המדרש איז שוין פינצטער.

עס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן ביז מען איז געוווּיר געוואָרן אין נאַרקאָווע אַז ר' פּייוּוקע איז נישט קיין ארץ־ישראלדיקער ייד נייערט אַ פּשוטער ליטוואַק. עלטערע יידן האָבן אויף אים געקוקט מיט חשד. וואָס מער ר' פּייוּוקע איז געזעסן ביים אויוון און געברומט איבער דער גמרא אַלץ פרעמדלעכער און פאַרדעכטיקער איז ער זיי אויסגעקומען. וואָס טוט אַ ליטוואַק אינמיטן דרינען אין נאַרקאָווע? ווען איז ער געקומען און צו וואָס איז ער געקומען? אַ ליטוואַק פאַלט נישט אַראָפּ פון די הימלען אומ־זיסט און אומנישט.

יידן האָבן אים נאָכגעקוקט. בחורים־ליידיקגייער האָבן נישט אַראָפּ־געלאָזט פון אים קיין אויג. ווי מיט שפּאַקטיוון האָט מען געזוכט חטאים ביי ר' פּייוּוקען. וואָס איז דאָ וועגן אים צו זאָגן? אַ ייד אַן אסקופּה נדרסת. אַן אָרימאַן — צווישן אָרימעלייט אַן אָרימאַן. שטיל איז ער ווי אַ טויב. פאַרלאַנגט גאָר נישט, רעדט נישט מיט קיינעם, און רירט זיך נישט אַוועק פון אויוון. רק ער לערנט. און געלט? ר' פּייוּוקע בעט ביי קיינעם נישט קיין נדבה. פון וואַנען ער לעבט, איז מען נישט קלוג. עפּעס גראַבלט ער אַרויס פון זעקל אַ פּיצל ציבעלע, גיט דערין אַ ביס אַריין און לייגט עס צוריק אַוועק אין זעקל.

פרייטיק צו נאַכטס נאָך קבלת־שבת האָט אים בונם דער אונטער־שמש אַוועקגעשטעלט ביי דער בית־המדרש־טיר צוזאַמען מיט די ארחי־פּרחי. אָרימעלייט האָבן געוואָרט אַז נאַרקאָווער באַלעבאַטים זאָלן זיי אַהיים־נעמען פאַר אורחים. זיי האָבן זיך חוצפּהדיק געשטופּט פאָראויס

און געוואָרטשעט. ר׳ פּייווקע איז געשטאַנען ווי נישט אים מיינט מען. ער איז געשטאַנען שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האָט קוים געשעפּטשעט מיט די ליפּן. מן־הסתם האָט ער אַ שטייענדיקער געלערנט.

ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק האָט קיינער נישט אַהיים גענומען פאַר אַ שבת־אורח.

אין די ערשטע פרייטיקצונאַכטסן איז ר׳ פּייווקע געבליבן אַליין אין ליידיקן בית־המדרש. ער איז צוריקגעגאַנגען צום אויוון. שפּעטער איז ר׳ בונם געקומען און אים פון רחמנות־וועגן געברענגט אַ פּיצל חלה. ר׳ פּייווקע האָט זיינע אויסגעדאַרטע לאַנגע הענט אונטערגעשטעלט אונ־טערן בית־המדרש־כיור און זיך געוואַשן. ער האָט גענומען פון דער חלה ווי אַ פייגעלע, און געזונגען זמירות, אויף ליטוויש, פאַרשטייט זיך. ער האָט געזונגען מיט אַ ניגון וואָס דער אונטער־שמש האָט געהערט דאָס ערשטע מאָל זינט ער לעבט. שפּעטער האָט זיך ר׳ פּייווקע גענומען אַריינ־קוקן אין אַ ספר — און זיך געלייגט שלאָפן אויף דער האַרטער באַנק לעבן אויוון ווען אַלע ליכט אין בית־המדרש האָבן שוין געהאַלטן ביים אויסגיין. ביים ארון־קודש האָט אין די בית־המדרש־פינצטערנישן געצאַנקט דער נר־תמיד.

אָבער פאַרט —

וואָס וויל ר׳ פּייווקע אין נאַרקאָווע? אויף וואָס און אויף וועמען וואַרט דאָ ר׳ פּייווקע?

מען האָט אַזוי לאַנג געטראַכט און געפרעגט ביז מען איז מיד גע־וואָרן צו טראַכטן און צו פרעגן.

מען האָט זיך פאַמעלעך אין נאַרקאָווע צוגעוווינט צו ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק ווי צו דעם שולחן און דעם אויוון אין בית־המדרש.

מען האָט דעם נאַרקאָווער רב זאָל לעבן דערציילט פון ר׳ פּייווקעס התנהגותן און געגנג און צוגעגעבן אַז ר׳ פּייווקע איז אַ ליטוואַק. דער רב זאָל לעבן האָט אַ זיפץ געטון און געזאָגט:

— מען טאָר אויף קיין שום ייד נישט מלמד־חוב זיין. אַ האַרץ פון אַ ייד איז נישט אָפּצושאַצן.

נאָר אַ ליטוואַק האָט צייט צו וואַרטן. אַ ליטוואַק וואַרט און וואַרט ביז ער דערוואַרט זיך.

קאַפּיטל פיר

ר׳ פייוועקע לויפט נאָך סימכע פלאַכטען אין וואַלד.

ווען סימכע פלאַכטע איז אַריינגעקומען אויף דער שוועל פון בית־המדרש און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מהומה — פון אַלע טישן האָבן זיך די בחורים אויפגעשטעלט און געוואָרפן אויף סימכע פלאַכטען וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אין דער האַנט אַריין — איז ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק, ווי זיין שטייגער איז, געזעסן ביים אַיוון און געלערנט. קיינער האָט צומאָל נישט געוואוסט, אַז ר׳ פייוועקע זעט און קוקט זיך צו צו דעם אַלצדינג וואָס קומט פאָר אַרום אים.

אמת, ר׳ פייוועקע האָט דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן פון דער ש״ס־גמרא וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די קניען. אָבער אַ ליטוואַק האָט אומעטום אויגן. ער קוקט אפילו מיטן רוקן און דורכן היטל. אַ ליטוואַק זעט אַלץ און אַלצדינג. ווו אונדזערס אַ פּוילישער ייד מיינט אַז עס איז נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, דאָרט הויבט טיילמאָל אַ ליטוואַק אָן צו זען דאָס גרעסטע. און ביי יענעם אויסטערלישן ג ר ע ס ט ן וואַקסט ער אויס און איז זיך מגלה.

אין נאַרקאָווע האָט מען זיך געשווירן, אַז ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק ווייסט גאָר נישט ווער עס איז סימכע פלאַכטע, און אַז ער, ר׳ פייוועקע הייסט עס, איז געווען דער איינציקער ייד אין נאַרקאָווע וואָס האָט נישט מיטגעהוליעט אויף סימכע פלאַכטעס חתונה.

ר׳ פייוועקע האָט גוט געזען ווי סימכע פלאַכטע אין דער הלבשה פון אַ פּוילישן רב אַנטלויפט. מען יאָגט אים איבער דער גאַס מיט שטיינער און מיט בלאָטע. דאָ האָט ער זיך, ר׳ פייוועקע, פּאַמעלעכל אויפגעהויבן

פון זיין אָרט ביים אויוון און אוועקגעלייגט די ש"ס־גמרא אויף דער באַנק. ווי אַ שאָטן, ממש ווי אַ נישטיק פּינטעלע מענטש האָט ער זיך אַרויס־גערוקט פון בית־המדרש. ר' פּייוועקע האָט שטיל געשלייכט נעבן די ווענט פון די נאַרקאָווער הייזלעך און נאָכגעקוקט וואָס וועט דאָ זיין מיטן גע־רודפטן רב, דאָס הייסט, מיט סימכע פלאַכטע דעם וואַסער־טרעגער?

וואָס האָט עס ר' פּייוועקן דעם ליטוואַק געאַרט צו וויסן וואָס עס וועט געשען מיט סימכע פלאַכטען, בעת דאָס גאַנצע איבעריקע שטעטל נאַר־קאָווע, איז אים, ר' פּייוועקן, אָנגעגאַנגען ווי דער פאַריאָריקער שניי?

מחשבותן, ר' פּייוועקע האָט געהאַט דערביי זיינע חשבונות.

דווקא איז ער געלאָפן צו זען און קוקן ווען פאַר אַלעמען איז עס נישט מער געווען ווי חוזק מיט אַ חוכא וטלולא.

ר' פּייוועקע איז געלאָפן און נישט אַרויסגעלאָזט סימכע פלאַכטען פון אויג.

הינטערן שטעטל אויף די פעלדער. אַלע זענען געבליבן הינטערשטע־ליק. סימכע פלאַכטע איז געלאָפן אין דער ווייסער זשיפּיצע. געלאָפן ווי אַ פייל פון בויגן. דאָ האָט ר' פּייוועקע פונאַנדערגעקאַטשעט די פּאָלעס פון זיין בגד און געטון אַ פלי איבער די פעלדער ווי ער וואָלט געווען גאָר אַ יונג בחורל.

ווען נאַרקאָווע וואָלט געזען ווי ר' פּייוועקע לויפט, וואָלט מען עס גאָר נישט פאַרשטאַנען. ווי נעמען זיך צו אים די כוחות? פון דעם פּיצל ציבעלע אין זעקל?

אין וואַלד צווישן דיביימער האָט ר' פּייוועקע דער ליטוואַק איינ־געהאַלטן זיין שריט. פּאַמעלעכל האָט ער זיך באַהאַלטן אין די שאָטענעס און נאָכגעקראָכן סימכע פלאַכטען ווי אַ וואַלד־וועווריקל. ר' פּייוועקע האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און געזען ווייט אין טיפסטן און אין טונקלסטן וואַלד. סימכע פלאַכטע האָט זיך אָפּגעשטעלט צו כאַפּן אָטעם. אויך ר' פּייוועקע האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ פאַרוואַקסענעם שטאַם פון אַן אַלטן דעמב. אַ דעמב וואָס איז געווען פאַרווייעט מיט ווינט און געראַשט מיט זיינע בלעטער. ר' פּייוועקע האָט אָפּגעקוקט. ער האָט געוואַרט וואָס סימכע פלאַכטע וועט טון.

סימכע פלאַכטע

ער האָט געזען: סימכע פלאַכטע טוט זיך אָן טלית און תפילין און שטעלט זיך אינמיטן צערוישטן וואַלד אַוועק הינטער אַ בוים. ער הויבט זיך אָן צו שאָקלען און צו דאַווענען. ר׳ פּייוועקעס בלאַס אויסגעדאַרט פּנים האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט. דאָ האָט עס זיך אויסגעשמייכלט. ער האָט אפילו געטון אַ פּייף, ר׳ פּייוועקע דער ליטוואַק. אַ פּייף פון גרויס צופרידנקייט, ווי עמיצער וואָס האָט זיך דערוואַרט נאָך אַ לאַנגן וואַרטן.

ר׳ פּייוועקעס פּייף האָבן נישט געהערט נישט די וואַלד־פייגל אויף די צווייגן און נישט סימכע פלאַכטע וואָס האָט זיך געשאָקלט הינטערן בוים.

דער וואַלד האָט וואָס אַמאָל ווינטיקער גערוישט מיט זיינע טויזנטער ביימער.

קאַפּיטל פינף

דאָס מזל רייט אַקעגן סימכע פלאַכטען מיט טראָמ־פּייטן און פייפיאָלן.

סימכע פלאַכטע איז געשטאַנען הינטערן בוים, געדאַוונט מכלומרשט, און געשאָקלט זיך. פון הינטער אַן אַנדערן בוים האָט שאַרף אָפּגעקוקט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק. און פּלוצים: ווייט און טיף פון רוישנדיקן טונקעלן וואַלד הערט מען אַ שאַל פון גײיעג־טראָמפּייטן און אַ געבילערײ פון הינט. תחילת, האָט מען עס געהערט קוים, קוים ווי ווייטער וואַלד־עכאָ. ווי וואַלד־גערויש. דער ווינט האָט דאָס קול צעטראָגן צווישן די ביימער. וואָס אַמאָל אָבער האָט מען דײַטלעכער אָנגעהויבן צו הערן ווי די שאַלונגען פון די גײיעג־טראָמפּייטן דערנענטערן זיך. נענטער און נענטער דערגרייכט פון די וואַלד־טיפענישן דאָס געבילערײ פון הינט.

סימכע פלאַכטע איז געווען טיף פאַרהילט אין זײַן טלית. זײַנע מחשבות זענען געווען צעמישט פון שרעק און פון זײַנע איבערלעבענישן. ער האָט נישט געמוזט דערהערן וואָס אַזוינס עס דערנענטערט זיך. ער האָט כסדר געשריגן און געמאַכט קולות און געשאָקלט זיך פונקט ווי פעשע די יתומה האָט אים געלערנט. ר׳ פּייווקע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון הינטערן בוים און אַ צעשמייכלטער געקוקט אויף סימכע פלאַכטען.

דאָס שאַרפע געשאַל פון טראָמפּייטן האָט מען שוין געהערט גאָר נאָענט צווישן די ביימער. ר׳ פּייווקע האָט אויפגעשפּיצט די אויערן. צי רייטן דאָס גרויסע פּוילישע פּריצים מיט זייערע פערד, הינט און מיט זייערע גײיעג־קנעכט צו שיסן דאָס געווילד אין אַלטן פינצטערן וואַלד?

סימכע פלאַכטע

צי איז עס אַ שדים־חתונה וואָס הוליעט אין די וואַלד־זומפּן און שדישע קלעזמאָרים פירן אשמדאין מיט ליליתן צו דער חופּה? ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט עס נישט געוווּסט. ער האָט בלויז געוווּסט איבער סימכע פלאַכטעס קאָפּ איז פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ שטערן, און פון די וואַלד־טונקלענישן רייט אים דאָס מזל אַקעגן מיט טראָמפּייטן און פייפיאַלן.

און ער האָט גוט באַרעכנט, ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק, באַרעכנט ווי אַ ממזר־קאָפּ אַ בעל־חשבון ווי מיר וועלן זען אין נאָענטן קאַפּיטל.

פינפטער טייל

קאַפּיטל איינס

דער נאַרקאָווער פּריץ אויף געיעג אין וואַלד. — סימכע פלאַכטע ציטערט און פלאַטערט. — די פּריצישע כלבים. — ר׳ פּייווקע קריכט אַפּער פון אונטער אַ בוים. — איך בין דער משמש ביים הייליקן צדיק. — דער שמועס צווישן נאַרקאָווער פּריץ מיט ר׳ פּייווקען. — וו שטייט דאָס געליבטע פערד? — ר׳ פּייווקע שפּילט אויף דער קאָרט וואָס הייסט סימכע פלאַכטע.

פון צווישן די וואַלד־ביימער זענען אַרויסגעקומען יעגער אויף פערד. ס׳זענען געווען הויכע באַוואָנצעטע גויים מיט גרינע היט אויף די קעפּ. אויף די היט — פּאַווע־פעדערן. זיי האָבן אַלע אויף זיך געטראָגן ביקסן, געיעג־טאַשן און טראָמפּייטן. די פערד זענען געווען צעפּרייכטע און דערשוויצטע. מחנות געיעג־הינט, דאַרע הינט מיט לאַנגע מאָרדעס זענען צעשוימטע אַרויסגעלאָפן פון צווישן די ביימער. די הינט זענען צוגעלאָפן צו סימכע פלאַכטען און אים אָנגעהויבן צו באַשמעקן. סימכע פלאַכטע אין טלית איז געבליבן שטיין אַ טויטער. אָט איז ער אָקערשט אַנטלאָפן פון די שטיינער, וואָס נאַרקאָווער לאָבוסעס האָבן אין אים געוואָרפן — און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן אינמיטן צווישן פּריצישע גויים און וואַלד־יעגער. מן־הסתם וועלן זיי אים דורסן פאַרוואָס ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען אינעם פּריצישן וואַלד. ער האָט געקוקט אויף די סטאַדעס הינט, וואָס שטייען אַרום אים מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען און

דרייען מיט די ווידלען. א שאַד — אפשר האָט סימכע פּלאַכטע בייַ זיך אַזוי געטראַכט — וואָס איך בין אַ גראָבער יונג און קאָן נישט זאָגן ווידוי. וואָרים — דאָס איז געווען ביי אים די איינציקע מחשבה אין זיין טויט־שרעק — די פּריצישע גויים וועלן אַ פּייף טון צו די הינט און די הינט וועלן מאַכן פון אים קרעפּל־פלייש.

סימכע פּלאַכטע איז געשטאַנען אונטערן בוים אין ציטערניש און אין פּלאַטערניש און געקוקט אויף די גויים מיט די ביקסן און טראָמפּייטן.

דער „הויף" פון פּריץ וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז געווען עטלעכע ווערסט הינטער נאַרקאָווע. צו אים האָבן באַלאַנגט ווי אַן איינגנטום אַלע הייזלעך און בעבעכעס פון נאַרקאָווער יידן. סימכע פּלאַכטע האָט דעם דאָזיקן „הויף" געזען בלויז פונדערווייטנס. דאָס הייסט נישט דעם סאַמע „הויף", נאָר דעם גרויסן אַלטן סאָד אין וועלכן דעם פּריצס פּאַלאַץ איז געשטאַנען. וואָס עס איז געווען אינעווייניק אינעם שליאַכטישן „הויף" וועגן דעם האָבן דערציילט מעשיות סיי נאַרקאָווער יידן און סיי נאַרקאָווער גויים. מען האָט דערציילט פון די זילבערנע און גאָלדענע געפעסן אין וועלכע די פּריצים טרינקען מעד און וויין. פון די סויבעלנע פעלצן, בראָקאַטן און זיידנציייגן, וואָס די פּריצטע און אירע טעכטער טראָגן אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. פון די אויסגעפּוצטע לאָקאַיען און משרתים, וואָס וואַרטן נאָר אויף אַ ווינק פון דער פּריצישער משפחה. מער ווי פון די פּראָסטע טעג ביים פּריץ אין פּאַלאַץ האָט מען געוווסט פון די בעלער וואָס קומען דאָרט פאַר עטלעכע מאָל אין יאָר אין די ווינטערדיקע ביינאַכטן. פונדערווייטנס אין די שנייאיקע פינצטערנישן זעט מען ווי עס פלאַקערן שטורקאַצן אין סמאָלע־פּעסער. פּריצים פון אַנדערע דערפער קומען אָן צו פאָרן אויף רוחישע שליטנס. די פּריצים און די פּריצהס גייען אָנגעטון אין סאַמעט און סויבל. אין די סאַליעס ביים פּריץ ברענען גרויסע וואַקסענע ליכט אין הענג־לייכטער און אין וואַנט־העטסעס. די דילן אויף וועלכע די פּריצים טאַנצן מיט זייערע ווייבער גלאַנצן אין ליכט און זענען גליטשיק ווי געשליפן אייז. ר' פּייוועלע מיט דער קאַפּעליע קומען דעמאָלט אין די גרויסע שנייען צוטאָפּטשען פון נאַרקאָווע. מען זעצט די יידן אַוועק אין אַ ווינקל אין די באַלויכ־

טענע סאַליעס און מען הייסט זיי שפּילן. די יידן שפּילן. אויף די גליטשי־קע דילן דרייען זיך אין טאַנץ די פּריצים אָנגעטון אין זיידענע און סאַ־מעטענע זשופּאַנעס. טייערע אויסגעהאַפּטענע זשופּאַנעס מיט גאָלדענע און זילבערנע האַקעס. זיי האַלטן זיך ביי די לאַנגע וואָנצעס און טאַנצן מיט די פּריצהס. אויף די אַנטבלויזטע אַקסלען און די האָר פון די הויכגעשטעלטע נקבות פינקלען און שעמערירן אַלע אבנים־טובות פון גן־עדן־התחתון.

מען האָט אויך אין נאַרקאָווע דערציילט פון די פּריצישע הינט, וואָס דרייען זיך אַרום ביי די טויערן פון סאַד. דאָס זענען כלבים, וואָס זענען געלערנט דורס צו זיין אומגעבעטענע געסט צו גאָר גנבים. מיט זייערע בליקן און מיט זייער געביל ווארפן די הינט אָן אַן אימה אויף יעדן פרעמדן. דער עיקר טראָגן זיי אַ האַרץ אויף אָרימעלייט און אויף קריעה־ובליהניקעס. אַזאַ סימכע פלאַכטע וואָלטן זיי זיך אויף אַ מינוט נישט מיישב געווען און אים תיכף־ומיד צעריסן. און אָט געפינט ער זיך טאַקע אינמיטן פון די דאָזיקע כלבים.

סימכע פלאַכטע איז זיכער אַז עס האָט אָנגערוקט זיין לעצטע מי־נוט. פּעשע אינדערהיים וועט ענדלעך אַליין קאָנען אויפעסן דאָס לעצטע ביסל וואָס איז נאָך געבליבן פונעם דרשה־געשאַנק.

ווי סימכע פלאַכטע שטייט אַזוי און גלאָצט מיט טויט־שרעק אויף די רייטערס און אויף די הינט — זעט ער ווי פון צווישן די ביימער קומט אַרויס אַ הויכער ברייטבייניקער גוי. אַ גוי, אָנגעטון אין בגדי־מלכות און מיט אַ טייער סויבל־היטל אויפן קאָפּ. דאָס פּנים איז אים רויט און אויסגעפּאַשעט און צוויי לאַנגע שווארצע וואָנצעס פאַלן אים רציחהדיק אַראָפּ פון ביידע זייטן מויל. דער גוי מיט אַ ביקס אין דער האַנט איז גראָד נעגאַנגען צופוס. סימכע פלאַכטע זעט ווי אַלע ריי־טערס אויף די פערד כאַפּן אַראָפּ זייערע היטלען מיט די פּאַווע־פעדערן, און קוקן דעם צופוסגייענדיקן גוי אין מויל אַריין מיט גרויס ערפורכטי־קייט. אויך די הינט לויפן צו אים צו, לייגן זיך פאַר אים אויף דער ערד, קוקן אים אין די אויגן אַריין און דרייען מיט די ווידלען.

עס איז געווען דער נאַרקאָווער פּריץ וויטשעק טשאַפּלאַק־טשאַפּלינ־סקי בכבודו ובעצמו. דער פּריץ, צו וועלכן עס געהערן אַלע ערדן אַרום

און אין נאַרקאָווע, אין דער לענג און אין דער ברייט. עס געהערן צו אים אויך אַלע יידן אין שטעטל און אַלע גויים אויף די פעלדער; ער קאָן מאַכן מיט זיי וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט.

סימכע פּלאַכטע האָט פּלוצים דערקענט דעם נאַרקאָווער פּריץ און זיך געוואָלט אים וואַרפן צו די פיס און בעטן אַז ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט זיך מיט איין האַנט געדרייט ביי אַ שפּיץ פון אַ וואָנצע און מיט דער אַנדערער האָט ער געגלעט די פעל פון אַ הונט. ער האָט אָנגעקוקט דעם ייד אין טלית און תפילין וואָס שטייט אַ פּאַרציטערטער אונטערן בוים.

— וואָס טוסטו דאָ אין וואַלד? האָט ער געפרעגט ביי סימכע פּלאַכ־טען האַלב אין לצנות און האַלב מיט חידוש.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט אַ קוק געטון אין דער זייט. אַ צוויי־טער קריעה ובליהדיקער ייד איז אַפּערגעקומען פון הינטער אַ בוים. דער נייער ייד איז צוגעגאַנגען צום פּריץ ווי ער וואָלט גאָר נישט מורא געהאַט און פאַר אים אַראָפּגענומען דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל.

— און דו ווער ביסט? האָט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי געפרעגט און האָט זיך נאָך מער געחידושט.

ר' פּייווקע דער ליטוואַק האָט געהאַלטן דאָס שמויסענע מיצל צווישן די פינגער און שטיל געזאָגט אויף גויאיש:

— איך, האַר און פּריץ, בין נישט מער ווי אַ באַדינער ביי דעם דאָזיקן הייליקן מאַן. מן־הסתם האָסטו, פּריץ, געהערט, אַז דער נאַר־קאָווער ראַבין זאָל לעבן איז אַ הייליקער מאַן. דער דאָזיקער אָבער וואָס שטייט דאָ אונטערן בוים איז דער שני־למלך ביי יידן נאָכן נאַרקאָווער ראַבין. און ער איז גאָר, גאָר אַ הייליקער מאַן און אַ גרויסער וווּנדער־טוער. דעריבער דאַוונט ער צו גאָט אין די וועלדער.

פּאַרצייטישע פּוילישע פּריצים האָבן טאַקע געקוקט אויף יידן ווי אויף מענטשן־שטויב און זיי באַטראַכט ווי נפשות וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן זיי, די פּריצים, צו דינען און צו האַלטן קרעטשמעס אין אַרענדע. נישט איינמאָל האָט זיך אַזאַ פּריץ פריילעך געמאַכט און באַפוילן זיין אַרענדאַר צו טאַנצן און זינגען „מה־יפית" — פונדעסטוועגן האָבן די

זעלביקע פריצים שטאַרק געגלויבט אין דער הייליקייט פון יידישע צדי־קים, אין ל"וניקעס, אין גוטע יידן און אין רבישע בעלי־מופת.

וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט נאָך אַ מאָל גוט אָנגעקוקט סימכע פלאַכטען אין דער ווייסער זשיפּיצע און אין טלית און תפילין. דאָס וואָס סימכע פלאַכטע האָט אַזוי געציטערט און געפּלאָטערט האָט ער, דער נאַרקאָווער פּריץ, גאָר באַטראַכט ווי אַ דרך פון יידישע צדיקים. עס האָט זיך אים געלייגט אויפן שכל וואָס ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט געזאָגט.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט עס גאָר געהאַלטן פאַר אַ גרויס חסד וואָס אַ הייליקער ייד איז זיך מתבודד און דאַוונט אין זיינע וועלדער. האָט ער מיט אַמאָל אַרונטערגענומען דאָס טייערע סויבלנע היטל פאַרן נאַר־קאָווער וואַסער־טרעגער. ער האָט געטונק אַ ווינק צו די הינט זיי זאָלן זיין שטיל און זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד. אַליין האָט ער זיך פאַרנויגט פאַר סימכע פלאַכטען און געזאָגט אַזוי:

— מיינע זיידעס האָבן מיר דערציילט פון הייליקע יידן וואָס מען געפינט ביי אונדז אין די וועלדער. מיר איז די הייליקע שריפט נישט פרעמד. איך האָב זי געלייענט אין דער לאַטייניש ער שפּראַך. איך ווייס: ביי אייך איז דאָ הייליקע, וואָס בעטן צו גאָט אין די וועלדער, היילן קראַנקע און טוען וווּנדער איבער וווּנדער.

— דאָס איז איינער פון די דאָזיקע הייליקע, ליכטיקער האר — האָט ר׳ פּייווקע געזאָגט צו טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי און געדרייט מיטן צעריסע־נעם שמויסענעם מיצל צווישן די פינגער. ער איז דער צווייטער נאָכן אַלטן נאַרקאָווער ראַבין. אָבער אַ וווּנדער־טוער איז ער נאָך אַ גרעסערער פון יענעם צדיק. איך בין זיין דינער און קאָן וועגן אים דערציילן פּעק מיט וווּנדערלעכע מעשיות.

די יאַגד־הינט האָבן אויפגעהויבן די מאָרדעס און געדרייט מיט די ווידלען. זיי האָבן געקוקט דאָ אויף זייער מעכטיקן באַלעבאָס און דאָ אויף דעם קריעה ובליהדיקן ייד מיטן היטל אין דער האַנט. עס האָט זיי נאָר געחידושט וואָס דער באַלעבאָס הייסט אים נישט צערייסן.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז געשטאַנען אַ געריר טער און זיך מיט צוויי פינגער געהאַלטן ביי דער לאַנגער וואָנצע. ער האָט איצט כמעט נישט גע־קוקט אויף סימכע פלאַכטען און בלויז גערעדט מיט ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק.

— אזוי? — האָט געזאָגט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי — דו ביסט זיין באַדינער? דער לאָקיי, הייסט עס, ביים הייליקן פּאַן צדיק? דו ווייסט פון אים צו דערציילן וווּנדער? אַנו, טו מיר אַ טובה. אָט, ווי דו קוקסט מיך אָן, מאָשעק, בין איך איצט אין וואַלד אויף געיעג. איר, יידן, זענט פאַרכעם און האָט מורא פאַר אַ ביקס. דו ווייסט, מאָשעק, וואָס עס איז אַזוינס געיעג?

— עס הערט זיך דערפון ביי אונדז יידן, — האָט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק קוים געשמייכלט — מיר ווייסן, אַז עס איז דער דרך פון אַלע גרויסע שרים און קעניגן צו גיין אין די וועלדער און צו שיסן ווילדע פייגל און ווילדע חיות. די פּריצים האָבן עס געטון, ווי עס איז דיר באַקאַנט, נאָך אין די צייטן פון אברהם אבינו. מיר, יידן, ליכטיקער פּריץ, טוען עס נישט, ווי עס איז דיר אפשר אויך באַקאַנט פון אונדזערע הייליקע ספרים, וואָס דו קענסט לייענען אויף לאַטיין.

— אָט איז עס — האָט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי געזאָגט און זיך מיט דער ביקס אַ קלאַפּ געטון איבער די רויטע געיעג־שטיוול, וואָס ער האָט געטראָגן אויף די פיס. — דער הייליקער צדיק האָט זיך אויסגעקליבן אַ קלוגן זשידעק פאַר אַ באַדינער. הער מיך אוים און פרעג עפּעס ביים צדיק. היינט אין וואַלד איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען מיין געליבט פערד. אַ פערד וואָס זיינס גלייכן געפינט זיך נישט אפילו אין די שטאַלן פון פּוילישן קעניג אין וואַרשע. איך וואָלט אָוועקגעגעבן אַ גאַנץ גוט מיט אַלע פּויערים און אַלע יידן וואָס געפינען זיך דערויף פאַר אָט דעם פערד. פרעג ביים צדיק ווו דאָס פערד איז?

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט געדרייט דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל צווישן די פינגער און געענטפערט מיט זעלטענער רואיקייט:

— דאָס גאָר? אַזאַ קלייניקייט, ליכטיקער האַר, דאַרף איך גאָרנישט פרעגן ביים צדיק. איך וועל נאָר אַ קוק טון אויף אים און באַלד דיר זאָגן ווו דאָס פערד געפינט זיך.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם פון שרעק צעטרייסלטן סימכע פּלאַכטען און האָט געזאָגט צום פּריץ ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט פון אַ ספר:

— לויף געשווינד רעכטס אין וואַלד. דאָרט שטייט דיין פערד ביי

א בוים. צוויי וועלף שטייען לעבן פערד און ווילן עס צערייסן. דאָס פערד לאָזט זיך נישט און קאָפּעט מיט די הינטערשטע פיס. לויף גע־שווינד מיט דער ביקס. איין וואָלף וועסטו דערשיסן. דער צווייטער וואָלף וועט אַנטרונען ווערן ווו דער פעפער וואַקסט.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי ער וואָלט געשטאַנען דערביי און געזען דעם פּריצס פערד צווישן צוויי וועלף.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט אָנגעקוקט סימכע פלאַכטען, אַ זעץ געטון דאָס סויבלנע היטל אויפן קאָפּ און געשריגן אויפן הויכן קול:

— קוממס, חברה, די הויט וועל איך אייך שינדן, הינטישע זין, ווען מיר וועלן קומען צו שפּעט.

ער האָט אַ פייף געטון צו די כלבים.

דער פּריץ, די געיעג־קנעכט און די הינט זענען פארשוווּנדן אין וואַלד.

סימכע פלאַכטע האָט אויפגעריסן די אויגן, אומבאַהאָלפן מיט זיי געפינטלט און אָנגעקוקט ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק.

— זעסטו, וואָסערטרעגער? — האָט ר׳ פּייווקע צו אים געזאָגט — אַ ייד מוז האָבן בטחון, בטחון רופט אַרויס דאָס מזל. דו ביסט אַ פּראָסט נפש און דו ווייסט גאָרנישט. אָבער דאָס מזל האָט האָלט די וואָס ווייסן גאָרנישט. אין סך־הכל איז די ליכטיקע וועלט אַ גרוים טונקלעניש, סימכע! מיר מוזן אין איר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען. בלאָנדזשענדיק קומען מיר אַמאָל אַרויף אויף אַ גאָלדענעם וועג. גיי אַהיים צו דיין אשה פעשע און היים דיר געבן וועטשערע. נאַרקאָווע האָט דיך געוואָרפן ווי אַ קאָרט אויפן שפּיל־טיש פון דער טונקעלער וועלט. איך האַלט, מען קען אויף דיר שטעלן.

סימכע פלאַכטע האָט פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן ווי דער פייל פון בויגן.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז נאָך אַביסל געשטאַנען און פאַמעלעך גענומען זיין וועג אַרויס פון וואַלד.

וואָס עס האָבן ביי זיך געטראַכט סיי סימכע פלאַכטע און סיי ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק, דאָס וועלן מיר זען אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל צוויי

פּעשע שטייט ביי דער קיך און סימכע פּלאַכטע פּאַלט אַריין ווי אַ וויכער. — סימכע פּלאַכטעס קאָפּ רעדט אָפּער פון אונטערן בעט. — פּעשע צווישן צוויי מערכות. — דער בויך איז אים פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

לאָמיר דערווייל איבערלאָזן דעם בן־מלך מיט דער בת־מלכה אויף זייערע ערטער, ד"ה לאָמיר לאָזן דעם פּריץ טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי מיט זיין סוויטע לויפן זוכן דאָס פאַרלוירענע פערד. ר׳ פייוועקען דעם ליט־וואַק וועלן מיר פאַמעלעכל לאָזן גיין זיין וועג אַרויס פון וואַלד און מיר וועלן דערווייל זען וואָס עס האָט געטון אונדזער סימכע פּלאַכטע.

וואָס ער האָט געטון? ער איז געלאָפן ווי עס וואָלטן אים געיאָגט שדים מיט רוחות. די ציין האָבן אים געקלאַפּט פון שרעק. אַזוי איז ער קוים אָן אָטעם צוגעקומען צו דער טיר פון זיין דירה.

פּעשע איז נאָך אַלץ געגאַנגען אָנגעטון אין דער שלאָף־קופּקע און זיך געפּאָרעט ביי דער קיך. דאָס פייער האָט שוין מער נישט געפלאַקערט מיט אַזאַ גזלנישן אימפּעט ווי אין די פריערדיקע טעג. די טעפּ זענען געווען פול קוים אויף אַ פערטל. עס האָט זיך דאָרט געקאָכט די סעודה־המפסקת פונעם לעצטן ביסל וואָס פּעשע האָט נאָך באַוויזן אַרויסצוגראַבלען פון די זעק. מאָרגן, בלי־נדר, מעג מען שוין מיט גאָטס הילף אָוועקלייגן די ציין אויף די פּאָליצעס און קוקן אויף דער סטעליע טאָמער — אַ קשיה אויף אַ מעשה — וועט פון דאָרט אַראָפּפליען אַ געבראָטענע גאַנדז. ביי אַלע אירע ביטערנישן, און הגם פּעשע האָט אַלץ געדענקט וואָס די רביצין האָט

איר געזאָגט וועגן תכלית — פונדעסטוועגן האָט זי, באין־ברירה, פּאַרט געמוזט גלויבן, אַז נאַרקאָווער יידן וועלן סוף כל סוף מוזן אָנקוקן סימכע פלאַכטען אין ספּאָדיק און אין דער ווייסער זשיפּיצע. מיט גוטן, צי מיט בייזן וועלן זיי מוזן מסכים זיין, אַז סימכע פלאַכטע איז אַ רב און אים נאָכטראָגן זעק מיט עסנוואַרג.

ווי פעשע שטייט אַזוי אין אַלערליי מחשבות און מישט פויל מיט אַ הילצערנעם קאָך־לעפל אין אַ טאָפּ, טוט די טיר אַ זעץ אויף. סימכע פלאַכטע פאַלט אַריין ווי אַ וויכער, נישט טויט און נישט לעבעדיק.

— סימכע?! — האָט פעשע אַ געשריי געטון און געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. תחילת האָט זי גאָר נישט געקענט באַנעמען וואָס אַזוינס איז געשען.

סימכע פלאַכטע האָט זיך אַ וואַליע אַנידער געגעבן אויף דער ערד. אין דער ווייסער זשיפּיצע און מיטן ספּאָדיק אויפן קאָפּ האָט ער זיך אָנגעהויבן אויף אַלע פיר אַרונטערצוריטשן אונטערן בעט.

— סימכע? — האָט פעשע נאָך אַמאָל אַ געשריי געטון, אויפגעהערט צו מישן אין טאָפּ און געבליבן שטיין מיטן קאָכלעפל אין דער מיט שטוב.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט סימכע פלאַכטע אַפּערגעשטעקט דעם באַספּאָדיקטן קאָפּ פון אונטערן בעט.

— באַלד וועט מען קומען פון פּריץ — האָט ער קוים אַרויסגעקרעכצט.

— וואָס? פון פּריץ? — האָט פעשע געפרעגט האַלב אין שרעק און האַלב אין פריידיקער דערוואַרטונג. ווערליך איר בהמישן שכל איז מיט אַמאָל אויסגעקומען, אַז נישט בלויז נאַרקאָווער יידן וועלן קומען מיט זעק עסנוואַרג. אפילו דער נאַרקאָווער פּריץ אַליין וועט שיקן אַ פור מיט עסנוואַרג פאַר דעם נייעם רב סימכע פלאַכטע. פעשע איז געוווינט געווען, אַז אַלע פאַר פסח האָט דער פּריצישער „הויף" צוגעשיקט פאַרן נאַר־קאָווער רב זאָל לעבן אַ וואָגן מיט קאַרטאָפלעס.

— זעסטו, סימכע מיין מאַן — האָט פעשע געטון אַ פּאַטש מיט די הענט, אַז די שטוב האָט געציטערט, — כ'האָב דיר געזאָגט וואָס עס קומט אַרויס ווען מען טוט זיך אָן אַ ווייסע זשיפּיצע און אַ ספּאָדיק און מען גייט מיט אַ יאַמשענעם שטעקן. נאַרקאָווער יידן לויפן שוין מן־הסתם מיט כל־טוב. דער פּריץ וועט אונדז שיקן פון אַלדאָס בעסטע. אָבער הלמאי,

סימכע לעבן, ביסטו צוליבן גרויסן מזל אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט? דער רב זאָל לעבן האָט עס קיינמאָל נישט געטון.

— מיט זעק? — האָט סימכע פּלאַכטעס קאָפּ מיטן ספּאָדיק אָפּער־געיאָמערט פון אונטערן בעט — אויב די וועלט זאָגט, אַז דו, פּעשע, ביסט, זאָלסטו מיר מוחל זיין, אַ בהמה, ביסטו עס טאַקע, ווי כ'בין אַ ייד. אַט שיקט דער פּריץ זיינע גויים און מען וועט פון מיר שינדן די הויט.

— פאַרוואָס עפּעס שינדן די הויט? — האָט פּעשע געפרעגט אַ צעטומלטע.

סימכע פּלאַכטעס אַרויסגעשטעקטער קאָפּ האָט דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס איז מיט אים פּאַרלאָפן. ער האָט דערציילט פון דער מהומה אויפן מאַרק, פון בית־המדרש, ווי מען האָט אים געיאָגט מיט שטיינער און ווי ער איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. עס איז געקומען דער פּריץ מיט זיינע יעגערס און מיט זיינע כלבים, און ווי ר' פּייוועקע דער ליטוואַק האָט דעם פּריץ געהאַקט ליגנס אויף ליגנס, און אים, דעם ליכטיקן האַר, געהייסן זוכן דאָס פערד ביי די נעכטיקע טעג.

פּעשע איז געשטאַנען מיטן קאָכלעפל אין דער האַנט און אַרונטער־געקוקט צו סימכע פּלאַכטעס באַספּאָדיקטן קאָפּ.

— זעסטו, סימכע לעבן — האָט פּעשע באַלד איבערגעדרייט די מערכה — כ'האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז אין רבנות וועסטו בלייבן אַ לעקיש. קאָנסט נאָך חלילה דאָרט אַריינפאַלן ווי אַ בלינד פערד אין גרוב. ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט און בעסער געטראָגן וואַסער ווי פאַר דער חתונה.

סימכע פּלאַכטע פון אונטערן בעט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיטן ספּאָדיק און געטון אַ הוק אויף פּעשען.

— אַלץ די פינצטערע חתונה — האָט ער געשריגן מיט אַ וויינענ־דיק קול — חתונה האָבן האָט זיך דיר פאַרגלוסט, פּעשע די יתומה. די רביצין האָט מיך בגוואַלד געשלעפּט אונטער דער חופּה. צוליב דיר וועלן קומען די גויים און מיך צערייסן ווי אַ הערינג.

— ליגן אונטערן בעט וועט גאָרנישט העלפן, — האָט פּעשע מיט אַמאָל געזאָגט ווי אַ בעל־תכלית — דער פּריץ ווייסט גאָרנישט ווו עס וווינט אַ נאַרקאָווער וואַסערטרעגער. קריך אָפּער, סימכע לעבן. עס

סימכע פלאַכטע

איז שוין ווייניק דאָ אין די טעפּ. פּונדעסטוועגן, מסתמא חלשט דיר דאָס האַרץ. טאָ קום, איך וועל דיר געבן עפּעס צו עסן. שפּעטער וועלן מיר שוין זען וואָס צו טון.

פעשע האָט קוים מיט צרות סימכע פלאַכטען איבערגערעדט אַפּערצו־קריכן פון אונטערן בעט.

פעשע האָט אָנגעגאָסן אַ שיסל. זי האָט מיט גרויס חידוש געזען ווי סימכע פלאַכטע דרייט מיטן לעפל, אָבער ער נעמט גאָרנישט אין מויל אריין, ווי דער בויך וואָלט זיך אים פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער.

קאַפּיטל דריי

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק זיצט אויף אַ שטיין און שמועסט מיט זיך אַליין וועגן יידן אין דער ליטע און וועגן פּוילישע דריפּקעס

ביי דעם לעצטן בוים פון וואַלד האָט זיך ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק אַנידערגעזעצט אויף אַ גרויסן פּאַרמאַכטן שטיין. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געקוקט אויפן זומערדיקן הימל וואָס איז פאַרפּלייצט געווען מיט זון־ליכטיקייט. ר׳ פּייווקע האָט צוגעלייגט זיין לאַנגן דאַרן פינגער צום שטערן גלייך ווי ער וואָלט מעמיק געווען אין עפּעס אַ שווערער סוגיה.

ר׳ פּייווקע האָט געברומט אויף אַ גמרא־ניגון און געשמועסט מיט זיך אַליין. מיר אין דער ליטע, האָט ער צו זיך געזאָגט, שאַרפן דעם שכל. מיט דעם געשאַרפטן שכל ווילן מיר אַדורכשניידן ש״ס און פּוס־קים. מיר קוקן אַריין אין דער וועלט ווי זי וואָלט געווען נייערט אַ ש״ס־גמרא, און מיר ווילן אַז זי, די וועלט הייסט עס, זאָל זיין נייערט קלאָר און שכלדיק. מיר גלייבן, אין דער ליטע, אַז אַלצדינג קאָן ווערן דער־גרונטעוועט. ווייס איך וואָס! די פּוילישע דריפּקעס אין נאַרקאָווע האָבן נעבעך קנאַפּ שכל. דערפאַר האָבן זיי אַ סך אמונה. מיט דער תמימותדי־קער אמונה קריכן זיי איבער דער וועלט, און קאָנען אמאָל דערקריכן ביז משיחן. מען חשבונט צו פיל ביי אונדז אין דער ליטע.

אָט האָבן די פּוילישע דריפּקעס אין נאַרקאָווע גענומען אַ פּראָסטן וואַסער־טרעגער און זיי ווילן גראָד אויף אים אויספּרוּוון דעם כוח פון אַ מצווה. זיי ווילן זיך אויפהייבן גאָר גאָר פון סאַמע אונטן און קומען צו טאַפּטשען מיט די שטיוואַלעס אין הימל אַריין. זיי האָבן משמעות אויפגעדרייט אַ רעדעלע. און דאָס רעדעלע דרייט זיך. זיי זשע נישט קיין לאָקש, פּייווקע ליטוואַק, און כאַפּ זיך אַרויף פון הינטן. דו קענסט אַמאָל דערפאָרן העט, העט.

קאַפּיטל פיר

דעם פּריצעס פערד צווישן צוויי וועלף. — פּונקט ווי ר׳ פּייווקע האָט געזאָגט. — ער וויל באַשיטן סימכע פלאַכטען מיט גאָלד און רייט אין גאַלאָפּ קיין נאַר־קאָווע.

פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט אויף אינדערגעשווינד אראָפּגעוואָרפן איינעם פון די יעגערס פון אַ פערד און זיך אַליין דערויף אַרויפגעזעצט. מיט דער גאַנצער מחנה יעגערס און הינט האָט ער זיך הענדום־פּענדום געלאָזט אין דער זייט ווו ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט אים אָנגעוויזן. ער האָט די יעגערס צוגעזאָגט בראָנפן און געלט ווען מען וועט קומען באַצייטנס. טאָמער חס־ושלום וועט מען קומען נאָכדעם ווי דאָס פערד איז שוין צעריסן געוואָרן פון די צוויי וועלף — זאָגט ער זיי צו אויף זיין פּריצישן האָנער; אַז יעדער איינער פון די יעגערס וועט קריגן אָפּגעשמיסן עפנטלעך פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן דאָרף גויים. שפּעטער וועט ער זיי אַריינוואַרפן אין אַ פינצטערער תפיסה און זיי וועלן באַקומען צו פרעסן נישט מער ווי ברויט מיט וואַסער. די יעגערס האָבן געוווסט, אַז ווען אַ פּריץ זאָגט צו אויף זיין האָנער איז עס קודש־קדשים. מען מעג אים גלויבן סיי וואָס שייך דעם בראָנפן און סיי וואָס שייך די שמיץ. האָט מען געטריבן די פערד אויף האַלדז און נאַקן.

טאָמער איז די גאַנצע מעשה נישט מער ווי אַ בוידעם און דער אָפּגעריסענער באַדינער פון צדיק האָט סתם גערעדט אויפן ווינט — דאָס איז דעם פאַן וויטשעך נישט איינגעפאַלן אויף אַ רגע. פאַרצייטישע

פוילישע פריצים האָבן געהאַט אַ ווילדע אמונה אין די מופתים פון הייליקע יידן.

מען איז געריטן און געריטן אין טיפן וואַלד. געריטן אין רוישן פון די ווינטן און אין דעם רוישן פון די ביימער. די פערד האָבן געטאָפּטשעט אין די וואַלדיקע זומפּן און געוויקסן. די יעגער האָבן געשמיסן און די פערד האָבן זיך באַגאָסן מיט שוים.

פּלוצלינג: אין מיטן פון וואַלד שטייט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקיס געליבטע פערד צווישן צוויי הונגעריקע וועלף. די וועלף שפּרינגען דערויף מיט אויסגעשטשירעטע ציין און אַרויסגעשטעקטע צונגען. דאָס פערד איז באַגאָסן מיט שווייס, אָבער עס ווערט זיך פון די וועלף מיט די קאָפּעטעס פון די הינטערשטע פיס. מען זעט ווי דאָס פערד נעבעך הייבט אָן צו ווערן שוואַכער און עס ווערט זיך מיט די לעצטע כוחות.

פונקט ווי ר' פּיוּוקע דער ליטוואַק האָט עס אויסגעמאָלן.

עס איז נישטאָ קיין צייט צו פאַרלירן. פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי טוט אַ כאַפּ די ביקס, צילעוועט און שיסט אויס.

איין וואָלף איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער. דער צווייטער וואָלף האָט געכאַפּט די פיס אויף די וועלפישע פלייצעס און געמאַכט אַ זיברח צווישן די ביימער.

ווידער אַקוראַט ווי ר' פּיוּוקע דער ליטוואַק האָט עס אויסגעמאָלן.

וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז צוגעלאָפן צום צעשוימטן פערד. דאָס פערד האָט אים באַלד דערקענט און אויסגעדרייט די מאָרדע. די גרויסע לענגלעכע אויגן זיינע זענען געווען רויט פאַרלאָפן מיט בלוט. פון פרייד, וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין געליבטן סוס, האָט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי געוויינט ווי אַ קינד. די טרערן זענען אים גערונען איבער די באַקן ביז צו די שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס. ער האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט און רק געגלעט דאָס פערד מיט גרויס ליבשאַפט. צום סוף, ווען דאָס פערד האָט צופרידן אַ הירזשע געטון, האָט ער עס — וואָס אַ גוי קאָן אַלץ — געטון אַ קוש אין דער מאָרדע, ווי להבדיל אַ בן־יחיד.

אויך די גויים מיט די גרינע היט און מיט די פאַווע פעדערן האָבן זיך שטאַרק געפרייט און געווינטשעוועט דעם פּריץ. קודם כל זענען זיי

זיכער געווען, אַז זיי וועלן נישט קריגן אָפּגעשמיסן. פאַרקערט, זיי וועלן נאָך באַקומען צו גלעזלעך בראָנפן און אַ מטבע אין קעשענע אַריין. אפילו די הינט האָבן מרגיש געווען די גרויסע שמחה, געשפּרונגען אין דער לופטן אַרום דעם פּאַן וווּטשעך און אים געלעקט די שטיוול און די הענט.

די שמחה האָט זיך אַ קאַפּעטשקע איינגעשטילט. דאָס געליבטע פעהדל האָט כמעט ווי פאַרגעסן די סכנה אין וועלכער עס האָט געשוועבט און אויסגעשטרעקט דעם לאַנגן האַלדז און גענומען שטשיפּען פון דעם וואַלד־גראָז. אפּנים, אַז ס׳איז נעבעך געווען זייער הונגעריק — דאָ האָט דער פּאַן וווּטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי מיט גרויס האָפּעדיקייט זיך אַ דריי געטון ביי דער לאַנגער וואָנצע און אין מיטן וואַלד אַ געשריי געטון צו זיינע יעגערס:

— זעט איר, הינטישע זין, וואָסערע יידן איך פאַרמאָג אין נאַר־קאָווע! אַזאַ צדיק געפינט זיך נישט ביי קיין שום פּריץ אַרום און אַרום. ער איז מיט גאָלד אָפּצוואוויגן. איך וועל אים טאַקע באַשיטן מיט גאָלד. אָבער ווי הייסט ער דאָס, אָט אַ דער וווּנדער־טוער? אַ שאָד, איך האָב פאַרגעסן ביי זיין מאָשקען צו פרעגן ווי מען רופט אים, דעם פּאַן צדיק. איצט, הינטישע זין, אַרויף אויף די פערד. איידער מיר וועלן אַהיימפאָרן אין פּאַלאַץ וועלן מיר קודם כל אין גאַלאָפּ רייטן צום אַלטן ראַבין קיין נאַרקאָווע. ער וועט אונדז שוין זאָגן ווו און ווער דער פּאַן צדיק איז. וווּטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי ווייסט ווי אַזוי צו באַ־לוינען הייליקע יידן.

דער פּריץ מיט זיין סוויטע זענען אַרויף אויף די פערד און ווי אַ וויכער אַוועקגעריטן צום רב זאָל לעבן קיין נאַרקאָווע.

וואָס אין נאַרקאָווע האָט זיך געטון ווען מען האָט געזען ווי דער פּריץ טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי און זיינע משרתים קומען אָן צו רייטן מיט אַזאַ רציחהדיקן אימפּעט, וועלן מיר דערציילן אין נאָענטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פינף

נאַרקאָווע אין שטויב מדהרות אבירין — אַ מסירה צי אַ בלוט־בלבול? — ווידער ר׳ געצל מיט דער לאַמ־טערנע. — דער גוי וויל זען דעם פּאָד־ראבין.

פונקט האָבן נאַרקאָווער יידן געהאלטן אינמיטן די וואָכעדיקע דאגות־פּרנסה — דער פּריץ וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי מיט זיינע משר־תים זענען געקומען ווי די צעיושעטע רוחות אריינצורייטן אין שטעטל אַריין. שוין היפּשע עטלעכע טעג האָט נישט געהאט גערעגנט און נאַר־קאָווער געסלעך האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, אַז זיי זענען אַמאָל געווען בלאָטעס. די קאָפּיטעס פון די גאַלאָפּירנדיקע סוסים האָבן אויפגעשטויבט דאָס שטעטל און עס האָט אויסגעקוקט ווי נארקאָווע ליגט אין רויך. איי־דער נאַרקאָווער יידן האָבן נאָך גאָר געפּרוווט צו טראַכטן, וואָס עפּעס איז דער פּריץ אין אַ פּראָסטן מיטוואָך געקומען מיט אזא בהלה צו יאָגן אין שטעטל אַריין — האָט מען קודם־כל פארהאקט די קרעמלעך. אויפן מאַרק האָבן יידן אָנגעהויבן איינצופּאַקן די בעבעכעס. אין אַ סך שטובן האָט מען צוגעמאכט די לאָדנס. לאָזן די פּריצישע גויים טרעפן נארקאָווע ווי עס האָט זיך באַהאַלטן אין דער שטילעניש.

נאָכדעם ערשט האָבן יידן אָנגעהויבן צו טראַכטן וואָס דער פּריץ וויל. אפשר האָט דער משוגענער גוי פאַרשפּילט א פארמעגן און ער איז געקומען קיין נאַרקאָווע, אַז יידן זאָלן אים אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע. אויב נישט — רופט ער אויס אַ גירוש און מאכט פון נארקאָווע א תל־עולם. טייל האָבן געזאָגט, אז דאָ מוז זיין אַ מסירה פון א המן, צי גאָר אַ ביטערע גזרה פונעם מלכות אין וואַרשע. אנדערע האָבן געזאָגט: אפשר,

השם ישמרנו, מען האָט געפונען אין אַ ברונעם אַ דערטרונקענעם שייגעץ און מען גייט אויף נאַרקאָווע מאַכן אַן עלילת־דם.

הכלל, עס איז נישט גוט און אויף יידן גרייט זיך אַ פּעקל.

נאַרקאָווע האָט אין יענע צייטן נישט געוווּסט פון קיין טעלעגראַף — פונדעסטוועגן ווען דער פּריץ מיט זיינע גויים זענען נאָך געזעסן אויף זייערע פערד, איז שוין די שמיעה אָנגעקומען צום רב אין הויז; אַ וואָלקן־בראָך גרייט זיך אויף יידן, און אַז נאַרקאָווע ליגט אין איין שטויב מדהרות אביריו, דאָס הייסט, פון די צעיאַכמערטע פערד, וואָס יאָגן איבערן שטעטל, ותתחלחל המלכה — דער רב זאָל לעבן האָט זיך אָקערשט גע־האַט אָנגעשיט אַ ליולקע טוטין און געוואָלט מעיין־זיין אין אַ הארבן רמב״ם, וואָס האָט אים אַ גאַנצע נאַכט דערקוטשעט און נישט געלאָזט צוטון קיין אויג. דער רב איז אין דער רגע בלאַס געוואָרן און אָנגעהויבן צו זיפצן. טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז נישט קיין שלעכטער גוי און גיט יידן צו פאַרדינען. אים אַליין, דעם רב, שיקט ער אַ פור האָלץ אויפן ווינ־טער און קאַרטאָפליעס אויף פּסח. נאָר גיי באַרעכן אַ גוי, ווען עס ברענט אין אים די רציחה. שפּיל זיך מיט עשום בלוט.

גראָד איז אין בית־דין־שטוב געווען ר׳ געצל דער שמש. הגם עס איז געווען היפּשלעך פאַרמיטאָג, די זון האָט זיך צעלויכטן איבער נאַר־קאָווע און די הימלען זענען געווען ליכטיקע און קלאָרע — האָט ר׳ געצל פונדעסטוועגן מיט זיך ארומגעטראָגן זיין גרויסע פּאַפּירענע לאַמ־טערנע. משמעות ער האָט נישט געטרויט דער טאָג־ליכטיקייט. אַ קשיה אויף אַ מעשה, די זון קען זיך צוועלף אַזייגער בייטאָג אוועקלייגן שלאָפן אין איר פּוטערפעסל. עס וועט ווערן אַ חושך איבערן שטעטל און מען וועט מוזן אָנצינדן די לאַמטערנע.

מאַלע וואָס עס קאָן זיך מאַכן מיט נאַרקאָווע.

דער משקל־הראשון איז געווען: ר׳ געצל, דער בית־דין־שמש, זאָל לויפן הענדום־פּענדום — און טאַקע מיט דער לאַמטערנע — און צונויפ־מענרופן אַן אסיפה פון די חשובי־העיר. מיר קאָנען זיי פון סאַמע אָנהויב פון אונדזער ספּור־המעשה. זינט קדמונים האָט מען זיך אין נאַרקאָווע נוהג געווען, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, סיי אין גרויסע זאַכן, סיי

אין קליינע, זאל מען קודם־כל רופן אן אסיפה. איז אָבער די מעשה, גיי און רוף אן אסיפה בעת דער שטורעם־ווינט דערנענטערט זיך אָט־אָט צום רבס טיר. מען האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצולאָזן די פאַרע פּור־נעם מויל, אין דרויסן פאַרן בית־המדרש הערט מען שוין דאָס געהיר־זשעריי פון סוסים און דאָס קול פון א מחנה גויים.

בקיצור, עס איז לא טוב. אין נאַרקאָווע האָט מען זיך געריכט, אז די גויים אויף די פערד טראָגן גזרות פאַר יידן.

תוך כדי דיבור הערט מען רעשיק קלאַפּן ביי דער טיר. ר׳ געצל דער בית־דין־שמש האָט קודם־כל אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, געבליבן שטיין מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ און מיט דער אויסגעלאָשענער לאָמ־טערנע אין דער האַנט. אויך דער רב האָט צוגעלייגט זיין האַנט צום ספּאָדיקל, ווי ער וואָלט עס געהאַט בדעה אַרונטערצונעמען לכבוד דעם נאַרקאָווער פּריץ: אולי אכפּרה פניו במנחה, אפשר וועט מען אים איינ־שטילן דעם כעס און אלצדינג אָפּשרייען בכי טוב. דער גוי איז דאָך פאָרט נישט קיין שלעכטער.

די טיר האָט זיך אויפגעריסן מיטן גרויסן קנאַק. דער פּריץ וווי־טשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי בכבודו ובעצמו מיטן גאַנצן קעסל־כלים פון וואַלד־געיעג איז געשטאַנען אין רבס בית־דין־שטוב. די איבעריקע גויים מיט דער סטאַיע כלבים זענען געבליבן אין דרויסן.

אין בית־המדרש אקעגנאיבער דעם רבס טיר איז פּלוצים געוואָרן א שטומעניש. די בחורים האָבן אויפגעהערט צו לערנען און זענען געבליבן זיצן ביי אָפענע גמרות בלאָס פון אימה. אַזוי פיל גויים מיט ביקסן און מיט כלבים זענען אָנגעקומען צום רב.

בלויז בונם דער אונטער־שמש איז געשטאַנען אויף א בענקל און זיך געפּאָרעט ביי א הענג־לייכטער.

ס׳איז נישטאָ קיין צייט צו באַלאַמוטשען. ר׳ געצל דער בית־דין־שמש אין דער יאַרמלקע און מיט דער לאָמטערנע האָט זיך פּאַמעלעכל הינטערוויילעכס אַרונטערגערוקט הינטערן רבס אויוון. דער רב האָט מיט ציטערדיקע הענט אַרונטערגענומען דעם ספּאָדיק און זיך פאַרנויגט פאַרן פּריץ.

— גוט מאָרגן, פאַניע ראַבין, — האָט טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי געזאָגט מיט גרויס ברייטקייט און זיך געדרייט ביי דער וואָנצע — וואָס מאכסטו אויפן געזונט?

דערהערט, אַז דער פּריץ פרעגט זיך גאָר אויפן געזונט, האָט דער רב באַלד געזען, אַז דעם גוים לבּ הויבט זיך אָן איבערדרייען צום גוטן. מען דאַרף ווייטער האָפן אויף חסד. דער רב זאָל לעבן האָט זיך אויסגעשמייכלט און געענטפערט האַלב אויף אַ גרייזיקן פּויליש און האַלב אויף לשון־קודש:

— דזשענקויע — אַ דאַנק פאַרן פרעגן, געלויבט השם יתברך.

מען האָט אָבער אַלץ נישט געוווסט וואָס דער אָדון וויל.

אין דער מינוט איז טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי אַריינגעפאַלן אין אַ פּריצישער רוגזה:

— איך וויל זען די צווייטע האַנט פון רב, דעם פאַן פאַד־ראַבין, הייסט עס.

דער רב איז פונדאַסניי געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט. ר' געצל דער בית־דין־שמש האָט זיך טיפער אַרונטערגערוקט הינטערן אויוון. באַשיימפערלעך גייט מען צוטשעפּען צו נאַרקאָווע אַ בלוט־בלבול — אַזימן, וואָס פרעגט דער גוי גראָד אויף ר' שעפּסעלע מורה־הוראה?

ר' שעפּסעלע איז געווען אַ ייד אַ בן תשעים. זינט כּמה וכמה יאָרן איז ער שוין נישט אַרויסגעגאַנגען מפתח־ביתו און נישט געפּסקנט מער קיין שאלות. ער איז געווען כּמעט טויב ווי די וואַנט און כּמעט אַ סגי־נהור, און אַלצדינג מחמת זיקנה. אפילו זומער איז ער געזעסן ביי אַ פייערטאָפּ און געלערנט פון אויסנווייניק.

— ווו איז דער פאַד־ראַבין? האָט נאָכאַמאָל טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי געפרעגט, און שוין אויפן הויכן קול. דאָס טריפה בלוט האָט אָנגעהויבן אין אים צו קאָכן.

האָט מען געזען, אַז ס'איז נישט גוט. דער פּריץ וועט חס־ושלום מאכן פון נאַרקאָווע אַ תל־עולם אויב מען וועט אים נישט נאָכגעבן דעם בייזן האַלדז. דער רב זאָל לעבן האָט נאָכאַמאָל געטון אַ טיפן זיפץ; רחמנא ליצלן, ווער ווייסט וואָסער בלבול עס הענגט איבער ר' שעפּסעלען?

באין ברירה איז דער רב צוגעגאנגען צום אויוון און אפּערגענומען ר' געצלען, וואָס איז דאָרט געשטאַנען מיט דער לאַמטערנע און געציטערט און געפּלאַטערט.

— הלכה צו ר' שעפּסעלען און זע אים תיכף ומיד צו ברענגען. מען דאַרף האָבן רחמים מיטן אָדון.

— אָט שיק איך נאָך אים, ליכטיקער האַר, — האָט דער רב גע־זאָגט צום פּריץ.

ר' געצל איז הענדום־פּענדום אַרויסגעלאָפן מיט דער לאַמטערנע אויף דער גאַס.

אין דרויסן האָבן די פּריצישע הינט געזען ווי עס לויפט א ייד מיט א לאַמטערנע, האָבן זיי שטאַרק אָנגעהויבן צו בילן און זיך גע־וואָלט אויף אים וואַרפן — א נס וואָס די גויים האָבן זיי געהאַלטן אויף שטריק.

קאַפּיטל זעקס

מען ברענגט ר׳ שעפּסעלען מורה־הוראה צום רב. — טא ניע טען. — אַ געזוכעניש נאָך בעלי־הוראה. — פאַן וויטשעך סטראַשעט מיט נקמה — און נאַרקאָווע איז צעטראָגן, מען ריכט זיך אויף אַ גירוש.

ווי געשווינד ר׳ געצל זאָל נישט האָבן געלאָפן צו ר׳ שעפּסעלען דעם מורה־הוראה, האָבן שוין נאַרקאָווער יידן געוווּסט וואָס עס טוט זיך ביים רב אין בית־דין־שטוב און אַז דער פּריץ איז מלא חימה און וויל ר׳ שעפּסעלען קורע־כדג זיין. גראָד ר׳ שעפּסעלען! אַ ייד איז נאָך פריער פאַר ר׳ געצלען אָנגעקומען צו לויפן צום ניינציק־יאָריקן מורה־הוראה. ר׳ שעפּסעלע איז געזעסן ביים פּייער־טאָפּ, ווי עס וואָלט נישט געווען זומער־לעב רק אינמיטן די גרעסטע ווינטערדיקע פרעסט. ער איז געזעסן אין אַ וואַטאָווען שלאָפראָק און אַרומגעהילט מיט ווארעמע פאַטשיילעס. נאָר לײדיק איז ער נישט געזעסן. ער האָט געלערנט אויף אויסנווייניק.

מחמת ר׳ שעפּסעלע האָט כמעט ווי נישט געהערט, האָט אים דער ייד מיט אַלע כוחות אריינגעשריגן אין די אויערן אריין די גאַנצע מעשה מיטן פּריץ, און אַז אויף אים, אויף ר׳ שעפּסעלען, גרייט זיך אַן עלילת־דם, רחמנא ליצלן.

אַליין האָט ר׳ שעפּסעלע אויסגעקוקט ווי אַ גרייזעכער בר־מינן, איינגעדאַרט און איינגעשרומפּן, מיט אַ פּנימל ווי אַ גרוגרת דר׳ צדוק און בלאַס ווי אַ קיטל. ווען ער האָט נאָך לאַנגע זייטיקע פרעגעכצן פאַרט באַנומען וואָס דער ייד שרייט, איז ער נאָך בלאַסער געוואָרן... די ציטערדיקע הענט האָבן נאָך מער אָנגעהויבן צו ציטערן. פאַר זיך גופא האָט

ר׳ שעפּסעלע קנאַפּ געזאָרגט. אויף אונדזער גאַנצן עולם־הדמיון האָט ער שוין געקוקט ווי אויף אַ שמעק־טאַבאַק, און זיך געהאַלטן פאַר אַ ייד פון בית־דין של מעלה. וואָס קאָן אַ גוי נאָך טון מיט אַ ייד אַ בן־תשעים? נאָר צוריק־גערעדט — ווי קלערט אַ ייד רק וועגן זיך אַליין? ר׳ שעפּסעלע האָט נעבעך געציטערט פאַר נאַרקאָווער יידן און ער האָט גוט געוווּסט פון די ספרים־הקדושים, וואָס גויים טוען מיט יידן ווען עס גייט זיי איבער דער טריפהנער כוח הדם.

תוך כדי דיבור איז אַריינגעקומען ר׳ געצל דער בית־דין־שמש. ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו דערציילן. ר׳ שעפּסעלע האָט שוין אַלצדינג געוווּסט. ר׳ געצל און דער נאַרקאָווער ייד האָבן ר׳ שעפּסעלען געהאָלפן אויפשטיין פונעם בענקל ביים פייער־טאָפּ. מען האָט אים אָנגעטון דאָס טוליפּל ווי אויך דאָס אַלטע ספּאָדיקל, און גוט אים אַרומגעוויקלט מיט וואַרעמע פּאַטשיילעס. ר׳ געצל מיטן ייד האָבן דעם בן־תשעים־מדיקן זקן גענומען אונטער די אָרימס און אים כמעט ווי אַדורכגעטראָגן דורך נאַרקאָווער געסלעך. ר׳ שעפּסעלע האָט כסדר געשעפּטשעט מיט די בלאַסע איינגעפאַלענע ליפּעלעך. ער האָט כדרכו געלערנט פון אויסנווייניק. צי האָט ער איצט געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים, צי גאָר געזאָגט ווידוי? דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט.

אַזוי האָט מען ר׳ שעפּסעלען, אָן איינגעוויקלטן אין פּאַטשיילעס און אין אַ טוליפּל אַריינגעבראַכט צום רב אין דער בית־דין־שטוב. ר׳ שעפּסעלע איז געבליבן שטיין אין ספּאָדיקל. צי האָט ער ניט געהאַלטן דערפון אַראָפּצונעמען דעם ספּאָדיק און צו בלייבן שטיין אין דער יאַרמלקע אפילו פאַר אַ גוייִשן אָדון? צי האָט ער ניט געהאַט קיין כוח אויפצוהייבן די ציטערדיקע הענטעלעך? צי האָט ער עס סתם פאַרגעסן צו טון מחמת דער אימה וועגן די גזרות וואָס גרייטן זיך אויף נאַרקאָווע? אויך דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט.

פאַן וווּיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט מיט אַ רציחהדיקן קוק אָפּגעמאָסטן דעם אַלטן מורה־הוראה. ער האָט געזאָגט צום רב, — און שוין גאָר ניט אויף קיין פריינטלעך קול:

— טאָ ניע טען. דאָס איז ניט דער ראַבין, וועלכן איך מיין. אַבער

— באַלאַמוטשעט ניט, יידעלעך, און ברענגט מיר דעם ריכטיקן. איך

קאָן מיך אויף אייערע זשידאָווסקע קעפּעלעך, איר ווילט מיר אים נישט ווייזן.

ר' שעפּסעלען האָט מען צוריקגעפירט אַהיים. דער רב מיט די חשובי־העיר, וואָס זענען אינצווישן אָנגעקומען האָבן זיך געבראָכן די קעפּ און געטראַכט, וועמען דער פּריץ מיינט דאָ.

טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרעסערער רוגזה. ער האָט געטופּעט מיט די פּיס און געשריגן, אַז נאַרקאָווע וויל אים נישט ווייזן דעם הייליקן פּאַד־ראַבין. נאָך אַ האָר — אַזוי האָט ער געשריגן — וועט מען אים אַרויסברענגען פון די כלים און ער וועט זיך נוקם ונוטר זיין אין אַלע יידן, אַריינגערעכנט ווייבער און קינדער.

איז מען געלאָפן ברענגען ווו עס איז נאָר געווען אַ נאַרקאָווער למדן צי סתם אַ חסידישער ייד. מען האָט געשלעפּט פון די בעטן חולאים, וואָס האָבן אמאָל ווען עס איז געהאט אַריינגעקוקט אין אַ יורה־דעה. מען האָט נישט געקוקט אויף קיין יאָרן און אויף קיין מיחוש. וועמען מען האָט נאָר חושד געווען אין הוראה האָט מען אַריינגעברענגט אין בית־דין שטוב, כדי דער צעיאַכמערטער פּריץ זאָל זיי אָנקוקן. וואָס וויל דער גוי דווקא בעלי־הוראה? קיינער האָט שוין נישט געהאט דעם מינדסטן ספק, אַז מען האָט צו טון מיט אַ בלוט־בלבול.

דער גוי האָט כסדר געטופּעט מיט זיינע רויטע געיעג־שטיוואַליעס און געשריגן: טאָ ניע טען! עס איז נישט דער! און אָנגעהויבן צו מאַכן קולות, באשר בכן, יידן ווילן אים אָפּנאַרן.

יידן זענען נעבעך געבליבן שטאַרק צעטראָגן.

די פּריצישע כלבים אינדרויסן פאַר דער בית־דין־שטוב האָבן דער־הערט ווי דער פּאַן וויטשעך שרייט, איז געוואָרן צווישן זיי אַ מהומה און אַ געבילעריי און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו רייסן אויף די שטריק.

אין שטעטל נאַרקאָווע האָט מען דעריבער געמיינט, אַז דער גירוש האָט זיך שוין אָנגעהויבן. אַ סך יידן האָבן שוין געהאט בדעה צו טון דאָס דאָזיקע ווי אונדזערע אבות אבותינו אין גלות, דאָס הייסט, איינ־צופּאַקן די קופערטס מיט די רעדלעך און זיך צו לאָזן ווו די אויגן וועלן טראָגן איבער מדינת פּוילן.

י. י. טרונק

דער רבונו של עולם אָבער גרייט פאר יידן תמיד צו די רפואה פאר דער מכה. צום סוף האָט זיך פאָרט געפונען אַ ייד, וואָס האָט זיך דער־קליבן צו פרעגן ביים פריץ וועמען ער מיינט. פאמעלעכל, פאמעלעכל איז מען געפאלן אויף סימכע פלאכטען. ווי אזוי עס איז געשען און ווער איז געפאלן אויף דעם גליקלעכן געדאנק — און וואָס עפעס גראָד סימכע פלאכטע? דאָס וועלן מיר זען אין נאָענטן קאפיטל.

קאַפּיטל זיבן

ר׳ גאַדל דער קרוב למלכות. — ר׳ גאַדל אין פּריצישן הויף. — דער חסד פון די שרים איז געגליכן צום זו־מער און צום ווינטער.

ר׳ גאַדל איז געווען דער נגיד פון נאַרקאָווע. ער האָט געוווינט אין אַן אייגן הייזקעלע אויפן מאַרק פּונקט אַקעגנאיבער דעם שטאָט־ברונעם. אין שול האָט ער געדאַוונט אויף דער מזרח־וואַנט נישט ווייט פון רב. מען האָט נישט געדאַרפט אַ סך צו קוקן, כדי צו זען, אַז ר׳ גאַדל איז פון די נאַרקאָווער „פּני״. דאָס שיינע קיילעכדיקע בייכל האָט זיך אַרויסגע־שטופּט פון אונטער דער קאַפּאָטע און ווי געשריגן: תּרבות! עס גייט ר׳ גאַדל. אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ שיינע, אַ ברייטע און אַ געקעכלטע. די פּיאהקעלעך האָבן זיך אים, מעשה־שטן, תמיד באַהאַלטן הינטערן קאַש־קעטל. אין נאַרקאָווע האָט מען געוווּסט, אַז ס׳איז נישט סתם היינט־וועלטיקייט. ר׳ גאַדל איז געווען דער קרוב לפּריץ צווישן נאַרקאָווער יידן, האָט געערדט אַ פּיינעם פּויליש, האָט געהאַנדלט מיט תבואה און פלאַקס און זיך געדרייט אין פּריצישע הייף. טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט אים גערופן מאַי גאַדל, דאָס הייסט, מיין גאַדל, און האָט מיט אים פאַרשטופּט אַלע לעכער. ר׳ גאַדל האָט דעם פּאַן וואָיטשעך פאַרשאַפט הלוואות און געוווּסט פון אַלע זיינע קאָפּ־ברעכענישן. אַמאָל האָט אים דער נאַרקאָווער פּריץ געשיקט קיין דאַנציק צי קיין לייפּציק. מען האָט נישט געוווּסט וואָס ר׳ גאַדל האָט דאָרט געטון. ר׳ גאַדל האָט וועגן דעם געשוויגן ווי די וואַנט. זינט ר׳ גאַדל איז געווען אין די פּריסישע ווינטן האָבן זיך אים די פּיאהלעך נאָך טיפער באַהאַלטן הינטערן ברייטן טוכענעם קאַש־

קעט, און די באָרד איז אים געוואָרן נאָך ברייטער און צעקעכלטער. ר׳ גאָדל האָט דערציילט פון פרייסן און פון די לייפּציקער יארידן.

ר׳ גאָדל האָט טיילמאָל גענומען אין דער האנט אריין דאָס שטעקעלע מיטן זילבערנעם קנאָפּ, וואָס ער האָט מיטגעבערענגט פון די לייפּציקער יארידן און אהינגעגאנגען אין הויף אריין צום פּאַן וואָיטשעך. די כּלבים דאַרט קאָנען ר׳ גאָדלען ווי א בייזן שילינגער און וואָרטשען בלויז ווען זיי זעען אים. איננאנצן נישט בילן אויף קיין ייד קאָנען, פאַרשטייט זיך, פּריצישע כּלבים ביי זיך נישט פּועלן. ר׳ גאָדל וואַרט שעהען לאַנג אין פּריצים קיך צווישן די לאָקאַיעס און משרתים ביז דער פּאַן וואָיטשעך באַוויליקט ארויסצוקומען פון די סאַליעס און אויף אים א קוק צו טון. עס מאַכט זיך אָבער — דער פּריץ באַדאַרף ר׳ גאָדלען זייער נויטיק, רופט ער אים דעמאָלט מאַי גאָדל און בעט אים אריין אין א חדר־מיוחד, פאַר־מאַכט זיך מיט אים אויף שעהען און שמועסט זיך אויס מיט ר׳ גאָדלען וועגן גוטע און וועגן שלעכטע עסקים. די פּריצה בכבודה ובעצמה מוז נעבעך וואַרטן הינטער דער טיר, ווען דער פּריץ איז פאַרמאַכט מיט ר׳ גאָדלען.

דאָס לב פון שרים איז גריילעך געגליכן צו דעם וועטער־הענדל, וואָס דרייט זיך אויפן קוימען — מאַכט זיך, אז דער פּאַן וואָיטשעך פאַרגעסט גאָר, אז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ר׳ גאָדל געהייסן מאַי גאָדל, — און ער, דער גוי, כאַפּט אָן ר׳ גאָדלען פאַר דער שיינער צעקעכלטער באָרד, און ציט אים — טאַקע פאַר דער באָרד — ארויס אינעם סאָד כּלומרשט אז די הינט זאָלן אים צעבייסן. עס שאַדט נישט. דער פּריץ וועט חס ושלום נישט לאָזן צעבייסן „מאַי גאָדלען. מיט וועמען וועט ער פאַרשטופן די לעבער?

די הינט פאַרשטייען נישט קיין קאַטאָוועס און ווילן זיך טאַקע וואַרפן אויף ר׳ גאָדלען. דער ייד איז טויט ווי די וואַנט. עס איז אָבער גענוג איין קוק פון פּאַן וואָיטשעך — די הינט לאָזן אראָפּ די ווײַדלען און ווערן שטיל ווי לעמעלעך.

די פּריצה מיט אירע טעכטער, אָנגעטון אין סאַמעט און אין סויבל, קוקן ארויס פון די פענצטער און לאַכן ווי דער פּאַן וואָיטשעך שלעפּט ר׳ גאָדלען פאַר דער באָרד.

סימכע פלאָכטע

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. באַלד וועט ר׳ גאָדל זיך מוזן איבער־דרייען די שיינע נגידישע קאַפּאָטע און צווישן די אַלטע סאָד־ביימער טאַנצן אַ מצווה־טענצל און זינגען שבתדיקע זמירות. די פּריצה מיט אירע טעכטער ווערן צעשמאָלצן פון תענוג. פון די קיך־פענצטער קוקן אַרויס די משרתים און לאַקאַיעס און לאַכן אויפן קול.

באותו רגע ווייסן די הינט נישט וואָס צו טון; ווייטער ליגן שטיל ווי די לעמעלעך, צי אָנהייבן בילן פונדאָסניי.

דערנאָך גיט דער פּריץ פּאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי ר׳ גאָדלען אַ קאָפּ פון הינטן און וואַרפט אים אַרויס פון סאָד.

אינדרויסן פאַרן סאָד טוט ר׳ גאָדל אַ פּאָך מיטן שיינעם שטעקן, וועלכן ער האָט מיטגעברענגט פון די לייפּציקער יארידן און שפּאַנט צו־ריק קיין נאַרקאָווע.

צומאָרגנס ווערט ר׳ גאָדל ווידער ביים פּריץ מאַי גאָדל. דער פּאַן וויטשעך פאַרמאַכט זיך מיט אים אויף שעהען און חשבונט און האַלט זיך עצות. די פּריצה אין אירע בגדי־מלכות מוז ווידער וואַרטן הינטער דער טיר פונעם חדר־מיוחד. דער פּריץ לאָזט זי אַהין נישט אַריין, מחמת ער האָט קיין צייט נישט. ער איז פאַרטון אין געשעפט־שמועסן מיט „מאַי״ גאָדל.

קאַפּיטל אַכט

ווער איז ער? — טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי מאַלט אויס דאָס געשטאַלט פון דעם צדיק. — איז עס סימכע פלאַכטע?

אין דער גרויסער מהומה איז אויך ר' גאָדל אַריינגעקומען צום רבן. ר' גאָדל דער קרוב־למלכות ביים פריץ קאָן אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן דעם גוים אַלע משוגעתן. אפשר וועט ר' גאָדל דערגיין א טאָלק וואָס דער פאַן וויטשעך וויל פון נאַרקאָווער בעלי־הוראה?

אַז וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט דערזען ר' גאָדלען האָט ער זיך אַ קאַפּעטשקע באַרואיקט. אינמיטן צווישן די שמשים און לומדים, וואָס מען האָט אים געברענגט צופירן, האָט זיך דער פאַן וויטשעך געפילט פרעמד און אומהיימלעך. ענדלעך זעט ער א היימישן ייד, אַן איינגענעם.

ר' גאָדל האָט זיך נאָך ביי דער טיר אַרונטערגענומען דעם ברייטן נגידישן קאַשקעט און געבליבן שטיין בגילוי־ראש. די באַהאַלטענע פּיאה־קעלעך האָבן זיך גאָר מיישב געווען און אים אַרונטערגעפאַלן איבער די באַקן. ר' גאָדל איז צוגעגאַנגען צום פּריץ און זיך טיף פאַרנייגט:

— אפשר קענסטו מיר, ליכטיקער האר, זאָגן ווי עס קוקט אויס דער פאַד־ראַבין, וועלכן דו זוכסט?

— עס איז אַ פאַן פאַד־ראַבין אין א ווייסער זשיפּיצע און ער דאוונט צום פאַן־בוג אין די וועלדער, האָט פאַן וויטשעך געזאָגט צו ר' גאָדלען.

די יידן אין דער בית־דין־שטוב האָבן זיך אָנגעקוקט. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז דער גוי זאָל האָבן געהאַט גילוי־אליהו! זאָל זיך אין די

סימכע פלאַכטע

נאַרקאָווער וועלדער טאַקע אויסבאַהאַלטן אַ מתבודד אַ למד־וואָווניק, ציגאָר אַ מקובל? אין נאַרקאָווע גופא קען מען נישט אַזעלכע ייִדן.

ווען טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט געזען דעם רושם, וואָס זיינע רייד האָבן געמאַכט צווישן די ייִדן אין דער בית־דין־שטוב, איז ער ביי זיך זיכער געווען, אַז קהל וויל אים נישט ווייזן דעם ריכטיקן צדיק. ער איז אַריין אין געוואַלדיקער רוגזה:

— אַ הייליקן פאַר־ראַבין בין איך געקומען צו זען. אַ באַדינטן האָט ער אויך גאָר אַ קלוגן זשידעק. נאַר, ייִדעלעך, נאָך אַ מינוט און אויב איר וועט מיר נישט ברענגען דעם וווּנדער־טוער, וואָס כ'האָב געטראָפן אין וואַלד, איז ביי מיין פּריצישן האָנאָר — איר וועט עס האָבן צו געדענקען.

דאָ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן יאָקל דער שול־קלאַפּער. ווי תמיד האָט ער מיט זיך געהאַט דעם שיינעם הילצערנעם שול־האַמער. ער האָט דעם האַמער אויפגעהויבן צו דער עדה פאַרזאָרגטע ייִדן.

— שאַט, ייִדן, אפשר מיינט גאָר דער אָדון סימכע פלאַכטען?

— סימכע פלאַכטען? ייִדן האָבן געוואָלט אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער. זיי איז פאַרגאַנגען דאָס לאַכן ווען זיי האָבן אַ קוק געטון אויפן פּריץ וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי.

האַלב אויף ייִדיש, האַלב אויף פּויליש און האַלב אויף לשון־קודש האָט ר' יאָקל דערציילט וואָס עס האָט זיך היינט געטון אין מאַרק און אין בית־המדרש מיט סימכע פלאַכטען. אַ ייִד האָט געזען ווי ער איז געלאָפן אין וואַלד אַריין.

האָט דער רב געזאָגט צום פּריץ: עס איז נאָך פאַראַן איינער אין שטעטל און מיר וועלן נאָך אים שיקן.

קאַפּיטל ניין

סימכע פלאַכטע אין געהאַקטע צרות. — פעשע. — ר׳ פּיווקע דער ליטוואַק. — עס רייט, עס רייט דאָס גאָלדענע פערדעלע. — ר׳ סימכעצקע גייט נישט.

סימכע פלאַכטע איז געזעסן אין געהאַקטע צרות ביי דער שיסל און גערדרייט מיטן לעפל. ער האָט נישט געקענט עסן. פעשע איז לעבן אים געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט און געקוקט. פינצטערע מחשבות זענען איר אַרומגעפלויגן אין קאָפּ. אויב די שיסל שטייט נאָך אַלץ א פולע פאַר סימכע פלאַכטען איז שוין טאַקע עק וועלט.

פלוצלינג האָט זיך געהערט א קלאַפּ אין דער טיר.

סימכע פלאַכטע האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. א צאָן האָט זיך אים געוואָרפן אין א צאָן. דאָס רויטע פנים פון פעשען דער יתומה איז אויך געוואָרן ווייס ווי א לייַלעך. דאָס פאָר־פאָלק איז זיכער געווען, אז דאָס קלאַפּן דעם פריצס גויים. אָבער פאַרוואָס קלאַפּן זיי אַזוי שטיל?

די טיר האָט זיך פּאַמעלעכל געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען ר׳ פּיווקע דער ליטוואַק.

— א גאָט העלף אייך, — האָט ר׳ פּיווקע געזאָגט א צעשמייכל־טער. — א גאָט העלף אייך, ר׳ סימכעצקע. נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט, ר׳ סימכעצקע, דרויסן אין וואַלד?

סימכע פלאַכטע האָט נישט געקענט עפענען דאָס מויל. די שרעק האָט אים געטרייסלט און ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעפל פון דער האַנט. פעשע איז אַריינגעפאַלן אין א ווילדן גרימצאָרן און האָט געוואָלט כאַפּן סימכע פלאַכטעס בעזים־שטעקן אויף ר׳ פּיווקען.

ר׳ פייווקע האָט זיך געלאָסן אַריינגערוקט אין שטוב און זיך אַוועק־געזעצט ביים טיש.

— ר׳ סימכעצקע, וואָס האָב איך אייך געזאָגט דרויסן אין וואַלד?

— האָט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק ווייטער גערעדט, — דער פריץ מיט זיינע משרתים זענען דאָ אין שטעטל. מיט גאָלדענע ליכט זוכט מען ר׳ סימכעצקען. דער אָדון איז ביים רב און מאַכט קולות און פרעגט זיך אויף אייך. די פוילישע דריפקעס זענען נישט אַזוי קלוג צו טרעפן וועמען ער מיינט. ביי אונדז אין דער ליטע וואָלט מען זיך באַלד געכאַפּט אויף דער מעשה.

סימכע פלאַכטע איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון בענקל פאַר שרעק. פעשע האָט אַ פאַטש־צונויף געטון ביידע הענט:

— אַ בראָך איז מיר, — האָט זי געוואָלדעוועט — זיי וועלן מיר צונעמען מיין מאַן.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק האָט געלאָסן געשמייכלט:

— מען וועט אים אייך צונעמען? ר׳ סימכעצקען וועט מען צונעמען פון אייך? וואָסער נאַריסע איסע איר זייט, פעסע סערדצע. אויף פעסער מיט גאָלד וועט מען אַוועקזעצן ר׳ סימכעצקען, און איך, פייווקע, וועל שטיין לעבן אים ווי זיין גבאי. איר, פעסעצקע, וועט קיין עין־הרע זיין אַ פּריצהטע און זיצן מיט ר׳ סימכעצקען צוזאַמען אויפן עושר און אויפן כבוד: וויאָ, וויאָ, פעסעצקע, עס רייטן שוין אַהער די גאָלדענע פערדעלעך. לאָזט נאָר פייווקען דעם ליטוואַק האַלטן ביי די ציימלעך — און ער וועט שוין פירן.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק האָט פּאַדראָבנע און פּאַדריבנע דערציילט פעשען דער יתומה פון אַלצדינג, וואָס עס איז געשען אין וואַלד, און אַז דער פריץ איז געקומען אין שטעטל אַריין מעשיר צו זיין דעם בעל־מופת סימכע פלאַכטען.

סימכע פלאַכטע האָט געהאַט אַ צו גראָבן קאָפּ, כדי צו באַנעמען די גרויס פון די געשעענישן. פעשע האָט ביי דער רביצין נישט איינמאָל געהאַט געהערט מעשיות פון ניסים. ווי אַזוי יידן אָרעמעלייט זענען פּלוצ־לינג געהאָלפן געוואָרן און געפונען אוצרות ממש אונטער די פיס. די מעשיות זענען איר איצט געקומען אויפן זינען און זי האָט מיט אַמאָל

אָנגעהויבן צו קוקן אויף ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק ווי אויף איינעם פון יענע יידן פון וועלכע די רביצין האָט כסדר דערציילט.

פעשע איז געבליבן שטיל ווי א לעמעלע.

ר׳ פּייווקע האָט ווייטער געזאָגט:

— באַלד וועלן זיי קומען נאָך ר׳ סימכעצקען און אים אָוועקטראָגן צום גאָלדענעם מזל זיינעם. נעמט פון אים, פעסעצקע, אַוועק די פּראָסטע שיסל, מאַכט אים גלייך די ווייסע זשיפּיצע און דעם ספּאָדיק אויפן קאָפּ. לייגט פאַר אים ווידער אַוועק די אָפענע גמרא, און לאָז ער זיך שאָקלען איבער איר, אייער וואַסער־טרעגער, ר׳ סימכעצקע מיין איך...

איידער ר׳ פּייווקע האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע רייד האָט זיך די טיר געעפנט מיט א געפּילדער. ר׳ געצל דער בית־דין־שמש מיט דער לאַמטערנע און ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער מיטן שול־האַמער זענען אַן אָטעם אריינגעפאַלן אין שטוב.

— סימכע! סימכע פּלאַכטע! — האָבן זיי ביידע געזאָגט מיט איין קול — שטיי שוין אויף און קום צום רב.

דאָ האָט זיך ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק אויפגעשטעלט, ער האָט אויסגעזען ווי ער ווערט העכער אין זיין קריעה ובליהדיקן בגד.

— וואָס? — האָט ער געזאָגט שאַרף — ר׳ סימכעצקע איז באָרעך האַסעם ניט קיין טראַנטע און ניט קיין סמאַכטע, וואָס מען וואַרפט זיך מיט אים. ר׳ סימכעצקע גייט נישט. ר׳ סימכעצקע קאָן באָרעך האַסעם וואַרטן ביז מען קומט צו אים.

ר׳ יאָקל און ר׳ געצל זענען העגדום־פּעגדום צוריק געלאָפן צום רב און דערציילט דאָס ווילדע נייעס, אַז סימכע פּלאַכטען שטייט נישט אָן צו קומען.

די מהומה אין דער בית־דין־שטוב איז געוואָרן נאָך גרעסער.

וואָס עס איז ווייטער געשען מיט די יידן און מיטן פריץ טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי וועלן מיר אין קומענדיקן קאַפּיטל געוואָר ווערן מיט אַלע פּרטים.

קאַפּיטל צען

גיי באַרעכן אַ גוי. — אַ טאָג מיט נסים פאַרן פאַן ווויטשעך. — אַלע גייען צו סימכע פלאַכטען.

מיט אַ ציטער אין די לענדן האָבן ר׳ יאָקל און ר׳ געצל געברענגט די ידיעה, אַז סימכע פלאַכטע האַלט זיך גאָר אין גרויסן און וויל נישט קומען. אַ שרעק, נאָך אַ גרעסערע ווי פריער, איז באַפאַלן די עדה יידן. מען איז געווען זיכער: דער פאַן ווויטשעך וועט אָפּטון מי יודע וואָס. ווען ער וועט דערהערן, אַז אין נאַרקאָווע געפינט זיך אַ ייד וואָס קומט נישט ווען מען רופט אים צום פאַן ווויטשעך בכבודו ובעצמו. ווער ווייסט וואָס דער פריץ וועט טון מיט אַלע יידן אין שטעטל צוליב אַ חוצאַ־ וטלולאַדיקן וואַסערטרעגער? מען האָט גאָר מורא געהאַט וועגן דעם צו טראַכטן. ר׳ גאַדל האָט זיך ממש איינגעשטעלט אויף קידוש־השם און אַרויסגעבעבעט די ידיעה פאַרן פריץ. ווי אַ ייד אַ בעל־שכל האָט זיך ר׳ גאַדל געקליגט אָפּצוציען דעם גאַנצן צאָרן פונעם משוגענעם גוי אויף סימכע פלאַכטען — קהל איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק.

יידן קענען קיינמאָל נישט באַרעכענען דאָס געמיט און דעם שכל פון אַ גוי. יידן ווייסן עס נישט סיי וואָס שייך צום גוטן און סיי וואָס שייך צום שלעכטן. נאַרקאָווער קהל האָט געטראַכט: דער פאַן ווויטשעך וועט דאָ אינגאַנצן אַרויס פון די כלים. געשען איז פונקט קאַפּויער; דער פאַן ווויטשעך האָט גאָר אָנגעהויבן פריינטלעך צו לאַכן און ר׳ גאַדלען געטון אַ קלאַפּ אויף דער פּלייצע.

יידן האָבן פאַרזיכטיק מיטגעשמייכלט. מען איז נאָך אַלץ נישט

זיכער געווען מיטן גוי. פונדעסטוועגן האָט מען געזען בחוש, אַז מן־השמים האָט מען אַ רחמימדיק אויג אויף אַ שטעטל מיט יידן.

דער פּאַן וווּיטשעך איז פון תמיד אָן געווען איינגעגלויבט — מן־הסתם האָט ער עס אַזוי געהערט בירושה פון זיינע זיידעס, די נאַרקאָווער פריצים — אַז יידן מוזן ווערן און מוזן טון נאָר דאָס, וואָס עס וויל דער פריץ. דער רצון פון פריץ מוז דערפילט ווערן כהרף־עין. צוליב דעם — דאָס הייסט, צו זיין גרייט צו טון דעם ווילן פון פּאַן וווּיטשעך און פון דער גאַנצער שליאַכטע — האָט דער רבונו של עולם זינט ששת ימי בראשית באַשאַפן יידן אויף דער פּוילישער ערד.

אַז אַ ייד זאָל זיך אַקעגנשטעלן די פריצים — דאָס האָט זיך גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן דער פּאַן וווּיטשעך. סיידן דער הימל זאָל אַראָפּ־פאַלן צו דער ערד און אַלע געזעצן פון דער וועלט זאָלן זיך שטעלן אויפן קאָפּ.

היינט פון כאור האָט זיך דער פּאַן וווּיטשעך אָנגעזען, ווי אויף דער פּוילישער ערד ווימלט ממש מיט נסים. אָט די אַלע נסים טוען יידן פאַר די פריציםס וועגן. דאָס וואָס דער באַהאַלטענער צדיק ר׳ סימכע פּלאַכ־טע וויל נישט קומען אויף זיין רוף — האָט פאַרן פּאַן וווּיטשעך אויך געהערט צו די וווּנדערלעכע געשעענישן פון טאָג. טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט דאָ באַשיינפּערלעך געזען, אַז ענדלעך האָט אים דער נאַרקאָווער רב געפירט צום ריכטיקן בעל־מופת, וואָס ער, דער פריץ, זוכט.

— אָט איז ער, דער פּאַן צדיק, וואָס איך זוך — האָט פּאַן וווי־טשעך אַ צופרידענער געזאָגט צו ר׳ גאָדלען. — וואָס האָט איר געמיינט? אַזאַ וווּנדערלעכער, געטלעכער מאַן וועט עס נעמען און קומען צו פוס צו אַ שטערבלעכן מענטש? זענט איר משוגע געוואָרן, יידעלעך? — האָט דער פּאַן וווּיטשעך אַ האָפּעדריקער אַ געשריי געטון. פון גרוים שמחה האָט ער גאָר געוואָלט ר׳ גאָדלען אָנכאַפּן פאַר דער שיינער געקעכלטער באָרד. ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, דער פּאַן וווּיטשעך, אַז אַזעלכע קאַטאָוועסלעך מאַכט אַ פריץ נייערט ביי זיך אין הויף און נישט אין דער בית־דין־שטוב ביים רב. ער האָט דעריבער אַ געשריי געטון אויפן קול:

סימכע פלאַכטע

— קומט יידעלעך. צוזאַמען וועלן מיר אַלע אַהינגיין צום גרויסן פאַן צדיק. אַלע. דער רב און די זשידקעס וואָס איך זע דאָ. קיינער וועט נישט בלייבן. נו, מאַי, גאָדל, מיטן רעכטן פוס! אַ גרויסן צדיק מוז מען אָפּגעבן כבוד. וואיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי ווייסט ווי צו באַערן די הייליקע יידן אויף זיינע ערדן.

די גויים אינדרויסן פאַרן בית־המדרש און אַפילו די כּלבים אויף די שטריק האָבן אויפגעריסן די אויגן, ווען זיי האָבן געזען ווו דער פאַן וואיטשעך מיט דער ביקס און מיט דער געיעג־טאַש גייט אַרויס פון דער בית־דין־שטוב צוזאַמען מיטן רב, מיט די שמשים און מיט די חשובי־העיר און זיי לאָזן זיך אַרויס איבערן שטעטל.

פון אַלע פענצטער האָבן יידן באַהאַלטן אַרויסגעקוקט. עס האָט זיי געציטערט דאָס האַרץ צו זען ווי דער באַוואָפנטער נאַרקאָוועր אדון הגדול גייט מיט אַן עדה יידן איבערן שטעטל. וווהין זיי גייען, האָט קיינער נישט געוווסט. אפשר פירט ער זיי חלילה אין תפיסה?

קיינעם איז נישט געקומען אויפן זינען, אַז דער פריץ און די חשובי־נאַרקאָווע גייען דאָ אָפּגעבן כבוד דעם וואַסערטרעגער סימכע פלאַכטע.

קאַפּיטל עלף

סימכע פלאַכטע ביי דער ש״ס־גמרא. — מען גייט: דער פאַן וויטשעך פאַרנויגט זיך. — פעשע עפנט אַ מויל ווי בלעמס אייזל. — סימכע פלאַכטע און ר׳ פייוקע באַקומט יעדער איינער אַ ביטל מיט גאָל־דענע רענדלעך. — ווידער אַ גרויסע אסיפה.

סימכע פלאַכטע אין דער ווייסער זשיפּיצע, אין ספּאָדיק און מיטן בעזים־שטעקן אין דער האַנט איז געזעסן ביים טיש. די גרויסע ש״ס־גמרא, וואָס פעשע, זיין ווייב, האָט געהאַט צוגעלקחנט פון רבס אַלמער, איז געלעגן פאַר אים אָן אָפּענע. ער האָט שוין איצט לחלוטין נישט גע־ווסט וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט אַלצדינג געטון וואָס ר׳ פייוקע דער ליטוואַק און פעשע האָבן אים געהייסן טון. זיי האָבן אים געהייסן זיך שאָקלען, און ער האָט זיך געשאָקלט, די שרעק האָט אים כסדר גע־וואָרפן ווי אַ קדחת און ער איז געווען בלאַס ווי אַ מת.

פונדרויסן האָט מען שוין געהערט ווי עס גייען אַ סך מענטשן. ר׳ פייוקע דער ליטוואַק האָט זיך גלייכגעמאַכט דאָס צעריסענע שמוי־סענע היטל אויפן קאָפּ און זיך אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פון סימכע פלאַכטען. ער האָט אים כסדר געמונטערט און אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין:

— סאָקלט זיך, סאָקלט זיך, ר׳ סימכעצקע! סלאָפּט ניט!

סימכע פלאַכטע האָט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער געשאָקלט איבער דער אָפענער ש״ס־גמרא.

פלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט מיט אַ טראַסק.

ר׳ געצל, דער שול־שמש, מיט דער אויסגעלאָשענער לאַמטערנע און ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער מיטן הילצערנעם שול־האַמער, זענעןביידע מיט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין שטוב.

זיי האָבן געפינטלט מיט די אויגן זעענדיק ווי סימכע פלאַכטע, אָנגעטון אין פולן רבישן כלי־קודש, זיצט און שאָקלט זיך איבער א גמרא און ר׳ פייווקע דער ליטוואַק שטייט הינטער אים.

— מען גייט! — האָבן ר׳ געצל און ר׳ יאָקל אַרויסגעשאָסן מיט איין קול. זיי האָבן נישט באַוויזן צו זאָגן ווער עס גייט.

די חשובי־העיר צוזאַמען מיטן רב, מיט ר׳ גאָדלען און מיטן פאַן וווּיטשעך זענען געשטאַנען אויף דער שוועל.

דער פּריץ האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, א כאַפּ אַרונטער געגעבן דאָס שיינע סויבעלנע היטל און זיך פאַרנייגט פאַר סימכע פלאַכטען כעבד לפני מלך — ווי א קנעכט פאַר א קיניג.

—אָט איז דער הייליקער מאַן, וועלכן כ׳האָב געטראָפן דאַוועגען אין מיינע וועלדער; מיט זיינע וווּנדער האָט ער מיר געראַטעוועט דאָס פערד. א פערד, וואָס אין די שטאַלן פון פּוילישן מלך אין וואַרשע וועט איר נישט געפינען זיינס גלייכן.

אַזוי האָט דער פאַן וווּיטשעך געזאָגט און זיך געוואָנדן צו די נאַרקאָווער יידן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער שוועל. די יידן זענען געשטאַנען ווי פאַרשטיינערטע פון שרעק און פון וווּנדער. ר׳ גאָדל, וואָס האָט גוט געקענט דעם פאַן וווּיטשעכס פּריצישע משוגעתן, האָט פונדעסטוועגן געמיינט, אַז דאָס טרייבט דער פאַן וווּיטשעך א שליאַכעצקן קאַטאָוועס. באַלד וועט ער סימכע פלאַכטען א וואַרף אַראָפּגעבן פון בענקל און אים טרעטן מיט די רויטע געיעג־שטיוול. עס איז דאָך נישט מעגלעך, האָט ר׳ גאָדל געטראַכט באותו הרגע, אַז דער פאַן וווּיטשעך האָט אויף אַן אמת באַקומען א ריר אין קאָפּ.

סימכע פלאַכטע האָט זיך אַלץ געשאָקלט איבער דער גמרא — צי ווייל די שרעק האָט אים געוואָרפן ניין איילן אין דער הויך, צי ווייל ער האָט מורא געהאַט נישט צו פאָלגן ר׳ פייווקע דעם ליטוואַק.

— אָט זעט מען דעם גרויסן הייליקן מאַן וואָס טוט נישט מער, נייערט מאָדליעט זיך איבער דער הייליקער שריפט — האָט דער פּריץ

געזאָגט מיט גרויס אַפּשיי — וואָס דען, ווי איר, נאַרקאָוועך זשידקעלעך! די קעפּעלעך ליגן אייך בלויז אין שאַכער־מאַכער.

דער פּאַן וואָיטשעך האָט זיך אַרומגעקוקט איבער סימכע פּלאַכטעס שטוב.

— אַט אַזוי לאָזט מען ווינען אַ הייליקן פּאַן צדיק? — האָט ער זיך מיט רציחה געוואָנדן צו די דערשראָקענע יידן אויף דער שוועל. — אין אַזאַ חזיר־שטאַל לאָזט מען עס דעם הייליקן מאַן זיך מאָדליען איבער דער הייליקער שריפט? און איר, יידעלעך, ווינט זיך אין די שענסטע הייזער און עסט זיך טאָג און נאַכט קוגל און ציבעלעס? האַ! איך ווייס אַלץ. ביי מיין פּריצישן האָנער — איך וועל מיך אָננעמען די קריוודע פון פּאַן צדיק און אייך אָנלערנען ווי ס'געהערט צו זיין.

ר' פּייוקע דער ליטוואַק, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס דעם צע־טרייסלטן סימכע פּלאַכטען, האָט אַ שאַרפן לאַך געטון.

— אָ, וועמען איך זע דאָ! — האָט דער פּאַן וואָיטשעך פונאַנדער־געשפּרייט זיינע לאַנגע הענט און זיך פריינטלעך צעשמייכלט. — דעם קלוגן זשידעק, דעם באַדינער פונעם געטלעכן מאַן. אַט זעט מען אַ גע־טרייען דינער. ער שטייט ביים פּאַן צדיק בעת ער מאָדליעט זיך און וואַרט נאָר אויף זיינס אַ ווינק.

— האָסט געטראָפן אויף דער האָר, ליכטיקער האר — האָט ר' פּייוקע דער ליטוואַק געזאָגט זייער ערנסט.

— ניין. איך וועל אייך אָנלערנען, פּאַרכעס, — האָט דער פּאַן וואָיטשעך זיך ווידער צעשריגן אויף די יידן. — איך וועל אייך אָנ־לערנען — האָט ער געדראָט מיט די פויסטן — ווי אין זינען צו האָבן נייערט שאַכער־מאַכער און קוגל. טאָג ווי נאַכט דאַרפט איר רק טראַכטן וועגן אים, דעם הייליקן מאַן.

דאָ האָט סימכעס ווייב, פּעשע די יתומה, פּלוצלינג געעפנט איר מויל. צי זי האָט געוואָלט אַמאָל אויסגיסן פאַר מענטשן אַלע אירע ביטערנישן זינט זי איז אַ קיילעכיקע יתומה, צי האָט זיך ביי איר אויף דער צונג סתם אויפגעטון אַ מענה־לשון ווי ביי בלעמס אייזל — און זי איז אַרויס מיט לשון:

— וואָס קלערסטו, ליכטיקער האַר — האָט פעשע געיאָמערט — איך און מיין ליבער מאַן ווערן דאָ געשוואָלן פון הונגער. מיר האָבן נישט מער ווי דאָס ביסעלע קאַלטע קאַרטאָפל, — האָט זי אָנגעוויזן אויף סימכע פלאַכטעס שיסל. — מיין מאַן קאָן, מיט גאָטס הילף, אַ גאַנצן טאָג זיצן דאָ און שאָקלען זיך און מאָדליען, און קיין הונט וועט נישט אַריינשמעקן. הייגט, ווען ער איז געגאַנגען זיך מאָדליען אין בית־המדרש, האָט מען אים אפילו באַוואָרפן מיט שטיינער.

הגם די יידן אויף דער שוועל זענען געשטאַנען אין איין ציטערניש, האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן אָנגעקוקט מיט גרויס חידוש. דער נאַרקאָווער רב, וואָס ביי אים אין שטוב איז פעשע דערצויגן געוואָרן זינט אַ שטיף־מאַמע האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון דער וויג, וואָס די רביצין האָט זי מדריך געווען און קהל האָט זי חתונה געמאַכט, — אפילו דער נאַרקאָ־ווער רב האָט נישט געוווסט, אַז פעשע קען עפענען אַזאַ טריפה־מויל און גראָד אויף פויליש, און דווקא פאַר אַ פריץ.

סימכע פלאַכטע האָט זיך נאָך אַלץ כסדר געשאָקלט ווי ער וואָלט נישט געווען ביי די חושים און נישט געהערט וואָס מען רעדט. ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק האָט לייכט באַוויגן מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, ווי ער וואָלט צוגעבאָמקעט. ענדלעך האָט ר׳ פייוועקע אַ קוק געטון אויף סימכע פלאַכ־טען און געזאָגט:

— פון קדמונים, ליכטיקער האַר, זענען מענטשן זיך אַזוי נוהג מיט הייליקע לייט.

ווי וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט עס דערהערט, איז ער אַריין אין נאָך אַ גרעסערן גרימצאָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו קריצן מיט די ציין און צו טופּען מיט די רויטע געיעג־שטיוואַלעס. ער איז מיט די פויסטן צוגעלאָפן צו דער עדה יידן וואָס זענען ממש צעטרייסלט גע־וואָרן פון שרעק; ס׳טייטש — האָבן זיי געטראַכט — אַ יתומה זאָל האָבן דאָס איינשטעלעניש מיט אַזאַ פּיסק אַרויסצוגיין קעגן רב און קעגן יידן? און אָט דער ליטוואַק! ער איז דאָך תמיד געווען אַזאַ נעבעכל און איז געזעסן הינטערן אויוון!

אָבער עס איז נישט געווען קיין צייט אויף אַ סך מחשבות. דער

פריץ האָט כסדר געשריגן און געהוקעט. צום סוף איז ער צוגעלאָפן צו ר' גאָדלען און אים אָנגעכאַפּט פאַר דער געקעכלטער באָרד.

— איך וועל נקמה נעמען פאַרן פאָן צדיק — האָט דער פאָן וווי־טשעך געריטשעט. — אָט רייט איך אהיים און ברענג תיכף ומיד אַ גראָמאַדע פּויערים. אַלע נאַרקאָווער יידן וועלן אינמיטן מארק קריגן אָפּגעשמיסן. איך זאָג עס אייך צו ביי מיין פּריצישן האָנער.

— און דו הייליקער מאַן — דער פאָן וווּיטשעך האָט זיך מיט גרויס עניוות געוואָנדן צו סימכע פלאַכטען — אָט האָסטו אַ בייטל מיט גאָל־דענע רענדלעך.

דער פאָן וווּיטשעך האָט אַ וואָרף אַנידער געגעבן אַ בייטל מיט רענדלעך פאַרן צעטרייסלטן סימכע פלאַכטען. — און דו, קלוגער זשי־דעק, נאַ דיר אויך אַ בייטל מיט רענדלעך. — דער פאָן וווּיטשעך האָט געוואָרפן ר' פּייווקען דעם ליטוואַק אין די דאַרע הענטלעך אַריין אַ צווייטן בייטל מיט רענדלעך. — אויף מאָרגן זאָלט איר נישט זאָרגן. מיין הויף וועט אייך פאַרזאָרגן מיט פויגל־מילך. און איר, יידן, — ביי מיין פּריצישן האָנער, אַלע וועט איר קריגן אָפּגעשמיסן.

דער פאָן וווּיטשעך האָט מיט גרויס טומל פאַרלאָזט סימכע פלאַכ־טעס דירה.

די יידן מיטן רב און מיט ר' גאָדלען בראש זענען אהיים געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און באַשלאָסן צו רופן אַן אסיפה פון די חשובי־העיר, כדת מה לעשות, וואָס מען זאָל ווייטער טון, כדי אָפּצושרייען ביים פּריץ די ביטערע גזרה.

וואָס אַזוינס די גרויסע אסיפה האָט באַשלאָסן און וואָס עס איז ווײַ־טער געשען וועלן מיר בעזרת השם זיך דערוויסן אין נאָענטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל צוועלף

וואָס עס שטייט באַשריבן אין אַלטן נאַרקאָווער פּנקס. — מען שיקט שליחי ציבור צו סימכע פלאַכטען.

יעדער ייד וואָס קען נאָר אביסעלע לשון־הודש זאָל עס למען־השם איבערלייענען אין דעם אַלטן פּאַרמעטענעם פּנקס פון דער קהלה־נאַר־קאָווע. דאָרט שטייט באַשריבן ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען אויף דער אסיפה ביים רב און וואָס די אסיפה האָט באַשלאָסן. נאַרקאָווע האָט גע־וואָלט איבערלאָזן אירע געשעענישן לזכרון פאַר די שפּעטערע דורות יידן. זאָל מען וויסן אויך שפּעטער ווי עס איז דערגאַנגען מיט יידן אויף דער פּוילישער ערד, ווי יידן זענען געווען אין די הענט פון די פּריצים כחומר ביד היוצר און וויפל חסדים דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב טוט כסדר מיט זיין פאָלק ישראל. ער איז דער רחמימדיקער פּאַסטעך און היט זיינע שעפעלעך — דאָס מיינט מען יידן — צווישן די וועלף — דאָס מיינט מען די אומות־העולם. שה פּזורה ישראל.

אין דעם נאַרקאָווער פּנקס איז אַלצדינג באַשריבן אין זייער אַ גע־הויבענעם לשון־קודש, מיט אַ סך מאָראַל און האַרץ־רייסעניש און אַדורכ־געפלאָכטן מיט שיינע גראַמען. די גראַמען האָט קיינער נישט אויסגע־טראַכט פון קאָפּ, נייערט זיי זענען לעבעדיקע אַרויסגענומען געוואָרן פון פּיוטים פון די ימים־נוראימדיקע מחזורים. דער נאַרקאָווער סופר ר׳ שמשי האָט געטון דאָס זייניקע. מיט זיין געגנדזענער פּען און מיט דעם ריינסטן גאָליש־טינט האָט ער אויסגעצאַצקעט אַ כתב, וואָס נאָך היינט צו טאָג קוקן יידן דערויף און קענען זיך נישט אויסוווּנדערן פון דעם יופי.

קהל האָט באַשלאָסן: אַזוי ווי דער גורל פון אַן עדה מיט יידן ליגט היינט צו טאָג אין די הענט פון אַ וואַסערטרעגער און פון אַ קהלישער יתומה, דעריבער זאָל מען זיך אויסטון דאָס שעם־היטל און שיקן שתדלנים צו די נייע קרובים־למלכות. מען מוז אויפרירן דאָס פינטעלע ייד אין ביידנס הערצער און זיי דערמאַנען: אסתר המלכה, ווי מיר לייענען יעדן פורים אין דער מגילה, האָט אין אַן עת־צרה נישט פאַרגעסן די עדה יידן אין שושן הבירה און אין אַלע הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. זי איז געגאַנגען פאַר זיי בעטן צום קיניג אחשורוש. מן־הסתם איז דער קיניג אחשורוש געווען נישט קיין קלענערער פריץ ווי פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי, ובזכות זה און אַזוי ווייטער. מען האָט עס געוואָלט איינחזרן מיט די נאַרקאָווער שליחי־הציבור און זיי לערנען ווי צו רעדן צו די נייע גרויסע לייט, סימכע פּלאַכטע און פּעשע זיין ווייב.

קהל האָט געוווסט: פּעשע און איבערהויפּט סימכע פּלאַכטע זענען, נישט פאַר קיין שום ייד גערעכט, געהרגעט אויף די קליינע אותיות, האָט מען די שלוחים געהייסן עס זאָגן אויף אַ פּראָסטן עברי־טייטש און מסביר זיין די מעשה מיט אסתר המלכה און מיט אחשורושן אויף אַן אופן, אַז אפילו דער גרעבסטער קאָפּ זאָל עס זיין ביכולת צו פאַרשטיין.

מען האָט זיך אויף דער אסיפה לאַנג געקווענקלט ווער עס זאָל זיין דער שליח־ציבור צו סימכע פּלאַכטען און זיין אשה; תחילת האָט מען גע־טראַכט וועגן ר׳ גאָדלען. מען האָט נישט געקענט דערגיין צו קיין טאָלק. די רביצין איז געשטאַנען ביי דער טיר און צוגעהערט ווי די אסיפה טראַכט און אַמפּערט זיך. ווי מיר וויסן שוין פון פריער, איז די רביצין געווען אַ קלוגע יידענע. האָט די רביצין זיך אָנגערופן, געוויינטלעך פון דער־ווייטנס: היות ווי זי קען די בעלי־דבר, איז דאָס גלייכסטע צו זיי צו שיקן פּראָסטע מענטשן. דער משקל־הראשון איז געווען צו שיקן בונמען דעם אונטער־שמש. איז אָבער בונם אַ קנאַפּער בעל־דברן און ער וועט נישט קענען נאָכזאָגן וואָס קהל וועט אין אים אַריינפּויקן. בכן איז דאָס גלייכסטע צו שיקן ר׳ געצלען דעם בית־דין־שמש און ר׳ יאָקלען דעם שול־קלאַפּער.

די אסיפה האָט נישט לאַנג געטראַכט און האָט מסכים געווען.

קאַפּיטל דרייצן

ד׳ געצל און ר׳ יאָקל טראָגן אין זייערע הענט דעם גורל פון אַ שטעטל מיט יידן. — עס שמעקט פון סימכע פלאַכטעס טיר מיט גן־עדן־התחתון. — מען מוז ראַטעווען.

ר׳ געצל מיט דער לאַמטערנע און ר׳ יאָקל מיטן שול־האַמער, די שליחי־ציבור פון נאַרקאָווער יידן, זענען געגאַנגען זייער וועג מיט גרויס ערנסטקייט און חשיבות, מחמת זיי האָבן געוווּסט: איצט טראָגן זיי אין די הענט נישט קיין לאַמטערנע און קיין שול־האַמער, נייערט דעם גורל פון אַ יידישער עדה. זיי האָבן צווישן זיך נישט געשמועסט. דער קאָפּ איז זיי פאַרנומען געווען מיט די קלוגע רייד, וואָס די קהלישע אסיפה האָט זיי אַריינגעבראָכט ברחל בתך הקטנה. אייביקע שמשים, האָבן ר׳ געצל און ר׳ יאָקל זינט זיי לעבן געמוזט אָפּגעבן כבוד אַנדערע. איצט האָט זיי קהל מיט אַמאָל אָנגעטון כבוד. זיי האָבן געוווּסט ווי אַזוי עס אָפּצושאַצן.

נישט ווייט פון סימכע פלאַכטעס טיר האָט זיך ר׳ געצל פּלוצים אָנגערופן צו ר׳ יאָקלען:

— ברענט אַמאָל נישט קיין שׂרפה ביי דעם דאָזיקן סימכען אין שטוב? מחמת פון דער טיר אַרויס זעצט אַ פּאַרע. אפשר קאָכט זיך דאָרט דאָס גרויסע מאָלצייט לכבוד דעם פריץ? עס פאַרגייט מיר, ר׳ יאָקל, אַזש דאָס שפּייעכץ אין מויל פון דעם ריח־הניחוח וואָס שלאָגט פון דאָרט אַרויס.

— אויך מיר, ר׳ געצלשי, נאָגט עס פאַרן לעפּעלע. עס דרייט זיך

י. י. טרונק

מיר אין קאָפּ פון מתיקות. דאָס מתיקות זאָל אונדז נאָר נישט מבלבל זיין און מיר זאָלן חלילה נישט פאַרגעסן צו זאָגן וואָס קהל האָט געהייסן.

וואָס נאָענטער זיי זענען צוגעקומען צו סימכע פּלאַכטעס דירה, אַלץ שאַרפער און באַטעמטער האָט זי פאַרשמעקט מיט די ריחות פון גן־עדן־התחתון.

ר׳ געצל און ר׳ יאָקל האָבן זיך כמעט ווי געוואָלט באַלעקן. די תענוגים האָבן זיך בגוואַלד אַריינגעריסן אין זייער מויל. מען טאָר אָבער נישט באַלאַמוטשען. נאַרקאָווע איז אין אַן עת־צרה. מען מוז אָפּשרייען און ראַטעווען.

קאַפּיטל פערצן

ששון ושמחה ביי סימכע פלאַכטען אויף דער קיך. — פעשע האַלט זיך אין גרויסן. — די שמשים מאַכן איר פּאַרט ווייך דאָס יידישע האַרץ.

ר' יאָקל און ר' געצל האָבן ביידע צוזאַמען אַ פּראַל־אויף געטון סימכע פלאַכטעס טיר.

תחילת האָבן זיי געמיינט, אַז זיי זענען אין אַ שוויץ־באָד. די שטוב איז פול געווען מיט פּאַרע — נאָר די פּאַרע איז געווען אַ געפעפערטע און אַ זיסע און געשמעקט מיט אַ סך ריישעכץ. שפּעטער האָבן זיי געזען ווי אונטער די פייערקעס פון דער קיך פלאַקערן די פייערן פון גיהנם. די קיך איז אָנגעשטעלט מיט די גרויסע גאַרנדיקע טעפּ, וואָס פעשע האָט געהאַט געקויפט אויפן יאַרמאַרק. די טעפּ האָבן געקאָכט און געזאָטן מיט אַזאַ געקוואַקעריי און מיט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט געמיינט, אַז נאַרקאָווע עקט זיך.

פעשע איז אַ צעיאַכמערטע געשטאַנען ביי דער קיך. דאָס פּנים איז איר געווען רויט און דערשוויצט ווי זי וואָלט זיך געבאָדן אין דער הייסטער מיקווה. זי האָט געשוימט און געמישט מיטן קאָכלעפל אין אַלע טעפּ. אָפּגעשוימט מיטן קאָכלעפל און אים צוגעטראָגן צום מויל און פאַרזוכט. סימכע פלאַכטע האָט פון זיך געהאַט אַראָפּגעוואָרפן די ווייסע זשיפּיצע. משמעות ס'איז אים געווען הייס. ער איז געזעסן מעשה פּראָסטאַק אין שפּאַנצער־הויזן, נאָר דעם ספּאָדיק האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער צוריקגעקריגן זיינע חושים און איז געווען זייער האָפּערדיק. ער האָט כסדר דערמאָנט פעשען וואָס מען דאַרף נאָך קאָכן

און איז אַלע מאָל צונעלאָפן צו די טעפּ און געבעטן פּעשען זי זאָל אים אויך געבן צו פאַרזוכן מיטן קאָכלעפל. פּעשע האָט אים מיט גרויס ברייט־קייט אַריינגעגאָסן די הייסע מטעמים אין מויל אַריין און צוגעווינטשע־וועט אַז עס זאָל אים זיין צו רפואה שלימה.

קהל האָט די שליחי־ציבור אָנגעזאָגט למען־השם נישט צו רופן סימ־כע פּלאַכטען ביי זיין פריערדיקן נאָמען, דאָס הייסט, ווען ער איז לאַ־עלינו נאָך געווען אַ נאַקעטער וואַסער־טרעגער, נייערט מען זאָל אים זאָגן ר׳ סימכעצקע, ווי עס טוט דער ליטוואַק. צייטן בייטן זיך. ווען הינער קרייען — צי מען וויל יאָ, צי נישט, מוז מען זיי בכבוד גדול טראָגן צום שוחט גלייך זיי וואָלטן געווען האָפּעדיקע גאַלגאַנסקע הענער. פאַר־פאַלן. עס דרייט זיך אַ רעדעלע אין דער וועלט. די וואָס לינן אונטן ארצה קומען אַרויף אויפן דאַך — און די וואָס שטייען אויבן אויפן דאַך ווערן אַראָפּגעטראָסקעט אונטן ניין איילן אין דער ערד. מען האָט ר׳ נעצ־לען און ר׳ יאָקלען גוט איינגעהזרט, אַז זיי זאָלן געדענקען אין נאָט און פאַרגעסן וואָס עס איז געווען. קהל לינט ביי אָט דעם פּלאַכטען אין דער האַנט. ביים פריץ שטייט היינט אַ וואַסער־טרעגער נישט צו פאַרגלייכן אין אַ גרעסערן חן וחסד ווי דער „פּני" ר׳ נאָדל.

אָן אַנדערן ייד וואָלט אפשר לייכטער געווען צו בייטן די מערכה און צו זאָגן: ר׳ סימכעצקע. שמשים זענען יידן פון דער נאָס און פון דעם אינדרויסן. שמשים האָבן צו טון מיט אַלע יידן פון אַ שטעטל. סיי אויבן מיט די „פּני" און סיי אונטן מיט די יידן וואָס מען זעט זיי קוים אַרויס, מחמת זיי שטייען אין שטעטל נאָר בסתר המדריגה. ר׳ נעצל און ר׳ יאָקל זענען מיט סימכע פּלאַכטען תמיד געווען היימישער ווי אַנדערע נאַרקאָ־זוער יידן. אויף חתונות האָבן זיי אים גענעבן די טעלער אָפּצולעקן. היינט גיי און זאָג אים מיט אַמאָל: ר׳ סימכעצקע.

אַז זיי האָבן אָבער דערזען די שפע וואָס אַרבעט מעשים אין די טעפּ אויף דער קיך, האָבן די נאַרקאָווער שמשים באַשיימפּערלעך געזען מיט די אייגענע אויגן ווי די וועלט דרייט זיך דאָ טאַקע מיטן פּיטום אויף אַרויף. זיי האָבן כמעט ווי פאַרגעסן דעם אַמאָליקן סימכע פּלאַכטען, און ס׳איז זיי גרינגער אויסגעקומען צו זאָגן צוזאַמען און מיט איין קול:

— אַ גוטן אָוונט אייך, ר׳ סימכעצקע!

סימכע פלאַכטע

סימכע פלאַכטע איז געווען שטאַרק פאַרטון אין קוקן אויף די טעפּ און אין פּאַרזוכן. ער האָט נאָר נישט געזען דיביידע שמשים וואָס זענען אַריינגעקומען און נישט געהערט זייער גוטן־אָוונט. פּעשע איז גיכער געווען ביי די חושים, הגם דער שוויים האָט זיך איר נעגאָסן איבערן פּנים און זי האָט זיך געבלאָזן ווי אַן אינדיק.

— גוט יאָר, גוט יאָר, האָט זי געזאָגט אויף אינדערגעשווינד און פון אויבן אַראָפּ און זיך צומאָל נישט אומגעקוקט. פּעשע האָט געוויזן, אַז ראשית: טוט זי איצטער עפּעס ביליכערס מיט איר קאַכלעפל, שנית: איז זי נישט די איינגענע פּעשע, די אַמאָליקע קהלישע יתומה.

די ביידע שמשים האָבן זיך אָנגעקוקט. ר׳ געצל האָט אַ פּאַך געטון מיט דער לאַמטערנע. ר׳ יאָקל האָט אויפגעהויבן דעם שול־האַמער.

— וואָס מאַכט איר עפּעס אויפן געזונט, פּעשע לעבן? האָבן זיי צום סוף ביידע צוזאַמען אַרויסגעזאָגט. די שליחי־ציבור האָבן פאַרלוירן דאָס לשון וואָס קהל האָט זיי אַריינגעלייגט אין די מיילער.

— נישט צו פאַרזינדיקן, נישט צו פאַרזינדיקן, האָט פּעשע געזאָגט אינדערגעשווינד ווי זי וואָלט געהערט מיט אַ האַלב אויער און עס שטייט איר נישט אָן אַריינצוגיין אין אַ שמועס.

— מיר קומען פון רב זאָל לעבן, האָט ר׳ געצל געזאָגט און זיסלעך געשמייכלט ווי אַ בית־דין־שמש, עס הערט זיך אין שטעטל ווי סימכע פלאַכטע, כ׳מיין ר׳ סימכעצקע, שטייט מיטן פּריץ. על כן האָט אונדז קהל געשיקט...

— איר זאָלט וואַרפן שטיינער? האָט פּעשע געזאָגט און געמאַכט אַ פּיסקל.

— וואָס רעדט איר פּעשע לעבן? וואָסערע שטיינער? ווער וואַרפט חלילה שטיינער? האָט ר׳ געצל געזאָגט ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ר׳ יאָקל — גלייך ווי ער וואָלט צוגעבאָמקעט האָט אַ פּאַך־געטון מיטן הילצערנעם שול־האַמער.

— ווער עס וואַרפט נעבעך שטיינער? — האָט פּעשע נאָכגעקרימט ר׳ יאָקלס קול און געמישט מיטן קאַכלעפל — מען מוז אַזש אַנטלויפן אין וויסטן וואַלד.

— פעשעשי, — האָט זיך ר׳ געצל נענטער צו איר צוגערוקט מיט דער לאָמטערנע — ווילט איר טאַקע, אַז מען זאָל חלילה קהל אָפּשמייסן אין מיטן מאַרק?

דערהערט אַז מען גייט שמייסן יידן, האָט פעשען געגעבן אַ שטאַרקן טיאָבקע אין הארצן. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אין יום־כפּור און אין כל־נדרי, און האָט געמאַכט אַן אַנדער פּנים.

— נו מילא. וועט שוין מיין סימכע אַ שמועס טון מיטן פּריץ. וועט איר אים דערפּאַר ווידער באַוואַרפן מיט שטיינער?

— וואָס רעדט איר, פעשע לעבן? וואָסער שטיינער חלילה?

— און איר וועט אים, מיין סימכען מיין איך, אָפּגעבן כבוד ווי מען גיט אָפּ אַ רבֿ?

— וואָס שייך כבוד, פעשע לעבן, האָבן ר׳ געצל און ר׳ יאָקל ביידע צוזאַמען זיך צעשמייכלט און אַ מאַך געטון מיט די פינגער, לאָפּעטע־ווייז וועט מען אים באַשיטן מיט כבוד. עס הערט זיך אין שטעטל. אַ קליינע־קייט אַזאַ חשוב ביים פּריץ ווי ר׳ סימכעצקע.

— נו, נו, גייט אַהיים. מיין סימכע וועט שוין אַ שמועס טון מיטן פּריץ. מען וועט חלילה קיינעם נישט אָפּשמייסן.

און זי האָט סימכע פּלאַכטען צוגעטראָגן אַ פולן קאָבלעפל צום פּאַרזוכן.

ר׳ יאָקל און ר׳ געצל האָבן ביידע צוזאַמען אַ קוש געטון די מזוזה און הענדום־פּענדום אַהיים געלאָפן צום רבֿ וווּ די אסיפה פון די חשובי־העיר זענען געזעסן און געוואַרט צו הערן וואָס די שליחי־הציבור האָבן פּועל־געווען ביי סימכע פּלאַכטען.

קאַפּיטל פופצן

אין פּאַלאַץ פון נאַרקאָווער פריץ. — טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי דערציילט דער פריצה וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אין וואַלד. — ערשט שפּעטער ווען עס וועלן אויפשיינען די שטערן וועט ער דערציילן דאָס איבריקע.

די פּאַני יאַדוויגע (אַזוי האָט געהייסן די נאַרקאָווער פריצה) מיט אירע טעכטער, אָנגעטועטע אין זיידנס און אין אבנים־טובות, זענען געשטאַנען און אַרויסגעקוקט פון די גרויסע פענצטער פון פּאַלאַץ. דער סאָד אינדרויסן איז געלעגן אין דער ווארעמקייט פון דער זון. די אַלטע סאָד־ביימער האָבן זיך געבויגן אונטער דער שפע פון דער פרוכט. די פּאַני יאַדוויגע האָט אַלע מאָל אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ וואָס איז געווען הויך פאַרפלאָכטן אין בלאָנדע צעפּ. פאַרפלאָכטן ווי אַ גרויסער קוילעטש פון האָר.

די פּאַני יאַדוויגע האָט זיך אָנגערופן צו די טעכטער:

— זיי זענען נאָך נישטאָ.

— מן־הסתם איז דאָס געיעג געווען אַ שפּעדיקס. דאָס געווילד איז אַרונטערגעלאָפן אונטער די ביקסן.

די פּאַני יאַדוויגע האָט געשוויגן און געפּויקט מיט אירע באַרינגטע פינגער אין דער שויב.

עס האָט זיך געהערט אַ געהירזשעריי פון פערד.

— זיי קומען! האָט די פּאַני יאַדוויגע צוזאַמען מיט די טעכטער אויסגעשריגן און פרייליכע אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק.

עס איז אַנגעריטן דער פּאַן וווּיטשעך מיט זיינע יעגערס. דער פּאַן וווּיטשעך האָט אויסגעקוקט אַ צעשטראַלטער ווי נאָך דעם בעסטן געיעג. די פּאַני יאַדווינע האָט געזען ווי די געיעג־טאַשן זענען ליידיק — און זי האָט נישט פאַרשטאַנען די גרויסע שׂמחה פון פּאַן וווּיטשעך.

— אַ גוט געיעג? האָט די פּאַני יאַדווינע געפרעגט אַבי אַזוי זיך, פון פּריצישער העפלעכקייט.

— איך האָב היינט געהאַט אַ געיעג, וואָס קיין שום שליאַכטשיץ אין פּוילן און אפילו דער סאַמאָראַדנער פּוילישער מלך האָט עס נאָך נישט געטראָפן אויף זיינע ערדן. עס איז אַן עשירות און אַן אוצר וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אויסשעפּן. איך האָב געפונען אין מיינע וועלדער אַ ייד וואָס ווייסט איטלעכע זאַך פּונקט ווי דער פּאַן בוג אַליין. ער ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד און אויפן הימל. ער באַלאַנגט צו מיר, ווייל ער איז אַ ייד פון נאַרקאָווע.

און דער פּאַן וווּיטשעך האָט דער פּריצה נאָך אויפן גאַניק דערציילט אויף ניך די מעשה מיטן פערד און מיט די וועלף.

די פּריצה און די טעכטער האָבן אויפגעשטעלט מויל און אויערן און געוואָלט וויסן די גאַנצע מעשה וואָס איז היינט פאָרלאָפן מיטן פּאַן וווּיטשעך און מיטן וווּנדערלעכן ייד. נאָר דער פּאַן וווּיטשעך האָט גע־זאָגט, אַז ער איז טויט־הונגעריק. אויפדערנאַכט ווען עס וועלן נאָר אויפ־שיינען די שטערן, וועט מען אָנצינדן אַ פייערל אין דעם קאַמין פון דער גרעסטער סאַליע אין פּאַלאַץ. מען וועט אַרויפברענגען פון דעם עלטסטן מעד, וואָס ליגט פלאַשנווייז אין די באַהעלטענישן פון די פּרי־צישע קעלערס און ער, דער פּאַן וווּיטשעך, וועט פאַררויכערן דעם טייערן ליולקע־ציביק און דערציילן פון די נסים, וואָס יידן טוען אויף זיינע ערדן.

און מיר וועלן עס טאַקע האָרכן אם ירצה השם אין גאַנצן קאַפּיטל.

זעקסטער טייל

קאַפּיטל איינס

אויפדערנאַכט אין דער פּריצישער סאַלע. — זכרונות פון פּאַרצייטנס. — ייִדעס און כּלי־זיין. — פלאַשן מיט שוואַרצן האָניק. — אַ פּייערל ברענט אין קאַמין און דער פּאַן וויטשעך דערציילט וואָס זיין עלטער־זיידע האָט אים דערציילט וועגן ייִדן אין פּוילן. — מאָרגן כאור וועט מען איינשפּאַנען קאַרעטעס און פאָרן צו סימכע פלאַכטען.

אין די זומערדיקע הימלען האָבן זיך אויסגעלאָשן די לעצטע רויט־קייטן פון זון־אונטערגאַנג. עס איז געוואָרן נאַכט אויפן הימל און אויף דער ערד. עס האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן די טויען און ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן. אין סאָד איז געוואָרן פינצטער. פון די ווייטע לאָנקעס האָט מען פאַרנומען דאָס קוואַקען פון פרעש.

אינעם מאַרמאָרנעם קאַמין פון דער גרויסער סאַליע אין פּריצישן הויף האָט מען אָנגעצונדן אַ פּייערל.

אין דער סאַליע זענען געווען אויסגעשטעלט די משפּחה־זכרונות פון פּריץ־טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען די פּאָר־טרעטן פון זיינע זיידעס — גויים מיט לאַנגע אַראָפּהענגנדיקע וואָנ־צעס, אין בראָקאַטענע זשופּאַנעס און אין סויבלנע היט מיט פעדערן. פּריי־צישע זיידעס אָנגעגורטע מיט שווערדן און שפּיזן ווי די נמרודס פון וועלכע עס דערציילט אונדז דער חומש. שטאָלצע און ערפורכטיקע האָבן זיי אַרויסגעקוקט פון די גאָלדענע רעמען אויף די ווענט און ווי זיי וואָלטן

דערציילט פון אַן אַלטן פּאַרצייטנס, פון געשלעגן, מלחמות און דועלן. א חוץ דעם זענען די ווענט געווען באַהאַנגען מיט אַלערליי אַלטע כלי־זיין, פּאַנצערס און העלמען, האַליבאַרדן און פּיסטוילן אויסגעזעצטע מיט זילבער און מיט גאָלד. עס האָבן אויך אַראָפּגעקוקט פון די ווענט אויסגעשטאָפּטע קעפּ פון בערן, הירשן, ווילדע חזירים און וועלף וואָס די אמאָליקע זיידעס פון פּאַן וויטשעך האָבן דערשאָסן אויפן געיעג אין די אייגנענע וועלדער ווו דער פּאַן וויטשעך יאָגט נאָך היינט די אייניקלעך פון אָט די ווילדע חיות אויף די ווענט.

די דילן אין דער סאַליע זענען געווען אויסגעלייגט מיט טייערע טעפּיכער פון טערקיי און פּערסיע און מיט פעלן פון חיות וואָס זענען אַמאָל דערשאָסן געוואָרן אין די וועלדער פון די נאַרקאָווער פּריצים.

ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָבן אָט די אַלע שליאַכטישע זיידעס, מיט זייער כלי־זיין און זייער געיעג־פאַנג, זיך באַהאַלטן אין די טונקלענישן פון דער רחבותדיקער סאַליע. זיי האָבן משמעות אין דער נאַכט זיך געוואָלט אונטערטויכן אין די שווייגנדיקע פאַרגעסנס פון פּאַרצייטנס. די פייערן וואָס האָבן זיך צעפלאַקערט אינעם קאַמין האָבן צעטראָגן די שאָטענעס פון די ווענט. דאָס פּאַרצייטנס האָט זיך פונדאָסניי דאָרט אַנטפּלעקט אין ליכט און אין שאָטן און אין אָפּשיין פון די פלאַמען. די לאָקאַיעס האָבן צוגעטראָגן גרויסע שייטן פון דעמבאָווע און סאָסנאָווע האָלץ. די פייערן אינעם קאַמין האָבן זיך צעפלאַקערט וואָס אַמאָל העלער און קנאַקנדיקער. אין דער פּאַרצייטישער סאַליע האָט מען אָנגעהויבן צו שפּירן די זאַפטן פונעם אַלטן געהילץ וואָס האָבן זיך געבלעזלט אין די צעברענטע האָלץ־שייטן.

די לאָקאַיעס האָבן צוגעטראָגן טייערע באַגילדעטע פאָטער־שטולן צום פלאַקערנדיקן קאַמין. שטולן וואָס זענען געווען אויסגעבעט מיט זייד און בראָקאַט און אויף זייערע אָנלענען האָבן געשוועבט פּוילישע אָדלערס. אויך די אָדלערס זענען געווען געשניצט אין באַגילדעטן האָלץ.

דער פּאַן וויטשעך האָט זיך אָנגעטון אַ בראָקאַטענעם שלאָפראָק מיט גאָלדענע פראַנזן. האָט פאַררויכערט אַ לאַנגן ליולקע־ציביק מיט אַ קאָפּ פון מערשוים. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ טיפן פאָטער־שטול און צוגעבויגן זיינע רויטע געיעג־שטיוול צו די וואַרעמע פלאַמען. דער

נאַרקאָווער פריץ איז איצט ענלעך געווען צו זיינע זיידעס אויף די פאַר־טרעטן פון די ווענט. פונקט ווי זיי, איז ער באַלויכטן געווען פון די פלאַ־מען.

אַרום דעם פאַן וווּיטשעך האָט זיך אויסגעזעצט די פאַני יאַדווינגע מיט אירע טעכטער.

ס׳זענען אויך געקומען אין דער סאַליע אַריין עטלעכע אַלטע זשאַנד־צעס, וואָס האָבן נאָך געדענקט דעם פאַן וווּיטשעכס זיידע אין נאַרקאָווער הויף. דאָס זענען געווען אַלטע אָפּגעקומענע שליאַכטשיצעס וואָס האָבן מיט אַ סך יאָרן צוריק פאַרשפּילט זייערע גיטער. זיי זענען געוואָרן זשאַנד־צעס און שפּעטער אויף דער עלטער געגעסן „חסד־ברויט״ ביי רייכע פּריי־צים. די דאָזיקע אָפּגעקומענע אַמאָליקע פּריצים האָבן געוווּסט צו דער־ציילן מעשיות פון די פאַרצייטנס אויף דער פּוילישער ערד, מעשיות פון אַלערליי געפּערלעכע געיעגן, ווען די פּוילישע וועלדער זענען נאָך געווען עלטער און פינצטערער ווי די וועלדער בימי הפאַן וווּיטשעך, מעשיות פון די מלחמות וואָס פּוילישע רייטערס האָבן אויסגעפאָכטן מיט די טערקן.

די לאַקאַיעס האָבן אַרויפגעבראַנגט פון די קעלערן בייכיקע פאַר־בלאָטיקטע פלאַשן מיטן שוואַרצן האָניק, דאָס מיינט מען מעד. אַ גע־טראַנק פון דער זון, פון די בלומען און פון דעם בינען־געזאַנג, וואָס האָבן פול געמאַכט גאָר־גאָר פאַרצייטישע זומערס אין פּוילן. אָט דאָס געטראַנק האָט געצייפּט אין די פינצטערנישן פון די הויפישע קעלערס.

מען האָט די פלאַשן אויפגעפּראָפּט אין אָפּשיין פון די האָלץ־פלאַ־מען. שווער און פעט האָט זיך דאָס שוואַרצע געטראַנק אַרויסגעקייקלט פון די פאַרבלאָטיקטע העלדזער פון די פלאַשן און פול געמאַכט די קרישטאָלענע באָקאַלן אויף די טאַצן וואָס די לאַקאַיעס האָבן געהאַלטן אין די הענט.

די אַלטע סאַליע האָט זיך אין אַן אויפדערנאַכט אָנגעפילט מיט די ריחות פון אַן אַמאָליקן פּוילן און אירע זומערס.

מען האָט אָנגעקלאַפּט די גלעזער און געטרונקען מעד.

ווען די צונגען האָבן זיך געווייקט אין די זיסקייטן פון מעד האָט זיך דער פאַן וווּיטשעך נאָענטער צוגערוקט צו די פלאַמען. אין איין האַנט

האָט ער געהאַלטן דעם לאַנגן ליולקע־ציביק און אין דער אַנדער — אַן אַלטן און טיפן זילבערנעם בעכער מיט מעד.

— אַצינד דערצייל אונדז, טייערער וויטשעך, פון דעם וווּנדערלעכן ייד וואָס דו האָסט געפונען אין אונדזערע וועלדער, האָט די פּאַני יאַדוויגע געזאָגט.

דער פּאַן וויטשעך האָט איינגעטונקט זיינע לאַנגע וואָנצעס אין דעם מעד און האָט געזאָגט:

— אין קרוין־פּוילן האָבן מיר פעטע פעלדער, אַלטע פינצטערע וועלדער, פּויערים און יידן. פון די פעלדער, די וועלדער און די פּויערים וויל איך אייך נישט דערציילן. איר קענט זיי גלייך מיט מיר. פון די יידן אָבער — דאָס איז זייער אַ געהיימנישפולע מעשה. אַמאָל אין אַ ווינטערדיקן אָוונט, כ׳בין נאָך געווען גאָר אַ קינד, האָט מיך מיין עלטער־זיידע, דער נאַרקאָווער פּאַן, גענומען אויף דער שויס, זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר ביי דעם זעלביקן קאַמין ווו מיר זיצן איצט און מיר דערציילט מעשיות פון יידן אין פּוילן.

— צי האָט גאָט באַשאַפן יידן צוזאַמען מיט פּוילן? האָט געפרעגט די פּאַננאַ סטאַשע, די יינגסטע טאָכטער פון פּאַן וויטשעך.

„הם... האָט דער פּאַן וויטשעך געברומט און אַ זופּ געטון פון בעכער מיט מעד — דער עלטער־זיידע האָט מיר נישט קלאָר דערציילט וועגן דעם: עס קוקט־אָבער אויס, אַז יידן זענען באַשאַפן געוואָרן אין דער זעלביקער שעה וואָס די פּוילישע קעניגן. דער ערשטער ייד איז גאָר געלעגן אין איין וויגל צוזאַמען מיטן ערשטן פּוילישן קעניג. זיי וואָלטן ביידע, מן־הסתם, צוזאַמען געקעניגט אין פּוילן, האָט געזאָגט דער עלטער־זיידע. דער ייד איז אָבער פּלוצעם אַנטשלאָפן געוואָרן און דער קעניג פון פּוילן האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון וויגל אין דער בלאָטע אַריין. פון דעמאָלט אָן, האָט געזאָגט דער עלטער־זיידע, זיצט דער קעניג אין שלאָס אין וואַרשע און די יידן וואַלגערן זיך אין די פּוילישע בלאָטעס“.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן פון דער שיינער מעשה. אינעם קאַמין האָבן געפלאַקערט די שייטן האָלץ. די פּאַננאַ סטאַשע האָט פונדאָסניי געפרעגט:

— האָט דיר דער עלטער־זיידע געזאָגט פונוואַנען די יידן נעמען זיך אין פוילן?

„יאָ. ער האָט עס מיר געזאָגט און דערביי צוגעגעבן, אַז דאָס וואָרט פּ ו י ל ן שטאַמט פון דער שפּראַך פון דעם אַלטן טעסטאַמענט. די מעשה איז געווען אַזוי: ווען ירושלים איז צעשטערט געוואָרן האָט מען די יידן פון דאָרט פאַרטריבן. אַרום זיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פינצטערניש. ווו נאָר אַ פוס פון אַ ייד האָט זיך אָוועקגעשטעלט, האָט זיך די זון פאַר־לאָשן און עס איז געוואָרן נאַכט. די יידן האָבן געוואַנדערט און געוואַנ־דערט אין אַן אייביקער נאַכט — אַזוי לאַנג ביז זיי האָבן דערגרייכט צו די וועלדער פון פוילן. אין פוילן האָבן דעמאָלט געקעניגט די פּיאַסטס. ווי נאָר דער ערשטער ייד האָט אָוועקגעשטעלט זיין פוס אויף דער פּוי־לישער ערד, האָט דערציילט דער עלטער־זיידע, האָט זיך געשפּאָלטן אַ בוים. פון בוים איז אַרויסגעטרעטן אַ ליכטיקער מלאך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליכט וואָס יידן האָבן דערזען נאָך דער לאַנגער נאַכט. אויפן קאָפּ פונעם מלאך האָט געשוועבט דער פּוילישער אָדלער. דער מלאך האָט געזאָגט צום ייד: לייג אַוועק דעם וואַנדער־שטעקן און נעם אַראָפּ דאָס זעקל פון די פּלייצעס. דאָ וועסטו רוען.

„באַלד האָט אויפגעשיינט די זון אין הימל.

„פּונקט האָט זיך געמאַכט, האָט דערציילט דער עלטער־זיידע, אַ רייכער שליאַכטשיץ איז אַרויסגעריטן אויף געיעג און האָט געטראָפן דעם ערשטן ייד אין פוילן. דער ייד האָט געהייסן מאָשעק.

„דער שליאַכטשיץ האָט געזען אַ מענטש, דאָס הייסט מאָשעקן, מיט באָרד און פּיאות און אין אַ זיידענער זשיפּיצע און מיט אַ ספּאָדיק, אַ מאָשעק מיט אַ זעקל און אַן שום וואָפן. אין אָנהויב האָט דער שליאַכטשיץ געמיינט, אַז עס איז אַ חיה אַזעלכע און האָט אויפגעהויבן קעגן מאָשעקן די לאַנגע ריטערלעכע שפּיז.

„דער שליאַכטשיץ האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען קיין ייד אויף דער פּוילישער ערד.

דער ייד מאָשעק האָט זיך טיף געבוקט און באַלד געגעבן דעם שליאַכ־טשיץ אַ קלוגע עצה ווי אַזוי צו פאַרקויפן זיינע תבואות און צו קריגן געלט. פון גרויס שמחה וואָס פוילן האָט באַקומען אַזעלכע קלוגע מענטשן

האָט דער שליאַכטשיץ נישט געוווּסט וואָס צו טון און האָט גאָר דעם ייִד אָנגעכאַפּט פאַר דער באָרד.

דער ייִד מאָשעק האָט געלאַכט און געזונגען „מה־יפית", דערביי האָט ער געטון אַ פּאַך מיטן שטעקן און אַלע ביימער אין פּוילישן וואַלד האָבן אָנגעהויבן צו שמעקן און צו שיטן מיט גאָלד. דער ייִד האָט געטון נאָך אַלערליי וווּנדער.

„פון דעמאָלט אָן זיצן ייִדן אין פּוילן, האָט געזאָגט דער עלטער־זיידע. זיי שאַפן אונדז געלט, האַלטן אין אָרענדע אונדזערע קרעטשמעס, און האָבן אָן אויג אויף אונדזערע הכנסות און הוצאות. אָט ווי למשל מאָי גאָדל. ווען מיר ווילן רייסן מיר זיי פאַר די בערד. אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך. אַנדערע ייִדן, — זיי הייסן יאַנקל, און זענען גרויסע אָרעמעלייט, — זענען קלעזמאָרים און שפּילן אויף אונדזערע בעלער. זיי שפּילן שיין און האַרציק. אַנדערע ייִדן — זיי זעט מען זעלטן — טוען פאַר אונדז וווּנדער און ווייסן אַלע מחשבות, וואָס דער פאַן־בוג טראַכט וועגן פּוילן און אירע פּריצים. היינט אין וואַלד האָב איך געפונען אַזאַ וווּנדער־ייִד. מן־הסתם פונקט אַזוי האָט אויסגעקוקט יענער ערשטער מאָשעק, וואָס דער אַמאָליקער שליאַכטשיץ האָט געטראָפן אין פּוילישן וואַלד ביי דער גרענעץ."

און דער פאַן וווּיטשעך האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער מיט מעד און דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס די געשעעניש פון היינטיקן טאָג. ער האָט געזאָגט, אַז די ייִדן, ווי זייער שטייגער איז, באַהאַלטן אויס אַזעלכע וווּנדער־טוער און ווילן זיי נישט ווייזן. נאָר ער, דער פאַן וווי־טשעך, האָט געטופּעט מיט די שטיוול און געסטראַשעט די נאַרקאָווער זשידקעס. האָט מען אים ענדלעך געוויזן דעם אוצר.

די אָפּגעקומענע פּריצים, וואָס האָבן געגעסן „חסד־ברויט" ביים פאַן וווּיטשעך, האָבן דערציילט פון אַלערליי קלוגע ייִדן, ווי אויך פון ייִדן אביונים וואָס שפּילן אויף פידעלעך, און פון הייליקע ייִדן וואָס טוען וווּנדער. די וווּנדער־ייִדן האָבן טייל געדענקט נאָר פון זייערע יונגע יאָרן. דער עיקר האָבן זיי עס געהערט דערציילן פון זייערע זיידעס, מחמת אין די פּוילישע פאַרצייטנס האָט מען גיכער געפונען וווּנדער־ייִדן ווי היינט צו טאָג. די אָרעמע שליאַכטשיצעס האָבן געווינטשעוועט דעם פאַן וווּיטשעך

סימכע פלאכטע

לכבוד זיין גליקלעכע מציאה, און אז ער, דער נארקאָווער פּריץ, מעג זיך פון איצט אָן ריכטן אויף אַ סך מזל און הצלחה.

די פּריצה און אירע טעכטער האָבן געבעטן דעם פּאַן וווּיטשעך אַז זיי ווילן מיט זייערע אויגן אָנקוקן דעם הייליקן ייד.

דער פּאַן וווּיטשעך האָט אַלעמען צוגעזאָגט, אַז מאָרגן כאור וועט מען איינשפּאַנען די שענסטע הויפישע קאַרעטעס און זיי אָנפּאַקן מיט כל־טוב ווי אַ מתנה פאַרן צדיק. אַלע, סיי די פּריצה יאַדוויגע מיט אירע טעכטער, סיי די אָפּגעקומענע פּריצים וועלן פאָרן קיין נאַרקאָווע צו זען דעם וווּנ־דערלעכן ייד וואָס דער פּאַן וווּיטשעך האָט געפונען אין די נאַרקאָווער וועלדער.

דער עולם האָט געטרונקען אַ סך מעד און דערציילט נאָך מעשיות פון פאַרצייטישע מלחמות און פון יידן. דאָס פייערל אין קאַמין האָט זיך פּאַמעלעכל אויסגעלאָשן, בלויז די האָלאָוועשקעס האָבן נאָך געגליט און נעגליט און צעפאַלן אויף אַש. די אַלטע זיידעס אין די רעמען אויף די ווענט זענען פאַרשוווּנדן אין די טונקלענישן.

קאַפּיטל צוויי

ר׳ פּייווקע אין בית המדרש חצות־צייט. — זיי נישט קיין לאַקש, פּייווקע, און האַלט זיך ביי דער ציבעלע.

נאָענט צו האַלבער נאַכט איז געוואָרן ליידיק אין נאַרקאָווער בית־המדרש. אין די מעשענע הענג־לייכטער זענען אויסגעגאַנגען די ליכט. די ספרים־אַלמערס זענען פאַרשוואומען אין טונקלקייט. אויפן עמוד האָט געצאַנקט דער נר־תמיד. אָן איבערגעבליבן גראַשנדיק ליכטל האָט גע־צאַנקט לעבן נר־תמיד. ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז צוגעגאַנגען צום עמוד, האָט גענומען דאָס גראַשנדיקע ליכטל און עס צוגעטריפט צו דער האַרטער באַנק ביים אויוון.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער האַרטער באַנק. פון אַ טאַש פון זיין קריעה־ובליהדיקן בגד האָט ער אַרויסגענומען דעם בייטל מיט גאָלדענע רענדלעך וואָס ער האָט באַקומען פון פּריץ טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי.

די רענדלעך האָט ער אויסגעשיט לעבן גראַשנדיקן ליכטל אויף דער האַרטער באַנק.

זיינע דאַרע אַרעמאַנסקע פינגער האָט ר׳ פּייווקע אַריינגעשטעקט אין דעם הויפן מיט גאָלדענע מטבעות וואָס זענען קוים באַלויכטן געווען פון דעם גראַשנדיקן ליכטל.

פּלוצעם האָט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק אַ לאַך־אויף געטון אינמיטן די טונקעלע איינזאַמקייטן פון בית־המדרש.

— ווייס איך וואָס! האָט ער צו זיך געזאָגט, און אַרויסגענומען פון זיין זעקל די ציבעלע און זי אַרויפגעלייגט אויף די גאָלדענע מטבעות. זיי־

סימכע פלאַכטע

נישט קיין לאַקש, פּייווקע ליטוואַק, און זעץ זיך נישט אַרויף אויפן עגל־הזהב. דער עגל־הזהב קאָן דעם קליגסטן ליטוואַק אַוועקפירן אין קטנות. פאַרליר נישט דיין יידישן קאָפּ, פּייווקע, און האַלט זיך ביי דער ציבעלע. שפּיל מיט דער וועלט ווי מיט אַ חנוכה־דריידל. נטע־גנב־האַק־שלאָס. דו וועסט דערפאָרן העט־העט.

אין הויף ביים פּריץ איז געוואָרן פינצטער. אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן מיט דער דעה מאָרגן כאור צו פאָרן מיט קאַרעטעס צו סימכע פלאַכטען.

און זיי זענען טאַקע געפאָרן, ווי מיר וועלן עס בלי־נדר דערציילן אין נאָענטן קאַפּיטל.

קאַפּיטל דריי

פּרימאָרגן אין סאָד. — די פאַננאַ סטאַשע זיצט אויפן גאַניק און טראַכט וועגן די דרכים פון דער וועלט.—

אין פּריציישן הויף האָבן נאָך אַלע געכראָפּעט נאָך דעם שווערן מעד, וואָס מען האָט געטרונקען נעכטן אויף דער נאַכט. די פאַננאַ סטאַשע, די יינגסטע טאָכטער פון פאַן וואָיטשעך, האָט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר געפּלאָנטערט אין קאָפּ די מעשיות פון פּאַרצייטנס, וואָס די שליאַכטשיצעס האָבן דערציילט ביים פייער, ווי אויך די מעשיות פון די וואַנדער־יידן. די פאַננאַ סטאַשע האָט שוין אויסגעקוקט דעם טאָג.

ווען די זון איז נאָר געהאַט אויפגעגאַנגען און אין סאָד האָט זיך געהערט דער ערשטער פרימאָרגן־געטשוויטשער פון די פייגל, איז די פאַננע סטאַשע אויפגעשטאַנען פון איר געלעגער, געכאַפּט אויף זיך אַ לייכטן שלאָפראָק און איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן.

די פאַננע סטאַשע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גאַניק. דער זומער־דיקער טאָג איז געוואָרן וואָס אַמאָל ליכטיקער. עס האָבן נאָך געשמעקט די ביינאַכטיקע טויען. די ביימער זענען געוואָרן וואַרעמער און באַלויכ־טענער. די רויטע עפּל האָבן אַראָפּגעקוקט פון צווישן די גרינע בלעטער פון די עפּל־ביימער. די רויזן און די בלומען אויפן קלאָמב פאַרן גאַניק האָבן זיך שמעקנדיקע געעפנט אין וואַרעמקייט און אין זון־ליכט. דער סאָד איז פול געווען מיטן געזאַנג פון פייגל. עס האָט זיך אויך געהערט דאָס קוואָקען פון די הינער און דאָס געגאַגלדער פון די אינדיקעס — מחמת מען האָט שוין כאָור אַרויסגעלאָזט די עופות פון די הינער־שטאַלן.

סימכע פלאַכטע

— דאָס איז פּוילן, האָט די פּאַננאַ סטאַשע געטראַכט און אין זיך אַרייִנגעאָטעמט די וואַרעמע דופטן פון אָנהויב טאָג. זי האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אין „מאַי“ גאָדלען, דער ייִד, וואָס קומט אַהער, און ווי איר טאַטע, דער פּאַן וואַטשעך, שלעפּט אים טיילמאָל פאַר דער באָרד. אונטער די דאָזיקע ביימער ווו עס רויטלען זיך טויאיק און מאָרגנדיק די עפּל, מוז ר׳ גאָדל טאַנצן און זינגען זיינע יידישע זמירות. עס איז מערקווירדיק ווי דער פּאַן־בוג האָט באַשאַפן די וועלט, די שיינקייטן, די עפּלביימער און די פרימאָרגנס פון דער וועלט, האָט געטראַכט די פּאַננאַ סטאַשע, — דער ליבער פּאַן־בוג, מן־הסתם איז ער אַ קלוגער און אַ גוטער, — אָבער דער אופן ווי ער האָט איינגעטיילט פּוילן צווישן דער שליאַכטע און די יידן איז באמת גאָר אַ וואונדערלעכער.

די פּאַננאַ סטאַשע האָט לאַנג וועגן דעם געטראַכט, און זי איז געקומען צום באַשלוס, אַז די וועלט איז זייער אַ שיין מעשהלע, נאָר פול מיט רעטעניש[ן].

די פייגל האָבן געזונגען אין סאָד און אויף די ביימער איבערן גאַניק.

קאַפּיטל פיר

מען שפּאַנט די קאַרעטעס. — דער פּאַן וווּיטשעך גייט זיך ווייזן פאַר סימכע פּלאַכטען

לכבוד דער גרויסער מציאה מיט וועלכער דער פּאַן וווּיטשעך איז באַגליקט געוואָרן און לכבוד דעם, וואָס ער גייט מיט אַלעמען פאַרן קיין נאַרקאָווע און ווייזן דעם פּריצישן צדיק — האָט מען אין הויף געגעסן דעם אָנבייסן פריער ווי תמיד. די לאָקאַיעס האָבן זיך צוגעאײַלט. די אָפּגעקומענע פּריצים האָבן מיטגעגעסן דאָס אָנבייסן, מחמת זיי האָבן אויך באַדאַרפט מיטפאָרן אויף די הויפישע קאַרעטעס צו סימכע פּלאַכטען.

אין די הויפישע שטאַלן האָט מען דערווייל אָנגעטון די פערד דאָס יום־טובדיקע געשפּאַן. דער פּאַן וווּיטשעך האָט באַפוילן אויסצופּוצן די פערד און זיי אָנטון אין די שענסטע כאָמוטעס. די קאַרעטעס זאָל מען אָפּוואַשן פון זייערע שטויבן. די קוטשערס זאָלן זיך מלביש זיין אין זייערע ליווערעען ווי מען וואָלט געפאָרן אויף גאָר אַ געהויבענע נסיעה. דער פּאַן וווּיטשעך האָט אַלעמען געוואָלט ווייזן וואָס ער פאַרמאָגט און אויך זיך באַווייזן פאַרן צדיק אין זיין גאַנצער פּריצישקייט. זאָל דער פּאַן צדיק וויסן אַז מיט קליינע מופתימלעך פּטרט מען נישט אָפּ דעם נאַרקאָווער פּריץ, און אַז דער פּאַן וווּיטשעך האַפּט פון אים וווּנדער איבער וווּנדער, טאַקע וווּנדער אויפן גרויסן שטייגער.

די קאַרעטעס איינגעשפּאַנט יעדע צו פיר סוסים האָבן אַ פאָר־אָן געגעבן פאַרן פּאַלאַץ. אינעווייניק אין די סאַליעס האָט מען זיך אָנגעטון פון שענסטן און פון בעסטן. דער פּאַן וווּיטשעך האָט געזאָגט, אַז ער האָט בקבלה פון זיין עלטער־זיידן: ווען מען קומט צום פּאַן־בוג בעטן ווי אַ בעטלער, גיט ער נישט מער ווי גראָשנס. ווייזט מען זיך אָבער פאַר אים

מיט שפע, גיט ער שפע. דער פאַן־בוג גיט לויט דעם, ווי דער מענטש שטעלט זיך. דער ייד פון נאַרקאַווע — אין דעם איז דער פאַן וווּיטשעך געווען זיכער ווי דער טאָג — האָט אַלע שליסלען צום פאַן־בוגס רצון. מען מוז זיך פאַר אים שטעלן מיט דער גאַנצער פּאָמפּע פון פּריצישער עשׂרות, און זאָל ער זען, דער צדיק, וואָס דער פאַן וווּיטשעך באַדאַרף כּדי צו לעבן בכבוד.

דערווייל האָבן די לאָקאַיעס אַרויסגעטראָגן פון דער הויפישער קיך אַלצדינג וואָס אַ ייד מעג נאָר עסן. גאַנצע פעסער מיט עפּל, באַרנעס און פלוימען. זעק מיט גרינסן, אַרבעס און קאַרטאָפלעס. פולע שטייגן מיט גענז און מיט הינער. מען האָט דאָס אַלצדינג אַריינגעפּאַקט אין די קאַרעטעס און צוגעבונדן פון הינטן ביי די רעדער. די אויסגעבערשטע און אויסגעפּוצטע סוסים האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט זייערע קאָפּיטעס. מן־הסתם זענען זיי אויך זשעדנע געווען אַ קוק צו טון אויף סימכע פלאַכטען. די עופות אין די שטייגן האָבן געפּילדערט און געכאָלדערט ווי עס וואָלט זיי געווען געטראָפן דאָס גרעסטע גליק.

אין דער ערשטער קאַרעטע האָט זיך אַריינגעזעצט דער פאַן וווּיטשעך מיט דער פּריצה און מיט די טעכטער. די פאַני יאַדוויגע האָט זיך אָנגעטון — לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע — אַ ברייט אויפגעבלאָזן קלייד מיט בענדער און מיט שפּיצן און זי האָט אַליין פאַרנומען אַ האַלבע קאַרעטע. דאָס נעמלעכע די צוויי פּריצישע טעכטער. זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ ברייטע היטן מיט אַ סך בענדער. דער פאַן וווּיטשעך האָט זיך קוים געקאָנט אַריינשטופּן צווישן זיינע אייגענע יפהפיות.

אין דער צווייטער קאַרעטע האָבן זיך אַריינגעזעצט די אָפּגעקומענע פּריצים. אַרום זייערע פיס האָט מען אוועקגעשטעלט די זעק מיט מתּנות פאַר סימכע פלאַכטען. דאָס געפּילדער פון די עופות האָט דערגרייכט עד לב־השמים. די הויפישע הינט, וואָס זענען געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע ווידלען און זיך צוגעקוקט צו דער חתונה, האָבן אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן צו בילן. די קוטשערם אויף די באָקעס פון די קאַרעטעס האָבן געטון אַ קנאַל מיט זייערע לאַנגע בייטשן. די סוסים האָבן געטון אַ נעם, און דאָס גאַנצע פּריצישע עשׂרות האָט זיך אוועקגעלאָזט אויפן וועג קיין נאַרקאַווע.

קאַפּיטל פינף

די רביצין זאָגט, אַז עס זענען משיחס צייטן און מען דאַרף פּאַקן די פּעקלעך און זיך גרייטן קיין ארץ ישראל

פון קדמונים האָבן יידן אַ שאַרפן חוש השמועה. זיי מוזן האָבן אָפענע אויערן פאַר די געשעענישן וואָס קומען.

ווען די קוטשערס האָבן נאָך געקנאַלט מיט די בייטשן הינטער נאַרקאָווע, האָבן שוין יידן געוווּסט, אַז עס דערנענטערט זיך דער פּאַן וווּיטשעך מיט זיינע חיילות.

תחילת האָט מען געמיינט, דער פּריץ האַלט טאַקע וואָרט און קומט אָפּשמייסן נאַרקאָווער קהל. מען האָט אָבער געזען, אַז עס דערנענטערט זיך נישט קיין גראָמאַדע פּויערים ווי דער פּאַן וווּיטשעך האָט צוגעזאָגט ביי זיין פּריצישן האָנער, רק די שענסטע הויפישע קאַרעטעס קומען אָן אין שטעטל אַריין.

איידער יידן האָבן נאָך געפּרוּווט צו טרעפן וואָס עס איז די גדולה, זענען שוין די קאַרעטעס בכבוד גדול אַריינגעפאָרן אין שטעטל אַריין. דאָס געפּילדער איז געווען אין לשער. נישט בלויז די רעדער האָבן זיך געדרייט מיט גרויס רעש, און די געשפּאַנטע פערד זענען געלאָפן אונטער די קנאַלן פון די בייטשן, נייערט די גאַנצע קאַרעטעס האָבן ווי צעהאָצקעטע געשריגן, וואָרים די עופות אין די שטייגן האָבן גאָר געאַרבעט מעשים. צי האָבן זיי געוואָלט ווייזן נאַרקאָווער יידן וואָס עס הייסט פּריצישע עופות, צי האָבן זיי אויך געוואָלט זען סימכע פלאַכטען? ווען עס רעגנט מיט נסים שטעלן אַפילו עופות אוים זייערע שנאָבלען. יידן האָבן געקוקט

ווי די קאַרעטעס זענען אָנגעפּאַקט מיט קוישן, מיט פעסער, און מיט זעק. פון דעם פענצטער פון דער ערשטער קאַרעטע האָט די פאַני יאַדוויגע אַרויסגעקוקט אויף נאַרקאָווער יידישער אָרעמקייט. די פּריצה האָט גע־שיינט ווי אַ בת־מלכה. אויך די פּנימער פון אירע טעכטער האָבן זיך אַרויסגעבויגן פון די קאַרעטע־פענצטער.

יידן האָבן געזען די מלכותדיקע שפע מיט וועלכער דער פּריץ איז אַריינגעקומען קיין נאַרקאָווע. ביי קיינעם איז נישט פאַרבליבן דער מינדס־טער ספק, אַז דעם גוים הארץ האָט זיך איבערגעקערט צום גוטן און ער וועט חלילה קיינעם נישט אָפּשמייסן. מן־הסתם מאַכט אין דער געגנט אַ פּריץ חתונה און די נאַרקאָווער פּריצים פאָרן דאָ ווי מחותנים און פירן דרשה־געשאַנק. יידן זענען ביי זיך געוואָרן גאָר האָפערדיק און געפּרוווט נאָכלויפן די פּריצישע קאַרעטעס און קוקן וווּ אַהין דער אָדון הגדול פאָרט מיט אַזאַ פּאָמפּע. ווייסע חברה האָבן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און הענ־דום־פּענדום זיך געלאָזט נאָך די קאַרעטעס. מען דאַרף יידן נישט אַריינ־צושטעקן קיין פינגער אין מויל, באַלד האָט זיך צעטראָגן אַ שמועה, — קיינער ווייסט נישט ווער עס האָט געבערענגט די ידיעה, — אַז סך־הכל נעמט דער פּריצישער עושר וכבוד זיין וועג צו סימכע פלאַכטעס דירה.

מער האָט נישט געפעלט. צום רב זענען באַלד אַריינגעלאָפן די שמשים ר׳ יאָקל און ר׳ געצל. ביידע צוזאַמען אין איין קול האָבן דער־ציילט דאָס ווילדע חידוש. דער רב האָט געהאַלטן אינמיטן סאַמע בעסטן לערנען. ער האָט אַרויפגעלייגט די גרויסע רויטע פאַטשיילע אויף דער אָפענער גמרא און געטון אַ שמעק טאַבאַק. די רביצין האָט געזאָגט: אָדער דער גוי איז משוגע געוואָרן, אָדער עס האָבן דערגרייכט משיחס צייטן, די וועלט שטעלט זיך אויפן קאָפּ און באַלד הינטערן פּאַן וווּיטשעכס קאַ־רעטעס רייט משיח אַריין קיין נאַרקאָווע אויף אַן אייזעלע. מען מעג שוין פּאַקן די פּעקלעך, מחמת גאַנץ נאַרקאָווע וועט צוזאַמען מיט משיחן מוזן אַוועק קיין ארץ־ישראל.

אין שטעטל אָבער זענען קינד און קייט אַרויסגעלאָפן קוקן, מען האָט זיך געלאָזט צו סימכע פלאַכטעס דירה. אַלע האָבן געוואָלט זען בדת מה יעשה, סטייטש, אַקוראַט פּונקט אין נאַרקאָווע האָט זיך גענומען דרייען דאָס רעדעלע פון דער וועלט ווי אין ערגעץ נישט.

קאַפּיטל זעקס

העיר נאַרקאָווע צהלה ושמחה. — מען דאַרף נאָר צו עסן המן־טאַשן און צו לייענען די מגילה.

ווען די קאַרעטעס זענען אָנגעפאָרן פאַר סימכע פלאַכטעס טיר איז שוין גאַנץ שטעטל געשטאַנען און געקוקט.

דער עולם האָט געטייטלט מיט די פינגער.

דער קריעה־ובליהדיקער ר׳ פּייוּקע דער ליטוואַק איז געשטאַנען פאַר סימכע פלאַכטעס טיר און געוואַרט.

ער איז געשטאַנען שטיל און געקוקט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן זיין צעריסן שמויסן מיצל.

די קאַרעטעס זענען אָנגעפאָרן. די קוטשערס האָבן קוים איינגעצויגן ביי די לייצעס די צעיאָכמערטע פערד. אין די צוגעבונדענע שטייגן האָבן געפּילדערט די עופות.

דער ערשטער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַרעטע דער פאַן וווי־טשעך. איידער ער האָט זיך נאָר אומגעקוקט האָט שוין ר׳ פּייוּקע דער ליטוואַק געהאַט אַרונטערגענומען דאָס שמויסענע מיצל.

— דער פאַן צדיק האָט געוווּסט, אַז מיר קומען און דער קלוגער זשידעק שטייט ביי דער טיר און וואַרט אונדז אָפּ, האָט דער פאַן וווי־טשעך אַריינגעשריגן אין דער קאַרעטע אַריין צו דער פאַני יאַדוויגע.

די טירן פון די קאַרעטעס האָבן זיך געעפנט. די פאַני יאַדוויגע האָט אַרויסגעשטעלט אין דער נאַרקאָווער בלאָטע אַריין אירע באַשפּיצנטע פיס מיט די שיינע גאָלדענע שיכעלעך. עס זענען אַרויסגעגאַנגען די פּרי־צישע טעכטער. די יידן פון דערווייטנס האָבן זיך גאָר נישט געקאָנט

אויסוואונדערן פון די אויפגעבלאָזענע זיידענע קליינער פון די פריצהס, פון די היטן מיט די בענדער און אַנדערע בגדי־מלכות. פון דער צווייטער קאַרעטע זענען אַרויסגעגאַנגען די אָפּגעקומענע פריצים.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק מיטן שמויסענעם מיצל אין דער האַנט איז אַקעגנגעגאַנגען די גרויסע לייט אויף עטלעכע טריט. ער האָט זיך געבוקט און אויפגעמאַכט סימכע פלאַכטעס טיר.

אַלע זענען געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

ביים טיש איז סימכע פלאַכטע געזעסן אין דער ווייסער זשיפּיצע און אין ספּאָדיק, און זיך געשאָקלט איבער דער אָפענער גמרא. ער האָט געברומט און געשריגן שוין גאָר אַ האַפּערדיקער. משמעות האָט ער זיך אינצווישן גוט אויסגעלערנט די מלאכה. מן־הסתם האָט עס אים ר׳ פייווקע געשמאַק אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ. פעשע איז געשטאַנען ביי דער קיך אין דעם קליידל וואָס ר׳ מעכטשע דער שניידער האָט איר געמאַכט צו דער חתונה, און מיט דער רביצינס רויטער פאַטשיילע אויפן קאָפּ. די גויים זענען שטאַרק פאַרבליפט געוואָרן, האָבן זיי אַלע פאַמעלעך אַראָפּגענו־מען די היטלען, און מיט גרויס דרך־ארץ אַריינגעגאַנגען אין שטוב. די פּאַני יאַדוויגע מיט אירע טעכטער האָבן מיט די שלעפּעס פון זייערע זיידענע קליידער געשאַרט איבער סימכע פלאַכטעס פאַדלאָגע. סימכע האָט זיך כלומרשט נישט אומגעקוקט און זיך געשאָקלט מיט וואָס אַמאָל גרעסערע קולות.

— דאָס איז דער גרויסער פאַן צדיק, האָט זיך דער פאַן וווּיטשעך אָנגערופן צו די פריצהס און צו די אָפּגעקומענע שליאַכטשיצעס. זיי האָבן ערפורכטיק געשאָקלט מיט די קעפּ, אָנגעקוקט און באַוווּנדערט סימכע פלאַכטען. ר׳ פייווקע דער ליטוואַק האָט זיך ווידער מיט גרויס עניוות געשטעלט אים צוקאָפּנס און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער.

דער פאַן וווּיטשעך האָט אַ געשריי געטון:

— זאָל ווערן אַריינגעטראָגן פאַרן פאַן צדיק די מתנות וואָס כ׳האָב אים געבראַכט! זאָל מען שיקן נאָך די שניידערס פון נאַרקאָווע! מיר וועלן אויסקליידן דעם צדיק מיט דער צדיקאָווע ווי עס געהער זיך פאַרן נאַרקאָווער פריץ. גאַנץ פוילן וועט קלינגען.

י. י. טרונק

פון אַלע זייטן איז מען געלאָפן צו ברענגען ר׳ מעכטשען דעם שניי־דער. דערוויילע איז סימכע פלאַכטעס שטוב אָנגעפילט געוואָרן מיט כל־טוב, ממש מיט פויגל־מילך. מען האָט געטראָגן און געטראָגן און מען טראָגט נאָך. יידן זענען געשטאַנען פון דערווייטנס און געקוקט. והעיר נאַרקאָווע צהלה ושמחה.

דאָס מזל דרייט זיך מיטן גרויסן קנאַק און שיט מיט געשעענישן ווי אַ לעכערדיקער זאַק.

אין די שפּעטערע קאַפּיטלען וועלן מיר עס בלי נדר דערציילן מיט אַ טאָלק און מיט אַ סדר.

קאַפּיטל זיבן

ר׳ מעכטשע בייסט זיך די צונג. — עס מאַכט זיך ווי ביי א שניידער. — פוילן וועט קלינגען.

ר׳ מעכטשע דער שניידער איז געקומען אָנצוגיין אַן אַגיל־וּאשמחדי־קער. אַ ווערטעלע — דער פּריץ פון נארקאָווע האָט נאָך אים געשיקט. אַ שטאָט מיט יידן איז געלאָפן אים, ר׳ מעכטשען, צו ברענגען. פּריצים און פּריצהס קוקן זיך אוים די אויגן.

מיט אַ שניידעריש פריילעך זמרל אין מויל האָט ר׳ מעכטשע צו זיך גענומען דעם גאַנצן קעסל מיט כלים, היינו: אַ נאָדל־פּאָדים און אַ גרוים שטיק קרייד. אויפן האַלדז האָט ער זיך אָנגעטון די שניידערישע מאָס.

די צונג האָט זיך אים צעבונדן פון גרוים גדולה און אויפן וועג צו סימכע פּלאַכטען האָט ער געשיט מיט שניידערישע גלייכווערטלעך. ר׳ מעכטשע האָט אפילו געזאָגט אַ הלצהלע מיט אַ נוטריקון אויפן בעל־שמחה גופא ר׳ סימכע פּלאַכטע.

די יידן, וואָס זענען מיט אים מיטגעגאַנגען האָבן געזאָגט:

— אויב דאָס לעבן איז אייך ניחא, ר׳ מעכטשע, און איר ווילט בלייבן מיט אַ געזונטן הינטן אויפן נארקאָווער שניידער־בענקל, טאָ טוט זיך בעסער אַ בים אין דער צונג און דערמאָנט נישט דעם אַלטן וואַסער־טרעגער, — איר קאָנט זאָגן, ר׳ סימכעצקע, ווי דער ליטוואַק, — אָבער אַן גראַמען און אָן גלייכווערטלעך; איר ווילט קריגן אָפּגעשמיסן לעיני כל ישראל אינמיטן מארק? איז אדרבה. נאָר זייט וויסן, ר׳ מעכטשע, אַז גרויסע לייט האָבן נישט גערן ווען מען לאָזט לויפן דאָס מויל און מען

מאַכט זיך אַ פריילעך האַרץ אויף זייער חשבון. ר׳ סימכע איז איצט אַן אדם גדול.

ר׳ מעכטשע איז געוואָרן אַ קאַפּעטשקע טרויערעוודיק הלמאי מען וויל אים בינדן די הענט, — דאָס הייסט די צונג, — און ער איז אַנט־שווינן געוואָרן.

כידוע איז נאַרקאָווע נישט קיין כרך און מען איז באַלד אָנגעקור־מען צו סימכע פלאַכטעס טיר.

אַ קוק געטון אויף די פּריצישע קאַרעטעס, אויף די קוטשערס מיט די לאַנגע בייטשן, און ווי מען טראָגט און מען הערט נישט אויף צו טראָגן פון אַלעם גוטן — האָט זיך ר׳ מעכטשע אַ קראַץ געגעבן ביים קאַרק, כדי צו זען צי שלאָפט ער נישט אמאָל? צי זעט ער טאַקע מיט די אייגענע אויגן אַזאַ וווּנדערלעך שיינע מעשה? צי איז עס נישט אמאָל נאָר אַ לוסטיקער שניידערישער חלום? ווי עס איז באַוווּסט, האָבן די שניידע־רוקעס די שענסטע חלומות. שלאָפערדיקערהייט זעען זיי דאָס, וואָס בהקיץ וואָלט זיי קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. עמך, שער און אייזן — דער מלאך פּימפּער האָט ליב מיט זיי צו טרייבן קאַטאָווועסלעך.

ר׳ מעכטשע האָט מיט אַ פינגער באַטאַפּט די שניידערישע מאָס וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן קאָלנער און איז געקומען צו דער מסקנה, אַז ניין. ער שלאָפט נישט. ער געפינט זיך מיט אַלע זעקס חושים אַ וואָ־כעדיקער צווישן נאַרקאָווער יידן.

לאַנג באַלאַמוטשען איז נישט געווען קיין צייט. יידן האָבן אים אונ־טערגעטריבן און געשריגן, אַז דער פּריץ וואַרט. מען טאָר דעם אדון נישט דערבייזערן. אָקערשט נעכטן האָט ער געוואָלט אָפּשמייסן קהל. עס איז מן־השמים געשען אַ נס און דאָס לב האָט זיך דעם גוי איבערגעקערט.

כמעט אויף די הענט האָבן יידן ר׳ מעכטשען אַריינגעטראָגן צו סימ־כע פלאַכטען אין דירה און אים אַוועקגעשטעלט ווי אַן אבן־טוב פאַרן פּאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי.

ר׳ מעכטשע האָט זיך אַרומגעקוקט. געזען סימכע פלאַכטען אין דער ווייסער זשיפּיצע און אין ספּאָדיק ווי ער שאָקלט זיך און שרייט איבער דער גמרא — האָט ר׳ מעכטשע פאַרגעסן אַלע היומס און ס׳איז אים איבערגעגאַנגען דער שניידערישער כח־הדם. אויפן אָרט האָט ער געוואָלט

זאָגן אַ גלייכווערטל און טאַקע אויף סימכע פלאַכטען גופא. אָט־אָט האָט ר׳ מעכטשע געוואָלט אויסשיסן. פאַרט האָט ער זיך נאָך באַצייטנס געטון אַ בים אין דער צונג. ראשית, האָט ער זיך מיישב געווען, אַז שוויַיגן איז היינט אין נאַרקאָווע ווערט אַ רענדל. שנית, האָט ער אויף זיך געפילט די שאַרפע בליקן פון פאַן וויטשעך.

— וואָס מאַכסטו, מעכטשע? האָט דער פאַן וויטשעך צו אים גע־זאָגט פון אויבן אַראָפּ.

— עס מאַכט זיך, יאַשניע פּאַניע, ווי ביי אַ שניידער, האָט זיך ר׳ מעכטשע געטון אַ קראַץ אין דער פּאַטילניצע, אַמאָל מאַכט עס זיך אַרויף און אַמאָל מאַכט עס זיך אַראָפּ. דאָס גאַנצע מאַכן, יאַשניע פּאַניע, איז געגליכן צו אַ נאָדל מיט פאָדים. מען נייט, מען נייט און מען נייט און מען נייט קוים אויס וואַסער אויף קאַשע.

דער פאַן וויטשעך האָט אים איבערגעריסן:

— הער מיך צו מיט קאָפּ, מעכטשע. זאָלסט מיר מאַכן פאַרן פאַן צדיק און פאַר די פאַני צדיקאָווע מלבושים פון גאָלע אַטלאַס און זיידנ־ציַיג. איך מאַך דיך פאַרן הויף־שניידער פונעם פאַן צדיק און דו באַלאַנגסט צו זיין סוויטע. אָט האָסטו אַ בייטל מיט רענדלעך. גיי אין די קרעמלעך און קויף פון אַלעם בעסטן. טאָמער וועסטו פאַרקירצן די מאָס — זאָג איך דיר צו ביי מיין פּריצישן האָנער: מען וועט דיך אָוועקלייגן אינ־מיטן מאַרק. צוויי פּויערים וועלן שמייסן און זיי שמייסן נאָך.

— קרוין־פּוילן אין די לענג און אין די ברייט וועט קלינגען מיט גלאָקן. די ליכטיקע האַרן פּריצים, ווי אויך די זשידקעס מיינע ברידער, וועלן זיך ווונדערן און ווונדערן בעת זיי וועלן זען וואָס שער און נאָדל קאָן באַווייזן ווען מען גיט מעכטשען אין די הענט אריין אַ בייטל מיט רענדלעך.

אַזוי האָט ר׳ מעכטשע געזאָגט און ער האָט אַ כאַפּ געטון מיטביידע הענט דעם בייטל געלט וואָס דער פּריץ האָט אים צוגעוואָרפן. אַ פריילע־כער האָט ער זיך געטון אַ שפּיי אין ביידע הענט אריין, גענומען פון האַלדז אַראָפּ די שניידערישע מאָס און אין די אויגן פון אַלע שליאַכטשי־צעס און פּריצהס אויסגעמאָסטן סימכע פלאַכטען און פּעשען די יתומה פאַר די נייע בגדי־מלכות.

קאַפּיטל אַכט

ר׳ פּייווקע זיצט אויף אַ שטיין און שמועסט מיט זיך אַליין.

אמר — האָט כדרכו מיט זיך אַליין געשמועסט ר׳ פּייווקע דער ליט־וואַק:

— דאָס פאָלק ישראל איז אַן אַלט פאָלק און עס האָט זיך, דאַנקען גאָט, אָנגעפּאַקט און אָנגעמאָזלט מיט דער וועלט. פון אַ סך צרות נעבעך האָבן זיך יידן דערוווסט אַ סך אמתן. טייל אמתן האָט מען זיי מגלה געווען מן השמים, אָבער ס׳רוב זענען זיי דערגאַנגען פון אייגענעם קאָפּ־ווייטיק.

יידן האָבן געזען, אַז מיט דער וועלט שטייט עס נישט פויגלדיק. האָבן זיי זיך גאָר מיישב געווען און געטון אַ טרונק בראָנפן און גענומען זאָגן, טאַקע וועגן דער וועלט, הייסט עס, משלים און גלייכווערטלעך.

האָבן זיי גענומען, פּייווקע, די וועלט און זי פאַרגליכן צו אַ לייטער. די פיס פון דער וועלט־לייטער שטייען גאָר־גאָר אונטן. אירע שפּיצן גרייכן ארויף גאָר־גאָר אויבן. סיי יידן און סיי מענטשן פון אַנדערע זיבעציק אומות לויפן דאָרט ארויף און לויפן דאָרט אראָפּ. די וואָס לויפן אראָפּ, טוען עס געוויינלעך מיט אראָפּגעלאָזענע קעפּ און מיט ביטערע הערצער. קיינער האָט נישט קיין חשק צו גיין אראָפּ. ווי טיף אין דער ערד מען דאַרף גיין ווייסט נישט קיין בן־אדם. קלוגע יידן, וואָס זענען שוין אַ סך מאָל געווען פון די עולים ויורדים האָבן עפּעס דערפון

דערציילט, נאָר קיינער האָט זיי נישט געוואָלט גלייבן. ודי לחכימא ברמיזא.

די וואָס לויפן ארויף טוען עס געוועגלעך זייער האָפערדיק. זיי לויפן מיט אויפגעהויבענע קעפּ. וואָס איז דאָס געאײלעניש? עס הייסט, זיי לויפן צום מזל. דאָס מזל זאָל מכלומרשט שטיין אויבן אויף דעם שפּיץ פון דער לייטער און אָלעמען אָקעגנטאַנצן מיט אַ קוילעטש.

קלוגע יידן זאָגן: גראָד אויף דער לייטער קען מען זיך דערוויסן ווער עס איז אַ חכם און ווער אַ נאַר.

דער נאַר לויפט הענדום־פּענדום, מאַכט מיט די הענט און שרייט צו דעם מזל, אַז אָט קומט ער און ער נעמט דעם קוילעטש. דער נאַר איז זיכער ווי דער טאָג, אַז ער איז דאָס בן־יחידל פון דער וועלט, און אַז אַלע שטערן אין הימל האָבן פאַרגעסן ווער עס האָט זיי געשלייערט און האָבן נאָר אין זינען איינעם — אים, דעם נאַר.

דער חכם גייט פּאַמעלעכל. ער איז גאָר נישט זיכער צי דאָס מזל רופט אים טאַקע צום קוילעטש.

ווען אַלע לויפן — איז זיך דאָס מזל אַ סך מאָל מיישב און זאָגט צו דעם, וואָס איז שוין אָט־אָט, אַז ער איז במחילה אין טעות. ער מיינט גאָר אַן אַנדערן. זאָל ער אַזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין אויף צוריק. גאָר גאָר אונטן אַראָפּ. אומר ועושה, כאַפּט מען אים פאַרן קאָלנער און מען טוט אים אַ שליידער אַראָפּ. ער קאָלערט זיך און קאָלערט זיך — עס איז אַ ביטערער רחמנות צו קוקן.

אָמר — אַזוי האָט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק צו זיך אַליין גערעדט און געטראַכט זיינע מחשבות. כדרכו האָט ער עס געטון זיצנדיק אויף אַ שטיין ביים ראַנד פון נאַרקאָווער וואַלד. ער האָט געזשמורעט מיט זיינע אויגן צום הימל און געהאַלטן זיין דאַרן פינגער אויפן שטערן.

דער וואַלד הינטער אים האָט גערוישט אין זיינע טונקלענישן. און ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט ווייטער צו זיך גערעדט:

— אויף דער דאָזיקער לייטער לויפט איצט דער גרעסטער נאַר וואָס די וועלט האָט ווען עס איז געזען. אַן אמתער טיפּש און גאָר אַ גרויסער פּראָסטאַק. ער לויפט און זעט צומאָל נישט דאָס מזל וואָס שטייט אויבן אויפן שפּיץ. ער קוקט בלויז אויפן קוילעטש און וויל נייערט פרעסן, דער

זולל־וסובא. דארף ער דאָך צעברעכן דאָס גענניק? אַלאַ וואָס דען? —
קריכט אונטער אים ר' פייוזקע דער ליטוואַק. אַ ייד פון דער ליטע און
אַ ממזר־קאָפּ. אַ ליטוואַק האָט אומעטום אויגן און קוקט זיך גוט אַרום
אויף אַלע זייטן. איי פייוזקע, פייוזקע, דו האָסט זיך אָפּגעבריט אין אַלע
חכמות און הייבסט אָן צו גלייבן אין דער נאַרישקייט. אַ געזונט דיר אין
די ביינער, דו דאַרפסט דען מער ווי אַ ציבעלע? ווייס איך וואָס! אַ ליט־
וואַק איז סתם טשיקאַווע צו זען ווי רב מזל אויבן אויף דער לייטער
וועט במחילה צעחושט ווערן ווען ער וועט זען ווי אַ חכם און אַ נאַר קריכן
צוזאַמען צו אים אַרויף בקאָמפּאַניע.

ר' פייוזקע דער ליטוואַק האָט זיך אויפגעהויבן פון שטיין און גע־
וואָלט גיין אין וואַלד אַריין דאַווענען מנחה. די זון האָט זיך שוין טיף
געהאַט פאַרקירעוועט צו מערב צו און די הימלען האָבן אָנגעהויבן צו
ווערן רויט. ער האָט נאָך אַ מאָל צו זיך אַ זאָג געטון.

— די חז"ל האָבן געזאָגט: אומעטום ווו עס שטייט „ויהי", שטייט
הינטער דער פּאָלע פונעם „ויהי" אַ צרה. אין נאַרקאָווע האָלט עס ביים
„ויהי". אַ ליטוואַק טאָר נישט זיין קיין חזיר און אַרונטערקוקן דעם
„ויהי" אונטער דער פּאָלע. ווער שטייט דאָרט? פאַרליר נישט דעם קאָפּ,
פייוזקע ליטוואַק, ווען דו קריכסט אויף דער לייטער צום רב מזל! קוק
זיך גוט צו ווי דער חברה־מאַן האָלט דעם קוילעטש. קליג זיך און כאַפּ!

ר' פייוזקע דער ליטוואַק האָט זיך אויפגעהויבן פון שטיין. ער איז
אַוועק אין צעדווישטן וואַלד וועמעס ביימער־שפּיצן האָבן זיך אָנגעהויבן
אָנצוצינדן מיט דער רויטקייט פון דער שקיעה.

ר' פייוזקע האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אונטער אַ בוים און
געדאַוונט מנחה.

קאַפּיטל ניין

ר׳ מעכטשע האַלט וואָרט. — פּעשע און סימכע פּלאַכ־טע אין ר׳ מעכטשעס בגדי־מלכות. — ווי אַזוי איז זיך ווייטער נוהג ר׳ פּייוקע דער ליטוואַק. — עס קלאַפּט אין פענצטער.

ר׳ מעכטשע דער שניידער האָט געהאַלטן וואָרט און געוויזן דער וועלט וואָס ער קאָן. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט סימכע פּלאַכ־טען אין אַ לאַנגע ווייסע זשיפּיצע פון עכטן שאַרכנדיקן אַטלעס. אַ בייטל מיט רענדלעך האָט ער, ר׳ מעכטשע, געהאַט, — האָט ער גענומען דעם אַלטן אויסגעקראַכענעם ספּאָדיק, וואָס פּעשע האָט געהאַט געבראַנגט פון דער רביצינס בוידעם, און אים בכבוד גדול צוריקגעשיקט אויפן בוידעם. ער האָט געקויפט אַ שפּאָגל־נייעם ספּאָדיק די גרייס פון אַ קוימען. סימכע פּלאַכטע האָט אין דעם נייעם ספּאָדיק געהאַט טויזנט חן. שפּע־טער האָט ער פאַר סימכע פּלאַכטען באַזאָרגט אַן אמתן יאַמשענעם שטעקן מיט אַ קאָפּ פון זיבן פונט די וואָג.

פּעשען האָט ער אָנגעטון אויף אינדערוואָכנס ווי אַ נגידותטע און אויף שבת ווי אַ רביצין. ער האָט איר געמאַכט אמתע בגדי־מלכות, היינו: יופּקעס און מאַנטילקעס. נאַרקאָווע האָט זיך געחידושט פון וואַנען קומט צו ר׳ מעכטשען אַזאַ באַהאַוונטקייט אין ווייבערישע מאָדעס. מן־הסתם האָט עס אים דער מלאך פּימפּער געוויזן אין חלום. דעם ערשטן שבת האָט פּעשע זיך אָנגעטון אַ שוואַרצע זיידענע יופּע, אויף די פּלייצעס האָט זי זיך פאַרוואָרפן אַ רויט טערקיש טוך און אויפן קאָפּ אָנגעטון אַ טיפּע קופּקע מיט שפּיצן און ציטער־נאָדלען. זי האָט גענומען אַ קרבן־מנחה־

סידור און אים איינגעוויקלט אין א פאטשיילע, געטון א קוש די מזוזה און געקומען אין דער ווייבער־שול אריין. אלע ווייבער האָבן ארויסגעקוקט פון די סידורים, געשאָקלט מיט די קעפּ ווי עס וואָלט געווען אריינגעקומען די גרעסטע פּריצה און מורא געהאַט צו רעדן א הויך וואָרט. יעבטשע די זאָגערין האָט פעשען אָנגענומען פאַר דער האַנט און אוועקגעשטעלט אויבנאָן ביי דער רביצין.

דאָס נעמלעכע האָט מען דעם ערשטן שבת געטון מיט סימכע פלאַכטען. יידן האָבן אים אָנגענומען אונטערן אָרעם, אוועקגעפירט צו דער מזרח־וואַנט און אַנידערגעשטעלט ביים רב. מען האָט פאַר אים אויפגעמישט א סידור, נאָר ער האָט דאָרט אריינגעקוקט ווי א האָן אין בני־אדם.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק האָט ווייטער געדאַוונט הינטערן אויוון און געגאַנגען קריעה־ובליה סיי אינדערוואָכן און סיי אין שבת.

ר׳ פייווקע האָט געקויפט אַן אַלמער מיט ספרים און אים אוועקגעשטעלט ביי סימכע פלאַכטען אין שטוב. ביי דער טיר האָט ר׳ פייווקע אָנגעקלאַפּט א מזוזה פון עצי־זית. ער האָט זי דערטאַפּט ביי א דורכפאָרנדיקן ארץ־ישראל־ייד. ביי דער וואַנט האָט ער אוועקגעשטעלט א קופּערנעם כיור, כדי עס זאָל אויסקוקן ווי ביי א רב.

נישט געקוקט אויף דער גדולה איז ר׳ פייווקע ארומגעגאַנגען, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. ער איז געגאַנגען אין די אייגענע שמאַטעוואַטע בגדים אין וועלכע ער איז אָנגעקומען קיין נאַרקאָווע. נייערט ער האָט זיך איינציקוויייז ארויסגעקליבן פון הינטערן בית־המדרש־אויוון און אָנגעהויבן צו לערנען ביי סימכע פלאַכטען אין שטוב. דער פריץ האָט טאָג ביי טאָג געשיקט פון כל־טוב. דאָס פייער האָט זיך אין סימכע פלאַכטעס קיך קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן. די גאָרנדיקע טעפּ האָבן געקאָכט און דאָס פאָר־פאָלק האָט טאָג און נאַכט געפרעסן, ווי די קישקעס ביי זיי וואָלטן געווען אָן א דנאָ.

פון צייט צו צייט האָט פעשע צוגעטראָגן פאַר ר׳ פייווקען א שיסל מיט געקעכץ. ער האָט עס נישט געוואָלט טועם זיין. ער האָט זיך ווייטער מפרנס געווען פון דער ציבעלע, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין זעקל. דאָס אָרעמאַנסקע זעקל זיינס איז תמיד געלעגן לעבן דער גמרא, וואָס ר׳ פייווקע האָט געלערנט.

סימכע פלאַכטע

אַזוי זענען פאַרגאַנגען וואָכן און וואָכן. דאָס מזל האָט אַריינגעשיינט צו סימכע פלאַכטען ווי אַ ליכטיקע זון.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט שטייט אומעטום הינטערן „ויהי״ אַ פּינצ־טערער ליץ. האָט זיך דער ליץ מיישב געווען און פלוצעם אַ קלאַפּ אָנגעטון ביי סימכע פלאַכטעס פענצטער. מען האָט געמיינט, אַז ס׳איז כלו כל הקצים און סימכע פלאַכטע מעג צוריק אָנטון די שאַנדעס. נאָר דער קליגסטער ליץ קאָן זיך אַמאָל באַנארישן ווען ער ווייסט נישט, אַז הינטער סימכע פלאַכטען שטייט אַ ייד פון דער ליטע, אַ ייד אַ ממזר־קאָפּ, דאָס מיינט מען אונדזער ר׳ פייווקען.

דאָס גאַנצע שפּיל פון ר׳ פייווקען מיטן ליץ וועלן מיר מיט גרויס נחת און פרייד ברענגען צו אַ באַשייד. מיר וועלן עס טון דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען לויט אונדזערע באַשיידענע מיטלען.

זיבעטער טייל

קאַפּיטל איינס

יחוס ביי יידן און להבדיל ביי גויים. — אַ פּריץ מוז וויסן ווער עס איז געווען זיין זיידע. — אַזיסט מעג ער ווערן אַ קוימענקערער.

ווי מיר ווייסן פון חומש, האָט יצחק צעטיילט די וועלט צווישן זיינע זין יעקב און עשו. יעקבן האָט ער אָוועקגעגעבן דאָס בית־המדרש און די גמרא, און עשון — דאָס פעלד און די שווערד. פון דעמאָלט אָן איז שווער צו דערקענען, אַז יידן און גויים זענען אַמאָל געווען לייבלעכע ברידער און זענען געזעסן צוזאַמען אין איין בויך פון אַ מאַמע. אַמאָל, אַמאָל, איידער עשו האָט נאָך געקריגן פון יצחקן די שווערד איז ער אויך מן־הסתם צוזאַמען מיט יעקבן געגאַנגען אין חדר אַריין צו שם ועבר. אלא וואָס דען? נאָך יצחקס ברכות איז יעקב ווייטער פאַרבליבן אַ ייד אַ יושב־אוהל. עשו איז געוואָרן אַ פּריץ און געגאַנגען אויף זיינע פעלדער אויף געיעג.

פּאָרט זענען זיי דאָך אַמאָל געווען לייבלעכע ברידער — איז ביי ביידע פאַרבליבן איין גלייכער חשק. דער חשק צו יחוס. סיי יידן און סיי להבדיל גויים ווילן ווייסן מאין באת, ווער איז געווען דיין זיידע? כדי צו ווייסן לאָן אתה הולך — ווער וועלן זיין דיינע אייניקלעך?

יידן יחסענען זיך מיט רבנים און גדולי־התורה, מיט גוטע־יידן און מחברים פון ספרים. גאָר שיינע יידן יחסענען זיך מיט דוד המלך.

אַזוי ווי קיינער גלויבט נישט דעם זכרון, און צו וואָס טאָקע פרעגן ביי די נעכטיקע טעג? האָבן גאָר יחוסדיקע יידן ביי זיך ליגן יחוס־בריוו. די בריוו זענען געשריבן אויף פּאַרמעט און מיט געכתיבהטן כתב־

אשורי, צי גאָר רש"י־כתב. עס שטייט דאָרט יאָונע ויאָסנע די גאַנצע קייט פון יחוס. בן אחר בן. די שלשלת הרבנים והצדיקים פון וועלכע אַ ייד קומט אַרויס. די יידן, וואָס יחסענען זיך פון דוד המלך האָבן אויך אַ כתב, באַשריבן — פאַרשטייט זיך, בן אחר בן — אָנגעהויבן פון דוד המלך און ווייטער, אַלע מלכים וואָס האָבן נאָך אים געקיניגט אין ירו־שלים און דאָרט יומם ולילה געזעסן און געלערנט און געזאָגט תהילים. דאָס בית־המקדש איז בעונותינו הרבים חרוב געוואָרן און יידן זענען אַוועק אין גלות. דוד המלכס אייניקלעך האָבן זיך מיישב געווען און גע־וואָרן גאונים און גדולי־התורה. דעם כתר־מלכות האָבן זיי אַ קאַפּעטשקע אָוועקגעלייגט ביז משיח וועט קומען און דערווייל געוויזן וואָס זיי קענען אין ים־התלמוד — עד היום הזה.

אַזעלכע יחוס־בריוו זענען געווען ווי אַ ליכט אין יידישע הערצער. מען האָט זיי אַרויסגענומען און געוויזן מחותנים ווען עס האָט געהאַלטן ביי אַ שידוך.

גויים להבדיל — נישט סתם גויים, נאָר פּריצים — האַלטן אויך זייער שטאַרק פון יחוס. אויך זיי האָבן אַלטע פּאַרמעטן. דאָרט שטייט נישט באַשריבן מיט גאַליש־טינט און מיט יידישע אותיות, נייערט מיט גאָלדענע גרויסע גויאישע אותיות. די יידישע אותיות אין די יידישע פּאַר־מעטן שטייען הריפיש און לומדיש און ווי יידן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די גויאישע אותיות, להבדיל, אין די פּריצישע פּאַרמעטן, שטייען מיט גדלות און מיט חוצפה און קוקן אויס נייערט ווי ביקסן און ווי שווערדן און אַנדערע כלי־זין — אָדער ווי שווערע פינצטערע פּאַלאַצן, צי סתם תיפלהס און עבודה־זרהס.

געוועהנלעך יחסענען זיך נישט די גויאישע אייניקלעך מיט תורה און מיט צדקות ווי עס טוען יידן. עשון האָט מען געבענטשט מיטן ועל חרבך תחיה — האַלט ער זיך דערביי. אין די גויאישע יחוס־בריוו ווערט דער זיידע הגדול געמאָסטן לויט די צאָל מענטשן, וואָס ער, דער זיידע, האָט אויסגעהרגעט מיט דער שווערד, לויט דער צאָל פעלקער, וואָס ער האָט מכניע געווען אונטער די קאָפּיטעס פון זיין פערד, לויט דער צאָל שטעט, וואָס ער האָט פאַרברענט און לויט דער צאָל לענדער, וואָס ער האָט איינגענומען און חרוב געמאַכט. אָט די אַלע מעשים פון די גויאישע

זיידעס — נאָך וועלכע די פּריצים יחסענען זיך בן אחר בן —. שטייען פאַרשריבן, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, אין אַלטע פּאַרמעטן. די שליאַכעצקע אייניקלעך האַלטן די פּאַרמעטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. טאָמער ווערט חס ושלום אַזאַ פּאַרמעט פאַרלוירן און מען קען נישט גוט אויס־רעכענען די צאָל הרוגים וואָס דעם זיידנס שווערד האָט אוועקגעלייגט, נו, — דעמאָלט בלייבט דאָס אייניקל שטיין אדם־נאַקעט ווי אַ לעקיש. מען נעמט זיך נישט מער אַראָפּ פאַר אים דאָס היטל. דער מלך לאָזט אים שטיין הינטער דער טיר ווי אַ מדינה־גייער.

אַזוי היטן זיך די זיידעס, סיי יידן און סיי, להבדיל, גויים. נישט מער, וואָס אַ ייד, אפילו נישט קיין יחסן, האָט סיי־ווי זכות־אבות. די דריי אבות און די פיר אמהות קען ביי אים קיינער נישט צונעמען. ביי אַ פּריץ אָבער, טאָמער ווייסט ער נישט ווער דער זיידע איז, איז אָך און וויי. ער מעג שוין נעמען דעם בעזים און ווערן אַ פּראָסטער קוי־מענקערער.

קאַפּיטל צוויי

דאָס חדר־מיוחד פון פאַן וויטשעך. — דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן כתב־יחוס. — אַרויסגעפלויגן דאָס גאָלדענע קעסטעלע. — חושך אין נאַרקאָווער הויף.

צווישן אַלע חדרים און סאַליעס פון נאַרקאָווער פּריץ פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט זיך געפונען אַ חדר־מיוחד. קיינער, אפילו די פּאַני יאַדוויגע, האָט נישט געטאָרט אַהין אַריינשמעקן. עס איז געווען סגור ומסוגר אויף זיבן קונציקע שלעסער. דאָס שליסעלע צו די שלעסער האָט דער פאַן וויטשעך אַרומגעטראָגן ביי זיך אויפן האַרץ, הינטער אַלע העמדער און זשופּאַנעס. ס'איז נישט קיין שפּילעכל! אין אָט דעם שליסעלע האָט געהאַנגען דאָס גאַנצע פּריצישע דאָברע מזל פון פאַן וויטשעך און זיין משפּחה.

אין דעם חדר מיוחד אונטער זיבן שלעסער איז געשטאַנען אַ גרויסער אייזערנער קאַסטן. אין יענעם קאַסטן איז געלעגן די שווערד, וואָס מיט איר האָט דער ערשטער זיידע פון פאַן וויטשעך דערהרגעט אַן אַנדערן גרויסן פּריץ און ביי אים צוגענומען ווי זאַק־רויב די שפּיז מיטן פּאַנצער ווי אויך דאָס ווילדע פערד אויף וועלכן יענער פּריץ איז געריטן אין דער מלחמה אַריין. לעבן דער שווערד איז געלעגן אַ גאָלדן קעסטעלע. אויך, פאַרשטייט זיך, פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אין אָט דעם קעסטעלע איז ערשט געלעגן דאָס רעכטע און נעדיכטע.

עס איז דאָרטן געלעגן דער פּאַרמעט מיטן יחוס פון פאַן וויטשעך.

איז דעם פאַן וויטשעך געווען גאָר גוט אויפן האַרצן, ער האָט זיך געהאַט אָנגעטרונקען מיט אַ סך ווייַן, זיך אויסגעטאַנצט אויף אַ סך בע־

לער און גוט געהאַט אַרומגעשלעפּט ר׳ גאָדלען פאַר דער באָרד. דער פאַן וווּיטשעך האָט זיך אַרומגעקוקט איבער זיינע גיטער און געזען דאָס רוב עושרו — האָט ער געוואַרט, אַז קיין בייז אויג זאָל נישט זען — וואָרים גויים גלייבן אויך אין אַן עין־הרע — און זיך גאַר פאַמעלעכל, אויף די שפּיץ־נעגל, צוגעגנבעט צו דער פאַרשלאָסענער טיר, אויפגעעפנט די זיבן שלעסער, אַריינגעגאַנגען אין חדר־מיוחד און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. שפּעטער האָט ער אויפגעשלאָסן די זיבן שלעסער פון אייזערנעם קאַסטן. ער האָט אָנגעקוקט די שווערד פון דעם ערשטן זיידן. מיט גרויס חשק האָט ער ווייטער אויפגעשלאָסן די זיבן שלעסער פון דעם גאָלדענעם קעסטעלע. דער פאַן וווּיטשעך האָט זיך אומישנע אָנגעטון אַ פּאָר שפּאַקולן און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די גאָלדענע אותיות פון כתב־יחוס. דאָס הייסט דעם פּריצישן הערב.

ויהי היום — דער פאַן וווּיטשעך גייט זיך אַזוי אַריין פאַמעלעכל און האַפּערדיק אין חדר־מיוחד. ער טוט זיך נאָר אַ ריר צו צום אייזערנעם קאַסטן — ווערט אים פינצטער פאַר די אויגן. די זיבן שלעסער זענען אויפגעבראָכן. ער טוט אַ ריס אויף דעם קאַסטן. אים ווערט נאָך פינצטער־דער פאַר די אויגן, — דאָס גאָלדענע קעסטעלע איז אַרויסגעפלויגן. דעם זיידנס שווערד ליגט אין דעם קאַסטן און קוקט פון דאָרט אַרויס צום פאַן וווּיטשעך ווי אַ פאַרשעמטע אַלמנה. מישטיינס געזאָגט, וואָסער ווירדע האָט די גאַנצע שווערד, ווען מען ווייסט נישט צו דערציילן די גבורות פון זיידן און מען קאָן נישט — בכתב — איבערציילן די הונדערטער הרוגים, וואָס די דאָזיקע שווערד האָט אָוועקגעקוילעט אין מלחמות?

תחילת האָט דער פאַן וווּיטשעך געוואָלט פאַלן אין חלשות. נאָר אַ פּריץ פאַלט נישט אין חלשות. האָט ער געוואָלט אויפהייבן דאָס גרויסע געוויין. מחמת, אָן אָט דעם כתב ווער וועט וועלן אויף אים קוקן? ער מעג — אַזוי איז געוועזן דעם פאַן וווּיטשעכס ערשטע מחשבה, — זיך אָנטון אין שמאַטעס און זיך אַוועקזעצן צוזאַמען מיט די בעטלערס אויף די טרעפּן פון אַ תיפלע און בלעקערצן.

דער פאַן וווּיטשעך איז געשטאַנען עטלעכע כהרף־עינס און געקוקט אויפן ביטערן חורבן. ער האָט נאָכאַמאָל געגנישטערט. נישטער אַהער און נישטער אַהין. דאָס גאָלדענע קעסטעלע איז נישטאָ.

האָט ער געכאַפּט אַ ביקס און מיט אַ יאָמערלעך געוואַלד אַריינגע־לאָפן אין די סאַלעס.

די פּאַני יאַדוויגע, די טעכטער, אַלע לאָקאַיעס און משרתים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן גרויסן געוואַלד פון פּאַן וווּיטשעך. קיינער האָט אים כמעט נישט דערקענט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פּאַן וווּיטשעך איז פּלוצעם עלטער געוואָרן מיט דרייסיק יאָר. די האָר אויפן קאָפּ זענען אים געווען צעפּלאָשעט ווי ביי אַ משוגענעם, די אויגן אַרויס־געזעצט און פאַרלאָפן מיט בלוט, די שיינע שליאַכעצקע וואָנצעס זענען אים געהאַנגען איבערן מויל ווי צוויי צעשויבערטע רוחות. דער פּאַן ווויטשעך האָט געצילעוועט מיט דער ביקס, געטופּעט מיט די פיס, געשריגן מיט ביטערע קללות און געשאָלטן זיך און אַלעמען און געסטראַשעט, אַז אַט נעמט ער און מאַכט פון אַלצדינג אַ תל־עולם.

מען איז זיכער געווען, אַז דער פּאַן וווּיטשעך איז משוגע געוואָרן.

שפּעטער, ווען מען איז ענדלעך געוווּיר געוואָרן די בראָך, האָבן אויך די פּריצהס אויפגעהויבן אַ ביטער געוויין. די פּאַני יאַדוויגע האָט זיך גע־ריסן פאַר די האָר. די ביידע טעכטער האָבן געשריגן און געכליפּעט. מען האָט געוווּסט: אָן דעם כתב־יחוס איז מען אַראָפּ אין שאול־תחתיה. מען מעג גיין באַגלייך מיט אַלע פּויערטעס גראָבן קאַרטאָפּלעס און וואַשן גרעט. ווער וועט גלויבן, אַז דער פּאַן וווּיטשעך איז אַ פּוילישער שליאַכטשיץ און האָט געהאַט אַזעלכע גבירישע זיידעס? היינט גלייבט מען נישט אויפן וואָרט. מען מוז אַלצדינג האָבן שוואַרץ אויף ווייס. און דאָס כתב איז גאָר ווי אַ פייגעלע אַרויסגעפלויגן צוזאַמען מיטן גאָלדענעם קעסטעלע.

קאַפּיטל דריי

מען זוכט און מען נישטערט. — דער פּאַן וואָיטשעך איז מנדב ליכט און בוקט זיך צו עבודה־זרהס. — די אסיפה פון די אָפּגעקומענע פּריצים באַשליסט צו בעטן סימכע פלאַכטען, אַז ער זאָל ראַטעווען.

אין נארקאָווער הויף איז געווען תשעה־באב. מען האָט זיך קודם־כל שטארק געגומען חושד צו זיין און צו פאָרשן. חושד האָט מען געווען אַלע, פון קלענסטן ביזן גרעסטן. אויף וועמען מען האָט נאָר געוואָרפן דאָס מינדסטע אויג, האָט מען אים געהייסן זיך אויסטאָן אָדם־נאַקעט און געשניטן פון אים פאסן. דאָס פאָכען פון די בייטשן און די יללות פון די געשמיסענע האָט מען געהערט אויף מײלן ווייט. אין בית — נישט געווען אַ הויז פון אַ לאָקיי פון פּאַן וואָיטשעך, ווו מען זאָל נישט האָבן געזוכט און געגישטערט און געשמיסן און געריסן. שמיים היינט, שמיים מאָרגן — דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן שליאכעצקן יחוס איז נישטאָ.

דער פּאַן וואָיטשעך האָט זיך מיישב געווען מיט זיינע סוויטע־לייט, די אָפּגעקומענע פּריצים און ביי זיי געפרעגט צי האָבן זיי שוין ווען עס איז געהערט פון אַזאַ שווידערלעכער גניבה? די אָפּגעקומענע שליאכטשיצעס פון פּאַן וואָיטשעכס סוויטע האָבן געשאָקלט מיט די גרויע קעפּ און געזאָגט, אַז ניין. עס גייט אים שוין נישט אין גאָלדענעם קעסטעלע, נייערט אין כתב, — האָט געשריגן דער פּאַן וואָיטשעך און ווידער געכאַפּט די ביקס און אַלעמען געוואָלט אויסשיסן.

מען האָט געלאָזט אויסרופן אין אַלע תיפלהס און אויסטרומייטערן אויף אַלע יארידן, אַז ווער עס וועט ברענגען די גניבה, באַקומט פון פּאַן

וואָרשעווער מלכות? וואָרים די ידיעה, אַז דער גאַנצער יחוס פון נאַרקאַ־

פון דעם פאַן וויטשעך. אַ גוט און אַ טאַכטער פאַר אַ ווייב. עס האָבן נישט געפעלט קיין צוזאָגן מיט גוטן און מיט בייזן. ווי אין וואַסער אַריין.

האָט זיך דער פאַן וויטשעך מיישב געווען און אַליין געגאַנגען אין די תיפלהס און אין די קלויסטערס. דאָרט האָט ער מנדר געווען ליכט און זיך געבוקט פאַר אַלע עבודה־זרהס — ווי געוועהנלעך אַ גוי — נאָר וואָס קאָן העלפן אַ הילצערנער יויזל? דער גנב, זעט אויס, האָט נישט געגלויבט דעם פאַן וויטשעכס צוזאָגן. אפשר האָט ער, דער גנב, מורא געהאַט פאַרן וואָרשעווער מלכות? וואָרים די ידיעה, אַז דער גאַנצער יחוס פון נאַרקאַ־ווער פריץ הענגט אויף אַ האָר האָט דערגרייכט אַהין צו דער כסא־מלוכה. דעם גנב, אפילו ווען ער זאָל האָבן געוואָרן דעם פאַן וויטשעכס איידעם און באַקומען נדן אַ גוט — וואָלט מען בלי ספק דאָרט אין וואַרשע גע־פערטלט אינמיטן מאַרק.

בקיצור, עס איז אין קול וקשב פונעם קעסטעלע מיטן יחוס־כתב.

דער פאַן וויטשעך האָט אויפגעהערט צו עסן און געוואָרן בלאַס און איינגעדאַרט. ער האָט זיך מיישב געווען און זיך געלייגט אין בעט אַריין, זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט און מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן קיין וואָרט.

מען האָט געמיינט, אַז עס עקט זיך מיט אים. דער פאַן וויטשעך גייט אינמיטן פון זיינע בעסטע יאָרן זיך אָפּגעזעגענען מיט דער שיינער וועלט. עס האָט געהאַלטן דערביי, מען זאָל שיקן נאָכן גלח, אַז ער זאָל קומען מיטן ווייסן העמדל און שווענצלען דעם פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּ־לינסקי קודם המיתה.

די פאַני יאַדוויגע האָט נאָכאַמאָל גערופן אַן אסיפה פון די אָפּגעקו־מענע פריצים, און מען האָט זיך געבראָכן די קעפּ און געזוכט עצות.

האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער פון די אָפּגעקומענע פריצים:

— ווי מיר ווייסן, האָט דער פאַן וויטשעך געפונען אין וואַלד אַ וואונדער־ייד. ער זיצט אין שטעטל נאַרקאַווע און דער פאַן וויטשעך קאָר־מעט אים דאָרט מיט כל־טוב. פאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט הייסן דעם וואונדער־ייד צו ווייזן וואָס ער קאָן און אויסגעפינען דאָס גאָלדענע קעס־טעלע מיטן כתב־יחוס?

סימכע פלאַכטע

עס איז טאקע געבליבן ביי דער שליאכעצקער אסיפה, אז מען זאָל שיקן אַ קארעטע נאָך סימכע פלאכטען, דעם גרויסן װוּנדער־טוער, און אים בעטן קומען אין פריצישן הויף אריין און ראטעװען דעם פאַן װױ־טשעך מיט זיין גאנצער משפחה.

דאָ הויבט זיך אָן די מעשה מיטן „ויהי”. איז געקומען דער „ויהי” און געהאלטן צװײ װאָג־שאָלן. אויף איין װאָג־שאָל האָט זיך אװעקגעזעצט דאָס רב מזל צי דער ליז. מיר װייסן עס נישט אויף קלאָר. און אויף דער אַנדערער — ר׳ פייװוקע דער ליטוואק.

דאָס דאָזיקע גרויסע חידוש װעלן מיר אויף אונדזער שיינעם לשון יידיש דערציילן אין די װייטערדיקע קאפיטלען מיט אלע פרטים. דערװייל װעלן מיר אַ ביסל אָפּכאפּן דעם אָטעם.

קאַפּיטל פיר

שבחים וועגן יאַנקל לערער. — דעם פּאַן וויטשעכס בן־יחיד קומט צופאָרן נאָך סימכע פלאַכטען. — מען זוכט ר׳ פּייוזקען דעם ליטוואַק. — סימכע פלאַכטע וויל אויסזאָגן דעם סוד. — מיר פאָרן צום פּריץ.

דער מייסטער יאנקל לערער (המכונה מאָרגנשטערן) פון לאָדזש האָט געשריבן דאָס ערשטע מעשה־ביכל פון סימכע פלאכטע. מיר, וואָס באלאנגען צו די שפּעטערע און שוואכערע דורות פון יידישע שרייבער, גייען בלויז מיט גרוים ענווות נאָך די פיס־טריט פון לאָדזשער מייסטער, און האלטן זיך ביי זיינע פּאָלעס. אין זכות פון יענעם גדול, אונדזער פאָר־גייער, גלויבן מיר בכי־טוב אדורכצוקומען דעם פלאָנטער פון די מערק־ווירדיקע און וואונדערלעכע געשעענישן באמת.

יאנקל לערער איז געשטאנען מיט ניינציק צי גאָר מיט קיילעכדיקע הונדערט יאָר נענטער צו די געשעענישן ווי מיר, דעריבער האָט ער גיכער געקאָנט וויסן ווי סימכע פלאכטע האָט געהאלטן בעת די פּריצישע קאַ־רעטע איז מיט גרוים רעש אָנגעפאָרן פאר זיין טיר כדי אים צו ברענגען אין הויף אריין און ראטעווען דעם פּאן וויטשעך. ווי עס פארזיכערט אונדז יאנקל לערער, האָבן סימכע פלאכטע מיט פעשען געהאלטן פונקט גראָד אין מיטן דער גרויסער אכילה. מן־הסתם איז עס טאקע אזוי געווען. מיר פארלאָזן זיך אויף אזא איש מהימן ווי אונדזער מייסטער. ער וואָלט עס נישט געוועזן געשריבן, ווען ער וואָלט עס נישט געוווּסט אויף זיכער.

מיר האלטן, הייסט עס, ביי דער קארעטע.

סימכע פלאַכטע

אַ הערלעכע קאַרעטע געשפּאַנט אין פיר שאַרפע סוסים איז ווי אַ ווינקער אַ פאַר־אָן געגעבן צו סימכע פלאַכטעס טיר. פון אויבן אויפן באָק און פון הינטן פונעם געזעס איבער די רעדער זענען אַראָפּגעשפּרונגען לאָקאַיעס אָנגעטוענע אין ליווריייען און מיט סאַמעטענע מיצן אויף די קעפּ. זיי זענען געשווינד צוגעלאָפן צו דער טיר פון דער קאַרעטע, זי אויפ־געפּראַלט און זיך פאַרבויגן ביז צו דער ערד.

פון דער קאַרעטע איז אַרויסגעשטיגן דער בן־יחיד פון פּריץ. ער האָט געהייסן פאַן סטאַך. אַ בלאָנדער שייגעץ, הויך און געוויקסיק. פון אים האָט מען געשמועסט, אַז אין רייטן און אין שיסן שטייגט ער אַריבער דעם פאַן וווּיטשעך. פּוילן קלינגט מיט אים. די גרעסטע שרים רייסן זיך איבער אים און ווילן אים פאַר אַן איידעם.

אינמיטן דער שורה פון אויסגעשטעלטע לאַקאַיעס איז דער יונגער פּריץ, פאַן סטאַך, מיטן היטל אין דער האַנט אַריינגעגאַנגען מיט גרויס דרך־ארץ צו סימכע פלאַכטען. ער האָט אים געטראָפן ביי דער רעכטער שיסל. אַ נס, וואָס איידער דער יונגער פּריץ האָט באַוויזן זיך גלייך צו מאַכן די האָר אויפן קאָפּ, אַזוי ווי עס שיקט זיך ווען מען גייט אַריין צו אַ הייליקן מאַן — האָט דערווייל סימכע פלאַכטע זיך אין גרויס איי־לעניש אָנגעטון די ווייסע זשיפּיצע מיטן ספּאָדיק. דער פּריץ וואָלט אים אַזיסט געטראָפן אין שפּאַנצער און הויזן.

סימכע פלאַכטע איז שוין געוווינט געווען צום שווילטאָג. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז אָט ברענגט מען אים נייע מתנות. אויך פּעשע האָט אַזוי געגלויבט. זיי האָבן זיך בשמחה רבה מכין געווען צו די זעק וואָס דער פאַן וווּיטשעך שיקט.

זיי האָבן אָנגעקוקט דעם פאַן סטאַך מיטן היטל אין דער האַנט, און מיט די אויגן געזוכט אין די ליידיקע הענט פון די פּריצישע לאָקאַיעס. נישטאָ קיין זעק. דאָס פאָרפאָלק איז ביטער פאַרבליפט געוואָרן; וואָס הייסט עס? אויף דעם פּריצישן דרך־ארץ זענען זיי נישט געווען קיין מבינים. זיי האָבן רק געקוקט אויף די הענט און געזוכט די פרעס.

— יאַשניע פּאַניע צדיק, האָט דער פאַן סטאַך געזאָגט מיט גרויס ערפורכטיקייט און ציטערניש. זיין הויכע, שיינע געשטאַלט האָט זיך פאַר־

בויגן פאר סימכע פלאכטען, — דער טאטע און די מאמע לאָזן אייך גאָר פריינטלעך גריסן.

סימכע פלאכטע גופא איז, ווי מיר וויסן, נישט געווען קיין גרויסער בעל־דברן. ער האָט זיך שוין געהאט צוגעווינט נייערט צו קוקן אין מויל אריין זיינע מנהיגים ר׳ פייווקען דעם ליטוואק און פּעשען דער יתומה. האָט ער אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן און אָהין געגלאָצט צום ספרים־אַלמער און צו דער גמרא, ביי וועלכער ר׳ פייווקע איז תמיד גע־זעסן מיט זיין זעקל. גראָד איז ר׳ פייווקע נישט געווען. סימכע פלאכטע האָט אויפגעהויבן זיינע קעלבערנע אויגן און אַ קוק געטון אויף פּעשען. זי איז אויך געווען צעמישט און געגלאָצט אויפן פּאַן סטאַך ווי ער שטייט צווישן די אויסגעפּוצטע לאָקאַיעס און בייגט דעם קאָפּ פאר איר מאַן, סימכע פלאכטען. יענער איז פון שרעק געווען בלאַס ווי די וואַנט און נישט געקאָנט נעמען דעם לעפל אין מויל אריין. ווי מיר וויסן האָט פּעשע געקאָנט עפּענען אַ פּיסק אויף פּויליש. איידער וואָס און ווען האָט זי דערווייל געענטפערט דעם פּאַן סטאַך:

— אַ גרויסן און שיינעם דאַנק פּאַרן גרוס, פּאַניע דזשעדזשיץ!

פּעשע האָט אויך נישט געוווסט, וואָס דער פּאַן סטאַך איז אויסן און זי האָט געקוקט אויף ר׳ פייווקעס אָרט לעבן ספרים־אַלמער.

נאָכדעם ווי דער פּאַן סטאַך האָט דעם צדיק און דער צדיקאָווע אָפּ־געגעבן די גריסן פון פּאַן וווויטשעך און דער פּאַני יאַדוויגע, האָט ער גע־דרייט דאָס שיינע פּריציש היטל צווישן זיינע ווייסע איידעלע הענט און ווייטער גערעדט:

— דער טאַטע מיינער, דער נאַרקאָווער פּאַן, האָט זייער אַ ביטערע צרה. ער האָט שוין געקלאַפּט ביי אַלע טירן און געטון אַלע תחבולות. אַלצדינג איז אומזיסט און קיינער קאָן אים נישט העלפן. האָט ער מיך, זיין איינציקן זון, אַהער געשיקט מיט אַ קאַרעטע און לאָקאַיעס, כדי צו פאַרבעטן דעם פּאַן צדיק אין הויף אריין. מיין טאַטע, דער פּריץ, איז זי־כער, אַז קיינער קאָן עס נישט טון, אחוץ דעם יאַשניע פּאַן צדיק.

אַזוי האָט דער פּאַן סטאַך געזאָגט מיט גרויס הכנעה און געוויזן אויף די לאָקאַיעס, וואָס זענען געשטאַנען מוכן ומזומן מיט גרויס כבוד סימכע פלאכטען אַרויסצוטראָגן אין דער הערלעכער קאַרעטע אַריין.

סימכע פלאַכטע

סימכע פלאַכטע האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס געהויבענע פוילישע לשון פון פאַן סטאַך. נאָר ער האָט געוווּסט, אַז מען פאַרלאַנגט פון אים אַ מופת. איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און ביטער אין מויל. אויף דער פעטער שיסל געקעכץ, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, האָט ער איצט געקוקט ווי אויף אַ שיסל מיט סם.

ער האָט געוואָלט וויינען, פון זיך אַראָפּרייסן די ווייסע זשיפּיצע מיטן ספּאָדיק, פאַלן צו די פּיס פון פאַן סטאַך און אים קושן די שטיוול און דערציילן דעם אמת. דעם גאַנצן בייגל האָט ער געוואָלט אַרויפלייגן אויפן קאָפּ פונעם פאַרשאָלטענעם ליטוואַק, און בעטן דעם פאַן סטאַך, אַז ער זאָל אים שענקען דאָס נאַקעטע לעבן. ער איז גרייט איבערצולאָזן פעשען מיטן ליטוואַק און זיך צוריק אָנצוטון די פלאַכטע מיט די שאַנ־דעס און צו טראָגן וואַסער כמקדם. ער האָט אָבער נישט געקאָנט רירן מיט קיין פינגער. אויך פעשע איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע און נישט געוווּסט וואָס צו טון.

דער פאַן סטאַך האָט עס גאָר אויסגעלייגט: די צעמישונג נעמט זיך דערפון, וואָס דער פאַן צדיק מיט דער פאַני צדיקאָווע זענען פאַרזאָרגט וועגן זיין טאַטנס אומגליק. ער איז דעריבער נאָך זיכערער געוועזן, אַז דער הייליקער מאַן וועט שוין ווי עס איז אַדורכקומען מיטן פאַן־בוג און צוריק אַרויסקריגן דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

פּלוצים האָט זיך ר׳ פייווקע דער ליטוואַק באַוויזן אין דער טיר. כדרכו איז ער געגאַנגען קריעה־זוביליה און האָט געהאַלטן דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל אין דער האַנט. מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט ער דורכגעשפּאַנט צווישן דער שורה פּריצישע לאָקאַיעס.

דער פאַן סטאַך האָט זיך אויף אים אומגעקוקט אַ פאַרחידושטער. ר׳ פייווקע האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם בלאַסן ציטערדיקן סימכע פלאַכטען און אַ זאָג געטון אויף אַ באַפעלערישן קול:

— זעצט זיך אַריין אין דער קאַרעטע, ר׳ סימכעצקע. מיר פאָרן צום פּריץ.

די לאָקאַיעס האָבן אָנגענומען סימכע פלאַכטען און אים כמעט ווי אַרויסגעטראָגן אין דער קאַרעטע. מען האָט אים דאָרט אוועקגעזעצט

אויבנאָן. די פּיס האָט מען אים צוגעדעקט מיט אַ גרויסע פעל פון אַ בער. דער פּאַן סטאַך האָט זיך געזעצט אויף אַ בענקל אקעגנאיבער.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז אַרויפגעקראָכן אויפן באָק. אין זיינע שמאַטעוואַטע בגדים און מיטן צעריסענעם שמויסענעם מיצל אויפן קאָפּ האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבן אויסגעפּוצטן קוטשער.

דער קוטשער האָט געטון אַ קנאַל מיט דער בייטש. די פיר סוסים האָבן געטון אַ נעם. די קאַרעטע האָט זיך ווי אַ וויכער געלאָזט איבערן שטעטל נאַרקאָווע.

ביי דער טיר איז געשטאַנען פּעשע די יתומה, זי האָט נאָכגעקוקט דעם שטויב, וואָס האָט זיך געהויבן הינטער דער קאַרעטע — און האָט פאַרבראָכן די הענט.

קאַפּיטל פינף

שוין אין דער קאַרעטע שיט סימכע פלאַכטע מיט נסים. ששון ושמחה אין נאַרקאָווער הויף. — דער גרויסער קבלת־פּנים.

ווי מען האָט נאָר אין פּריצישן סאָד דערהערט דאָס קנאַלן פון דער בייטש און דאָס שאַרפע אָנפאָרן פון דער קאַרעטע, האָט זיך דער פּאַן וווּיטשעך אויסגעדרייט מיטן פּנים פון דער וואַנט, געזאָגט, אַז עס הונ־געררט אים און זיך געהייסן געבן עסן. מען האָט בחוש געזען אין אים אַ שינוי צום גוטן. דאָס פּנים האָט זיך אים אָנגעהויבן צו רייטלען. דער פּאַן וווּיטשעך האָט געהאַט גרויס בטחון, אַז דער נאַרקאָווער צדיק וועט אים צוריקגעבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן כתב־יחוס. פון אָט דעם בטחון האָט ער פּשוט צוריק באַקומען די כוחות. ער וואָלט איצטער גאָר געכאַפּט אַ טענצל, נישט געקוקט אויפן גרויסן אומגליק. די אָפּגעקומענע פּריצים פון זיין סוויטע און די פּאַני יאַדוויגע, וואָס זענען געשטאַנען ביים בעט און געוואַרט אַז דער גלח זאָל קומען און צוגרייטן דעם פּאַן וווי־טשעך צו יציאת־נשמה, — האָבן איצט געזען באַשיימפּערלעך, אַז ווען דער וווּנדער ייִד זיצט נאָך אויף דער קאַרעטע און פאָרט, טוט ער שוין נסים. עס האָט זיך ביי אַלעמען געשטאַרקט דער בטחון אַז די מעשה מיטן גאָלדענעם קעסטעלע וועט זיך ענדיקן בכי טוב. דער פּאַן וווּיטשעך וועט זיך ווידער קאָנען ווייזן צווישן די פּריצים מיט זיין הערב און מיט זיין יחוס.

די פּאַני יאַדוויגע איז מיט גרויס שמחה אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק מקבל פּנים צו זיין דעם צדיק.

די קאַרעטע איז אָנגעפאָרן. די פיר סוסים האָבן געהאַקט מיט די קאָפּיטעס. באַשיימפערלעך האָבן אויך די שטומע בהמות געוווסט מיט וועמען זיי פאָרן. די לאַקאַיעס זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע, ברייט אויפגעעפנט דאָס טירל און מיט גרויס דרך ארץ אַראָפּגענומען די בערן־פעל פון סימכע פלאַכטעס פיס.

סימכע פלאַכטע איז געזעסן אויבנאָן נישט טויט און נישט לעבע־דיק. ער האָט אויסגעקוקט גלייך ווי מען וואָלט אים געוועזן געפירט צו דער תליה. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און געציטערט מיט אַלע רמ״ח אברים.

פון אינעווייניק אין הויף האָט מען בשעת מעשה געהערט: דער פּאַן וויטשעך איז שוין אַראָפּגעקראָכן פון בעט. ער רעדט שוין מיט מענטשן. בינו לבינו — אָנשטאָט זיך צו לאָזן באַשפּריצן פונעם גלח און זאָגן ווי־דוי — האָט ער גאָר פון גרויס שמחה אויפגעגעסן אַ האַלבע גאַנדז. און ער וויל נאָך! עס האָט ווידער באַשיימפּערלעך אויסגעזען: נאָך זיצנדיק אין דער קאַרעטע שיט שוין סימכע פלאַכטע מיט נסים ווי אַ לעבערדיקער זאַק.

די פרייד איז געווען גרויס. דערוויל האָבן די לאַקאַיעס גענומען אין די הענט אַריין סימכע פלאַכטען און אים אַרויפגעפירט אויפן גאַניק. אַליין האָט ער נישט באַוויזן צו גיין, מחמת די פיס האָבן זיך אונטער אים געוואַקלט. ער איז נישט געווען ביי די חושים און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט.

אויפן גאַניק איז דער קבלת־פּנים פאַר סימכע פלאַכטען געווען גאָר אין לשער. די פּאַני יאַדוויגע מיט די טעכטער האָבן זיך פאַר אים געבוקט ביז צו דער ערד. אַלע משרתים און לאַקאַיעס האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היט־לען און זיך געבוקט. ענדלעך איז אַראָפּ דאָס עצבות פון פּריצישן הויף. פון אינעווייניק פון די סאַליעס קומען אָן ידיעות נאָך ידיעות, אַז דער פּאַן וויטשעך איז שוין גאָר כמנהגו. ער גייט שוין ארום כאחד האדם און רעדט און לאַכט ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען תחית־המתים. די לאַ־קאַיעס האָבן געהאַט נאָך אַ סיבה צו זיין בשמחה. זינט די מעשה מיט דער גניבה האָבן זיי אַלע געלעבט אין איין טויט־שרעק. קיינער איז נישט זיכער געווען, צי וועט מען אים פלוצעם נישט אויסטון נאַקעט און שלאָגן

מכות־רצח. איצט — אזוי זענען אלע געווען זיכער ווי דער טאג — וועט דער גנב מיטן גאלדענעם קעסטעלע ארויפשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. מען וועט ענדלעך קאָנען אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיין רואיק מיט דער הויט און מיטן לעבן.

די שמחה האָט דערגרייכט עד לב השמים. אפילו די גאָר אונטערשטע משרתים, די מיסט־טרעגער און די קוימענקערער האָבן זיך געפרייט און זיך געווינטשעוועט.

פון גרויס הדוה האָט קיינער נישט באַמערקט ווי הינטער די לאַקאַיעס וואָס האָבן געפירט סימכע פלאַכטען איז נאָכגעגאַנגען אַ ייד אין שמאַטעוואַטע בגדים און מיט אַ צעריסן שמויסן מיצל אין דער האַנט — ר׳ פייווקע דער ליטוואַק.

די הויפּישע כלבים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און אויך געווען אָנגעשטעקט מיט דער פרייליכקייט. דערימאַך האָבן זיי נישט געבילט און זיך נישט געוואָרפן אויף ר׳ פייווקען. הגם עס איז גאָר נישט געווען על פי דרך הטבע פון פריצישע הינט צו פאַרשוויגן און זיך נישט צו וואַרפן אויף אַן אָפּגעריסענעם ייד אַן אָרימאַן.

פלוצעם האָט מען געהערט דעם פּאַן וואָיטשעכס קול. ער האָט אַליין געעפנט די טיר פון דער גרויסער סאַליע און אַנטקעגנגעקומען סימכע פלאַכטען. ער האָט זיך טיף פאַרבויגן און אויסגעשטרעקטביידע הענט צום טויט־בלאַסן נאַרקאָווער צדיק. דער פּאַן וואָיטשעך האָט דער ערשטער באַמערקט ר׳ פייווקען דעם ליטוואַק און ער האָט זיך אויך פאַר אים פאַרבויגן. ער, דער פריץ, האָט מיט גרויס געררירטקייט מקבל פנים געווען די ביידע אָנגעקומענע יידן און האָט זיי אַריינגעבעטן אין דער אינעווייניקסטער סאַליע ווי די גרעסטע חשובים.

אזוי האָט ר׳ פייווקע סימכע פלאַכטען ווייטער אַרויפגעפירט אויף דער לייטער און ביי זיך געטראַכט: אָט גייט ער, דער צעדרייטער, און איך פייווקע ליטוואַק, גיי נאָך נאָך אים דער צווייטער. דאָס מזל גייט אונדז פאָראויס מיט אַ טראָמפּייטער.

דאָס אַלצדינג וועלן מיר דערציילן באַריכות און ברייטער אין די קומענדיקע קאַפּיטלען.

קאַפּיטל זעקס

סימכע פלאַכטע זיצט אויף דער גאָלדענער פּאַטער־שטול און הינטער אים שטייט ר׳ פּייוקע דער ליט־וואַק. — גנבים זענען נישט קיין וועלף. — דריי טעג אויף ישוב.

דער פּאַן וווּיטשעך האָט די לאָקאַיעס געהייסן אַוועקזעצן סימכע פלאַכטען אויף דער שענסטער פּאַטער־שטול אין דער סאַליע. אַ שווערע פּאַטער־שטול פון באַגילטן האָלץ — זי איז אַרום און אַרום געווען אויס־געשניצט מיט מלאכימלעך. איבער איר אָנלען האָט געשוועבט דער פּוי־לישער אָדלער. דער פּאַן וווּיטשעך גופא האָט זיך געזעצט קעגנאיבער סימכע פלאַכטען אויף אַ פּראָסטערע שטול און אים אָנגעהויבן צו דער־ציילן די מעשה מיטן גאָלדענעם קעסטעלע.

— איך ווייס, האָט דער פּאַן וווּיטשעך צום סוף צוגעגעבן מיט גרויס בטחון, אַז דעם נאַרקאָווער וווּנדער־ייִד איז לייכטער אויסצוגעפינען די טייערע גניבה ווי עמיצן אַנדערש אויפצוהויבן אַ פּעדער. איך ווייס, דאָס האָט אויך דער פּאַן וווּיטשעך צוגעגעבן, אַז עס איז נישט קיין קליינע עבירה אָפּצורייסן דעם צדיק אויף אַ מינוט פון דעם מאָדליען־זיך. איך האָב טאַקע אויסגעמיטן דעם צדיק באַלד מטריח צו זיין. נאָר קיינער האָט גאָר נישט באַוויזן עפּעס צו טון. דער גנב איז ווי אין וואַסער אַריין. דאָס מעסער ליגט אויפן האַלדז. דער צדיק מוז מיר אָפּגעבן דאָס גאָל־דענע קעסטעלע מיטן כתב־יחוס.

סימכע פלאַכטע האָט נישט געהערט און נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם וואָס דער פּאַן וווּיטשעך האָט געזאָגט, ער האָט רק

געפּינטלט מיט די אויגן און זיך געוואָלט וואָרפן צו די פיס פון פּריץ, אים קושן די שטיוול און אָנווייזן אויף ר׳ פּייוזקען דעם ליטוואַק ווי אויף דעם גאַנצן חייב. סימכע האָט אָבער פשוט נישט געקאָנט רירן מיט קיין אבר.

דער פאָן וויטשעך האָט געוואָרט צו הערן דאָס גוטע וואָרט פונעם מויל פון וואונדער־ייִד — נאָר אָנשטאָט סימכע פלאַכטען האָט ער גאָר געהערט ר׳ פּייוזקעס קול. ר׳ פּייוזקע איז געשטאַנען מיטן צעריסענעם מיצל אין דער האַנט הינטער סימכע פלאַכטעס גאָלדענער פּאָטער־שטול.

— עס איז טאַקע א לייכטע זאַך פאַרן גרויסן צדיק צו געפינען דעם גנב און דיר, וויעלמאַזשני פאַן פּריץ, אָפּצוגעבן דאָס גאָלדענע קעס־טעלע מיטן כתב־יחוס, האָט ר׳ פּייוזקע געזאָגט, אָבער פאַרט איז עס נישט אַזוי לייכט ווי עס דוכט זיך דיר אויס, ליכטיקער האַר. צו געפי־נען די וועלף און צו ראַטעווען דיין געליבט פערדל איז געווען בלי־ערך לייכטער. דאָס איז פאַרן גרויסן צדיק, פאַן פלאַכטע, ממש געווען א שפּילכל. ער האָט נאָר באַדאַרפט א ריר צו טון מיטן פינגער. גנבים, ווי עס דיר באַוווסט, יאַשניע פאַניע, באַלאַנגען צו די קליגסטע מענטשן — און וועלף זענען דווקא נישט פון די קליגסטע חיות. א וואָלף פאַרלאָזט זיך סתם אויף זיינע ציינער און אויף זיין כוח. האַקט מען אים אויס די ציינער, און מען ווייזט אים ווער עס איז עלטער. גנבים אָבער, טוען זייערע מעשים מיט גרויס חכמה און באַרעכנטקייט. זיי ווייסן אַלע דרכים פון א מענטש, און קליגן זיך צו גיין אויף די זעלביקע דרכים כדי אים מזיק צו זיין.

דער פאַן וויטשעך איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און אויפגע־הויבן זיינע אויגן צו ר׳ פּייוזקען דעם ליטוואַק:

— אָבער אָן דעם כתב־יחוס, קלוגער זשידעק, בין איך גלייך ווי א טויטער. איך מוז האָבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

ר׳ פּייוזקע האָט געשמייכלט און אויפגעהויבן דאָס צעריסענע מיצל איבערן גאָלדענעם פּוילישן אָדלער:

— דו וועסט עס האָבן, יאַשניע פאַניע, דו וועסט עס האָבן. מען מוז אָבער טראַכטן. מען מוז האָבן ישוב־הדעת. מען מוז געפינען דעם

גנב מיטן גאָלדענעם קעסטעלע, נייערט אויף זיין אייגענעם דרך. אויפן דרך פון אַ קלוגן מענטש.

— וויפל צייט דאַרף דער פּאַן צדיק האָבן צו באַקלערן די זאַך? האָט דער פּאַן וווּיטשעך געפרעגט אַ בלאַסער.

— דריי טעג, יאַשניע פּאַניע, האָט ר׳ פּייווקע געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דריי טעג אין די הונדערטער טעג פון אַ יאָר זענען נישט מער ווי אַ טראָפּן אין ים. פאַרן שכל אָבער איז עס אַ מטמון מיט צייט. אין דריי טעג, יאַשניע פּאַניע, קאָן זיך אַלצדינג איבערדרייען אויף קאַפּויער. אין די דריי טעג קאָנען מיר קליגער זיין ווי דער קליגסטער גנב און דיר צוריק געבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

— דו ביסט אַ קלוגער זשידעק, האָט דער פּאַן וווּיטשעך געזאָגט מיט אַן אומגעדולדיקן שמייכל, און איך גיב דעם צדיק די דריי טעג. איך וועל שיקן נאָך מאַשקען דעם אַרענדאַר. זאָל ער אייך האַלטן במשך די דריי טעג, אייך אָפּגעבן אַ באַזונדער צימער, ווו איר זאָלט טראַכטן וועגן גאָלדענעם קעסטעלע און זיך מאָדליען צו אייער פּאַן־בוג. ביי מאַשקען אין דער קרעטשמע וועט אייך זיין, כ׳מיין דיר און דעם פּאַן צדיק, וווּיל ווי די וועלט. איר וועט דאָרט האָבן פון פויגל־מילך. טראַכט נאָר און מאָדליעט זיך און ברענגט מיר דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

דער פּאַן וווּיטשעך האָט געשיקט אַ שליח־מיוחד צו ר׳ משה בערן דעם אַרענדאַר, אַז אויב דאָס לעבן איז אים ליב, זאָל ער קומען באותו הרגע.

סימכע פלאַכטע האָט שוין אינגאַנצן מער נישט געוווּסט וואָס מיט אים טוט זיך. ער איז געבליבן זיצן אויף דער גאָלדענער פּאָטער־שטול. ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז געשטאַנען הינטער אים, כסדר געהאַלטן דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל איבערן פּויליש אָדלער און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

קאַפּיטל זיבן

ר׳ משה־בער דער אַרענדאַר זיצט אויף דער חזקה. — די וואַסערן לויפן און אין דער קרעטשמע בלייבט אַלץ כמקדם. — ועד ארבע הארצות.

ר׳ משה בער דער אַרענדאַר האָט געהאַלטן די קרעטשמע ביים פּאַן וווּיטשעך ווי אַ חזקה פון אבות־אבותינו. קיינער געדענקט נישט זינט ווען ר׳ משה בער זיצט אין דער קרעטשמע. דער עלטער־עלטער זיידע פון ר׳ משה בערן האָט געהאַט די חזקה פון עלטער־עלטער זיידן פון פּאַן וווּיטשעך. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער קרעטשמע די קייט פון ר׳ משה בערן מיט זיינע אבות — דאָס ווייסט קיינער נישט.

די וואַסערן לויפן און די צייטן בייטן זיך. טעג און נעכט, זומערס און ווינטערס, שוועבן פאַרביי, קיינער קאָן זיי מער נישט ציילן. די עלטסטע וועלדער פאַלן אונטער דער האַק פון העקער — אויף זייער אָרט שטייען אויף אַנדערע וועלדער. אין די וויגן טוישן זיך די דורות — אויף די בית־הקברותן פאַלן איין די מצבות און די טויטע ווערן פאַרגעסן. אַפילו דאָס פּוילישע גאָלדענע רענדל איז פאָרט נישט דאָס אייגענע ווי אין קדמונים — מחמת אינצווישן האָבן געבושעוועט יקרותן און — די מקחים זענען געגאַנגען אין דער הויך. אַלצדינג איז אונטערגעוואָרפן דעם וואַנדל פון דער צייט. — די אַרענדע, וואָס ר׳ משה בער צאָלט דעם פּאַן וווּיטשעך ענדערט זיך נישט אויף אַ פּרוטה. ער צאָלט פּונקט אַזוי פיל וויפל זיינע זיידעס אין קדמונים.

ר׳ משה בער זיצט אויף זיין חזקה פּונקט אַזוי פעסט ווי דער פּאַן וווּיטשעך אין זיין הויף. אין גאַנץ פּרוין־פּוילן איז גאָר נישט בנמצא קיין

ייד, וואָס וועט זיך אונטערשטיין צו קומען צום פֿאָן וואַיטשעך, אים דער־לייגן אויף די שכירות און אויסדינגען ר׳ משה בערן די קרעטשמע.

עס איז נישט מעגלעך. מחמת ער, ר׳ משה בער, האָט די חזקה אויף דער קרעטשמע.

אָט די חזקה ווערט געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ סיי פֿון פֿאָן וואַי־טשעך און סײַ להבדיל הונדערט הבדלות פֿון די גדולי־הרבנים אין פּוילן.

וואָלט זיך געוועז געפֿונען ערגעץ אין פּוילן אַ ייד, וואָס וואָלט גע־פּרוּווט גיין אויף אַזאַ שאַלקהאַפּטיקן אײַנשטעלעניש און געקומען צום פֿאָן וואַיטשעך אים דערלייגן אויפֿן רענדל און אויסדינגען די קרעטשמע — דער פֿאָן וואַיטשעך וואָלט דעם ייד אַרויסגעיאָגט מיט די הינט. די פּוילי־שע רבנים להבדיל וואָלטן אים געלייגט אין חרם אַרײַן.

עס איז געחתמעט מיט אַ שאַרפֿן איסור נאָך פֿון די צײַטן פֿון ועד ארבע הארצות.

קאַפּיטל אַכט

שפע אין אַ יידישער קרעטשמע אין פּוילן. — אינמיטן פעלדער און לעבן אַ זאַמדיקן פּוילישן וועג. — אַ ייד צווישן גויים איז זשעדנע צו טון מצוות. — זונטיק און אין חגאות ביי ר׳ משה־בערן אין דער קרעטשמע.

באַשירעמט זינט דורות דורך דער געָנאָד פון די פּריצים און דעם דין פון חזקה — איז ר׳ משה בער געזעסן אין זיין קרעטשמע כמלך בגדוד. ווי אַ בין אין איר האָניק איז ר׳ משה בער געזעסן אין שפע און אין כל־טוב. זיינע זיידעס און עלטער זיידעס האָבן פאַר אים געזאַמלט די שפע — און ער האָט צוגעטון דאָס זייניקע פאַר זיינע קינדער, וואָס וועלן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר דאָ זיצן נאָך אים. עס וועט זיך אם ירצה השם ציען אַזוי לאַנג ווי לאַנג יידן וועלן בלייבן אין פּוילן, דאָס הייסט, ביז משיח וועט קומען.

אין שטעטל נאַרקאָווע איז טאַקע ר׳ גאָדל געווען דער „פּני". אין מיטן מאַרק האָט ער געוווינט אין אַן אייגן הייזל אַקעגנאיבער דעם אַלטן שטאָט־ברונעם און געגאַנגען מיט אַ שטעקעלע, וואָס ער האָט געהאַט מיט־געבערענגט פון די לייפּציקער יאַרידן — דאָ אָבער אויף די פעלדער צווישן ימים מיט גויים, הינטער די פּלייצעס פון פּאַן וווּיטשעך איז ר׳ משה בער געוואַקסן און גענומען אויף זיך לייב; ער איז געווען רייך אין קי און אין שעפּסן, אין הינער און אין גענדז. די סטאָדאָלע הינטער דער קרעטשמע איז ביי אים תמיד געווען אַ פולע און געשמעקט מיט איר היי ווי אַ מוצאי־שבתדיקע בשמים ביקס.

אַ ייד צווישן גויים איז הונגעריק און זשעדנע צו טון מצוות. אַ ייד

אויף די פּוסטע פּעלדער קאָן נישט טון דאָס אייגענע ווי אַ ייִד צווישן ייִדן — די מצוות זענען דאָ געגליכן צו אבנים־טובות. מען מוז זיי זוכן און אויף זיי אויסקוקן.

אַ ייִד אין אַ קרעטשמע אין מיט וועג — זוכט און וואַרט מיט וואָס צו קאָנען מהנה זיין אַן אַנדערן ייִד.

פּלעגן טאָקע אין דער סטאָדאָלע איבערנעכטיקן די אָרעמעלייט און ארחי־פּרחי וואָס זענען אַדורכגעפאָרן אויף אָפּגעריסענע ביידלעך אויפן פּוילישן וועג האַרט ביי ר׳ משה בערס קרעטשמע. די אָרעמעלייט האָבן זיך אויסגערוט די ביינער אויף די שמעקנדיקע הייען. די פּגירה־פערדלעך פון די אָרעמאַנסקע בוידן האָבן אויך נישט „געלייגט דערנעבן״. די אָרעמע ייִדן און ווייבער האָבן אין דער קרעטשמע באַקומען גרויסע פולע שיסלען מיטן פעטן געקעכץ, וואַרים פריש ברויט, טעפּ מיט מילך און פּעצענעס קעז, — ווי אויך אַ נדבה, שיינע פּוילישע גראָשנס.

די קרעטשמע, וואָס האָט ווי אַ געטרייע מאַמע געשפּייזט ר׳ משה בערן און זיין הויזגעזונד איז געשטאַנען כמעט ווי אין מיטן פעלד, האַרט ביי אַ ברייטן זאַמדיקן פּוילישן וועג. מיט איר שווערן שטרויענעם דאַך איז זי געשטאַנען צווישן אַ פּאָר אַלטע דעמבעס. אויפן שפּיץ פון איינעם פון די דעמבעס האָט זיך געפונען אַ נעסט פון אַ בושל. פּונקט ווי ביי די ייִדן אין דער קרעטשמע, האָבן זיך אויך דאָרט אין דער בושל־נעסט געטוישט די דורות. נייערט וואָס ר׳ משה בער און זיינע זיידעס פאַר אים האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט, אָבער די בושלען זענען אַוועק אין די מרחקים ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן בלאָזן האַרבסטיקע ווינטן, און זענען צו־ריק געקומען ווען די דעמבעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַדעקן מיט יונגע בלעטער.

די פענצטער פון דער קרעטשמע האָבן ווי אָפענע אויגן אַרויסגעקוקט אויפן זאַמדיקן פּוילישן וועג.

פון דעם קוקן אויף דעם דאָזיקן וועג האָט געוואַקסן די שפע ביי ר׳ משה בערן.

ווער עס איז נאָר אַדורכגעפאָרן האָט זיך אָפּגעשטעלט. זומער, ווען די שטויבן האָבן געגעסן די אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט וועגענער און בוידן. ווינטער — ווען די שנייען זענען געלעגן הויך־אָנגעשיטע און גע־

סימכע פלאכטע

פינקלט, האָבן זיך אָפגעשטעלט די אָנגעפּעלצטע שליטנס. תמיד איז ביי ר׳ משה בערן אין דער קרעטשמע געווען פול מיט גויים. מען האָט גע־טרונקען בראָנפן און געגעסן פון די וורשטן וואָס האָבן געהאָנגען איבער ר׳ משה בערס קראָם־טיש. יידן האָט ר׳ משה בער אריינגענומען צו זיך אין די הינטערשטע חדרים, זיי האָבן געקאָנט דאָרט אָפּראָוועגען, און ער האָט זיי געגעבן צו עסן פון זיינע אייגענע טעפ און שיסלען.

בייטאָג און ביינאַכט האָט עס אין דער קרעטשמע געווימלט פון קונים.

ערשט זונטיק און אין די גויאישע חגאות האָט מען ערשט געקאָנט זעען וואָס עס הייסט אַזוינס שפע אין אַ יידישע קרעטשמע אין פּוילן.

באַגינען כלחוך, האָט די תיפלה אין דאָרף אָנגעהויבן צו קלינגען. דער זאַמדיקער פּוילישער וועג הינטער די פענצטער פון דער קרעטשמע האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרביקער יאַריד. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען מחנות פּויערים און פּויערטעס, די פּויערים זענען געגאַנגען אָנגעטון אין פאַרביקע הויזן, און די גויעס — אין פאַרביקע קליידער און פאַרטעכער און מיט טיכלעך אויף די קעפּ. מען איז געגאַנגען אין דער תיפלה אַריין. — איז דען מעגלעך סתם פאַרבייצוגיין פאַר ר׳ משה בערס קרעטשמע און אַהין אַריין נישט אָפּטרעטן?

אינעווייניק, הינטערן קראָם־טיש, איז ר׳ משה בער געשטאַנען אין דער יאַרמלקע און אין שפּאַנצער און הויזן. לעבן אים איז געשטאַנען גע־נענדל זיין אשה, אַ הויכע באַלייבטע יידענע מיט אַ ברייט רויט פּנים. גענענדל איז תמיד געווען אָדער אין די הויכע חדשים, אָדער געהאַט אַ קינד ביי דער ברוסט. די יידן אין די פּוילישע קרעטשמעס האָבן זיך ברוך השם געפּרוכפּערט און געמערט ווי די אַמאָליקע יידן אין לאַנד מצרים.

ר׳ משה בער און גענענדל זענען געשטאַנען און געגאָסן בראָנפן. צוואַנציק הענט וואָלטן עס נישט געקאָנט באַוויזן, וואָס אָט די פיר יידי־שע הענט האָבן אָוועקגעטון אין אַ זונטיק.

איבער די פעלדער האָט געקלונגען די תיפלה און גערופן די גויים זיי זאָלן צו איר קומען — אָבער דער יויזל מעג נישקשה אַ קאַפּעטשקע דאָרט צוואַרטן. פאַר אַלע היומס מוז אַ גוי מאַכן אַ כוסה.

מיטאָגצייט זענען די המונים גאַיעס צוריק געגאַנגען פון דער תיפלה. ביי ר׳ משה בערן אין קרעטשמע האָט זיך געטון קעפּ אויף קעפּ. משקה האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. ר׳ משה בער האָט אַלע מאָל געמוזט אַרויפ־ברענגען פון קעלער פרישע טונדלעך מיט געשמאַקן בראָנפן. עס איז געווען אַ געשריי און געוואַלד סיי מחוץ דער קרעטשמע און סיי אינעווייניק אין דער קרעטשמע גופא.

עס זענען געקומען גויים מיט פידלען און האַרמאָניקעס און האָבן געשפּילט און געזונגען. פּויערים און פּויערטעס האָבן געטרונקען און זיך געווינטשעוועט און געווינטשעוועט ר׳ משה בערן און געגענדלען, זיין יידענע. די יידן האָבן צוריקגעווינטשעוועט און געגאָסן בראָנפן. די פידלען און די האַרמאָניקעס האָבן געשפּילט און די שמחה אין דער קרעטשמע האָט געשטיגן פון שעה צו שעה. אונטער די דעמבעס אינדרויסן האָבן זיך שקצים און שיקסעס אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל. גויים, וואָס זענען שוין געווען גאָר בגילופנדיק האָבן זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן. די פּויערטעס האָבן געשריגן און זיי פונאַנדערגעריסן. טיילמאָל האָט אויך גערונען בלוט. אָבער די שמחה איז דערפון נישט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר. פּוי־ערים וואָס האָבן איבערגעכאַפּט די כוסה און זיך מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס, האָבן זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן אונטער די דעמבעס אָדער אונטער ר׳ משה בערס קראָם־טיש.

ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן האָט שוין ר׳ משה בער נישט געקאָנט איבערציילן די אָנגעשיטע קופּעס מיט מטבעות.

שפּעט אין דער נאַכט האָט ר׳ משה בער צוגעמאַכט די קרעטשמע. ביי אַ חלבן ליכטל האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ציילן דעם זונטיקדיקן פּדיון. דאָס געשפּיל פון די פידלען און דאָס געזאַנג פון די גויים איז פאַר־מעלעך צעשוועמען איבער די פעלדער און איבער דעם ברייטן פּוילישן וועג.

אין אַ זונטיק צי אין אַ חגא האָט ר׳ משה בער ערשט גאָר שפּעט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם מעריב און זיך אַוועקזעצן עסן וועטשערע.

פון ר׳ משה בערן און פון דער קרעטשמע, אין וועלכער אונדזער העלד סימכע פלאַכטע האָט באַוויזן שפּאָגל־נייע וווּנדער וועלן מיר נאָך הערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען גאָר באַזונדער.

קאַפּיטל נײַן

ר׳ משה בער קוקט אָן סימכע פלאַכטען און ר׳ פּייוור־קען דעם ליטוואַק. — דער פֿאַן וויטשעך רעדט האַרבע דיבורים. — מען פירט בכבוד גדול סימכע פלאַכטען צו ר׳ משה בערן אין דער קרעטשמע.

אויפֿן פֿאַן וויטשעכס רוף איז ר׳ משה בער דער אַרענדאַר העגדום־פּענדום געקומען אָנצולויפֿן אין הויף אַריין. קוים וואָס ער האָט באַוויזן אַרונטערצונעמען דאָס היטל, האָבן אים שוין די לאָקאַיעס געכאַפּט אונ־טער די הענט און אין גרויס אײַלעניש אַרײַנגעפירט אינעווייניק אין פּאַלאַץ אַרײַן.

הגם ר׳ משה בער האָט נישט געוווינט אין נאַרקאָווע — נייערט טאָג ווי נאַכט געזעסן אין דער קרעטשמע — פונדעסטוועגן איז עס אים געקומען צו די אויערן וואָס עס טוט זיך אין שטעטל מיטן אמאָליקן וואַ־סערטרעגער. יידן ציטערן און פלאַטערן פאַר סימכע פלאַכטען און פלייסן זיך אים אָנצוטון כבוד סיי אין גאַס סיי להבדיל אין דער שול. דער פּריץ פֿאַן וויטשעך — קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי — האָט זיך מיישב גע־ווען און דעם וואַסערטרעגער געקרוינט פֿאַר אַ למד־וואָווניק. ר׳ משה בער האָט אויך געהערט דערציילן די מעשה מיטן ליטוואַק. פון אַלדי שוואַרצע יאָר איז פארטראָגן געוואָרן קיין נאַרקאָווע אַ ליטוואַק, גייט אָנ־געטון קריעה ובליה, עסט נישט מער ווי אַ ציבעלע, דערפֿאַר דרייט ער דאָס גאַנצע רעדל. ר׳ משה בער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס האָט דאָ צו טון אַ ליטוואַק? און ווי אַזוי קומט בכלל אַ ליטוואַק קיין נאַר־קאָווע?

א מעשה, וואָס ערשט די ווינטן אויף די פעלדער ברענגען זי פון שטעטל אין דער קרעטשמע אַריין, באַקומט נישט דאָס אייגענע פּנים ווען זי קומט צו ר׳ משה בערן אונטערן שטרויענעם דאַך, זי וואַקסט אויפן וועג, און ווערט נאָך וווּנדערלעכער אין איר ווונדער.

דאָ אין פּאַלאַץ האָט ר׳ משה בער בחוש געזען דאָס גאָר אויסטער־לישע געשעעניש. ווען נישט וואָס דער פּריץ גופא איז געשטאַנען דערנעבן, וואָלט זיך ר׳ משה בער געריבן די אויגן און געפּאַלן — שונאי־ציון — אין די הינער־פּלעט. ער וואָלט זיך אפשר צעלאַכט אויפן קול ווי ער פלעגט עס טון אין דער קרעטשמע.

ר׳ משה בער האָט געזען סימכע פלאַכטען, דעם נאַרקאָווער וואַ־סערטרעגער ווי ער זיצט אין אַ ווייסער זשיפּיצע און אין אַ ספּאָדיק אויף דער שענסטער גאָלדנסטער פּאָטער־שטול אין פּאַן וויטשעכס סאַ־ליעס. הינטער דער פּאָטער־שטול שטייט טאַקע דער ליטוואַק. דער ליט־וואַק קוקט אויס פּונקט אַזוי ווי ר׳ משה בער האָט עס געהערט דערציילן. אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער אָרעמאַן מיט אַ צעריסן מיצל אין דער האַנט. אַקעגנאיבער זיי אויף גאָר אַ פּראָסטער שטול זיצט דער יאַשניע פּאַן.

ר׳ משה בער האָט נישט געוווּסט, צי זאָל ער שמייכלען? צי זאָל ער זיך בוקן? צי זאָל ער אויך ציטערן און פּלאַטערן ווי עס טוען — לויט ווי מען דערציילט — די יידן אין נאַרקאָווע?

דער פּאַן וויטשעך איז אויפגעשטאַנען פון דער פּראָסטער שטול, זיך געטון אַ דריי ביי דער וואָנצע ווי אין די גוטע צייטן, און געזאָגט צו ר׳ משה בערן שאַרף און פון אויבן אַראָפּ:

— האָרך, מאָשעק, זאָלסט מיר אָנגרייטן דאָס שענסטע צימער אין דער קרעטשמע. דער גרויסער פּאַן צדיק און דער קלוגער זשידעק זיין די־נער וועלן ביי דיר וווינען דריי טעג. איך וועל אויף אַלצדינג האָבן אַן אויג — און דו זאָלסט גאָרנישט טון, נייערט טראַכטן ווי אַזוי צו קאָכן פאַרן צדיק און אים צו געבן פון פויגל־מילך. זאָל זיך דיר אויסדאַכטן, איך טו דיר אָן דעם גרויסן כבוד און וווין ביי דיר דריי טעג אין דער קרעטשמע. פאַר אַלצדינג וועל איך דיר באַצאָלן מיט גאָלדענע רענדלעך. אַחוץ דעם שענק איך דיר די אַרענדע אויף אַ צייט פון פינף יאָר. טאָמער

וועל איך מיך אָבער דערוויסן, אז דעם יאשניע פאן צדיק האָט געפעלט אַזוי גרויס ווי אַ נעגעלע — איז ביי מיין פּריצישן האָנער: איך וועל צו־זאמענפייפן אַלע מיינע הינט און דיך אַרויסיאָגן פון דער קרעטשמע צוזאמען מיט געגענדלען, דיין ווייב, מיט דיינע קינדער און מיט דיינע בעבעכעס. איך וועל רופן אַן אנדערן ייד און אים אוועקגעבן די קרעטשמע אויף אייביקע צייטן.

אַלצדינג וועט געטון ווערן לויט דיין ווילן, יאשניע פּאַניע, האָט ר׳ משה בער געזאָגט און ווידער אַ קוק געטון אויף סימכע פלאַכטען און אויף ר׳ פּייווקען דעם ליטוואק.

דער פּאַן וווּטשעך האָט באַפוילן, אז די הערלעכע קאַרעטע זאָל קומען צוריק צופאָרן פארן גאַניק. די לאַקאיעס האָבן ווידער אָנגענומען דעם אָנחושימדיקן סימכע פלאַכטען פאַר די הענט, אים אויפגעהויבן פון דער גאָלדענער פּאָטער־שטול און אים אַרויסגעפירט צו דער קאַרעטע. הינטער אים זענען נאָכגעגאַנגען ר׳ פּייווקע דער ליטוואק און ר׳ משה בער דער אַרענדאַר. ביידע האָבן זיי געהאַלטן די הוטלען אין די הענט. דער פּאַן וווּטשעך און זיין הויזגעזינד זענען נאָכגעגאַנגען גאַר־גאָר פון הינטן מיט גרויס הכנעה און אונטערטעניקייט.

מען האָט סימכע פלאַכטען ווידער אוועקגעזעצט אויבנאָן אין דער קאַרעטע און אים צוגעדעקט די פיס מיט דער בערן־פעל. הויך אויבן אויפן באָק ביים קוטשער איז פון איין זייט געזעסן ר׳ פּייווקע דער ליט־וואק, און פון דער אַנדערער — ר׳ משה בער דער אַרענדאַר.

דער פּאַן וווּטשעך איז בכבודו ובעצמו אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ פון דעם גאַניק און נאָכגעקוקט אין דער קאַרעטע צי סימכע פלאַכטע זיצט גוט און בכבוד. ער האָט נאָכאַמאָל זיך געטון אַ דריי ביי דער וואָנ־צע און דערמאָנט ר׳ משה בערן, אז אָדער ער וועט נישט צאָלן פינף יאָר קיין אַרענדע, אָדער — ער וועט אים אַרויסיאָגן מיט הינט פון דער קרעטש־מע. עס ווענדט זיך נאָר ווי אַזוי ער וועט זיך נוהג זיין מיטן פּאַן צדיק.

דער קוטשער האָט אַ קנאַל געגעבן מיט דער בייטש. די קאַרעטע האָט זיך געלאָזט צו ר׳ משה בערן אין דער קרעטשמע.

אין הויף ביים פּאַן וווּטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי זענען אַלע געוועזן זייער האָפּערדיק.

קאַפּיטל צען

נאַרקאָווער יידן האָבן געהערט אַ שמועס צווישן ר׳ משה בערן דעם אַרענדאַר און דער יידענע גענענדל און עס באַשריבן לדורות.

דער מייסטער יאנקל לערער פון לאָדזש האָט עס נאָר דערציילט בדרך אגב. אַנדערע נאַרקאָווער יידן, וואָס האָבן אויך באַשריבן פאַר די שפּעטער־דיקע דורות די וואונדערלעכע געשעענישן מיט סימכע פלאַכטען האָבן פּאָדראָבנע דערציילט פון א שמועס צווישן דער יידענע גענענדל מיט איר מאַן ר׳ משה בערן דעם ארענדאר. מן־הסתם זענען זיי געשטאַנען הינטער דער טיר פון דער קרעטשמע און זיך אונטערגעהערט. זיי זענען נישט די איינציקע יידן, וואָס זענען דעמאָלט געשטאַנען ביי דער קרעטשמע. אַ סך מענטשן, מיינסטנס פּראָסטע גויים, האָבן די קרעטשמע ממש באַלאַגערט. גויים האָבן פארגעסן זייערע פעלדער און זייערע בהמות. מען האָט נייערט פון מויל צו מויל דערציילט וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער קרעטשמע מיט דעם וואונדער־ייד.

מירן נישט כאפּן די לאָקשן פאַר דער יויך און בעסער וואָרט ביי וואָרט דערציילן, וואָס די אויבנדערמאָנטע יידן, טאקע אליין פון נאַר־קאָווע, האָבן געשריבן אין זייערע זכרונות.

די יידענע גענענדל איז שוין דאָס וויפלטע מאָל אין טאָג אַרויסגע־גאַנגען פון סימכע פלאַכטעס חדר און געהאַלטן אין די הענט פולע און קאַלטע שיסלען מיט איבערגעשטאַנענעם כל־טוב. די שיסלען זענען גע־ווען פול, פּונקט ווי מען האָט זיי אריינגעטראָגן. סימכע פלאַכטע האָט זיך נישט צוגערירט צו די מעדנים, וואָס גענענדל האָט פאַר אים גע־

קאַכט. געקאָכט האָט זי פאר אים טאָג ווי נאכט. פון הויף זענען אַלע מאָל געקומען אנדערע שליחים ארײַנצוקוקן אין די טעפּ. זיי זענען באַלד צו־ריקגעלאָפן צום פּאַן ווויטשעך און אים דערציילט ווי עס האַלט.

ר׳ משה בער דער אַרענדאַר איז געשטאַנען אין שפּאַנצער און אין דער יארמלקע און געזען ווי גענענדל ברענגט אַלץ צוריק, וואָס זי האָט אַרײַנגעטראָגן מיט אַ שעה צופריער. ער האָט געקוקט אויף די שיסלען און געזיפצט. ר׳ משה בער האָט נעבעך גאָר שטאַרק מורא געהאַט, אז סוף כל סוף וועט עס אויסגיין צו זיין קאָפּ, און אז ער הימלט מיט דער קרעטש־מע. דער פּאַן ווויטשעך וועט זאָגן, אז ער, ר׳ משה בער, לאָזט סימכע פלאַכטען הונגערן.

— ער עסט ווידער נישט? האָט ר׳ משה בער געפרעגט און געקוקט אויף די פולע שיסלען אין די הענט פון זיין יידענע גענענדל.

— איי, משה בער, האָט גענענדל געזאָגט און געהאַלטן די שיסלען איבער איר בויך (גראָד איז זי דעמאָלט געווען אין העכסטן חודש און אָט־אָט זיך געריכט אין קימפּעט אַרײַן). ווען נאַרקאָווע נעמט עמיצן אין מויל אַרײַן זאָל מען אָפּגעהיט ווערן. איך בין אַ נאַרישע יידענע און קאָן מיך נישט אין סידור. איך בין אויפגעצויגן אין דאָרף. זאָג איך דיר, מיט דעם דאָזיקן וואַסערטרעגער איז עפּעס נישט גלאַטיק. גויים זענען טאַקע נישט מער ווי גויים. אָבער אפילו ערלים ווייסן אמאָל וואָס זיי זאָגן.

— וואָס הייסט נישט גלאַטיק, גענענדלשי? — האָט ר׳ משה בער געפרעגט מיט אַ שוואַך קול און זיך אַ קראַץ געטון אונטער דער פּאַטיל־ניצע, אפשר קאָכסטו נישט דאָס ריכטיקע?

גענענדל האָט ווייטער גערעדט און אַלץ געהאַלטן די פולע שיסלען איבער איר מעוברתן בויך:

— מיין מאַמע עליו השלום איז אויך געווען אַ פּראָסטע יידענע און אויך אויפגעכאָוועט אין דאָרף. הגם זי איז כסדר געווען צווישן גויים, האָט זי פונדעסטוועגן געוווסט צו דערציילן שיינע מעשיות פון צדיקים. שבת נאָכן עסן האָט זי דערציילט מעשיות פון למדר־וואָוניקעס. זיי זענען אַלע וואַסערטרעגער און האָלצהעקער און קאָנען קלאָמפּערשט נישט קיין „מוציא״ איבער א רעטעך.

— אָבער גענענדלשי, — האָט ר׳ משה בער א מאך געטון מיט די הענט, — האָסט באַדאַרפט אמאָל צו זיין אין נאַרקאָווע און זען ווי דער דאָזיקער סימכע טראָגט וואסער און לעקט אוים די טעלער אויף אַלע התונות! ער איז געווען דער חוכא וטלילא פון שטעטל.

— משה בער, האָט גענענדל אים געדראָט מיטן פינגער, די מאמע עליו השלום האָט תמיד געזאָגט, אז א ייד דארף מען נישט גלויבן. א ייד, דערצו א פּראָסטן ייד, מוז מען קוקן אויף די הענט. ער קאָן זיך אויסדראכטן א גאַרנישט, און אין מיטן דערין איז ער גאָר א למד־וואָוו.

— וויים איך וואָס, גענענדלשי, דיין מאמע עליו השלום האָט דאָרט געזאָגט — האָט ר׳ משה בער געענטפערט ווי אן אָפּגעשמיסענער — ער עסט טאקע נישט דער דאָזיקער סימכע פּלאַכטע?

— ער רירט זיך נישט צו צו קיין שום שיסל — האָט גענענדל געזאָגט, — רק ער שטייט ביי דער וואנט אָנגעטון אין טלית און תפילין און שאָקלט זיך און שאָקלט זיך. עס כאפּט אָן א פּחד צו קוקן.

— און דער ליטוואק? — האָט ר׳ משה בער געפרעגט.

— דער ליטוואק זיצטביים פענצטער, ער האלט דעם פינגער אויפן שטערן און קוקט אַרוים אינדרויסן צום הימל. אמאָל הויבט ער זיך אויף פון בענקל, גייט צו צו סימכע פּלאַכטען, קוקט אים אָן און זאָגט:

— סאָקלט זיך, סאָקלט זיך, ר׳ סימכעצקע. הכלל, משה בער, עס איז נישט פּשוט.

ר׳ משה בער האָט זיך געקראַצט אונטער דער פּאַטילניצע און איז אַריין אין דער גרויסער שטוב פון דער קרעטשמע.

פון דרויסן האָט מען געהערט דאָס זשומען פון א סך מענטשן. מחנות גויים זענען געקומען פון די דערפער. טאָג ווי נאכט האָבן זיי באַלאַגערט ר׳ משה בערס קרעטשמע און געוואַרט אויפן וווּנדער מיטן גאָלדענעם קעסטעלע. פון גרויס ערפורכטיקייט זענען א סך גויים גע־שטאַנען אָן די היטלעך.

קאַפּיטל עלף

פּריצים קומען אָנצופאָרן אין קאַרעטעס צו ווינטשע־ ווען דעם פאַן וויטשעך. — פאַר דער קרעטשמע טוט זיך קעפּ אויף קעפּ. — נסים אויף נסים. — ויהי ביום השלישי.

די ידיעה מיטן געגנבעטן גאָלדענעם קעסטעלע און דעם ווונדער־ייד סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע האָט זיך ווי אַ ליכטיקער בליץ פאַרשפּרייט אין אַלע דערפער מיילן ווייט אַרום. אויף די פליגל פון די ווינטן האָט דאָס פאַר זיך אַליין גרויסע ווונדער נאָך צוגעקריגן ווונדער איבער ווונדער. סיי אין די פּויערישע כאַטעס, סיי אין די פּריצישע הייף האָט מען נישט מער גערעדט סיידן בייטאָג און ביינאַכט דערפון געשמועסט און דערציילט.

די דריי טעג זענען פאַמעלעכל אויסגערונען אויפן זייגער פון דער צייט. די מעשיות זענען געוואַקסן פון מינוט צו מינוט.

פון ר׳ משה בערס קרעטשמע גופא האָט מען דערציילט גוואַלדיקע נסים. ביי גויים האָבן זיך ממש געשטעלט די האָר אויפן קאָפּ. גאָר פרומע גויים האָבן זיך אַזש איבערגעצלמט.

ס׳זענען געקומען פּויערים און זיך געשוווירן כל המיני שבועות: זיי האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן ווי איבער ר׳ משה בערס קרעטשמע הענגט אַ שטערן. ביינאַכט לייכט די ערד אַרום דער קרעטשמע ווי אַן אָנגעצונדענע לאַמטער. אין דעם שטיבל וווּ סימכע פלאַכטע שטייט ביי דער וואַנט איינגעהילט אין טלית און שאָקלט זיך הערט מען כסדר אַ געקלאַפּעריי און געפּייפעריי. אַפילו די שטאַרקסטע פּויערים ווען זיי הערן דאָס, ווערן דערציטערט און עס קלאַפּט זיי אַ צאָן אָן אַ צאָן. טייל

האָבן געהערט ווי ר' משה בערס הינער האָבן זיך אַלע צעקרייעט פונקט אין מיטן דער נאכט. די בושלען אין דער נעסט האָבן אָנגעהויבן צו רעדן ווי מענטשן. זיי זענען צוגעפלויגן צו סימכע פלאכטעס פענצטער און אים געפרעגט וואָס ער וויל. דעם גנב איז נישטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין. אפילו די מוראשקעס אין וואלד האָבן פאַרלאָזט זייערע מוראשניקעס און זוכן דאָס גאָלדענע קעסטעלע פון פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי.

אין פּאַלאַץ אריין צום פאַן וויטשעך זענען אָנגעפאָרן קארעטעס מיט שכנישע פּריצים. זיי זענען געקומען אָפּוואַרטן דאָס גרויסע נס און ווינטשעווען דעם פאַן וויטשעך לכבוד דעם וואָס ער וועט למזל אָפּקריגן דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן הערב. ער וועט ווידער זיין דער אייגענער יחסן כמקדם. הגם פון גנב איז נאָך נישט געווען קיין שפור און סימכע פלאכטע שטייט דערוויל ביי דער וואַנט איינגעהילט אין א טלית און שאָקלט זיך. עס מאכט נישט אוים. עס נויגט זיך שוין צום דריטן טאָג.

סיי דער פאַן וויטשעך און סיי אַלע פּריצים זענען זיכער געווען, אַז דאָס קעסטעלע ליגט שוין ביים נאַרקאָוועד פריץ אין דער קעשענע.

אין הויף האָט מען על החשבון געפּראַוועט סעודות, געטרונקען מעד, און אפילו געשאָסן אויף וויוואַט.

ביי ר' משה בערן אין דער קרעטשמע האָט זיך געטון קעפ אויף קעפ. הונדערטער פּויערים און פּויערטעס זענען געשטאַנען און געוואַרט און דערציילט חידושים פון סימכע פלאכטעס שטוב. פון גאָר־גאָר העט ווייטע דערפער זענען פּויערים געקומען אויף פורלעך אָפּצוואַרטן דאָס וואונדער. קאָן מען דאָך נישט שטיין מיטן ליידיקן מאָגן — האָט זיך ביי ר' משה בערן אין קרעטשמע געשטארקט דער פדיון ווי קיינמאָל נישט. אין א פּראָסטן מיטוואָך האָט זיך דאָרט א גאַס געטון די שפע. ר' משה בער האָט צום סוף אויך אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מיט סימכע פלאכטען איז די מעשה נישט גלאַטיק. גענענדלס מאמע עליו השלום האָט פּאָרט געוווסט וואָס זי רעדט וועגן די למד־וואָוו.

געגענדל האָט כסדר געקאָכט און אריינגעטראָגן פולע שיסלען צו סימכע פלאכטען אין חדר אריין. שפּעטער האָט זי זיי צוריק ארויסגע־טראָגן נישט אָנגערירטע.

סימכע פלאַכטע

ויהי ביום השלישי — פּאַמעלעכל האָבן אָנגערוקט די לעצטע שעהען פון דריטן טאָג. די זון האָט שוין גענומען פאַרקירעווען איר דישל צו מערב צו. אין הויף האָבן די פּריצים געטרונקען מעד. ביי דער קרעטשמע האָבן זיך געמערט און געמערט די המונים גויים. ס'האָט געזשומעט און געזשומעט.

עס האָבן געפרעגט סיי די פּויערים סיי די שליאַכטע: וואָס וועט טון סימכע פלאַכטע? אַ סך חשובע לייענער שטייען אויך טיף־פאַרטראַכטע און קוקן דעם מחבר אויף די הענט. הענט פאַרמאַכטע. אַלץ בלי נדר וועט ווערן יאַוונע וויאַסנע און האָבן אַן אסמכתא אין די שפּעטערע קאַפּיטלען. קאַפּיטלען פרייליכע און צעלאַכטע.

קאַפּיטל צוועלף

ר׳ פּיוּוקע זיצט אויפֿן ראַנד פֿון נאַרקאָווער וואַלד און שמועסט מיט אַ ייִד, וואָס האָט אַ מאָדנע געשטאַלט.

ויהי היום השלישי — עס איז געווען אין דריטן טאָג גאָר האַרט פֿאַר זון־זעצן. די הימלען אויף מערבֿ־זייט האָבן געברענט רויטע און צעגליטע. ר׳ פּיוּוקע דער ליטוואַק איז כּדרכּו געזעסן אויף אַ שטיין בײַם ראַנד פֿון נאַרקאָווער וואַלד. ער האָט געהאַט אַ קאַפּעטשקע אײַנגעדרימלט.

אין דרימל האָט זיך אים אויסגעדוכט: עמעצער רירט אים אָן פֿאַר דער פּלייצע. ר׳ פּיוּוקע האָט האַלב אויפֿגעמאַכט די אויגן.

לעבן אים אויפֿן שטיין איז געזעסן אַ מאָדנער פּאַרשוין. אַ הויכער דאַרער ייִד מיט אַ לאַנגער נאָז און מיט אָפּענע ליפּן, וואָס פֿון צווישן זיי האָבן אַרויסגעשטשירעט גרויסע שאַרפֿע ציין. הגם עס איז געווען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך און דווקא אין מיטן זומער־לעבּ, פֿונדעסטוועגן האָט דער פֿרעמדער ייִד אויף זיך געטראָגן אַן אויסטערלישע הלבשה. ער איז געווען אָנגעטון האַלב ווי אַ פּורים־שפּילער. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכע יאַרמלקע. די יאַרמלקע איז געווען פֿון לויטער עטרה־גאָלד.

ר׳ פּיוּוקען דעם ליטוואַק האָט זיך אַפֿילו אויסגעדוכט, אַז ער חלומט און עס איז נײַערט אַן אײַנרעדעניש. פֿונדעסטוועגן האָט ער אויסגעשטרעקט אַ דאַרן פֿינגער פֿון זײַן האַנט און אָפּגעשטעקט דעם פֿרעמדן פּאַרשוין שלום־עליכם.

— שלום־עליכם אַ ייִד אַ פּורים־שפּילער, האָט ר׳ פּיוּוקע געזאָגט, מן־הסתּם קומט אַ ייִד פֿון מרחקים? אויף וועלכן וועג האָט איר פֿאַרלוירן אײַער וואָכעדיקע קאַפּאָטע?

— עליכם־שלום, ר׳ פייווקע, האָט דער פאַרשוין געענטפערט און נאָך מער געעפנט זיינע ליפּן און געטון אַ שמייכל (ר׳ פייווקען האָט גע־הידושט פון וואנען דער פרעמדער ייד ווייסט זיין נאָמען), איך קום דווקא נישט פון מרחקים. און איר קאָנט מיך, ר׳ פייווקע סערדצע, ווי אַ בייזן שילינגער, מחמת מיר זענען גאָר יידן שותפים. מיר טוען צוזאמען אַן עסק.

הגם אַ ליטוואק ווייסט נישט פון זיך וואונדערן, פונדעסטוועגן האָט זיך ר׳ פייווקע געוואונדערט און ער האָט געזאָגט:

— אַ שיינער שותף אַ ייד אַ פורים־שפּילער! ווער זענט איר דען? איך האָב דעם כבוד אייך נישט צו קענען. ווי איר זאָגט, בין איך כלור־מרשט אייער שותף?

— איך בין דאָס מזל, — האָט דער פאַרשוין געענטפערט קורץ און שאַרף. — אַצינד קענט איר מיך שוין, ר׳ פייווקע?

— אַצינד קען איך אייך, — האָט ר׳ פייווקע געענטפערט געלאַסן.

— אָבער זאָגט מיר נאָר, ר׳ פורים־שפּילער, ר׳ מזל, וואָס טוט איר דאָ לעבן מיר? עס איז דאָך פאַר אונדז עפּעס אַ הייסע צייט! איר זענט דאָך, רב מזל, גאָר אַ פּוסט־און־פּאַסטניק! אַן איינפאַל פון אַ ייד גראָד איצט אוועקצוזעצן זיך אויף דאַטשע. גיט אָפּ דאָס קעסטעלע, ר׳ מזל!

דער פרעמדער פאַרשוין האָט איבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס און זיך געקראַצט אונטער דער גאָלדענער יאַרמלקע:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ פייווקע — האָט ער געזאָגט — וואָס ווילן מיר זיך פאָרען מיט אַ וואַסערטרעגער? עס פּאַסט גאָר נישט פאַר צוויי יידן לומדים, ווי מיר ביידע זענען קיין עין־הרע, אַז מיר זאָלן מאַכן אַן עסק מיט אַ גראָבן יונג. כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער, ר׳ פייווקע, און זאָל זיך דער גנב ווארגן מיטן גאָלדענעם קעסטעלע. זעצט זיך צו מיר אויף דער קני, ר׳ פייווקע סערדצע, און איך וועל מיט אייך אַוועקפליען צו די רויטע יידעלעך.

— איי, ר׳ מזל! ר׳ מזל! — האָט ר׳ פייווקע אַ שמייכלדיקער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. — איך ווייס נישט צי איר זענט אַ מלאך, צי אַ ייד ווי אַלע יידן. איך ווייס נאָר, אַז איר דרייט דעם גלגל־החוזר און מאַכט מיט מענטשן זומער און ווינטער. דעם גלגל פון דער וועלט האָט

איר יאָ אין כוח צו דרייען און אַרויפצושלעפּן אויפן גלגל אַ ייד אַ פּראָסטן וואַסערטרעגער סטייען אייך נישט די הענט, האַ?

דאָס מזל האָט געטון אַ הוסטל און זיך נישט דרייסט אַ קראַץ געטון אונטער דער גאָלדענער יאַרמלקע.

— איי, ר׳ פּייוועקע ליטוואַק! איר פאַרגעסט, אַז איר רעדט מיטן מזל פון דער וועלט? וואָס הייסט עפּעס עס סטייען מיר נישט די הענט? פּשוט, עס לוינט זיך מיר נישט צו טרייבן דאָס ראָד פון דער וועלט צוליב אַ נאַרקאָווער וואַסערטרעגער, אַ סימכע פּלאַכטע.

— אויב אַזוי, רב מזל, — האָט ר׳ פּייוועקע געזאָגט — ווייסט איר נישט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, ווער עס האָט אייך געשלייערט. איך בין געווען זיכער, אַז גאָר אויבן, ביים גלגל־החוזר פון דער וועלט, ווייסט מען מער ווי פּייוועקע ליטוואַק. עט, ווייס איך וואָס! ווי איך זע, ווייסט איר אַ סך ווייניקער ווי איך. עס איז גאָר מעגלעך, אַז איר שטייט גאָר ווייטער פון דעם העכסטן שכל ווי מיר דאָ אויפן עולם־התחתון. האָט איר קיינמאָל נישט געלערנט קיין גמרא? דאָרט שטייט בפירוש געשריבן: ווען עס ברענגט זיך דאָס נידעריקסטע אַרויף צו דעם העכסטן, הייסט עס, אַט האָט זיך דער גלגול געטון דעם אמתן דריי. שטייט מען ווי איר, פאַניע מזל, ביים רעדעלע פון דער וועלט און עס קומט אויס אַרויפצו־דרייען אַ סימכע פּלאַכטע, מוז מען צופריער דעם גלגל־החוזר גוט אויס־שמירן מיט דזשעגעכץ.

— איר זענט דאָך אַ ייד אַ ליטוואַק, ר׳ פּייוועקע — האָט דאָס מזל ווייטער גערעדט — ווי זאָגט מען ביי אייך אין דער ליטע — אַ ייד אַ גערויכערטע ליולקע. לוינט זיך טאַקע אַזוי פיל צו אַרבעטן ביי אַ פּשוטן וואַסערטרעגער?

— עס לוינט זיך, עס לוינט זיך — האָט ר׳ פּייוועקע געזאָגט שאַרף און אומגעדולדיק. צי פאַרשטייט איר דען נישט, וואָס אַזוינס עס הייסט אַרויפשלעפּן אויפן גלגל החוזר דעם גרעסטן גאָרנישט פון דער וועלט? זייט נישט קיין נאַר, רב מזל, און ברענגט צוריק דאָס קעסטעלע.

דאָס מזל האָט אונטערטעניק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט:

— אַז פּייוועקע ליטוואַק זאָגט — איז פאַרפאַלן. און כהרף עין פאַר־שוואונדן געוואָרן.

קאַפּיטל דרייצן

די וועלט טוט זיך אָן אין אַ ווייסן קיטל צוליב סימכע פלאַכטעס יום־הדין. — דאָס קעסטעלע קלאַפּט אין פענצטער.

עס איז געווען די לעצטע נאַכט. גאָר באַגינען כלחוך האָט געדאַרפט קומען אין דער קרעטשמע אַריין דער פּאַן וואָיטשעך מיט אַלע פּריצים אָפּצונעמען דאָס גאָלדענע קעסטעלע. די לבנה האָט אויפגעשיינט אויפן הימל ווי קיינמאָל נישט צופריער. זי איז עפּעס געווען גרעסער ווי אַלע מאָל און האָט זיך געקייקלט צווישן די שטערן אין הימל. זי האָט זיך געקייקלט פּונקט אין דער זייט צו ר׳ משה בערס קרעטשמע. זי, די לבנה, האָט ממש געגאָסן פון זיך אַ טויט־ווייס־ליכטיקייט. אַ ליכט פון אַ בר־מינן. די פעלדער, די וועלדער, די ביימער און אפילו אַלע מרחקים אַרום ר׳ משה בערס קרעטשמע זענען געלעגן אין אַ טויט־בלאַסער ווייסקייט. עס האָט אויסגעקוקט ווי די וועלט וואָלט זיך אין דער דריטער נאַכט, די לעצטע נאַכט פאַר סימכע פלאַכטעס יום־הדין, אָנגעטון אַ יום־כפּורדיקן קיטל.

עס איז די לעצטע נאַכט פון דעם דריטן טאָג ווי סימכע פלאַכטע האָט גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין. די יידענע גענענדל האָט כסדר צוריק געטראָגן די פולע שיסלען. סימכע פלאַכטע האָט זיך נישט אָוועק־גערירט פון דער וואַנט, נישט אויסגעטון טלית און תפילין און זיך רק געשאָקלט און געשאָקלט. דאָס בלאַסע לבנה־ליכט איז אַריינגעפלאָסן דורכן פענצטער. עס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם ווייסן טלית, וואָס האָט איינגעהילט סימכע פלאַכטען. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ לייכטנדיקער בר־מינן, וואָס שאָקלט זיך.

י. י. טרונק

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז געזעסן ביים פענצטער און אַרויסגע־קוקט אויף דעם באַלבנהטן אינדרויסן. אַ ווייס־זילבערנע שטילקייט איז געלעגן איבער דער ביינאַכטיקער וועלט. קיין שאָרך — אויך די ביימער זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

די לבנה איז גרעסער און גרעסער געוואָרן און זיך געקייקלט איבער די באַשטערנטע הימלען. איצט — ווען עס האָט דערגרייכט צו חצות האָט זי זיך ווי אָפּגעשטעלט איבער ר׳ משה בערס קרעטשמע. די לבנה האָט אַראָפּגעקוקט ווי אַ גרויס און ליכטיק־צעשמייכלט פּנים פון אַן אָדם־עליון.

עס האָט דערגרייכט חצות. די לבנה האָט זיך ווי אַראָפּגעלאָזט איבער דער קרעטשמע.

אַ האָן האָט אַ קריי געטון.

ביים פענצטער, וווּ ס׳איז געזעסן ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך קוים געהערט אַ קלאַפּ.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער.

— פאַניע פאָד־פּאַן־בוג, דאָס בין איך, סטעפאַן, האָט זיך געהערט אַ דערשראָקן געפליסטער פון אַ מענטש אונטער דעם פענצטער.

— אַ נס, וואָס דו ביסט געקומען, סטעפאַן, האָט ר׳ פּייווקע שטיל און שאַרף געזאָגט אין דער נאַכט אַריין, נאָך אַ רגעלע און מען וואָלט דיך אַהער געברענגט צו מיר אָן אַ קאָפּ. איי סטעפאַן, איך רוף דיך שוין פון לאַנג. פאַרוואָס האָסטו מיר נישט באַלד אָפּגעברענגט דאָס קעסטעלע?

— כ׳האָב מורא געהאַט, פאַניע פאָד־פּאַן־בוג, האָט דאָס קול דער־ציטערט געזאָגט, כ׳בין די גאַנצע דריי טעג געלעגן באַהאַלטן טיף אין אַ סטויג מיט היי.

— אַוודאי, סטעפאַן, ווייס איך, אַז דו ביסט געלעגן טיף אין אַ סטויג מיט היי, האָט ר׳ פּייווקע געזאָגט, נאָך אַ מינוט און מען וואָלט דיך פון דאָרט אַפּערגעיאָגט מיט פייערדיקע ריטער. דו ביסט אַ גליקלע־כער מענטש, סטעפאַן, וואָס דו ביסט געקומען באַצייטנס, אַן אמתער

חכם. אַ חכם קומט אין דער צייט. גיב זשע אָפּ דאָס קעסטעלע און כ'זאָל דיין געביין מער נישט זען. דערפאַר שענק איך דיר דאָס לעבן.

— איך האָב נישט דאָס קעסטעלע ביי זיך, פאַניע פאָד־פאַן־בוג, האָט דאָס קול געענטפערט מיט גרויס אימה.

ר' פייוועקע דער ליטוואַק האָט אַרויסגעשטרעקט אַ האַנט דורכן פענצטער און אַפּערגעצויגן אַ צעשויבערטן קאָפּ פון אַ יונגן שייגעץ.

דער שייגעץ האָט אָנגעקוקט די ווייסע געשטאַלט פון סימכע פלאַכטען, וואָס האָט זיך געשאָקלט ביי דער וואַנט. די געשטאַלט האָט פון זיך געוואָרפן אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם שאָטן. עס האָט אויסגעקוקט, אַז אויך דער שאָטן וויגט זיך אויף דער מיט לבנה־ליכט באַגאָסענער וואַנט פון צימער. דער שייגעץ האָט געטון אַ געשריי, ווי פון לעצטע אַנגסטן, אַ צאָן האָט אים געקלאַפּט אָן אַ צאָן:

— ווײ איז מיר, פאַניע פאָד־פאַן־בוג, דאָס גאָלדענע קעסטעלע ליגט באַגראָבן אונטער אַ בוים.

— אוודאי ווייס איך, אַז עס ליגט אונטער אַ בוים, האָט ר' פייוועקע געזאָגט האַלב מיט גוטן און האַלב דראָענדיק. — וואָס מיינסטו, סטעפּאַן, די ביימער דערציילן מיר נישט וואָס עס ליגט אונטער זיי באַגראָבן? — ר' פייוועקע האָט אַרויסגעשטרעקט זיין דאַרע האַנט אין דרויסן אַרויס און געדראָט אין דער נאַכט אַריין. — איך קאָן דיך, סטעפּאַן, פאַר אַ גוטן יונג און איך האָב אויף דיר רחמנות. האָב איך באמת נישט דאָס האַרץ צוצוקוקן ווי די שוואַרצע טייוולאָנים וועלן זיך באַלד אויף דיר אַרויפוואַרפן, נאַרישער יונג. בעסער באַזין זיך באַצייטנס און גיב אָפּ דאָס קעסטעלע. שפּעטער וועל איך דיך לאָזן צורו און דיר מוחל זיין.

— אָבער איך האָב מורא צו גיין אַליין אין וואַלד אַריין, האָט אין דרויסן אַליץ געציטערט דאָס קול, עס סטראַשעט פון אַלע זייטן. דער פּחד וואַרפט מיך און דאָס בלוט ווערט מיר קאַלט.

— ווייסט וואָס, סטעפּאַן!? האָט ר' פייוועקע געזאָגט, אָט קריך איך אַרויס פון פענצטער און גיי מיט דיר אין וואַלד אַריין. נעם נאָר מיט אַ רידל. איך טו עס דערפאַר ווייל דו ביסט אַ גוטער יונג.

— איך דאנק דיר פאַרן דיין גוטסקייט, יאַשניע פּאַניע פּאָד־פּאַן־בוג; אַ רידל ליגט דאָ אונטערן פענצטער. ווען מיר די טייוולאָנים שענקען דאָס לעבן?

— זיי נישט קיין נאַר, סטעפאַן, איך שענק דיר דאָס לעבן. קום צום בוים מיטן קעסטעלע.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק איז אַרויסגעקראָכן פון פענצטער אין דער נאַכט אַריין.

קאַפּיטל פּערצן

די לבנה שטייט איבערן קוימען פון ר׳ משה בערס קרעטשמע. — ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק און דער שייגעץ סטעפּאַן גייען אַוועק נאָכן קעסטעלע.

ווען ר׳ פּייווקע איז געווען אינדרויסן מיט די פיס אויף דער ערד, איז די לבנה פּונקט געשטאַנען אַקעגנאיבער דעם קוימען פון ר׳ משה בערס קרעטשמע. זי האָט געגאָסן אויף דער וועלט אַ קאַלטע און ווייסע ליכטיקייט. מען האָט באמת געקאָנט מיינען, אַז די קרעטשמע האָט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן עפּעס אַ ווייסן געשטאָרבענעם טאָג. די שטילקייטן אינדרויסן זענען געווען אין לשער. זיי האָבן געשמעקט מיט ברמינגס. די פעלדער זענען געלעגן ווי וואַכעדיקע אין דער לבנה־נאַכט. מען האָט בפירוש געקאָנט ציילן יעדן בוים, וואָס איז געשטאַנען אין די מרחקים. די ביימער זענען געשטאַנען שטילע. די עטלעכע דעמבעס ביי דער קרעטשמע האָבן ווייס און קאַלט געלויכטן מיט זייערע שטאַמען. מען האָט אַפילו געזען אויף זייערע שפּיצן דעם שאָטן פון דער בושלנעסט.

דער שייגעץ סטעפּאַן איז געשטאַנען אַ צעטרייסלטער, ווי ער וואָלט געווען אַ נאַקעטער אינמיטן אַ שאַרפן פראָסט. ער האָט אָנגעקוקט ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק און געמיינט, אַז דאָס איז דער זעלביקער שאָטן, וואָס ער האָט געזען אינעווייניק זיך וויגן אויף דער וואַנט. נייערט דער שאָטן האָט זיך פלוצעם פאַרוואַנדלט אין אַ ייד אַן אָרעמאַן.

דאָס האָט סטעפּאַנען נאָך מער צעשראָקן. ער האָט זיך געוואָרפן ר׳ פּייווקען צו די פיס.

ר׳ פייווקעס שאָטן האָט זיך געצויגן אויף דער באַלבנהטער ערד. ר׳ פייווקע האָט אויפגעהויבן אַ פינגער צו סטעפּאַנען. אויך דער שאָטן אויף דער ערד האָט אויפגעהויבן אַ פינגער.

— זיי נישט קיין נאַר, סטעפּאַן, האָט ר׳ פייווקע פריינטלעך געזאָגט און דעם שייגעץ אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— האָט רחמנות, יאַשניע פּאַניע פּאַד־פּאַן־בוג, האָט סטעפּאַן געבליפּעט ביי ר׳ פייווקעס פיס.

כ׳האָב רחמנות, כ׳האָב רחמנות, האָט ר׳ פייווקע געזאָגט און פּלוצים געטון סטעפּאַנען אַ גלעט איבערן קאָפּ, אַז איך גיי מיט דיר ביסטו זיכער. קום, וועלן מיר גיין צום בוים נאָכן קעסטעלע!

דער קאָפּ פון אָדם־עליון — די לבנה — איז געהאַנגען אַ ליכטיקער איבער ר׳ משה בערס קרעטשמע אין יענער לעצטער נאַכט; די לבנה האָט געלאַכט און ביי זיך געטראַכט: ר׳ פייווקע, דער וואַכער טרוימער און סטעפּאַן, דער דערשראָקענער חומר — אָט גייען זיי אוועק צווישן די ביימער...!

און איך, אני הקטן, וועל זיך אויך פאַרשטעלן פאַר אַ שאָטן און זיי נאָכגיין טריט ביי טריטל. אַלצדינג בלי־נדר וועל איך פאַרצייכענען אויף אַ קוויטל, — און עס דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פופצן

אונטערן דרייצנטן בוים ליגט באַהאַלטן דאָס גאָל־דענע קעסטעלע. — סאָקעלט זיך, סאָקעלט זיך, ר׳ סימכעצקע! — די לבנה רוקט זיך אַוועק פון דער קרעטשמע.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואק מיט דעם שייגעץ סטעפּאַן זענען געגאַנגען און געגאַנגען אין דער ווייסער לבנה־נאַכט. ר׳ פּייווקע האָט סטעפּאַנען בסדר אָנגעהאַלטן פאַר דער האַנט.

זיי זענען אַרויפגעקומען אויף אַ סטעזשקע אין דער מיט־פעלד.

— דאָ איז עס! — האָט סטעפּאַן געפּליסטערט.

ר׳ פּייווקע האָט זיך אומגעקוקט. ביי דער זייט, פּאַזע דער סטעזש־קע, האָט זיך געצויגן אַ שורה טאָפּאָל־ביימער.

עס איז נישט געווען ווייט פון וואַלד. דער וואַלד האָט פּלוצים אָנ־געהויבן לייכטן צו רוישן.

— פון דאַנען צום וואַלד האָב איך אָפּגעציילט צוועלף ביימער — האָט סטעפּאַן געזאָגט — אונטערן דרייצנטן בוים האָב איך באַגראָבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

— האָט עס קיינער נישט געזען? — האָט ר׳ פּייווקע געפרעגט — ווייסט דערפון קיינער נישט? טאָמער חלילה ווייסט דערפון אַ פויגל, סטעפּאַן טייערער, ביסטו אַ פאַרלוירענער אויף אייביק. דער טייוול וועט דיך בראָטן לעבעדיקערהייט. איך וועל דיר נעבעך גאָרנישט קענען העלפן.

— ניין, יאַשניע פּאַניע פּאָד־פּאַן־בוג, קיין פויגל ווייסט נישט דער־פון, און וועט ווייטער דערפון נישט וויסן.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק האָט אויפגעהויבן די האַנט און אָפּגעציילט צוועלףביימער.

ביים דרייצנטן בוים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און שאַרף געזאָגט צו סטעפאַנען:

— גראָב!

סטעפאַן האָט גענומען דעם רידל אין דער האַנט אריין און געגראָבן אונטערן דרייצנטן בוים. די ערד האָט זיך לייכט אויפגעשיט. די לבנה האָט אריינגעלויכטן אין גרוב. פון צווישן די אויפגעגראָבענע בוים־וואָרצלען האָט באַלד אַ גלאַנץ געטון דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

סטעפאַן האָט שטיל געכליפּעט. ר׳ פייווקע האָט זיך טיף אַרונטערגעבויגן און אַרויסגענומען דאָס גאָלדענע קעסטעלע. ער האָט עס געדרייט און געדרייט צווישן די פינגער און עס צוריק אַריינגעלייגט אין גרוב, און עס טיפער אַרונטערבאַהאַלטן אונטער די בוים־וואָרצלען.

— שיט צו, סטעפאַן, — האָט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק שאַרף געזאָגט, און אַנטלויף אהיים. אַ וואָך צייט טאָרסטו נישט גיין אויף דער דאָזיקער סטעזשקע און נישט צוקומען צו די ביימער. טאָמער וועט דיין צונג דאָס מינדסטע דערציילן פון גאָלדענעם קעסטעלע און ווו עס איז געלעגן באַגראָבן — איז, סטעפאַן טייערינקער, בין איך באמת דיך נישט מקנא. די טייוולאָנים וועלן דיך שוין מער קיינמאָל נישט אָפּלאָזן. דו ווייסט, סטעפאַן, אַז איך בין דיר אַ פריינט און בין אויסן נייערט דיין טובה.

סטעפאַן האָט צוגעשיט דעם גרוב.

— לויף אהיים, סטעפאַן! האָב נישט קיין מורא! אַז איך זאָג עס דיר, מעגסטו זיין זיכער.

— איך דאַנק דיר, יאַשניע פאַניע פּאַד־פּאַן־בוג! סטעפאַן האָט אַ קוש געטון ר׳ פייווקען אין די הענט אריין און גענומען אַנטלויפן איבערן ביינאַכטיקן באַלבנהטן פעלד.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק איז צוריקגעגאַנגען צו דער קרעטשמע. דורכן פענצטער איז ער צוריק אריינגעקראָכן אין שטוב. סימכע פלאַכטע איז כסדר געשטאַנען ביי דער וואַנט און זיך געשאָקלט.

סימכע פלאַכטע

ר׳ פּייווקע איז צו אים צוגעגאַנגען און אים שאַרף אָנגעקוקט.

— סאָקלט זיך, סאָקלט זיך, ר׳ סימכעצקע — האָט ר׳ פּייווקע געזאָגט און זיך אוועקגעזעצט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די לבנה האָט זיך פּאַמעלעכל אָנגעהויבן אוועקצורוקן פון איבער ר׳ משה בערס קרעטשמע.

קאַפּיטל זעכצן

אַ פּריצישער יאַריד אַרום ר׳ משה בערס קרעטש־מע. — די פּריצים קוקן אויף די פולע שיסלען און שאָקלען מיט די קעפּ. — האָסט דאָס גאָלדענע קעס־טעלע, פאַניע וויטשעך!

גאָר באַגינען, כלחוך, האָט מען דערהערט ווי פאַר דער קרעטשמע פאָרן אָן מיט גרויס רעש די הויפּישע קאַרעטעס. עס זענען געקומען אָנגע־פאָרן דער פאַן וויטשעך, די פאַני יאַדוויגע מיט די טעכטער, ווי אויך די אָפּגעקומענע פּריצים. עס זענען אויך אָנגעפאָרן שאַרפע קאַרעטעס מיט שכנישע פּריצים און פּריצהס, וואָס זענען געקומען פון זייערע הייף צו זען ווי דער פאַן וויטשעך באַקומט צוריק דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן יחוס. נאָכאַמאָל האָבן זיי געוואָלט ווינטשעווען דעם פאַן וויטשעך און מאַכן פון דאָס ניי די גרויסע סעודה לכבוד דעם געראַטעווען שליאַכטשיץ.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט: ר׳ משה בערס קרעטשמע האָט זיך פאַר־צים אוועקגעשטעלט אינמיטן אַ פּריצישן יאַריד.

פאַר דער טיר פון דער קרעטשמע זענען שוין געשטאַנען ר׳ משה בער דער אַרענדאַר און זיין ווייב גענענדל. ר׳ משה בער האָט געהאַלטן דאָס היטל אין דער האַנט און צוזאַמען מיט זיין ווייב זיך טיף געבוקט פאַר די פּריצים.

דער פאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז דער ערשטער מיט גרויס האָפּערדיקייט אַראָפּ פון זיין קאַרעטע. ער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ משה בערן און זיך גאַווהדיק געדרייט ביי זיין לאַנגער שליאַכעצקער וואָנצע:

סימכע פלאַכטע

— נו, מאַשעק! האָסט עפּעס גוט געקאָרמעט דעם יאַשניע וויעל־מאַזשנע פּאַן צדיק?

ר׳ משה בער האָט זיך טיף געבוקט כמעט ביז צו די פיס פון פּאַן וווּיטשעך און געזאָגט:

— כ׳האָב אַלצדינג געטון לויט דיינע באַפעלן, יאַשניע פּאַניע, איך האָב דעם צדיק געגעבן פון פויגל־מילך. מיין ווייב גנענענדל האָט זיך דערמאָנט פון קאָכן אַלץ וואָס זי האָט נאָר ווען־עס־איז געלערנט ביי איר מאַמע און ביי אירע באָבעס, צו מיין גרויסן לייד מוז איך דיר מעלדן, יאַשניע פּאַניע, אַז דער צדיק האָט זיך צו גאָרנישט נישט צוגערירט. רק ער איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און זיך געמאָדליעט ווי מיר יידן טוען עס אין יום־כפור. ער האָט געפאַסט ווי מיר יידן פאַסטן אין יום־כפור. יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע! עס איז נישט קיין שפּילעכל דיין גאָלדן קעסטעלע.

דער פּאַן וווּיטשעך האָט זיך געפילט געהויבן, וואָס דער צדיק גיט זיך אַזוי פיל מי צוליב אים. די זיכערקייט זיינע וועגן גאָלדענעם קעסטעלע איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער געטון אַ ברום, מכלומרשט אָפּצושרעקן דעם ייד.

דערווייל איז די פּאַני יאַדוויגע מיט אירע טעכטער אַראָפּגעשטיגן פון דער קאַרעטע. אויך די שכנישע פּריצים מיט זייערע פּריצהס האָבן פאַרלאָזט זייערע קאַרעטעס און אַרומגערינגלט דעם פּאַן וווּיטשעך מיט זיין אַרענדאַר.

דער פּאַן וווּיטשעך מיט דער פּאַני יאַדוויגע מיט אַלע פּריצים און פּריצהס זענען אַריינגעגאַנגען אין דער קרעטשמע. ר׳ משה בער איז נעלאָפן פאַראויס. צוזאַמען מיט גנענענדלען זיין אשה האָט ער אַריינ־געבראַנגט די פולע קאַלטע שיסלען מיט מעדנים, צו וועלכע סימכע פלאַכ־טע האָט נישט צוגערירט קיין פינגער. די גרויסע לייט האָבן מיט פיל דרך־ארץ אָנגעקוקט די פולע אָפּגעשטאַנענע שיסלען מיט עסנס. די פּרי־צים האָבן פאַרוואונדערט געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס. זיי האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

— דער יאַשניע פּאַן צדיק פאַסט צוליב מיר! — האָט דער פּאַן וווּיטשעך ענדלעך אַרויסגעזאָגט מיט פיל געריירטער גאווה. די פּריצים

האָבן נאָכאַמאָל געטון אַ קוק אויף די שיסלען און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס. אַלע אין איין קול האָבן געזאָגט:

— טאַק! יאָ! עס איז באַשיימפּערלעך. דער יאַשניע פּאַן צדיק פּאַסט. פּאַניע וואָיטשעך! האָסט דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן הערב. מען מעג דיר שוין אָפּגעבן דעם מזל־טוב.

די פּריצים און די פּריצהס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה. די שליאַכטשיצעס האָבן אַרונטערגענומען די היטלען. פּאַמעלעכל און שטיל אויף די נעגל זענען אַלע צוגעגאַנגען צו דער טיר פון סימכע פּלאַכטעס צימער. דער פּאַן וואָיטשעך האָט זיך אַראָפּגעבויגן און מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש אַריינגעקוקט דורך דער שפּאַרע.

סימכע פּלאַכטע איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית און תפילין ביי דער וואַנט און האָט זיך געשאָקלט.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך אויפגעשטעלט פונעם בענקל ביים פענצטער. ער האָט אַרונטערגענומען פון זיין קאָפּ דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי געעפנט.

אַלע פּריצים און פּריצהס זענען געבליבן שטיין נבהל ונשתומם און האָבן זיך אַלע צוזאַמען טיף געבוקט.

— יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע פּריץ! — האָט ר׳ פּייווקע געזאָגט — דער גרויסער צדיק פּאַן פּלאַכטע האָט שוין פאַר דיר אויסגעמאָדליעט דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיט דיין שליאַכעצקן הערב.

אין דער קרעטשמע האָט געהערשט אַ גרויסע שטילקייט. אפילו ר׳ משה בער דער אַרענדאַר איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט.

קאַפּיטל זיבעצן

ווער איז דער גנב? אַ בשר ודם צי די נשמה פון אַ געהרגעטן שליאַכטשיץ? — ר׳ פּייוקע ליטוואַק הייסט צוזאַמענרופן אַלע זכרים און נקבות און סימכע פלאַכטע ווערט באַוויזן וואונדער.

ר׳ פּייוקע דער ליטוואק האָט אָנגענומען זייער אַן ערנסטע מינע און האָט געזאָגט צום פאַן וואיטשעך:

— עס איז געווען אַ שווערער עסק דיין גאָלדן קעסטעלע, יאַשניע פּאַניע, פאָרט האָבן די תפילות פון פּאַן פלאַכטע בייגעקומען אלע שטרויכלונגען. ביסט א גליקלעכער פּריץ צו האָבן דיין אייגנם אזא צדיק, — אזוי האָט ר׳ פּייוקע געזאָגט און ער האָט האַפּעדיק א קוק געטון אויף די אַנדערע פּריצים, וואָס זענען געשטאַנען מיט די היטלען אין די הענט און זיך געדרייט די וואָנצעס.

— דאָס גאָלדענע קעסטעלע — האָט ער ווייטער געזאָגט — האָבן מיר שוין. אמת, אַקוראַט אין דער האנט האָבן מיר עס נאָך דערווייל נישט. מיר ווייסן נאָך נישט אַקוראַט ווער עס איז דער גנב און ווער עס האָט דאָס גאָלדענע קעסטעלע. די שווערקייט ליגט אין דעריין, וואָס מיר ווייסן נישט צי עס איז געווען א מענטש, וואָס האָט זיך שאַלקהאַפטיק איינגעשטעלט אַריינצוקומען אין דיין פארשלאָסן חדר־מיוחד, יאַשניע פּאַניע, און דאָרט אויפצוהאַקן די זיבן שלעסער פון אייזערנעם קאַסטן און אַרויסצוגנבענען דאָס גאָלדענע קעסטעלע. עס איז גראָד מעגלעך, אַז אזאַ גנב איז גאָר נישט בנמצא אין קרוין פּוילן. דער גנב איז אפשר — די נשמה פון יענעם גרויסן העלדישן שליאַכטשיץ, וועמען דיין זיידע

הגדול — דער ערשטער וויטשעך פון דיין שליאכטישן שטאם — האט דערהרגעט אויפן שלאכט-פעלד? א מענטש, ווי עס איז דיר באוווסט, יאשניע פאניע, האט דעם זכרון פון א קאץ. ער פארגעסט. א נשמה פארגעסט נישט. זי געדענקט סיי דאס גוטע, וואס מען טוט איר און סיי דאס שלעכטע. די נשמה פון יענעם געקריוודעטן שליאכטשיץ זוכט נקמה און טרעט נישט אפ זינט הונדערטער יארן פון די פענצטער פון דיין פאלאץ. זי האט דאס מיט גרוים ביטרעקייט ארייינגעשוועבט אין דיין חדר-מיוחד און דיר צוגעגנבעט דיין הערב.

די פריצים און פריצהס זענען געווארן בלאס פון אימה. ביים פאן וויטשעך האט זיך אזש דאס פריצישע היטל געטרייסלט אין די הענט. ער האט נאכאמאל א קוק געטון אויף סימכע פלאכטען, וואס האט אן איינגעהילטער אין טלית, זיך נישט אויפגעהערט צו שאקלען ביי דער וואנט. דעם פאן וויטשעך האט פארפעלט לשון און ער האט אומבאהאלפן געגלאצט אויף ר׳ פייווקען דעם ליטוואק.

ר׳ פייווקע איז געשטאנען און געלאסן געשמייכלט. ער האט געקלאפט מיט זיין דארן פינגער אויף דעם צעריסענעם שמויסענעם מיצל, וואס ער האט געהאלטן אין דער האנט.

—זיי נישט פארזארגט, יאשניע פאניע, — האט ר׳ פייווקע באלד ווידער געזאגט, ווי עס זאל נישט זיין האט שוין דער צדיק פאן פלאכטע דאס קעסטעלע. אויף דערויף האט ער שוין א צוזאג און ער מאדליעט זיך ווייטער. נאר וואס דען? מיר מוזן וויסן ווער עס איז דער גנב? א מענטש, וואס לעבט צווישן אונדז? צי יענער דערהרגעטער שליאכטשיץ, וואס וויל דיר אפטון א שפיצל?

— ווי אזוי וועלן מיר עס וויסן, קלוגער זשידעק? האט דער פאן וויטשעך געפרעגט א צעטומלטער און געקוקט אויף ר׳ פייווקען דעם ליטוואק.

— אין דעם גייט עס טאקע — האט ר׳ פייווקע בנעימותדיק געענטפערט. מיר מוזן עס גוט אויספארשן. דעריבער, יאשניע פאניע, רוף צוזאמען אלע דיינע מענטשן, סיי זכרים און סיי נקבות. אפילו די יאשניע וויעלמאזשנע פריצים און פריצהס וואס זענען געקומען דיר ווינטשעווען מוזן אויך זיין דערביי. ווארים, יאשניע פאניע, שאלקהאפטיקע גנבים

געפינען זיך נישט בלויז ביים פּראָסטן פאָלק און ביי משרתים. צוזאמען וועלן מיר אַלע אַרויסגיין אויפן פעלד. דער צדיק פאַן פּלאַכטע וועט זיך אַוועקשטעלן צווישן אונדז אַלעמען. און ער וועט שוין וויסן. ווי עס איז דיר באַוווסט, יאַשניע פּאַניע, פון דער הייליקער שריפט, ווייסן צדיקים אופן פעלד אַ סך מער ווי זיי ווייסן אין פאַרשלאָסענע חדרים. אונטערן הימל און צווישן די ביימער וועט דער גנב אַרויסקומען ווי בוימאייל אויפן וואַסער, און מיר וועלן דיר אָפּגעבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע.

דער פּאַן וויטשעך האָט זיך געבוקט טיף פאר ר׳ פּייוועקן דעם ליטוואַק און צוגעזאָגט אַלצדינג צו טון ווי ר׳ פּייוועקע האָט באַפוילן, — אַבי שוין צו האָבן אין דער האַנט דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן יחוס.

איז דאָס מזל פון דער וועלט אַ בלינדע מאַשינקע און עס אַרבעט דערביי אַ האָרעפּאַשנע געזעץ? ניין! דאָס מזל פון דער וועלט איז אַ פרייליכע קאַטאַרינקע און דער חכם וואָס קוקט זיך צו איז אַ טרויעריקער ליץ. דער חכם, וואָס קוקט זיך צו וויל באַשרייבן מיט דער פּעדער ווי אַזוי עס דרייען זיך די רעדער. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן מיר עס טון בלי־נדר.

קאַפּיטל אַכצן

עס טראָמפּייטערט דער טראָמפּייט. — עס פעלט נישט קיין פליג. — סימכע פלאַכטע איז כמעט אויפן עולם האמת. — קומט, יאַשניע פּאַנאָוויע פּריצים!

געזאָגט און געטון — דער פאַן וואָיטשעך האָט תיכּף אַרויסגעשיקט אַ שליח מיט אַ טראָמפּייטער, אַז אנשים, נשים וטף פון זיינע משרתים און לייב־אייגענע זאָלן זיך כּהרף־עין פאַרזאַמלען אַרום ר׳ משה בערם קרעטשמע. עס איז פאַרשטייט זיך געוואָרן אַ גרויסע בהלה. ראשית, האָט מען תחילת נישט געוווּסט צו וואָס דער פּריץ רופט צוזאַמען מיט אַ טראָמפּייטער אַלע זיינע משרתים און אונטערטעניקע? אפשר האָט מען דאָס גאָלדענע קעסטעלע גאָר נישט געפונען און עס הויבט זיך פונדאָס־ניי אָן דאָס גרויסע שמייסעניש? שנית, ביי יעדן איינעם האָט געציטערט דאָס הארץ, טאָמער האָט דער גנב אים אונטערגעוואָרפן דאָס קעסטעלע? דער צדיק ווייסט נישט קיין קונצן און ער וועט אָנווייזן אויף דעם, ביי וועמען דאָס קעסטעלע ליגט באַהאַלטן, נישט געקוקט דערויף וואָס יענער איז גאָט די נשמה שולדיק?

עס איז צוריק געוואָרן חושך און מען האָט זיך געריכט אויף דעם ערגסטן. לאַנג באַלאַמוטשען איז אָבער נישט געווען קיין צייט. דער טראָמפּייטער האָט געשאַלט און געדופן זיך צוזאַיילן — עס וואַרטן שוין אין דער קרעטשמע דער פאַן וואָיטשעך מיטן גאַנצן הויף. ווער עס וועט זיך פאַרשפּעטיקן — וועט מען פון אים רייסן לעבעדיקע שטיקער.

בחפזון האָט מען אַלצדינג אַרויסגעלאָזט פון די הענט: די גויים — די האַק און דאָס אַקער־אייזן, און די פּויערטעס — דאָס וואַשן גרעט

און דאָס געקנאַטענע טייג אין די מולטערס. מען איז הענדום־פּענדום געלאָפן צו ר׳ משה בערס קרעטשמע.

דער שליח מיטן טראָמפּייטער האָט נישט אויפגעהערט צו טראָמ־פּייטערן.

אויפן זאַמדיקן פּוילישן וועג און אויפן פעלד ביי דער קרעטשמע איז שוין געווען שוואַרץ פון מענטשן. אינדרויסן ביי דער קרעטשמע־טיר איז געשטאַנען דער פּאַן וווּיטשעך מיט דער פּאַני יאַדוויגע און די טעכ־טער. ווי אויך אַלע פּריצים און פּריצהס, סיי די אָפּגעקומענע, וואָס האָבן געגעסן „חסד־ברויט" אין נאַרקאָווער הויף, סיי די שכנישע פּריצים, וואָס זענען געזעסן אין כּל־טוב אויף זייערע אייגענע גיטער. מען האָט געוואַרט, אַז די משרתים און פּאַראָבקעס פון פּאַן וווּיטשעך זאָלן קומען.

דער טראָמפּייטער האָט געשאַלט כּל־זמן עס האָט נאָך געפעלט איי־נער.

ענדלעך האָט דער טראָמפּייטער אויפגעהערט צו טראָמפּייטן. דער פּאַן וווּיטשעך האָט איבערגעציילט זיינע משרתים און אונטערטעניקע. עס האָט נישט געפעלט פון אַ פליג אויף דער וואַנט.

איצט האָט זיך געעפנט די טיר פון דער קרעטשמע. צוויי פּריצישע לאָקאַיעס באַטרעסטע אין גאָלדענע פראַנזן און אָנגעטון אין טייערע ליווריייעס האָבן אונטער די הענט אַרויסגעפירט סימכע פלאַכטען אויפן אינדרויסן. סימכע איז געגאַנגען אָנגעטון אין טלית און תפילין און איז געווען בלאַס ווי דער טויט. מען האָט געזען בחוש: במשך די דריי טעג, וואָס ער איז געשטאַנען ביי דער וואַנט און האָט נישט געגעסן איז פון אים געוואָרן הויט און ביין. ער האָט אויסגעקוקט נייערט ווי אַ שאָטן פון דעם אַמאָליקן נאַרקאָווער סימכע פלאַכטע. מען האָט געזען, אַז ער ווייסט שוין גאָרנישט וואָס מיט אים טוט זיך. ער דערקענט נישט קיין מענטשן, און האַלט פאַרגלייזט די אויגן גלייך ווי ער וואָלט שוין איצט מער געווען אויפן עולם־האמת ווי דאָ אויף אונדזער עולם־השקר. די לאָ־קאַיעס האָבן אים געהאַלטן אין די הענט ווי מען האַלט אַ פערד. ער האָט געקוקט אויף אַלעמען מיט בליקן, וואָס אָט־אָט און דער גאַנצער סימכע פלאַכטע צעפאַלט זיך אויף שטויב.

באַלד נאָך סימכע פלאַכטען איז פון דער קרעטשמע אַרויסגעגאַנגען ר' פייוועקע דער ליטוואַק. אין דעם צעריסענעם שמויסענעם מיצל אויפן קאָפּ און אין זיין שמאַטעוואַטן הולך האָט ער אויסגעקוקט גאָר אויסטער־ליש צווישן די אויסגעפּוצטע פּריצים און פּריצהס, וואָס זענען געשטאַנען אינדרויסן און מיט גרויס דרך־ארץ און ערפורכטיקייט געקוקט סיי אויף ר' פייוועקען, סיי אויף דעם כמעט טויטן סימכע פלאַכטען.

— אַצינד, איר יאַשניע פּאַנאָוויע פּריצים, און איר, אַלע משרתים און פּאַראָבקעס פון יאַשניע פּאַן וויטשעך! קומט וועל איך אייך אַרויס־פירן אויפן פעלד! — האָט ר' פייוועקע הויך און באַפעלעריש געזאָגט און זיך שאַרף אַרומגעקוקט אויף די גרויסע לייט און אויף דעם פּרי־צישן עולם אַרום.

קאַפּיטל נײַנצן

מען גייט! — באַזונדער זכרים און באַזונדער נקבות. — ר' פּייווקע האַלט סימכע פּלאַכטעס יאַמשענעם שטעקן. — אַלע זענען גאַלע ערלעכע לייט. — דער פּאַן וואיטשעך פּאַלט שיעור אין חלשות.

די פּריצים און פּריצהס, דער פּאַן וואיטשעך מיט זיין הויזגעזינד און מיט זיינע משרתים האָבן געריךט פון דער טיר פון דער קרעטשמע. פון פאָראויס האָבן די צוויי לאָקאיעס געפירט סימכע פּלאַכטען אונטער די אָרעמס.

גאָר דער ערשטער פאָראויס האָט האָפּערדיק געשפּאַנט ר' פּייווקע דער ליטוואַק.

פון הינטן זענען נאָכגעגאַנגען די מחנות פּויערים און פּויערטעס. ר' משה בער האָט פאַרמאַכט די קרעטשמע און צוזאַמען מיט געגענדלען, זיין יידענע, איז ער מיטגעגאַנגען זען דאָס וואונדער מיטן גאָלדענעם קעסטעלע. עס איז אים אויך טשעקאַווע געווען צו וויסן, ווער עס וועט זיך ארויסווייזן דער גנב? א גנבישער בשר־ודם, צי — ווי ר' פּייווקע מיינט — א געשטאָרבענע נשמה פון א פאַרצייטישן שליאַכטשיץ, וואָס דרייט זיך שוין זינט הונדערטער יאָרן ביי די פענצטער פון פּאַן וואיטשעכס פּאַלאַץ און וויל אים אָפּטון א שפּיצל?

ר' פּייווקע דער ליטוואַק האָט די גאַנצע מחנה ארויסגעפירט אויפן זעלביקן פעלד, וווּ ער איז די נאַכט צופריער געגאַנגען מיט דעם שייגעץ סטעפּאַן. מען איז צוגעקומען צו דער סטעזשקע מיט די ביימער.

ר' פּייווקע האָט אַלעמען געהייסן זיך אויסשטעלן אין צוויי שורות. א שורה זכרים און א שורה נקבות. די פּריצים און די פּריצהס האָבן זיך

געמוזט אוועקשטעלן באַגלייך מיט די נידעריקסטע משרתים פון פּאַן וווי־טשעך. עס האָט די פּריצים אַפילו נישט געשמעקט און זיי האָבן זיך גע־דרייט ביי די וואָנצעס. נאַר פּאַרפּאַלן! ר׳ פּייוּוקע הייסט, און עס איז נישטאָ וואָס צו מאַכן.

ר׳ פּייוּוקע האָט געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן:

— דער צדיק, פּאַן פּלאַכטע, איז איצט שטאַרק פאַרטון אין זיינע תפילות. דאָס שווערסטע מוז ער נאָך בייקומען. על־כן דעריבער, האָט ער באַפוילן, אַז איך, ד״ה זיין דינער ר׳ פּייוּוקע, זאָל דערוויילע טון די פּראָס־טערע מעשים, כדי געוווירן צו ווערן ווער עס האָט געגנבעט דאָס קעס־טעלע. פאַרשטייט זיך, אַלצדינג וועט געטון ווערן אונטער דער השגחה פון פּאַן פּלאַכטע.

דאָ האָט ר׳ פּייוּוקע געהייסן די לאָקאַיעס אַריינפירן סימכע פּלאַכטען צווישן די צוויי שורות. ר׳ פּייוּוקע איז געגאַנגען פון פּאָראויס. הויך אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן סימכע פּלאַכטעס באַקאַנטן שטעקן. מיר מוזן נאָך צוגעבן: פאַרנדיק פון נאַרקאָווע אין פּאַלאַץ אַריין צום פּריץ האָט ר׳ פּייוּוקע נישט פאַרגעסן מיט זיך מיטצונעמען דעם באַרימטן שטעקן פון סימכע פּלאַכטען, כדי מיט אים צו טון די וווּנדער, ווען מען וועט דאַרפן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פּרווו. דאָס הייסט: צו געפּי־נען צווישן די לעבעדיקע מענטשן דעם גנב פונעם קעסטעלע.

ר׳ פּייוּוקע איז צוגעגאַנגען צום ערשטן פון די זכרים און האָט אים לייכט אָנגערירט מיט סימכע פּלאַכטעס שטעקן. באַלד האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און הויך געזאָגט: ניין! ער איז נישט דער גנב. אַזוי איז ר׳ פּייוּוקע צוגעגאַנגען צו אַ יעדן איינעם פון די זכרים. סיי צו די פּראָסטע משרתים, סיי צו די פּריצים. אַלע זענען געווען בלאַס ווי דער טויט. מחמת יעדער, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט, אַז ר׳ פּייוּוקע זאָל אים אָנרירן מיטן שטעקן, האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס וועט אויס־פאַלן זיין פּסק. די אימה איז געווען אויף אַלעמען גלייך, גלייך ווי אַלע וואָלטן געווען שולדיק. דער, וואָס איז שוין געשטאַנען פון הינטן און ר׳ פּייוּוקע האָט שוין אויף אים געזאָגט דעם גליקלעכן „ניין״, האָט ממש געוואָלט טאַנצן פון שמחה. טויזנט שטיינער האָבן זיך אים אַראָפּגע־קאָלערט פון האַרץ.

ר׳ פּייווקע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער שורה פון זכרים און גע־הייסן די לאָקאַיעס אַריינפירן סימכע פלאַכטען צווישן די נקבות. די חשובע פריצהם אין זייערע בגדי־מלכות זענען נעבעך געשטאַנען צוזאַמען מיט די פּראָסטע משרתות און קעבינס. ר׳ פּייווקע איז ווידער געגאַנגען פון פּאַראַדים מיט סימכע פלאַכטעס שטעקן און געטון דאָס נעמלעכע וואָס פריער.

ר׳ פּייווקע האָט שוין אַלעמען געהאַט אָנגערירט מיטן שטעקן און ביי יעדן איינעם געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשריגן: ניין! ער איז צוגע־גאַנגען צום פּאַן וויטשעך, וואָס איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ פאַרלוירע־נער, מחמת אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז ווידער ווייט פון קעסטעלע און איז ווידער אוים יחסן. ר׳ פּייווקע האָט דעם פּאַן וויטשעך אָנגעקוקט מיט געלאַסענער בנעימות און געזאָגט:

— ניין, יאַשניע פּאַניע פּריץ! אַלע דיינע מענטשן זענען גאָלע ערלעכע לייט. צווישן זיי האָבן מיר נישט וואָס צו זוכן. דער גנב איז נישט צווישן די לעבעדיקע.

הגם די שמחה פון אַלעמען איז געווען אין לשער, וואָרים אַלע — איבערהויפּט דעם פּאַן וויטשעכס משרתים — זענען געווען זיכער, אז איצט האָט עס גענומען אַן עק צו די חשדים, זוכעניש און שמייסעניש — פונדעסטוועגן האָבן זיי געקוקט מיט גרויס רחמנות אויפן צעטומלטן נאַרקאָוער שליאַכטשיץ. מען האָט געזען בחוש: דעם פּאַן וויטשעך ווערט נישט גוט און ער האָט בדעה אָוועקצופאַלן אין סאמע מיטן פעלד.

27

קאַפּיטל צוואַנציק

מען נעמט זיך צו די דרייצן ביימער. — וואָס זאָגט דיר דער בוים. — יאַשניע פּאַניע? אונטער מיר ליגט דאָס גאָלדענע קעסטעלע! אַרום דעם גאָלדענעם קעס־טעלע טוט זיך און טוט זיך.

ר׳ פּייוועקע דער ליטוואַק האָט דעם פּאַן וואָיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּ־לינסקי געגעבן סימכע פּלאַכטעס שטעקן אין דער האַנט אַריין, און גע־זאָגט אויפן הויכן קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַצינד וועלן מיר גיין זוכן דאָס גאָלדענע קעסטעלע!

ר׳ פּייוועקע איז געגאַנגען פאָראויס צוזאַמען מיטן פּאַן וואָיטשעך. נאָך אים איז געגאַנגען סימכע פּלאַכטע געפירט פון די לאָקאַיעס. נאָך זיי — דער אנשים, נשים וטף.

מען איז צוגעקומען צום ערשטן פון די דרייצן טאָפּאָל־ביימער.

— קלאַפּ דריי מאָל אָן אין בוים מיטן צדיק פּאַן פּלאַכטעס שטעקן!

— האָט ר׳ פּייוועקע געזאָגט צום פּאַן וואָיטשעך.

דער פּאַן וואָיטשעך האָט דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין בוים.

— האָסט געהערט וואָס דער בוים זאָגט דיר, יאַשניע פּאַניע? — האָט ר׳ פּייוועקע געפרעגט מיט גרויס פּשטות.

— ניין, איך האָב גאָרנישט געהערט — האָט דער פּאַן וואָיטשעך געזאָגט אַ דערשראָקענער.

— דער בוים זאָגט דיר — האָט ר׳ פּייוועקע הויך גערעדט, אַז אַלע זאָלן הערן — ניין, יאַשניע פּאַניע! — אַזוי זאָגט דער בוים — איך האָב נישט אונטער מיר דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיט דיין יחוס.

— איצט ווע̇לן מיר גיין צו די אנדערעביימער — האָט ר׳ פּייווקע געזאָגט און געהייסן דעם פּאַן וויטשעך אַנקלאַפּן ביי די אנדערע צוועלף ביימער.

ביים דרייצנטן בוים, נאָכדעם ווי דער פּאַן וויטשעך האָט אין אים אָנגעקלאַפּט דריי מאָל, האָט ר׳ פּייווקע פּלוצים געטון א שאַרפן שאָקל מיטן קאָפּ און אַרויסגעכאַפּט ביים פּאַן וויטשעך סימכע פּלאַכטעס יאַמ־שענעם שטעקן.

אַלע זענען דערציטערט געוואָרן.

— דו הערסט וואָס דער בוים זאָגט צו דיר, יאַשניע פּאַניע? — האָט ר׳ פּייווקע כמעט ווי געשריגן.

— ניין, איך הער גאָרנישט — האָט דער פּאַן וויטשעך געענטפערט מיט א שוואך קול.

— יאַשניע פּאַניע! — האָט ר׳ פּייווקע זיך צעשריגן אינמיטן דעם געזעמל פון אַלע איידעלע און פּראָסטע גויים — הערסטו דען נישט, יאַש־ניע פּאַניע, ווי דער דרייצנטער בוים שרייט צו דיר געוואַלד? יאַשניע פּאַניע! — אזוי זאָגט דער דרייצנטער בוים — אונטער מיר ליגט דיין גאָלדן קעסטעלע! אונטער מיר ליגט דיין גאָלדן קעסטעלע, יאַשניע פּאַניע! — אזוי זאָגט דער דרייצנטער בוים.

ס׳איז געוואָרן א שטילעניש. א סך פּריצים האָבן פּאַמעלעכל ארונ־טערגענומען די היטלען. אַלטע גויים האָבן זיך איבערגעצלמט.

ר׳ פּייווקע האָט ווייטער געשריגן הויך:

— זאָל ווערן געברענגט א רידל!

בתוך כדי דיבור האָט מען געברענגט אַ רידל.

ר׳ פּייווקע האָט גענומען דעם רידל אין דער האנט אריין און אים דערלאַנגט דעם פּאַן וויטשעך.

— קיינער טאָר נישט גראָבן סיידן דו אַליין, יאַשניע פּאַניע, נאָר דיר אַליין וויל דער בוים אָפּגעבן דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיטן יחוס, — האָט בנעימותדיק געזאָגט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק.

מיט ציטערדיקע הענט האָט דער פּאַן וויטשעך אָנגעהויבן צו גראָבן אונטערן דרייצנטן בוים. ער האָט אויפגעגראָבן עטלעכע רידלעס און איז

שיעור נישט געפאַלן אין חלשות. — פון צווישן די בוים־וואָרצלען האָט אַרויסגעגלאַנצט דאָס גאָלדענע קעסטעלע מיט זיין יחוס־בריוו.

דער פאַן וויטשעך האָט איצט געוואָלט פאַלן סימכע פלאַכטען צו די פיס. ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט אַרויסגענומען דאָס גאָלדענע קעסטעלע פון אונטערן בוים, עס הויך אויפגעהויבן לעיני כל הקהל און עס אַלעמען געוויזן. עס איז געוואָרן א געשריי און א געוואַלד; דאָס גאָלדענע קעסטעלע! די פאַני יאַדוויגע האָט געוואָלט אַרויספאַלן ר׳ פּייווקען אויפן האַלדז. סימכע פלאַכטע איז געשטאַנען כמעט ווי אַ מת צווישן די צוויי לאָקאַיעס און דער פאַן וויטשעך איז געשטאַנען פאַר אים מיטן קאָפּ אַראָפּ און געוויינט פאַר שמחה. עטלעכע פרומע גויעס האָבן אַנידערגעקניט אין דער מיט־פעלד און אָנגעהויבן צו בלעקערצן.

די פרייד פון דער וועלט איז אַ שאָטן. איז דער שאָטן פון דער וועלט אַ פרייד? וועמען קען געראָטן צו וויסן דאָ באַשייד?

דאָס געשעען איז נאָר אַ ביישפּיל. און דאָס ביישפּיל אַ דריי־שפּיל. אַ מאָל איז דאָרט דאָס קליינע גרויס און א מאָל דאָס גרויסע קליין. אַלצדינג האָט א מיין... און מען דאַרף זיך קאָנען פאַרטראַכטן אַפילו ביי סימכע פלאַכטען.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער פּאַן וויטשעך האַלט ביים פאַרלירן אַ גרעסערן אוצר. — די פּריצהס מיט די גאָלדענע פלעשלעך. — ר׳ משה בער ברענגט אַ טאָפּ לאָקשן און סימכע פּלאַכטע באַווייזט נייע נסים.

וואָלט איך אַפילו געהאַט די שפּראַך און פאַנטאַזיע פון אַ פּאַרציי־טישן מייסטער ווי עס איז געווען יאַנקל לערער פון לאָדזש און וואָלט איך געשריבן דאָס דאָזיקע ווערק מיט אַ גאָלדענער פען — וואָלט עס אויך געווען איבער מיינע כוחות צו באַשרייבן וואָס עס האָט זיך געטון מיט סימכע פּלאַכטען נאָך דעם גרויסן וווּנדער מיטן גאָלדענעם קעסטעלע. דאָס געשריי און די ווינטשעוואַניעס פון די פּריצים האָט דערגרייכט עד לב השמים. די פּריצים און די פּריצהס האָבן פון זיך אַראָפּגעריסן די גאָל־דענע קייטן און אַנדערע תכשיטים און זיי געוואָרפן צו די פיס פון דעם וווּנדער־צדיק פון נאַרקאָווע. דאָס גאָלד האָט זיך געוואַלגערט אַרום סימכע פּלאַכטען גלייך עס וואָלט געווען נייערט בלאָטע.

סימכע פּלאַכטע גופא — וואָס אַרום אים האָט געטומלט אַ וועלט, וואָס מען האָט פאַר אים געוואָרפן די היטלען אין דער הויך און גע־שריגן וויוואַט — ער אַליין האָט נישט געוווסט לא בשוכבו ולא בקומו. ער איז נישט געווען ביי די חושים, האָט נישט געוווסט וואָס מיט אים טוט זיך, האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. ווען נישט די צוויי לאָקאַיעס, וואָס האָבן אים אונטערגעהאַלטן, וואָלט ער זיך צעשאָטן ווי אַ גל של עצמות.

דער פּאַן וויטשעך אָבער איז געווען שטאַרק בגילופין. ער האָט

געשפּרונגען און געשריגן נאָך גאָר ווי אַ יונגערמאַן. געוויינט און געלאַכט און זיך מיט אַלעמען געקושט, סיי מיט זכרים און סיי מיט נקבות. נאָך אויפן פעלד אונטער די צוועלףביימער איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ משה בערן און אים געשאָנקען צען יאָר ארענדע פאַר דער קרעטשמע, און האָט אים נאָך צוגעגעבן אַ בייטל מיט רענדלעך, — עס האָט געהייסן אַ מתנה פאַר דער יידענע גענענדל.

אינמיטן די שמחות און קושעניש האָט די פּאַני יאַדוויגע געטון אַ קוק אויף סימכע פּלאַכטען. איר איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. זי האָט געזען: אָט־אָט וועט דער גרויסער צדיק אויסהויכן די נשמה אין די הענט פון די ביידע לאָקאַיעס. זי האָט אַ געשריי געגעבן צום פּאַן וווּיטשעך וואָס האָט נישט אויפגעהערט זיך צו דרייען די וואָנצעס און אַרומצוטאַנצן פון גרויס האָפערדיקייט.

— וווּיטשעך! האָט די פּאַני יאַדוויגע געגעבן דעם גרויסן געשריי, מיר האָבן טאַקע דאָס טייערע גאָלדענע קעסטעלע; מיר האַלטן אָבער ביים פאַרלירן אַן אַנדערן און נישט קיין קלענערן אוצר. גיב אַ קוק, וווּיטשעך! האָט די פּאַני יאַדוויגע געשריגן און מיט ביידע הענט געוויזן אויף סימכע פּלאַכטען — דער פּאַן צדיק פּאַסט!

דער פּאַן וווּיטשעך האָט אָנגעקוקט סימכע פּלאַכטען, און אים איז אויך פונדאַסניי פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. צו פאַרלירן אַזאַ וווּנדער־טוער אין זיינע גיטער, איז אויך נישט קיין קליין אומגליק! דער פּאַן וווּיטשעך איז בלאַס געוואָרן און געגעבן דעם הויכן געשריי:

— דער יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַן צדיק פּאַסט! שוין זאָל געברענגט ווערן די קאַרעטע!

עס האָט זיך פון אויפסניי אָנגעהויבן אַ גרויס פאַרעריי אַרום סימכע פּלאַכטען. די פּריצהס האָבן אַרויסגענומען פון זייערע געשטריקטע ביי־טעלעך גאָלדענע פלעשלעך מיט שמעקוואַסער און זיי אונטערגעשטופּט סימכע פּלאַכטען אונטער דער נאָז. די נאָז פונעם נאַרקאָווער וואַסער־טרעגער איז נישט געווינט געווען צו אַזעלכע איידעלע האַריץ־דערכאַפּע־נישן. זי האָט נישט געוווּסט דערפון, בעת סימכע פּלאַכטע האָט נאָך, פאַר קיין שום ייד געדאַכט, געטראָגן שאַנדעס אויף זיינע נאַקעטע פּלייצעס.

און אויך נישט שפּעטער צווישן די טעפּ פון פּעשען דער יתומה. צו די איידעלע געשמאַקן פון די גאָלדענע פּלעשלעך, וואָס די פּריצהם האָבן איר צוגעטראָגן האָט זיך סימכע פלאַכטעס נאָז צוגעהאָרכט ווי המן צום גרעגער. דאָס לשון פון אַ גרויסער שיסל געקעכץ — אָט דאָס וואָס זי האָט פאַרשטאַנען. סימכע פלאַכטע איז געוואָרן ווייסער און ווייסער. קוים וואָס די לאָקאַיעס האָבן אים געקאָנט דערהאַלטן אויף די פיס.

בינתים איז אָנגעקומען די קאַרעטע און מען האָט דעם נאַרקאָווער צדיק קוים באַוויזן אַוועקצוזעצן אויבנאָן. אַרום אים אין דער קאַרעטע האָבן זיך אַוועקגעזעצט די עלטערע פּריצהם. זיי האָבן כסדר אים אונטער־געטראָגן אונטער דער נאָז די גאָלדענע פּלעשלעך מיט שמעק־וואַסער. די קאַרעטע איז הענדום־פּענדום געפאָרן אין הויף אַריין. ר׳ משה בער דער אַרענדאַר האָט געקריגן דעם שאַרפן באַפעל למען־השם צו לויפן ווי אַ פייל פון בויגן און ברענגען צום פּאַן וויטשעך אין פּאַלאַץ, וואָס עס געפינט זיך נאָר אין קרעטשמע פון עסנוואַרג. וואָרים, הגם אין די טעפּ פון דער הויפּישער קיך קאָכט זיך די גרויסע סעודה לכבוד דעם נס — פאָרט וועט דער פּאַן צדיק דערפון נישט טועם זיין די גרוים פון אַ שמעק־טאַבאַק. דער פּאַן וויטשעך האָט ר׳ משה בערן צוגעזאָגט: אויב ער וועט באַווייזן צו קומען באַצייטנס, איז אַ חוץ די צען יאָר געשענקטע אַרענדע, וועט ער נאָך צוקריגן פינף בחינמדיקע יאָר אַ צולאָג.

אין פּאַלאַץ האָט מען סימכע פלאַכטען אַוועקגעזעצט אויבנאָן אויף דער שענסטער און רייכסטער פאָטער־שטול. דער קאָפּ מיטן ספּאָדיק האָט זיך אויף אים געוואַקלט ווי ביי אַ געשאָכטענער גאַנדז. אָט־אָט האָט ער געהאַלטן ביי יציאת־נשמה.

ר׳ משה בער האָט געבראַנגט אַ גרויסן טאָפּ מיט הייסע לאָקשן. ר׳ פּייווקע האָט גענומען אַ לעפל און אַריינגעגאָסן סימכע פלאַכטען אין מויל אַריין דעם ערשטן לעפל עולם־הזה. סימכע פלאַכטע האָט באַלד גע־עפנט די אויגן. מען האָט געזען בחוש, אַז ער קומט צוריק צו די כוחות. ער האָט געטון אַ קוק אויף ר׳ פּייווקען ווי אַ געשלאָגענער הונט. ר׳ פּייווו־קע האָט געזאָגט: עסט, ר׳ סימכעצקע! סימכע פלאַכטע האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און געוויזן לעיני כל הפּריצים והפּריצהם אַז ער קאָן זיך אַן עצה געבן מיט אַ טאָפּ לאָקשן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

קיין נאַרקאָווע מיטן פּאַן צדיק! — ווי עס וואָלט געפּאַרן דאָס וואַרשעווער מלכות. — אָרים און רייך ברענגען מתנות.

אין פּאַלאַץ פון פּאַן וווּיטשעך האָט מען נישט לאַנג באַלאַמוטשעט. מען האָט געהייסן שפּאַנען די הויפּישע קאַרעטעס כדי אָפּצופירן מיט גרויס פּאַראַד דעם פּאַן צדיק אַהיים קיין נאַרקאָווע. די לאַקאַיעס און משרתים האָבן דערווייל געפּאַקט קאַסטנס מיט מתנות, זעק און קוישן פולע מיט כל־טוב. פאַר דעם פּריצישן גאַניק האָבן שוין געוואַרט די קאַרעטעס פון פּאַן וווּיטשעך און די קאַרעטעס פון די שכנישע פּריצים. אַלע גרויסע לייט און שליאַכטשיצעס האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן אין פּאַראַד לכבוד דעם וווּנדער־ייד און אים באַגלייטן קיין נאַרקאָווע. די פּריצישע פערד האָבן קוים געקאָנט איינשטיין און זיי האָבן געהירזשעט און געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס. די קוטשערס האָבן געקנאַלט מיט די בייטשן. אַלע האָבן זיך געפרייט. די פּריצים האָבן זיך געפרייט מיטן פּאַן וווּיטשעך און די פּראָסטע פּרעמדע גויים האָבן זיך געפרייט מיט די גויים פון נאַרקאָווער הויף. ערשט איצט האָבן די משרתים פון פּאַן וווּיטשעך געקאָנט אָפּעטעמען אָן פּחד און אָן אימה. אַלע האָבן גערעדט פון סימכע פּלאַכטען ווי פון אַ מלאך־הגואל און אים געווינטשעוועט לאַנגע יאָרן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן אַריינצוזעצן אין די קאַרעטעס.

נאָכן טאָפּ מיט לאָקשן איז עס נישט געווען דער אייגענער סימכע פּלאַכטע. ער האָט אפילו נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס דאָ איז געשען. אַז מען וועט אים נישט הענגען און אַז דער שווילטאַג הויבט זיך אָן מיט

גאַר אַ נייעם אימפּעט — דאָס האָט ער געזען ווײל און באַשיימפּערלעך. ווי די פּריצים און פּריצהס פאָרען זיך און לויפן אַרום אים — אויף דעם האָט ער נישט געקוקט. דער עיקר האָט ער געזען און געזען די זאַך וואָס מען שלעפּט פונעם פּאַלאַץ און מען לאָדנט זיי אויף אויף פורן פון זיינעטוועגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פעשען דער יתומה און אַ קוק געטון אויף ר׳ פייוועקן דעם ליטוואַק וואָס האַלט דעם באַקאַנטן יאַמשענעם שטעקן אין דער האַנט.

מען האָט סימכע פּלאַכטען אַוועקגעזעצט אויבנאָן אין דער ערשטער און שענסטער קאַרעטע. דער פּאַן וווּיטשעך און די פּאַני יאַדוויגע האָבן מיט די אייגענע הענט אים אַרומגעדעקט מיט טייערע זיידענע טיכער. די אַנדערע פּריצים און פּריצהס האָבן אויך אַריינגעשטעקט די קעפּ אין סימכע פּלאַכטעס קאַרעטע און נאָך אַ מאָל געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויפן צדיק. ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק איז געשטאַנען ביי דער קאַרעטע ווי עפּעס אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער אָרימער ייד. אויפן קאָפּ האָט ער, ווי תמיד, געטראָגן דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל און אינגאַנצן האָט ער אויסגעקוקט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ער איז געשטאַנען און געקוקט, קוים־קוים געשמייכלט.

ווען סימכע פּלאַכטע איז שוין געזעסן אויבנאָן אין דער קאַרעטע אַרומגעבעט ווי אַ מלך, איז דער פּאַן וווּיטשעך צוגעגאַנגען צו ר׳ פייוועקן און האָט פאַר אים אַרונטערגענומען דאָס היטל און געפרעגט:

— קלוגער זשידעק און געטרייער דינער פון יאַשניע פּאַן צדיק! צי ווּעסטו מיר דערלויבן צו פאָרן אין איין קאַרעטע מיטן וווּנדער־טוּער?

ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— מילאַ, אַז דו בעטסט מיך, יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע, קאָן איך עס דיר נישט אָפּזאָגן. זעץ זיך אַריין אין דער קאַרעטע!

דער פּאַן וווּיטשעך האָט זיך מיט גרויס גאווה אַריינגעזעצט צו סימכע פּלאַכטען אין קאַרעטע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל אַקעגנאיבער דעם אויבנאָן.

באַלד איז אויפן באָק אַרויפגעקראָכן ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט רעכטס ביים קוטשער און כסדר געהאַלטן אין דער האַנט סימכע פּלאַכטעס יאַמשענעם שטעקן. נאָך ר׳ פייוועקן איז אויפן

באַק אַרויפֿגעקראָכן ר׳ משה בער דער אַרענדאַר. און האָט זיך אָוועקגע־זעצט אויף דער לינקער זייט ביים קוטשער.

מען האָט פֿאַרמאַכט די טיר פֿון דער קאַרעטע און זיך געגרייט צום פֿאָרן. די פּריצים און די פּריצהס זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר און אַריינגעשטעקט זייערע קעפּ דורך דעם פֿענצטערל.

— וויוואַט יאַשניע ווייעלמאָזשני פּאַן צדיק! האָבן עטלעכע שליאַכ־טשיצעס געשריגן און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס.

די פּאַני יאַדוויגע מיט די טעכטער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער צווייטער קאַרעטע. די אָפּגעקומענע פּריצים — אין דער דריטער קאַרעטע. די פּריצישע געסט און שכנים — אין די איבעריקע קאַרעטעס. אַרום און אַרום איז עס געווען ביי אַ צען קאַרעטעס. עס האָט אויסגעקוקט ווי דאָ וואָלט געפֿאָרן נישט קיין קלענערער ווי דאָס וואַרשעווער מלכות.

פֿון הינטן נאָך די קאַרעטעס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט פּויערישע פֿור־לעך. אויך דאָס פּראָסטע גויאישע פֿאָלק האָט נישט געוואָלט בלייבן הינ־טערשטעליק אין דעם גענאַד פֿונעם גרויסן נאַרקאָווער צדיק. אויף די פֿור־לעך האָבן די פּויערים אַרויפֿגעפּאַקט וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט פֿון זייער באַלעבאַטישקייט: זעק מיט קרויט און קאַרטאָפֿל, זעק מיט קאַשע און גרויפּן. טייל האָבן אויף זייערע פֿורלעך אַרויפֿגעלייגט געבונדענע עופֿות, צי נאָר אַ יונג קעלבל. אָרימע פּויערים וואָס האָבן פֿאַרמאָגט נישט מער ווי דעם דלות האָבן אויך געוואָלט זיין שטיקלעך מחותנים אויף דער חתונה. אַ יעדער פּויער וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס האָט עס איינגעפּאַקט אין אַ זאַק צי אין אַ קויש. באין סום — אָן אַ פֿערדל — האָט מען במחילה גענומען די פּיס אין די הענט אַריין און נאָכגעשפּאַנט צופֿוסנס דעם גרויסן מלכותדיקן אַריינפֿאָר פֿון סימכע פּלאַכטען אין שטעטל נאַרקאָווע.

כדי צוצוגעבן גאָר דעם גרויסן פּאָמפּ האָט דער פּאַן וווּיטשעך באַ־פֿוילן אַז דריי רייטערס מיט טראָמפּייטן אין די הענט זאָלן רייטן פֿאָראויס און שאַלן אין דער לופֿטן: ער פֿאָרט! עס פֿאָרט סימכע פּלאַכטע!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

נאַרקאָווער יידן פאַרגעסן די דאגות־פּרנסה. — מען הויבט זיך אָן דערמאָנען מעשיות וועגן סימכע פלאַכטען. — אין ר׳ תנחומס באַק־אויוון איז ליכטיק ווי בייטאָג.

דאָס שטעטעלע נאַרקאָווע האָט געהאַט, ווי מיר ווייסן, די גרויס פון אַ טל־ומטר אין אַ קליין סידורל. יידן האָבן דאָרט נעבעך שווער געהאָרעוועט אויף דאגות־פּרנסה און אויסגעקוקט אויף די ווינטן, מאַין יבוא עזרי? טאָמער קומט אַ פּויער עפּעס קויפן צי פאַרקויפן? אַז משיח וועט אם ירצה השם קומען וועלן מיר צוריק פאָרן קיין ארץ־ישראל. יידן וועלן זיך דעמאָלט אויסגלייכן די ביינער. אויף די ביימער, ווי מיר ווייסן, וועלן דאָרט אין ארץ־ישראל וואַקסן פיש מיט בולקעס, און די צווייגן וועלן זיין ציבעבעס מיט ליולקעס. אַלצדינג, אם ירצה השם אין די טעג פון משיחן. דערווייל, ביז וואָס־ווען, זענען מיר אין פינצטערן גלות און יידישע פּרנסות זענען שווער ווי דער קריעת־ים־סוף.

פונדעסטוועגן — נאַרקאָווער יידן האָבן מיט אַמאָל פאַרגעסן צו טראַכטן ווי אַזוי מען וועט באַווייזן שבת צו מאַכן. אין די דריי באַרימטע טעג וואָס סימכע פלאַכטע מיט ר׳ פייוועקן זענען געזעסן ביי ר׳ משה בערן אין דער קרעטשמע, האָט מען אין נאַרקאָווע נישט מער גערעדט נאָר געשמועסט פונעם פּריץ מיטן וואַסערטרעגער. אין בית־המדרש האָט מען געשמועסט דערפון אַפילו אינמיטן דער „קריאה״. בונם דער אונטער־שמש האָט נישט איין מאָל געמוזט קלאַפּן אין „שולחן״ אריין און שרייען: שאַ! להבדיל אין מרחץ האָט מען געשמועסט דערפון סיי אונטן אין דער מיקווה

גופא בין אונטערטונקען לאונטערטונקען און סיי אויבן אויף די שוויץ־בענק ווו יידן האָבן זיך געשמיסן מיט הושענא־בעזעמלעך. מען האָט גע־שמועסט דערפון אינדרויסן אויפן מאַרק און אינעווייניק אין די קרעמ־לעך, — און אַפילו גאָר אינדערהיים נאָך וועטשערע צווישן די דברים בין איש לאשתו.

דאָס וואָס געגענדל די אַרענדאַרקע האָט געזאָגט צו ר' משה בערן אַז מיט סימכע פּלאַכטען איז נישט פּשוט — האָט אַריינגעשלאָגן ווי אַ דונער אין די אויערן פון נאַרקאָווער יידן. עס האָט זיך זיי אָנגעהויבן לייגן אויפן שכל. פּראָסטע יידן און ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען מעשיות פון סימכע פּלאַכטען. די מעשיות האָבן בפירוש געשמעקט מיט למד־וואָוו, ווייבער האָבן זיך געשווירן, אַז נאָך בעת סימכע פּלאַכטע האָט געטראָגן וואַסער און אויסגעלעקט די טעלער, האָבן זיי שוין חושד געווען אַז מיט אים איז נישט פּשוט. אַ יידענע האָט דערציילט: אַמאָל ביינאַכט איז זי אַדורכגעגאַנגען פאַר ר' תנחום דעם בעקערס קעלער; אינעווייניק אין באַק־אויוון איז געווען ליכטיק ווי בייטאָג. מן־הסתם איז דאָרט בייזאַמען מיט סימכע פּלאַכטען געזעסן אליהו הנביא און זיי האָבן געלערנט סתרי־תורה.

דער רב, די רביצין און עטלעכע יידן לומדים האָבן אַפילו געטענהט: עס איז שווערלעך צו גלויבן אַז מיט סימכע פּלאַכטען איז נישט פּשוט. סטייטש! נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט, און נאָדיר אַ למד־וואָוו! מאַלע וואָס גויים זאָגן. און אויב יאָ? וואָס האָט דאָ צו טון אַ ליטוואַק? און ווי קומט אַ ליטוואַק צו די למד־וואָוו?

נאָר ווער האָט זיי געהערט? נאַרקאָווע איז געגאַנגען כאַדראַם. מען איז גרייט געווען פאַר סימכע פּלאַכטען אַראָפּצונעמען דאָס היטל און אויף זיך אַליין צו קוקן מיטן גרעסטן ביטול ווי מיר וועלן עס בלי נדר דער־ציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

דעם רב דערקוטשעט אַ שווערע תוספות. — רבי, ער פאַרט! — דער רב טוט אַ שמעק טאַבאַק און זאָגט: ביטול־תורה.

במשך די גאַנצע דריי טעג האָט נאַרקאָווע דערציילט פון סימכע פלאַכטעס התנהגותן אין דער קרעטשמע; ווי אַלע גויים, סיי פּריצים און סיי פּראָסטע ערלים, בוקן און בויגן זיך פאַר אים כורעים ומשתחוים. שפּעטער האָט מען דערציילט פון די נסים ונפלאות וואָס סימכע פלאַכטע באַווייזט אויף דער ערד און אויפן הימל.

דער נאַרקאָווער רב זאָל לעבן האָט עס געהאָרכט מיט איין אויער. הגם ער איז געווען אַ ייד אַ תם און אַ גרויסער מאמין — האָט ער נאָר געגלויבט אין זאַכן וואָס גייען גלייך אויפן דרך־התורה. מאַלע וואָס גויים און להבדיל ווייבער זאָגן! אַזוי האָט ער געזאָגט צו דער רביצין און דער־ביי געטון אַ שמעק טאַבאַק.

אַ חוץ דעם האָט אים לעצטנס שטאַרק דערקוטשעט אַ קשיה פון אַ תוספות און ער האָט דעריבער נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. כסדר איז ער געזעסן ביי דער גמרא, געקלערט, געטראַכט און געמישט די גרויסע און אַלטע ש״ס־בלעטער.

ער איז שטאַרק פאַרטון געווען אין הארבן תוספות און האָט אַפילו נישט געהערט ווי אינדרויסן פאַר די פענצטער פון דער בית־דין־שטוב איז אַ געשטיי פון יידן און ווייבער. ווייסע חברה לויפן און שרייען: ער פאָרט! דער רב זאָל לעבן האָט אַפילו נישט געהערט ווי עס שאַלן אין דער לופטן די טראָמפּייטן פון דעם פּריצם רייטער. די קשיה פון תוספות

האָט אים געעגבערט אין קאָפּ און ער איז געבליבן שטיין אויפן ים־התלמוד ווי אַ שיף, וואָס די ווינטן האָבן אויפגעהערט צו בלאָזן אין אירע זעגל־טיכער.

די טיר פון דער בית־דין־שטוב האָט זיך פּלוצעם אַ ריס־אויף געטון. אויף דער שוועל זענען געשטאַנען ר׳ געצל דער שול־שמש מיט דער פּאַ־פּירענער לאַמטערנע און ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער מיטן הילצערנעם שול־האַמער. ביידע אין איין קול און אָן אָטעם האָבן אַ געשריי געטון:

— רבי! ער פּאָרט:

דער רב האָט גענומען די רויטע פּאַטשיילע און זי אַוועקגעלייגט אויף דער אָפענער גמרא און האָט געטון אַ שמעק טאַבאַק.

— רבי! האָבן ביידע נאַרקאָווער שמשים ווידער צוזאַמען געזאָגט, עס טוט זיך אין שטעטל אויף טיש און אויף בענק. די וועגן זענען פול מיט פּריצישע קאַטשן און מיט מחנות גויים. מען רייט, מען שרייט, מען טראָמ־פּייטערט. יידן זאָגן, אַז סימכע פּלאַכטע פּאָרט צוזאַמען מיטן פּריץ אין אַ גאָלדענער קאַטש, מען זאָגט אַז דער ליטוואַק גייט אָנגעטון אין אַ גאָל־דענער יאַרמלקע, ער טרייבט אָן די סוסים זאָגט מען. יידן זאָגן, אַז עס איז נישט פּשוט מיט סימכע פּלאַכטען. עטלעכע נאַרקאָווער עקרות, וואָס האָבן שוין אומעטום איינגעריסן וועלטן און האָבן גאָר נישט געקאָנט פּועל זיין, לאָזן זיך שרייבן קוויטלעך ביי ר׳ שמשין דעם סופר — זיי האָפן אויף דעם נייעם בעל־מופת.

דער רב האָט גענומען גאָר אַ שטאַרקן שמעק טאַבאַק, אַוועקגעלייגט די פּאַטשיילע פון דער גמרא און זיך ווייטער גענומען מעיין זיין אין שווערן תוספות.

— עט! האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע און געטון אַ פּאַך מיט דער פּאַטשיילע אין דער לופטן — פון ווען אָן זענען עס גויים געוואָרן מבינים אויף אַ למדן־וואָו? וויים איך וואָס! ביטול־תורה!

ר׳ יאָקל און ר׳ געצל זענען ביידע געבליבן שטיין ווי די לעמעלעך און זענען אַוועק אין קיך צו דער רביצין.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

פּעשעס פינצטערע חלומות. — חלום און וואָר. — פּעשע טוט זיך אָן אין בגדי־מלכות. — נאַרקאָווע קוקט אויס ווי דאָס טעלערל פון הימל.

עס האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט — נאַרקאָווע האָט זיך איינגעהילט אין אַ וואָלקן שטויב. יידן האָבן זיך געשטופּט ביי די ווענט פון זייערע הייזלעך, אַרויסגעקוקט פון די פענצטער פון זייערע דירות און פון די טירן פון זייערע קרעמלעך. דאָס שטעטל און דער מאַרק זענען געווען פאַרנומען מיט די צען פּריצישע קאַרעטעס, מיט די פּויערישע פורלעך און מיט די המונים גויים, וואָס זענען געגאַנגען און געגאַנגען אָנגעלאָדנט מיט זעק און מיט קוישן.

די דריי רייטערס אויף די פערד האָבן נישט אויפגעהערט צו שאַלן מיט זייערע טראָמפּייטן.

ווייבער און פּראָסטע יידן זענען שוין פון כלחוך געווען ביי פּעשען די יתומה און איר דערציילט פון מלכות אין וועלכן סימכע פלאַכטע קומט צופאָרן אַהיים. במשך די דריי טעג האָט זיך פּעשע גוט אויסגעוויינט. ביינאַכט האָט זי געהאַט פינצטערע חלומות. זי האָט באַשיימפּערלעך געזען אין חלום צוויי ביימער. אויף די ביימער איז זי מיט סימכע פלאַכטען געהאָנגען — בלע המות לנצח — מיט שטריק אויף די העלדזער. די פיס זענען זיי געווען געבונדן מיט זעק. פון אונטן זענען געשטאַנען פּויערים מיט לאַנגע בייטשן און האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו שמייסן אַפילו מיטערהייט. איבער די ביימער־צווייגן זענען געפלויגן און געקראַקעט שוואַרצע קראָען און דווקא געוואָלט ביי די געהאָנגענע אויספּיקן די אויגן.

פעשען האָט אָפּגעגאָסן אַ קאַלטער שווייס ווען זי איז געשלאָפן און גע־חלומט. זי האָט געפילט אויף איר לייב דאָס שאַרפקייט פון די בייטשן. ווען די ערשטע שוואַרצע קראָ האָט אַריינגעשטעקט דעם שנאָבל אין פּע־שעס אויג און אָנגעהויבן צו פּיקן — עס איז פּונקט געווען אין חצות — האָט פּעשע פון שרעק געמאַכט אַ יאָמערלעך געוואַלד און אַראָפּגעשפּרונ־גען פון בעט. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז און פאַר די אויגן.

נאָך אַזעלכע ביטערע נעכט איז געוואָרן טאָג אין זומער־לעב. די ליבע זון האָט אַריינגעשיינט צו פּעשען דורכן פענצטער. וואָס נענטער עס איז געקומען צום דריטן טאָג אַלץ מער יידן און ווייבער זענען געקומען און איר דערציילט וואָס דאָס שטעטל דערציילט פון סימכע פלאַכטען איר מאַן. יידן וואָס קומען פון ר׳ משה בערס קרעטשמע שמועסן, אַז סימכע איז טאַקע אַ למדן־וואָו און אַ בעל־מופת. שפּעטער האָט זי געהערט, אַז נאָר־קאָווע גייט כּאַדראַם מיטן גאָלדענעם קעסטעלע.

פּעשען איז שווער געווען אַריבערצוגיין איבער דער גאָלדענער בריק וואָס דאָס מזל האָט פאַר איר אויסגעלייגט אין דער לופטן. אויף דעם וועג פון אירע פינצטערע חלומות צו איר ליכטיקער וואָר האָט פּעשע גע־טרעטן האַמעטנע. עפּעס האָט זיך איר נישט צוגעגלויבט די גאַנצע מעשה. אָבער סוף כל סוף האָט אויך פּעשע געמוזט גלייבן.

ר׳ געצל מיט ר׳ יאָקלען זענען צו איר אַריינגעפאַלן ווי אַ וויכער אוןביידע מיט איין קול האָבן אַ געשריי געטון: ער פאַרט: באַלד נאָכדעם איז אַריינגעלאָפן אַ בלאַסע אויסגעדאַרטע יידענע, אַן עקרה, וואָס איז שוין אויסגעוועזן ווו נאָר אַ גוטער־ייד און אַ בעל־מופת. גוט־יידישע משמשים האָבן זי געקאַנט ווי אַ בייזן שילינגער. די יידענע האָט פּעשען גערופן רביצין און איר אונטערגעשטעקט אַ קוויטל און אַכצן גראָשן ווי אַ פּדיון. רביצין! האָט די יידענע זיך געבעטן ביי פּעשען, פאַרגעסט עס נישט צו געבן דעם רבין ר׳ סימכען!

דאָ האָט זיך פּעשע די יתומה אויפגעשטעלט ווי אַ האָפּערדיקע זאַנג נאָכן האָגל. הענדום־פּענדום האָט זי זיך אָנגעהויבן אָנצוטון די בגדי־שבת, וואָס ר׳ מעכטשע דער שניידער האָט פאַר איר געמאַכט.

די קאַרעטעס מיט סימכע פלאַכטען און מיט די פּריצים זענען מיט גרויס רעש אָנגעפאָרן פאַר פּעשעס טיר. דאָס געסל ווו זי האָט געוווינט

איז געווען שוואַרץ פון פויערים און להבדיל פון יידן. פעשע אַן אָנגעטוענע אין ר׳ מעכטשעס יופקעס און מאַנטילקעס האָט געעפנט די טיר און אַרויס־געשטעקט אינדרויסן אַרויס איר קאָפּ מיט דער קופּקע און מיט די ציטער־נאָדלען.

פון דער ערשטער קאַרעטע האָט פונקט געהאַלטן ביים אַרויסשטייגן סימכע פלאַכטע. באַלד נאָך אים איז אַרויסגעשפּרונגען דער פאַן וויטשעך. פון די איבעריקע קאַרעטעס זענען אַראָפּגעגאַנגען אַלע פּריצים און פּרי־צהס. זיי האָבן זיך געשטופּט אַרום סימכען און אים געוואָלט העלפן גיין. גויים אויף דער גאַס האָבן אַרונטערגענומען די היטלען. פעשע איז גע־בליבן שטיין ווי אַ קלאָץ און געגלאָצט מיט די אויגן. דער באַקופּקעטער קאָפּ האָט זיך איר שטאַרק געשאָקלט מיט אַלע בענדער און ציטער־נאָדלען.

דאָ איז די פאַני יאַדוויגע צו איר צוגעלאָפן, זי אַרומגענומען און זי געקושט אויףביידע באַקן און געזאָגט מיט גרויס גערירטקייט:

— פאַני צאַדיקאָווע! פאַני צאַדיקאָווע!

פעשע האָט נאָך קיינמאָל אין איר לעבן נישט באַקומען אַזאַ איידעלן קוש. זי האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער.

ר׳ פייווקע דער ליטוואַק איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן באָק, געהאַלטן סימכע פלאַכטעס יאַמשענעס שטעקן אין דער האַנט און געשמייכלט.

— וויוואַט יאַשניע פאַן צדיק! האָט עס געהילכט אין דעם געסל.

דאָס שטעטעלע נאַרקאָווע האָט מיט אַמאָל אויסגעקוקט ווי דאָס טעלערל פון הימל.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

סימכע פלאַכטע רבי און פעשע רביצין. — מופתים אין נאַרקאָווע. — ר׳ מעכטשע מאַכט נייע זשיפּי־צעס. — ר׳ פּייוועקע דער ליטוואַק.

פּאַמעלעכל האָט זיך נאַרקאָווע אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צו סימכע פלאַכטעס גדלות. פּראָסטע יידן און ווייבער האָבן אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן ווי אויף אַן אמתן בעל־מופת. איבערהויפּט האָבן ווייבער פאַר אים איינגעלייגט וועלטן. פּראָסטע יידן מיט ביטערע הערצער זענען אריינגעקור־מען צו פעשען און איר דערלאַנגט אַכצן גראָשן כדי זי זאָל פאַר זיי בעטן ביי ר׳ סימכען. פעשע איז גאָר נישט געשטאַנען נאָך די אָרימע יידישע גראָשנס. פאַר איר טיר זענען כסדר פאַרפאָרן די פורן פון פאַן וווישטעך און געברענגט כל־טוב. פויערים פון די דערפער האָבן געברענגט עופות, אייער און פוטער. פונדעסטוועגן — די אַכצן גראָשן וואָס ווייבער און פּראָסטאַקעס האָבן געגעבן, זענען ביי פעשען געווען זייער אָנגעלייגט. מען האָט זי גערופן „רביצין" און דאָס פּנים האָט איר דערביי געשיינט ווי די פולע לבנה. ווי מיר ווייסן פון פריער האָט פעשע געקאָנט ווינטשע־ווען ווי די פרומסטע גבאיטע. זי האָט טאַקע געווינטשעוועט און צוגעזאָגט אַלץ צו באַזאָרגן ביי איר מאַן דעם צדיק סימכע פלאַכטע. זי האָט צוגע־זאָגט מופתים אויפן שאָק.

מען האָט אין נאַרקאָווע אָנגעוויזן אויף עקרות, וואָס זענען געהאָלפן געוואָרן ביי סימכע פלאַכטען. עלטערע ווייבער האָבן געמאַכט בריתן. אָרימעלייט זענען געוואָרן נגידים. אַ מקשה־לילד ביי וועלכער מען האָט שוין געהאַט אָנגעצונדן ליכט און צוזאַמענגעפויקט די חברה־קדישא — איז

ממש מחיה־מתים געוואָרן. פשוט ווי מען וואָלט דעם מלאך־המות אַרויס־געיאָגט מיט אַ בעזים. און אַלץ דערפאַר ווייל מען האָט זי מזכיר געווען ביים אַמאָליקן וואַסערטרעגער.

צו סימכע פלאַכטען גופא האָט פעשע נישט צוגעלאָזט. זי האָט אים געהאַלטן כמעט ווי פאַרשלאָסן. זי האָט אַליין געוואָלט פירן די רביסטווע. דער עיקר האָט זי נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן איר אַריינקוקן אין די טעפּ. זינט דער נייער גרויסער עליה ביים פריץ האָט זיך סימכע פלאַכטע מיישב געווען; איצט באַדאַרף ער זיך שוין נישט מער אויסצוריטשען דעם האַלדז און זיך שאָקלען ביי דער גמרא. אַ שאָד די צייט. סיי ווי זיצט ער פעסט אויפן פערדל. בעסער וועט ער עוסק זיין אין ענינים וואָס זענען אים נענטער צום האַרצן. ער האָט זיך נישט אָוועקגערוקט פון די שיסלען און נישט צוגעמאַכט דאָס מויל לעבן זיי.

עס האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט און סימכע פלאַכטע האָט באַקומען אַ גרויסן בויך און דיקע אויסגעפּאַשעטע באַקן. די ווייסע זשי־פּיצע איז אויף אים מער נישט אַרויפגעגאַנגען. מען האָט געשיקט נאָך ר׳ מעכטשען דעם שניידער. ר׳ מעכטשע איז געקומען מיט זיין גאַנץ קלאַפּער־געצייג און אויפגענייט פאַר סימכע פלאַכטען גאָר נייע גרויסע און ברייטע רבישע זשיפּיצעס. פעשע האָט נישט אַרויסגעלאָזט ר׳ מעכ־טשען פון אויג און אים כסדר געוויזן מיטן פינגער וואָס ווייניקער צו רעדן מיטן רבין זאָל לעבן — אַזוי האָט פעשע געזאָגט. טוט בעסער, ר׳ מעכטשע, וואָס אַ שניידער דאַרף טון און דרייט קיינעם נישט קיין ספּאָדיק.

ר׳ מעכטשע האָט זיך געביסן אויף דער צונג. סימכע פלאַכטעס בויך האָט אים פאַרבליפט. ער האָט געשווינד אַ קוש געטון די מזוזה און איז אַוועקגעגאַנגען.

אינדערהיים האָט זיך ר׳ מעכטשע געקראַצט אונטער דער פּאַטילני־צע און געזאָגט צו זיין אשה די מעכטשעכע: הלמאי זאָל איך זאָגן — סימכע פלאַכטע קוקט טאַקע אוים ווי אַ גוטער־ייד.

ווי מיר ווייסן איז פעשע נישט געווען קיין גרויסע חכמה, נאָר פאַר זיך אַליין האָט זי געטויגט. זי האָט געוווסט, אַז מען דאַרף סימכע פלאַכ־

טען וואָס וויינִיקער ווייזן פאַר מענטשן, איבערהויפּט פאַרן רב און אַנ־דערע לומדים.

וואָס טוט מען אָבער שבת מיטן דאַווענען?

האָט זי זיך געגעבן אַ קלוגע עצה און געמאַכט אַ מנין ביי זיך אין דער היים. ס׳איז געווען גאָר רביש! געדאַוונט האָבן דאָרט סאַמע פּראָסטע ייִדן, וואָס האָבן אַליין קוים געקאָנט צעקייען אַ וואָרט אין סידור. ביי זיי איז רעבּע געווען צו זען ווי סימכע פלאַכטע שטייט ווי אַ גולם ביי דער מזרח־וואַנט און גלאָצט אויף דער סטעליע. ס׳זענען געווען ייִדן וואָס האָבן אין אים געגלויבט.

תחילת האָט פּעשע אָנגעשלאָגן ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק, אַז ער זאָל ווערן גבאי אין סימכע פלאַכטעס מנין. ר׳ פּייווקע האָט געטון אַ ציִ מיט דער פּלייצע און געזאָגט: עט, וויים איך וואָס, פּעסעצקע! געדאַוונט האָט ר׳ פּייווקע ווייטער ביים אויוון פון נאַרקאָווער בית־המדרש. נאָר געלערנט האָט ער ביי סימכע פלאַכטען אין שטוב. געלערנט האָט ער יומם ולילה און תמיד געהאַט ליגן ביי דער גמרא דאָס אָרעמאַנסקע זעקל מיט דער ציבעלע. פונעם זעקל האָט ער אַרויסגענומען וואָס ער האָט באַדאַרפט אויף חיונה. פון סימכע פלאַכטעס כל־טוב האָט ער נישט געוואָלט טועם זיין כי הוא זה.

טייל מאָל איז ר׳ פּייווקע געזעסן, ווי זיין שטייגער איז אויף אַ שטיין ביים ראַנד פון נאַרקאָווער וואַלד. ס׳רוב איז עס געווען מנחה־צייט פאַר זון־אונטערגאַנג. ר׳ פּייווקע איז געזעסן און געהאַלטן דעם דאַרן ליטווישן פינגער אויפן שטערן. ייִדן האָבן דערציילט אַז דאָרט רעדט ער מיט עמיצן. אויף קלאָר האָט מען עס נישט געוווסט.

סימכע פלאַכטע האָט געדאַרפט אַרויפגעשלעפּט צו ווערן אַלץ העכער און העכער אויף די שפּיצן פון גלגל־החוזר. די גאָלדענע שטריק האָבן נישט געטאָרט ווערן לויזער. דער וואַסערטרעגער האָט באַדאַרפט אַרויפצוקומען גאָר העט — כפי המדובר — ווי ר׳ פּייווקע האָט זיך מיטן מזל אויס־גערעדט. מירן נישט מאַכן דערפון קיין סוד און עס בציבור דערציילן אין אונדזער וואַזשנעם חיבור פאַר גאַנץ בראַד.

אַכטער טייל

קאַפּיטל איינס

דער חילוק צווישן נאַרקאָווער אָרעמעלייט און דעם וואַרשעווער מלכות. — יועצים. — עס איז נישטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין די מלכי־ארץ.

נישט בלויז נאַרקאָווער אָרעמעלייט, נייערט אָרעמע יידן בכל תפוצות־ישראל מיינען, אַז אויף דער וועלט זענען נישטאָ קיין גרעסערע דאגות ווי די זאָרג ווי אַזוי מען נעמט אויף שבת. ווי מיר ווייסן, זענען דאגות־פּרנסה געגליכן צו קריעת ים סוף. גיי און שפּאַלט אַלע וואָך דעם ים!

מען האָט אַפילו געוווּסט: פאַראַן נאָך אַ גרעסערע דאגה ווי דאגות־פּרנסה. און דאָס איז דאגות נכסים. לאָמיר נעמען אַ ייד אַ גביר. אויף שבת האָט ער דווקא יאָ, און טאַקע אויף אַ פעטן שבת, אַ שבת — ווי מיר זינגען אין די זמירות — מיט מעדנים און ברבורים אבוסים, געשטאָפּטע אינדיקעס. אָבער דעם גביר קוועטשט דער שוך אַ סך מער ווי דעם אָרימאַן. ער, דער גביר, שלאָפט נישט קיין נעכט און די האָר קריכן אים אויס פון קאָפּ צוליב די ביטערע דאגות. וואָס איז? עס לאָזן אים נישט שלאָפן די תבואות, וואָס ער האָט אין די שפּייכלערס, דאָס געהילץ, וואָס שווימט אויף דער ווייסל קיין דאַנציג, די רענדלעך, וואָס ער האָט שטיין ביי די בעלי־חובות. וואָס מער שפּייכלערס, מער געהילץ, מער רענדלעך — אַלץ ביטערער זענען די נעכט און אַלץ שאַרפער די דאגות. דער רבונו של עולם נעמט אַ בשר ודם און צעשפּרייט אים אויף שבעה ימים. דאָס האַרץ קאָן פּלאַצן.

מיינען יידן, אַז לכל הפּחות די גרויסע קעניגן פון דער וועלט לעבן באמת אין אַן אייביקן ווילטאָג און ווייסן נישט וואָס דאגהנען הייסט.

וואָס פעלט זיי? די שטעט זענען זייערע, די וועלדער און די פעלדער — זייערע, די מינץ — זייערע און זיי קאָנען מאַכן רענדלעך וויפל עס גלוסט זיך. דערצו האָבן זיי חיילות צופוס און צופערד. טאָמער האָט עמיצער אַ בייזן געדאַנק, נעמען די חיילות און שטעכן און שיסן און מאַכן פון יענעם אַ תל־עולם.

אַזוי איז מען זיכער געווען אין נאַרקאָווע. מיט אירע שמחות און דאגות איז נאַרקאָווע געלעגן אין מיטן אַ ים פון גויים. אַ שטויבעלע אין מיטן די ווינטן פון דער וועלט. די ווינטן האָבן איר פון דער וועלט ווייניק דערציילט. אירע וועלט־נייעסן זענען געקומען פון הינטערן בית המדרש־אויוון און פון די שוויץ־בענק אינעם מרחץ. טיילמאָל זענען פון ווייטע הקדשים געקומען אָרעמעלייט און ארחי־פרחי און געבראַכט קיין נאַרקאָווע נייעסן פון די מרחקים.

אין די אויגן פון נאַרקאָווער יידן איז די גרויסע וועלט געווען דער הויף פון פּאַן וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי. אַהין זענען יידן נישט געקומען. ראשית, האָבן הינט נישט צוגעלאָזט. והשנית, וואָס האָבן יידן צו טון אין פּריצישן הויף? סיידן, פאַרשטייט זיך, אַזעלכע יידן ווי ר׳ גאָדל.

אין נאַרקאָווע האָט מען נישט געוווּסט, אַז דער פּוילישער מלך אין וואַרשע האָט אויך זיינע ביטערע דאגות און אַז אונטער דער גאָלדענער קרוין ווערט אויך פּרי גרוי דער קאָפּ. ער האָט זיינע זאָרגן און קאָפּ־ברעכענישן, גרעסערע נאָך ווי די דאגות פון יידן אין נאַרקאָווע, און דערביי העלפן אים די חיילות מיט די ביקסן און שפּיזן ווי אַ טויטן באַנקעס.

וואָס האָט אַ מלך מורא צו האָבן? ער האָט דאָך באַוואָפנטע חיילות. איז אָבער די מעשה, וואָס דער אַנדערער מלך, זיין שכן, האָט אויך באַוואָפנטע חיילות. מכלומרשט פאָרט איין מלך צום אַנדערן צו גאַסט אי־בער די גרענעצן, מען איז זיך אַפילו משדך, מען מאַכט בעלער און מען קושט זיך אין די פּיסקעלעך. אין האַרצן אָבער איז מען זיך דם־שונאים. טאָג ווי נאַכט טראַכט מען נייערט ווי אַזוי איינער דעם אַנדערן דורס צו זיין, און דורס זיין קאָן מען. מחמת ביי יעדן מלך שטייען די חיילות גרייט אויפצוהויבן די שווערד, אויסצושיסן מיט די ביקסן און צו מאַכן פון יענעם קאַשע.

געלט אין דעם אוצר־המלכות פעלט נישט. נעמט דער מלך און רינגלט זיך אַרום מיט מיניסטאָרן און יועצים. דאָס זענען אַלטע גויים מיט גרויע קעפּ און לאַנגע וואָנצעס. זיי האָבן געגעסן ברויט פון אַ סך אויוונס, און עס איז ביי זיי גאָר אַ גרינגע זאַך עמיצן אָנצוטון אַ ספּאָדיק און פירן אין באָד אַריין. אָט די יועצים קליגן זיך נאָר דעם מלך אָפּצוהיטן פון אַ בייז אויג און אין איינוועגס דעם צווייטן מלך פון יענער זייט גרענעץ אַזוי צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז ער זאָל נישט וויסן וווּ איין און וווּ אויס.

איז דאָך גוט, **איז אָבער די צרה וואָסביים צווייטן** מלך, פון יענער זייט גרענעץ, זיצן אויך פּונקט אַזעלכע חכמים ונבונים, אויך גויים מיט גרויע קעפּ און לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָבן שוין אויך געגעסן ברויט נישט פון איין אויוון און האַלטן אויך אַ ספּאָדיק הינטער די פּאָלעס אים אָנצו־טון וועמען מען באַדאַרף.

איז עס אַ רעדל אָן אָן עק. אַלע מלכים האָבן סודות און די סודות ווערן געהיט ווי אָן אויג אין קאָפּ. קיין פויגל טאָר דערפון נישט וויסן. טאָמער חלילה — איך זאָל נישט עפענען מיין מויל צום בייזן — דער־וויסן זיך ווער פון די יועצים פון דעם מלך פון יענער זייט גרענעץ, איז אויס מיט דער קאַפּאָטע.

לצים זאָגן, אַז די פייגל אויף די דעכער וויסן גראָד יאָ די סודות און טראָגן זיי אַריבער — פאַר אַ גוטער מטבע, פאַרשטייט זיך, צו די יועצים פון דער פרעמדער מדינה, און ברענגען צוריק — אויך פאַר אַ גוטער מטבע — די סודות פון דער פרעמדער מדינה. אָט אַזוי דרייט זיך דאָס רעדל פון מלכותא דאַרעא.

קאַפּיטל צוויי

דער פּוילישער מלך קאָן נישט צוטון קיין אויג.

בימי סימכע פּלאַכטע ור' פּייווקע דעם ליטוואַק נאָכדעם ווי עס איז געפונען געוואָרן דאָס גאָלדענע קעסטעלע, דער פּאַן וויטשעך איז צוריק געוואָרן דער גרויסער יחסן און פּעשע די יתומה האָט געפירט רביסטווע — איז נדדה שנת המלך, האָט דער שלאָף געווייכט פון פּוילישן קעניג אין וואַרשע, לעשעק דעם פּליכעוואַטן, ירום הודו, עס האָט אים עפּעס גע־קוועטשט אונטערן לעפּעלע, און ער האָט נישט געקאָנט צוטון קיין אויג ביינאַכט אויפן גאָלדענעם בעט מיט דער זילבערנער קאָלדרע.

אז אַ מלך שלאָפט נישט, איז עס געוועגלעך אַ מלוכה־סוד.

אַלע יועצים פון די פיינטלעכע קעניגן פון קרוין־פּוילן האָבן באַלד געוווסט, אַז דער פּוילישער מלך לעשעק שלאָפט נישט און פאַרוואָס ער שלאָפט נישט. אין פּוילן גופא האָט דערפון נישט געוווסט קיין פליג אויף דער וואַנט. ווער שמועסט אין נאַרקאָווע האָבן יידן דערפון נישט געוווסט קיין פּותר און קיין חלום. מען איז ווי תמיד געשטאַנען אין די קרעמלעך און ווי תמיד געהאַנדלט מיט די פּויערים אויפן מאַרק — בעת גאָר אויבן, אין וואַרשעווער מלכות, האָט זיך פאַרהאַקט אַ שרייפעלע.

אין אַזעלכע צייטן, ווען מיט מלכות שטייט עס נישט פויגלדיק, ווייזט זיך אַרויס, אַז די יושבים ראשונה במלכות, די גויים מיט די גרויע קעפּ און לאַנגע וואָנצעס, די קלוגע יועצים, וואָס קאָנען מכלומרשט אַלעמען אָנטון אַ ספּאָדיק — זיי ווייסן די ערשטע נישט פון קיין עצה און בלייבן זיצן אַרום דעם מלך ווי אָפּגעשמיסענע חדר־ייִנגלעך.

וואָס זשע טוט דער מלך? קיין געלט פעלט נישט. שיקט מען אַרום

סימכע פלאַכטע

שטאַפּעטן איבער גאַנץ מדינת פּוילן. מען רופט צוזאַמען די גרויסע פּרי־צים קיין וואַרשע. עס הייסט: מען רופט זיי צום סיים, צו דער אסיפה פון די חכמי המדינה.

די גרויסע פּריצים פון פּוילן קומען אַלע צופאָרן ברוב עשרם און העלפן דעם מלך זיך צו ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער בלאָטע.

קאַפּיטל דריי

מען שיקט שטאַפּעטן צו די גרויסע פּריצים און דער־ווייל מאַכט מען בעלער.

אין די הייף פון אַלע גרויסע פּריצים אין פּוילן, ובתוכם אויך צום פּאַן וווּיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי אין נאַרקאָווע זענען אָנגעקומען שטאַפעטן פון וואַרשע, באשר בכן, דער מלך בעט זיי, זיך מטריח צו זיין קיין וואַרשע צום סיים. מען באַדאַרף זיך מיט זיי צו האַלטן אַן עצה.

די שטאַפּעטן, וואָס דער מלך שיקט צו די פּריצים, זענען נישט עפּעס סתם אַזוי משולחים וואָס קומען, זאָגן אָפּ דאָס זייעריקע און גייען אַוועק. די משולחים גופא זענען אויך גרויסע פּריצים, יאַשניע־פּאַנעס. זיי קומען צופאָרן אין קאַרעטעס געשפּאַנטע אין זעקס פייערדיקע סוסים נאָשפּיץ און מיט אַ גאַנץ געזעמל משרתים און לאַקאַיעס.

די שטאַפּעטן לאָזט מען נישט באַלד אַוועק. מען מאַכט פאַר זיי גרויסע בעלער. וויין און מעד גיסט זיך ווי וואַסער. פון די דערבייאיקע שטעטלעך ברענגט מען יידישע קלעזמאָרים, זיי זאָלן שפּילן פאַר די געסט. דערנאָך גייט מען אויף געיעג און מען שיסט הירשן און אַנדערע חיות. אַזוי פאַרגייען עטלעכע וואָכן. צום סוף שטעלט מען אויף אַן אויער און מען הערט וואָס דער מלך אין וואַרשע וויל און צו וואָס ער האָט געשיקט.

איי, וואָס אין וואַרשע קאָן דערווייל דער מלך לעשעק דער פּליכעוואַטער נישט צוטון קיין אויג אויפן גאָלדענעם בעט מיט דער זילבערנער קאָלדרע? איז ראשית, נישט געקוקט אויף אַלע דאגות המלוכה, מאַכט אויך דער מלך בעלער און טאַנצט מיט זיינע קעבס־ווייבער. די יועצים, וואָס ווייסן נעבעך נישט וווּ אויס און וווּ איין, טאַנצן אויך מיט און לאָזן זיך ווילגיין. והשתיה כדת.

סימכע פלאַכטע

הכלל, די קעניגלעכע שטאפעטן זענען אוועקגעפאָרן פון נארקאָווער הויף. ביים פאַן וויטשעך האָט מען געמאַכט נאָך עטלעכע בעלער און זיך געגרייט אין וועג ארייַן קיין ווארשע.

מען האָט איינגעשפאַנט אַלע נארקאָווער קארעטעס. א פארצייטישער פריץ, דערצו אזא יחסן ווי דער פאַן וויטשעך, פאָרט נישט אַליין. מען מוז זיך ווייזן אין ווארשע מיטן גאַנצן רוב עשרו און מיטן גרויסן שטאַט. זענען מיטגעפאָרן די פאַני יאַדוויגע מיט די טעכטער ווי אויך די אָפּגע־קומענע פריצים. מען מוז זען אין ווארשע, אַז דער פאַן וויטשעך איז געקומען צום סיים.

עס האָט געקלונגען אין אַלע גלאָקן: סיים!

קאַפּיטל פיר

אין וואַרשע גופא פאַר דער אסיפה אין קעניגלעכן שלאָס.

אין די פּאַרצייטישע יאָרן, בימי סימכע פּלאַכטע ור׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט אַזאַ נסיעה קיין וואַרשע געדויערט וואָכן. עס איז נישט געווען קיין שפּילכל מיט אַזאַ שפּע פול געפּאַקטע קאַרעטעס אַדורכצוקוּמען די זומפּן פון די אַמאָליקע פּוילישע וועלדער און די זאַמדן פון די פּוילישע וועגן. מען האָט געמוזט איבערנעכטיקן אין אַלערליי קרעטשמעס און כסדר טוישן די פערד. איז מען אַדורכגעפאָרן פאַר אַ פּריצישן הויף, האָט מען פונדאָסניי געפּראַוועט בעלער. אָט אויף אַזאַ אופן זענען פאַרצייטישע פּריצים געפאָרן צום סיים קיין וואַרשע.

סוף כל סוף האָט זיך פון דערווייטנס געוויזן די ברייטע רחבותדיקע ווייסל. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן די שפּיציקע דעכער, די טורעמס און טורעמלעך פון די וואַרשעווער תיפלהס און די פּאַלאַצן פון די פּוילישע מאַגנאַטן. האַרט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל איז ווי אַ באַזונדערע שטאָט געלעגן דאָס קעניגלעכע שלאָס. אַ שטאָט מיט טורעמלעך און מיט דעכער. דער פּאַן וווּיטשעך מיט זיינע קאַרעטעס זענען צוגעפאָרן צו די ראָגאַטקעס. עס האָבן זיך געעפנט די שלאַגבוימער צו דער שטאָט. פּאַן וווּיטשעך איז אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע מיט גרויס פּאַראַד.

אין וואַרשע האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. לכבוד דעם סיים זענען אַלע הייזער געווען איינגעהילט אין פאָנען און אין ווייסע פּוילישע אָדלערס. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט מען אויף די גאַסן אָנגעצונדן שטורקאַצן און פּעסער סמאָלע.

אין דער באַלויכטענער נאַכט זענען די גאַסן און פּלעצער פון וואַר־שע, די קראָמען און ווייןַ־שענקען, פול געווען מיט שרים און פּריצים, פּריצהס און האַרינטעס. אין דער סיים־צייט האָט מען כמעט גאַרנישט געשלאָפן. מען האָט געזונגען און געשאָסן אויף וויוואַט, געטרונקען ווייַן און מעד און געכאַפּט אַ טענצל. פאַר די אויגן האָבן געשימערירט אַלער־ליי בגדי־מלכות — גאָלד און זילבער און אבנים טובות.

די גלאָקן אין גאַנץ וואַרשע האָבן געקלונגען.

ווי אַזוי עס איז געווען די אסיפה אין קעניגלעכן שלאָס, ווי אַזוי מען האָט ביים פּאַן וויטשעך געפּרעגט אַן עצה און וואָס ער האָט געזאָגט, דאָס וועלן מיר הערן ווייטער. עס לוינט צו הערן וואָס פון אַ סימכע פלאַכ־טע קאָן אַלץ ווערן. עס האָבן אים אויפגענומען אַלע גרויסע הערן און אויך דער מלך לעשעק אַליין האָט אים באַקומען גערן. און זיין הצלחה האָט זיך געטון מערן ווי די וואַסערן אין מעערן און אין הימל די שטערן.

קאַפּיטל פינף

דער מחבר פירט די לייענער אַריין בחצרות המל־
כים. — וואָס מען זעט דאָרט קלעקט צו דערציילן פאַר
קינדס־קינדער.

דאָס פּריצישע וואַרשע האָט זיך גוט אויסגעהוליעט און ס'האָבן זיך געענדיקט אַלע בעלער. סוף כל סוף האָט מען זיך דערמאָנט צוליב וואָס מען איז אַהער געקומען פון אַלע עקן פוילן, און אַז דער מלך וויל זיך אַן עצה האַלטן מיט די פּוילישע פּריצים וועגן עפּעס אַ מלוכה־סוד.

מען האָט באַשטימט אַן אסיפה אין קעניגלעכן שלאָס.

במשך פון אונדזער דערציילונג האָבן מיר דעם חשובן לייענער אַ סך מאָל אַוועקגעפירט אויף קהלישע אסיפות. ס'רוב זענען זיי געווען אין דער בית־דין־שטוב ביים נאַרקאַווער רב. איצט וועלן מיר זיך נישט פוילן און אַוועקגיין אויף אַן אסיפה בחצרות המלכים, דאָס הייסט, אין קעניגלעכן שלאָס אַריין, וואָס ביי די ברעגעס פון דעם טייך ווייסל.

די אסיפה האָט מען צוזאַמענגערופן אין דער גרעסטער סאַליע פון וואַרשעווער קעניגלעכן שלאָס. אַ סאַליע פון לויטער מירמל־שטיין. מירמל־שטיינערנע ווענט און מירמל־שטיינערנע דילן. די סופיטן פון דער קעניג־לעכער סאַליע זענען געווען באַמאָלט פון די גרעסטע מאָלער פון פוילן און פון מחוץ פוילן. מחמת די זעלטענע געמעלעכצן האָט אויסגעקוקט, אַז אויבן איבער דער סאַליע פון מירמל־שטיין קומען פאַר גוואַלדיקע מלחמות. עס יאָגן פייערדיקע פערד, עס פליען קריגס־וועגענער, חיילותן ממיתן זיך מיט שפּיזן און מיט פיילנבויגנס, הרוגים וואַלגערן זיך אין די הונדערטער און בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. איבערן שלאַכט־פעלד אין די

וואָלקנס פליען מלאכים און שיטן פייער און ממיתן זיך צווישן אַנאַנדער פונקט ווי להבדיל אונטן די מענטשן.

אַרום און אַרום אויף די מירמלשטיינערנע ווענט פון דער סאַליע זענען געהאָנגען גרויסע גאָבעלינען און טעפּיכער. באַרימטע מייסטער האָבן דאָרט מיט גאָלדענע פעדים אויסגענייט און אויסגעהאַפטן אַלערליי מלחמות. מלחמות סיי צווישן מענטשן און סיי צווישן פּיפּערנאָטערס און ווילקילאַקעס, ווי אויך געיעגן אין ווילדע וועלדער, וווּ מלכים ושרים שיסן מיט גאָלדענע פייַלנבויגנס און יאָגן זיך נאָך לייבן און לעמפּערטן, וועלף און העלפאַנטן.

בקיצור: ווען מען האָט נאָר געקוקט אויפן סופיט און אויף די ווענט האָט מען באַלד געזען, אַז מען געפינט זיך אין דער שענסטער סאַליע פון מלך און מען וואָלט געוועז געשפּילט מיטן לעבן ווען די אַלע זאַכן זאָלן חלילה טאַקע זיין אמתדיקע. דאַנקען גאָט, זענען עס נישט מער געווען נייערט ווי געמעלעכצן און קונץ־שטיק פון די מייסטער פון מלך.

אויף די מירמלשטיינערנע ווענט האָבן אויך געהאָנגען צענדליקער גאָלדענע העסעם. אין די העסעם האָבן געפלאַקערט גרויסע וואַקסענע ליכט. פון סופיט האָבן אַראָפּגעהאָנגען געוואַלדיקע זשיראַנדאָלן. זשיראַנדאָלן פון קרישטאַל, גאָלד און זילבער. אומעטום האָט עס געפלאַקערט מיט וואַקס־ליכט און עס האָט אויסגעקוקט ווי ביים מלך אין סאַליע איז אַפילו איצט אין דער נאַכט אַ וואַרעמער גאָלדענער טאָג.

אינמיטן דער סאַליע איז געשטאַנען אַ לאַנגער גאָלדענער טיש. אַרום טיש ווייכע פאָטערשטולן פאַר די פּריצים, וואָס דאַרפן קומען און געבן דעם מלך אַן עצה. אויבנאָן אַ גאָלדענע כסא־מלוכה פאַרן קעניג גופא. אויפן טיש זענען געלעגן אַ סך פאַרמעטענע ביכער טייער געבונדן. דאָס זענען געווען די ספרי־הזכרונות פון מלך. עס זענען געשטאַנען זילבערנע טינטערס מיט שפּאָגל־נייַ געשניצטע פעדערן, אויך גרויסע גאָלדענע לייכטערס אין וועלכע עס האָבן ווידער געברענט וואַקסענע ליכט.

וואָס איז דאָ אַ סך צו דערציילן? מיר זענען בחצרות המלכים.

קאַפּיטל זעקס

די קרובים למלכות. — די יועצים און די לאַפּיטוטן פון פוילישן קעניג. — עס גייט דער מלך אין דער גאָלדענער קרוין. — נאָך אים גייט דעם מלכס נאַר.

ווען די פּריצים האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אין דער קעניגלעכער סאַליע האָבן זיך שוין דאָרט אַרומגעדרייט אַלערליי שרים. שרים אין געשטיקטע בראָקאַטענע זשופּאַנעס, מיט שפּיצן אויף די אַרבלען און אַרום דעם האַלדז. אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן געפּודערטע פּאַרוקן מיט צעפּ און אויף די פיס ווייסע זאָקן מיט טייערע שיכלעך. אָט־די שרים האָבן אייגנטלעך נישט באַלאַנגט צו דער אסיפה, זיי זענען נייערט געווען די קרובים־למלכות, די אחשתרנים בני הרמכים, די לעקער פון די גאָלדענע טעלער ביים מלך. מן־הסתם זענען עס אויך געווען די סריסי־המלך און אַנדערע קעניגלעכע לאַפּיטוטן פון וועלכע עס דערציילט אונדז בפרטות די מגילה.

די פּריצים האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם לאַנגן גאָלדענעם טיש און געקוקט אויף דער ליידיקער כסא־המלוכה אויבנאָן.

אויפן מלך מוז מען נאָך צוּוואַרטן.

באַלד זענען געקומען די קלוגע יועצי־המלך, די וואָס האַלטן אַן אויג אויף דער מלוכה. ווי מיר האָבן שוין פריער געהאַט דערציילט זענען עס געווען אַלטע גויים מיט גראָע קעפּ. זיי האָבן געטראָגן גרויסע דיקע שפּאַקולן, געהאַט לאַנגע נעז און שפּיציקע גאָמבעס און אויסגעקוקט ענלעך צו די ווילדע רויב־פייגל, וואָס זענען געווען געמאָלן אויף די געמעלעכצן אין דער סאַליע. אויף די דינע ליפּעלעך פון די יועצי־המלך איז געלעגן

אַ שטיל און בייז שמייכעלע. זיי האָבן אַלעמען אָנגעקוקט דורך די שפּאַ־קולן און זיך זייער קאַלט און העפלעך באַגריסט.

קוים וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרבינדן אַ שמועס צווישן די פּריצים ביים טיש און מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אַלערליי געיעגן — האָבן זיך פּלוצעם ברייט אָן עפן געטון צוויי טירן אין דער סאַליע. פון די אינעווייניקסטע חדרים האָט זיך געהערט אַ שאַרף בלאָזן פון פאַנפאַרן. צוויי פון די רואי פני המלך אין סאַמעטענע הויזן און מיט געפּודערטע פּאַרוקן אויף די קעפּ האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פוןביידע זייטן טיר. אַלע פּריצים ביים גאָלדענעם טיש האָבן זיך אויפגעשטעלט. די טראָמפּייטן האָבן נישט אויפגעהערט צו שאַלן.

דער ערשטער איז אַרויסגעקומען אַ הויכער לאַנגער שר אין אַ פּאַ־רוק, מיט אַ סך שפּיצן אַרום דעם האַלדז און אין ווייסע זאָקן מיט לעטש־לעך אויף די פיס. ער האָט געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און דריי מאָל אַ קלאַפּ געטון אויף דער שוועל.

דאָס איז געווען דער צערעמאָניע־מייסטער פון מלך.

נאָכדעם זענען אַרויסגעגאַנגען די בלאָזערס מיט זילבערנע טראָמ־פּייטן און האָבן כסדר געשאַלט.

באַלד דערנאָך איז אַרויסגעקומען דער מלך לעשעק דער פּליכעוואַ־טער, ירום הודו, אין די בגדי־מלוכה און מיט אַ גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ. הינטערן מלך האָט נאָכגעטענצלט אַ קליין גויטשיקל מיט אַ הויקער. דאָס גויטשיקל איז געגאַנגען אָנגעטון אין מלבושים, וואָס זענען געווען האַלב רויט און האַלב געל. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ שפּיציק מיצל מיט גלעקלעך און אין דער האַנט עפּעס אַ מין שטעקעלע מיט אַ גלעקל און מיט בענדלעך.

דאָס איז געווען דער נאַר פון מלך. דער, וואָס איז משמח דעם מלך מיט נאַרישקייטן. אין מיטן די נאַרישקייטן זאָגט דער נאַר צום מלך טייל־מאָל זאַכן וואָס ווען דער משנה־למלך זאָל עס זאָגן וואָלט ער באַלד גע־וואָרן מיט אַ קאָפּ קירצער. דעם מלכס נאַר מעג אַלץ, און דער מלך, — צי ער וויל צי נישט, — מוז גאָר מיטלאַכן אַפילו ווען מען זאָגט אים דאָס ביטערסטע. אַזוי פירט עס זיך זינט קדמונים אין אַלע חצרות המלכים. קעגן דעם מלכס נאַר קאָן קיין שום מלך נישט זיין קיין חכם.

— זאָל אייביק לעבן דער קעניג לעשעק! האָבן אַלע פּריצים ווי איין מענטש אַ געשריי געטון.

דער מלך האָט לייכט אַ שאָקל געטון מיט דער קרוין אויפן קאָפּ. דער נאַר הינטער אים האָט אויך אַ שאָקל געטון מיטן מיצל מיט גלעקלעך.

דער מלך האָט זיך אָוועקגעזעצט אויבנאָן אויף דער כסא־מלוכה.

הינטער דער קעניגלעכער שטול האָט זיך אָוועקגעשטעלט דעם מלכס נאַר.

ווען דער מלך לעשעק האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָבן זיך אויך אַלע פּריצים צוריק אָוועקגעזעצט אַרום דעם גאָלדענעם טיש. אַ קליינע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילעניש. דער מלך האָט לייכט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ פינגער אין גאָלדענעם טיש אַריין.

דער נאַר הינטער דער כסא־מלוכה האָט געגעבן אַ געשריי:

— יאַשניע פּאַנאָוויע שליאַכטע! עס הויבט זיך אָן די קעניגלעכע אסיפה.

קאַפּיטל זיבן

דער מלך דערציילט זיינע מלוכה־זאָרגן. — שווייג נאַר! — די וואָג־שאָלן רירן זיך נישט. — דער פּאַן וויטשעך דערציילט פון סימכע פלאַכטען און מען שיקט גאָלדענע קאָטשן קיין נאַרקאָווע כדי אים צו ברענגען.

דער מלך לעשעק ירום הודו האָט געטון אַ הוסטל און אָנגעהויבן צו דערציילן פאַרוואָס ער איז געווען גענויט צוזאַמענצורופן די פּריצים פון אַלע עקן פּוילן און פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזעלכע ביטערע נעכט אויף זיין גאָלדן בעט.

— היות ווי עס איז אַלעמען באַוווסט האָב איך, דער מלך פון פּוילן, תמיד אַרום זיך געהאַט די סאַמע קליגסטע יועצים — דאָ האָט דער מלך געוויזן מיט אַ פינגער אויף די גראָע גוים מיט די לאַנגע וואָנצעס, וואָס זענען געזעסן אַרום אים און געקוקט דורך זייערע שפּאַקולן — איך האָב אויך געהאַט שטאַרקע חיילות, און דער עיקר מחנות רייטער, וואָס זענען געפלויגן ווי די ווינטן און געקאָנט רייטן דעם טייוול אין די אויגן אַריין. אָבער עס איז ידוע אַז בלויז כוח אָן חכמה האָט דעם ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי! זענען טאַקע — וואָס שייך קלוגשאַפט — אַלע שונאים פון פּוילן און אַלע מלכים פון יענער זייט גרענעץ געשטאַנען אַקעגן מיר גאָר אויף דער אונטערשטער מדריגה. כלומרשט האָבן זיי אויך געהאַט יועצים און מיניסטאָרן. אַקעגן מיינע יועצים — און דאָ האָט ווידער דער מלך געוויזן אויף די גראָע גוים מיט די שפּאַקולן — זענען אַלע זייערע יועצים נישט געווען מער ווי מלופם־קינדערלעך.

— ביסט גערעכט מלך לעשעק! האָט זיך דער נאַר הינטער דער כסאַ־מלוכה אָנגערופן אינמיטן דעם מלכס רייד — דעריבער זוכסטו טאַקע אַ קלוגן מיט ליכט. דו וועסט אים אָבער נישט געפינען. איך קאָן נאַר איין חכם — און ער איז דער נאַר הינטער דיין קעניגלעכער שטול.

— שוייג נאַר! האָט זיך דער מלך כלומרשט געבייזערט און ווייטער גערעדט:

— אַזוי האָט עס זיך אין פּוילן געפירט פון קדמונים. פּוילן האָט געהאַט די סאַמע קליגסטע יועצים. דער פּוילישער מלך האָט געקאָנט שלאָפן רואיק. אַ האָר וואָלט אים נישט געקרימט געוואָרן אונטער דער קרוין.

— האָט זיך אָבער געמאַכט, האָט דער מלך ווייטער געצויגן זיינע ווערטער און שאַרף אָנגעקוקט די פּאַרזאַמלטע פּריצים אַרום דעם גאָל־דענעם טיש, אַז איין מלך נאָענט פון מיינע גרענעצן און דווקא אַ מלך, וואָס טראַכט נאָר אָפּצורייסן פון פּוילן שטיקער, הגם זיינע ריידעלעך זענען זיסער ווי האָניק און זיין צונג רעדט נאָר פון שלום און פריינטשאַפט. אָט דעם מלך איז געראָטן זיך אַרומצורינגלען מיט אַ כנופיה יועצים. איך וועל נישט זאָגן, אַז זיי זענען קליגער פון מיינע — און דער מלך לעשעק האָט געוויזן מיט אַ פינגער אויף די קעניגלעכע יועצים אויבנאָן — אָבער זיי זענען אויך נישט אויף קיין האָר נאַרישער. דאָס איז נישט גוט. די וואָג־שאָלן פון חכמה און עצה צווישן מיר און דעם פיינטלעכן מלך האָבן זיך זינט דורות געבויגן אויף דער זייט פון פּוילן. פּלוצעם האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נישט אַהין און נישט אַהער. וויפל קלוגשאַפט מיינע יועצים לייגן אויף זיי אַרויף — לייגן יענע יועצים אויך אַרויף פּונקט אויף דער קווינט. די וואָג־שאָלן רירן זיך נישט פון אָרט. איך קאָן דעריבער נישט שלאָפן.

די פּריצים אַרום דעם גאָלדענעם טיש האָבן געשוויגן. די קעניגלעכע יועצים האָבן זיך אָנגעקוקט דורך די שפּאַקולן און זיך געדרייט ביי די וואָנצעס.

דער קעניג האָט ווייטער געצויגן זיינע ווערטער:

— על כן מוז פּוילן האָבן אַ חכם, וואָס זאָל זיין קליגער פון אַלעמען און זאָל איבערוועגן די שטייענדיקע וואָג־שאָלן אויף אונדזער זייט.

— קיין קליגערן פון אַ נאַר וועסטו נישט געפינען אין דער גאַנצער וועלט, האָט זיך דעם מלכס נאַר אָנגערופן הינטער דער כסא־מלוכה.

— שווייג נאַר! האָט זיך דער קעניג מכלומרשט געבייזערט, זיך אַרומגעקוקט אויף דער שליאַכטע אַרום דעם גאָלדענעם טיש און געוואַרט אויף תשובה.

אַזוי ווי דער פּאַן וואָיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי איז איצט געווען פון די גרויסע יחסנים, איז ער געזעסן נישט ווייט פון קעניגלעכן אויבנ־אָן. ער האָט זיך געטון אַ דריי ביי דער לאַנגער וואַנצע און זיך אָנגע־רופן:

— אדוני מלך! האָט דער פּאַן וואָיטשעך געזאָגט מיט גרויס האָפער־דיקייט, אויב דאָס איז די סיבה פון דיינע זאָרגן, איז באמת אַ שאָד אייך און אייער צייט וואָס דו טוסט נישט צו קיין אויג. איך האָב אין מיין שטעטל אַ ייד אַ וואונדער־טוער. ער איז באמת יענער וועלט־חכם וואָס דו זוכסט. דאָס איז אַ ייד, וועלכער ווייסט אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד און אויפן הימל. עס איז נישטאָ פאַר אים קיין שום פאַרבאָרגענע זאַך. ער קוקט אין די ווייטקייטן און אין די פינצטערנישן ווי איך קוק איצט אויף דיר, אדוני קעניג. נעם אים אַריין צווישן דיינע יועצים, און אַלע קעניגן, וואָס טראַכטן אויף דיר שלעכטס מעגן באַצייטנס נעמען זייערע מיניסטאָרן און מאַכן פון זיי בעטלערס. קיינער וועט זיך נישט קאָנען צו דיר גלייכן אין עצה און אין חכמה.

און דאָ האָט דער פּאַן וואָיטשעך דערציילט פון סימכע פלאַכטען און פון זיינע מופתים, אָנגעהויבן פון דעם סוסל מיט די וועלף און אויסגעלאָזט ביים גאָלדענעם קעסטעלע מיטן יחוס.

הגם דאָס רוב פון די פּריצים האָבן שוין די מעשה געהאַט געהערט, מחמת עס האָט זיך געטראָגן איבער פּוילן, פונדעסטוועגן האָט מען דעם פּאַן וואָיטשעך געלאָזט נאָך אַ מאָל דערציילן. דער מלך איז געזעסן און געהאָרכט און צוגעשאָקלט מיט דער גאָלדענער קרוין אויפן קאָפּ.

אויף די דינגע ליפּעלעך פון די יועצי־המלוכה אויבנאָן האָט זיך באַ־וויזן אַ גיפטיק שמייכעלע. זיי האָבן אָנגעקוקט דעם פּאַן וואָיטשעך דורך זייערע שפּאַקולן און געפּרוווט איינצוווענדן אַז ס׳איז נישט שייך צוצו־לאָזן אַ ייד צו די סודות־המלוכה.

י. י. טרונק

דעם מלכּם נאָר הינטער דער כּסא־המלוכה האָט דאָ אויפגעהויבן זיין שטעקעלע פּונקט איבער דעם מלכּם קרוין און געזאָגט:

— אדוני קעניג! דאָס קליגסטע וואָס דו קאָנסט אַ מאָל טון אין דיין קעניגלעכן לעבן איז צו טון קאַפּויער ווי עס ראָטן דיר דיינע יועצים. שיק נאָך דעם ייִד!

עס איז געבליבן אויף דער אסיפה צו שיקן גאָלדענע קאָטשן קיין נאַרקאָווע און צו ברענגען סימכע פּלאַכטען אין קעניגלעכן שלאָס אריין קיין וואַרשע.

אין קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר דערציילן ווי נאָך דער אסיפה האָט זיך דער פּוילישער מלך אויסגעשלאָפן אויף זיין קעניגלעכן בעטל. די גאָלדענע קאָטשן זענען הענדום־פּענדום אַוועק קיין נאַרקאָווע דעם שטעטל. דעם מלכּם באַפעל איז געפלויגן ווי אַ שאָס צו ברענגען סימכע פּלאַכטען אין קעניגלעכן שלאָס.

קאַפּיטל אַכט

אין נאַרקאַווע האָט זיך געשטעלט אַ יאַריד פון מלכים. — עס שפּילט דעם מלכס קאַפּעליע פאַר סימכע פלאַכטעס טיר.

נאַרקאָווע איז אויפגעציטערט געוואָרן ווען עס האָבן געטון אַ פאָר אַריין אין שטעטל אַ רייע מיט גאָלדענע קאַטשן. פון די פענצטער פון די קאָטשן האָבן אַרויסגעקוקט גענעראַלן און שרים, וואָס יעדער פון זיי איז געגאַנגען אָנגעטון אין בגדי־מלכות און אויסגעזען ווי אַ קעניג. אין טל־ומטרדיקן שטעטעלע נאַרקאָווע האָט זיך פּלוצעם געשטעלט אַ יאַריד פון מלכים. באַלד זענען אַריינגעריטן אין שטעטל די זעלנער פון דער קעניגלע־כער גוואַרדיע, נישט סתם יוונים, נאָר טאַקע זעלנער אין בגדי־מלכות, אין גאָלד און אין זילבער און מיט פעדערן אויף די זעלנערישע היט. זיי זענען געריטן אויף ווייסע פערד ווי די לייבן.

דער משקל הראשון איז געווען, אַז דער מלך פון פוילן, לעשעק דער פליכעוואַטער, גייט מאַכן אַ גירוש אויף יידן. יידן מעגן נעמען די בעבע־כעס און זיך אָפּטראָגן פון טייערן נאַרקאָווע און איבערלאָזן דאָס בית־המדרש פאַר די פוסטע ווינטן און איבערלאָזן די מצבות אויפן בית־עלמין.

אָבער צו וואָס דאַרף מען אַזאַ עשרות כדי אַרויסצוטרייבן יידן פון נאַרקאָווע? איז געבליבן אַז ס'איז נישט קיין גירוש.

נאַרקאָווע האָט זיך גאָר באַרואיקט ווען מען האָט געזען דאָס באַ־קאַנטע פּנים פון פּריץ טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי צווישן די שרי־מלוכה אין די גאָלדענע קאָטשן.

י. י. טרונק

אָבער וואָס איז עפּעס נאַרקאָווע אַזוי נתעלה געוואָרן?

באַלד האָט מען געזען ווי אַלע גאָלדענע קאָטשן פאַרפאָרן פאַר סימ־כע פּלאַכטעס שטוב. די קעניגלעכע גוואַרדיע אויף די ווייסע פערד האָט זיך אויסגעשטעלט ווי אויף אַ פּאַראַדע און אָנגעהויבן צו שפּילן אויף פייפיאָלן, קלאַרנעטן און שאַלאַמייען. פּויקן האָבן געפּויקט.

אינמיטן פון דעם ראַשיקן שפּיל פון דער קעניגלעכער קאַפּעליע אויף די ווייסע פערד זענען אַלע שרים אַראָפּגעגאַנגען פון די גאָלדענע קאָטשן און זיך אַוועקגעשטעלט ביי סימכע פּלאַכטעס טיר. בראש פון זיי איז גע־שטאַנען דער נאַרקאָווער פּריץ פּאַן וואויטשעך און ער האָט סיי מיט דרך־ארץ און סיי מיט היימישקייט אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר.

קאַפּיטל נײַן

אין שליחות פון מלך לעשעק דעם פּליכטאַטן ירום הודו. — ווו איז ר׳ פּייוּוקע דער ליטוואַק? — מיר פאָרן צום מלך, ר׳ סימכעצקע! — פּעשע קוקט אַרויף צו די שטערן אין הימל.

ווי סימכע פּלאַכטע האָט פּונקט געהאַלטן בעת די גאָלדענע קאַטשן זענען צו אים פאַרפאָרן, איז זיך דער לייענער מן־הסתם משער. ער איז געזעסן אין שפּאַנצער און הויזן און געהאַלטן סאַמע ביי דער הייסטער אכילה. ער וואָלט גאָר נישט געוועזן געוווסט ווען פּעשע וואָלט אים נישט געטון אַ קלאַפּ מיט אַ קאָכלעפל איבער דער האַנט און אַ געשריי געגעבן:

— סימכע! עס גייט אויף אונדז אַן אומגליק!

קוים וואָס זי האָט באַוויזן אויף אים אַרויפצוּוואַרפן די רבישע מלבו־שים. סימכע פּלאַכטע האָט געפינטלט מיט די אויגן. פּעשע איז צוגעלאָפן צו דער טיר. פון גרויס איילעניש האָט זי פאַרגעסן אַוועקצולייגן דעם קאָכלעפל און אים געהאַלטן אין דער האַנט. פאַר אירע אויגן האָט אַ בליץ געטון דאָס גאָלד פון די קאַטשן אינדרויסן און פון די בגדי־מלכות פון די שרים וואָס זענען געשטאַנען אויף איר שוועל.

— פּאַני צדיקאָווע! האָט דער פּאַן וויטשעך צו איר געזאָגט און אַריבערגעטרעטן די שוועל. נאָך אים זענען געגאַנגען מיט פעסטע טריט די שרי־מלוכה. ס׳האָט זיך געהערט דאָס געקלאַפּ פון די זילבערנע שפּאָרן אויף זייערע רויטע שטיוול און דאָס געקלימפּער פון די זילבערנע שווערדן, וואָס האָבן געהאַנגען אויף זייערע בגדים.

איך האָב דעם כבוד דיר צו מעלדן, האָט דער פּאַן וווּיטשעך ווייטער געזאָגט, אַז איך און אַלע ווייל־געבוירענע הארן וואָס דו זעסט, זענען געקומען פון וואַרשע אין שליחות פון אונדזער גרויסן קעניג דער אַלמעכטי־קער האר פון פּוילן לעשעק דער פּליכעוואַטער. זיין מאַיעסטעט וויל פרעגן אַן עצה ביים יאַשנעם פּאַן צדיק דיין מאַן — און איך בין זיכער, אַז ער, דיין מאַן, וועט עס בעסער וויסן פון אַלע קלוגע לייט, מחמת ער איז דער קליגסטער פון די מענטשן. דער מלך לעשעק וועט אים שפּעטער גרויס מאַכן, אַ סך גרעסער ווי איך וואָלט עס געוועזן בכוח צו טון.

אַזוי האָט געזאָגט דער פּאַן וווּיטשעך און ער האָט זיך טיף פאַר־נויגט פאַר סימכע פּלאַכטען. אויך די שרים האָבן זיך פאַרנויגט. סימכע פּלאַכטע האָט, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו איר, נאָר ווי תמיד האָט ער באַלד דערפילט די גרויסע סכנה און זיך ווידער געוואָלט וואַרפן צו די פיס פון פאַן וווּיטשעך און בעטן ביי איר, אַז ער זאָל איר צוריק לאָזן ווערן נאַרקאָוועו וואַסערטרעגער. ער האָט אָבער נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל.

פעשע איז אויך געוואָרן וויים ווי די וואַנט ווען זי האָט געזען די שרים וואָס האָבן געגלאַנצט אין גאָלד און אין זילבער. פון גרויס צעמישעַ־ניש האָט זי כסדר געהאַלטן דעם קאַכלעפל אין דער האַנט און מיט די אויגן געזוכט דעם ליטוואַק ר׳ פייוועקן. פונקט ווען דאָס אומגליק איז אַריין דורכן דאַך איז דער ליטוואַק ווי אויסגערונען.

— דער ליטוואַק ימח־שמו! האָט פעשע געשאָלטן מיט פאַרביסענע ליפּן, געזוכט מיט די אויגן ר׳ פייוועקן און כמעט ווי נישט געהערט וואָס דער פּאַן וווּיטשעך זאָגט.

פּלוצעם — מען ווייסט נישט ווי אַזוי און פון וואַנען — איז ר׳ פייוועקע געשטאַנען אינמיטן דעם געזעמל פון די קעניגלעכע שרים. כדרכו איז ער געשטאַנען אין זיינע אָרעמאַנסקע בגדים און געהאַלטן אין דער האַנט דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל.

— אָ, האָט דער פּאַן וווּיטשעך אַ געשריי געטון און אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו ר׳ פייוועקן דעם ליטוואַק, אָט איז ער, דער קלוגער זשי־דעק, דער דינער פון יאַשנעם פּאַן צדיק! יאַשניע פּאַנאָוויע, האָט זיך דער

סימכע פלאַכטע

פאַן וויטשעך געוואַנדן צו די וואַרשעווער שרי־מלוכה, פון אָט דעם ביז גאָר קלוגן זשידעק האָב איך אייך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן.

ר׳ פייוועקע האָט אַ געשריי געטון צו סימכע פלאַכטען:

— זעצט זיך אַרויף אויף דער גאָלדענער קאַטש, ר׳ סימכעצקע, מיר פאָרן צום מלך!

ר׳ פייוועקע האָט עס גאָר נישט באַדאַרפט צו זאָגן. די שרים האָבן שוין געהאַלטן דעם טויט־בלאַסן סימכען אונטער די הענט און מיט גרויס כבוד און ערפורכט אים אַרויסגעפירט אינדרויסן צו די גאָלדענע קאַטשן.

די קעניגלעכע גוואַרדיע אויף די ווייסע פערד האָט פונדאַסניי אויפגעשפילט מיטן גרויסן קנאַק.

דאָס פראָסטע פאָלק פון נאַרקאָווע האָט מען גאָר נישט צוגעלאָזט קוקן. יידן און ווייבער האָבן בלויז אַרויסגעקוקט פון די שכנישע טירן און פענצטער. אויפן מאַרק איז געשטאַנען גאַנץ נאַרקאָווע און געהערט פונדערווייטנס דאָס שאַרפע שפּילן פון דעם מלכס קאַפּעליע. יידן האָבן נישט געוווּסט וווהין און צו וואָס מען פירט סימכע פלאַכטען אַוועק פון נאַרקאָווע. טייל האָבן געזאָגט, אַז מען פירט אים הענגען און דערנאָך וועט מען אַרויסטרייבן אַלע יידן פון פוילן. טייל האָבן געזאָגט — מען גייט אים מאַכן פאַר אַ משנה־למלך און אין פוילן הויבן זיך אָן פאַר יידן ישועות און נחמות. טייל האָבן געזאָגט, אַז עס גרייטן זיך די ימות־המשיח. קיינער האָט נישט געוווּסט אויף קלאָר.

דערווייל האָט מען סימכע פלאַכטען אַריינגעזעצט אין דער גאָלדענסטער פון די גאָלדענע קאַטשן. אַ קאַטש מיט ברייטע פענצטער ווי עפּעס אַ פאַרנדיקער קעניגלעכער פּאַלאַץ. אַכט ווייסע סוסים ווי די לייבן זענען געווען געשפּאַנט נאַשפּיץ. ביי די זייטן אַרום סימכען האָבן זיך אַוועקגעזעצט די חשובסטע פון די שרי־מלוכה, גענעראַלן אָנגעטוענע אין ווייסן סאַמעט און מיט לאַנגע גראָע וואָנצעס. אויפן באָק האָבן אַפילו דער קוטשער און די לאָקאַיעס געטראָגן פּאַרוקן אויף די קעפּ, און אַליין אויסגעקוקט נישט ווייניקער חשוב ווי די שרי־מלוכה.

אינמיטן די גרויסע פּאַראַדן האָט מען כמעט נישט באַמערקט ווי ר׳ פייוועקע דער ליטוואַק איז אַרויפגעקראָכן אויפן באָק פון דער גאָלדענער

קאַטש און האָט זיך אין זיינע צעריסענע בגדים אַוועקגעזעצט לעבן דעם שרישן קוטשער.

מען האָט עס ר׳ פּייווקען נישט געשטערט, מחמת דער פּאַן וווּיטשעך האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דער דינער פון דעם וווּנדער־ייד.

די גאָלדענע קאַטשן און די קעניגלעכע רייטער האָבן פּאַרלאָזט נאַר־קאַווע מיט דער אייגענער ווינטיקער שנעלקייט פּונקט ווי זיי זענען גע־קומען. נאַרקאָווע איז מיט אַמאָל צוריק געוואָרן דאָס פּיצעלע יידישע שטעטעלע. יידן זענען נאָך לאַנג געשטאַנען אויפן מאַרק און געשמועסט און זיך געבראָכן די קעפּ. אויך פּעשע איז לאַנג געשטאַנען פּאַר איר טיר און אַריינגעקוקט אין די פּוסטע מרחקים וווּ די גאָלדענע קאַטשן מיט סימכע פּלאַכטען זענען פאַרשוווּנדן ווי אַ חלום.

זי איז געשטאַנען און געקוקט און געקוקט. ערשט ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט און די הימלען האָבן זיך אויסגעזייעט מיט שטערן, האָט זי אויפ־געהויבן איר קאָפּ און געקוקט אין די שטערן אַריין. שפּעטער האָט זי פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר פון איר דירה און זיך אַרויפגעוואָרפן אַן אָנגעטוענע אויפן ליידיקן בעט.

קאַפּיטל צען

די גאָלדענע קאַטשן מיט סימכע פלאַכטען פאַרפאָרן צו ר׳ אלין אין דער קרעטשמע.

אין װאַרשע האָבן ייִדן אין יענע צייטן נישט געטאָרט װױנען. ייִדן האָבן געמעגט קומען אין דער קעניגלעכער שטאָט אַרײַן סײַדן אין די סיים־טעג כּדי צו פירן מסחר. בלײַבן אין װאַרשע האָבן זײ בלויז געמעגט אײ־בערן טאָג. אַזוי װי סימכע פלאַכטע האָט געמוזט װױנען נאָר בײַ אַ ייִד, זענען די גאָלדענע קאַטשן מיטן צדיק פאַרפאָרן אין אַ ייִדישער קרעטשמע הינטער װאַרשע.

מיט גרויס געפּילדער האָט מען דעם אַרענדאַר אַרויסגערופן פון דער קרעטשמע.

ר׳ אלי (אַזוי האָט געהייסן דער אַרענדאַר) האָט פאַרט געװױנט הינ־טער װאַרשע — איז עס בײַ אים נישט געװען קיין נאָװינע צו זען װי פאַר זײַן קרעטשמע פאָרן פאַרבײַ סײַ גאָלדענע קאַטשן פון מלך, סײַ קעניגלעכע רײַטער, און סײַ הױכגעשטעלטע שׂרים.

אָבער ער האָט זײ נײַערט געזען פאַרבײַפאָרנדיקע.

װען ר׳ אלי האָט דערהערט װי די קעניגלעכע קאַטשן שטעלן זיך אָפּ פאַר זײַן טיר, איז ער אַרויסגעלאָפן פון דער קרעטשמע נישט טויט און נישט לעבעדיק. ער האָט געהאַלטן דאָס היטל אין דער האַנט און זיך גע־בוקט טיף ביז צו דער ערד.

ר׳ אלי האָט גאָר פאַרלוירן דאָס לשון בעת ער האָט געזען װי פון דער ערשטער און שענסטער גאָלדענער קאַטש פירן די רײַכסטע שׂרים אַרויס אַ רבּ אין אַ װײַסער זשיפּיצע און אין אַ ספּאָדיק, און װי פון באַק קריכט אַראָפּ אַ ייִד אַן אָרעמאַן, אַ קריעה־רובליה.

— מאַשעק! האָט דער עלטסטער שר אין דער ווייסער סאַמעטענער הלבשה אַ געשריי געטון צום דערשראָקענעם אַרענדאַר. מיר ברענגען דיר אַ יאַשנעם פאַן צדיק. מיר ווייסן נישט ווי לאַנג ער וועט ביי דיר וווינען. דו זאָלסט אים באַהאַנדלען ווי דעם מלכס אַ גאַסט. באַצאָלן וועט מען דיר פון קעניגלעכן אוצר.

ר׳ אלי האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער האָט געוואָלט פאַלן צו די פיס, — נאָר ער האָט נישט געוווּסט צו וועמענס פיס — צי פאַר די הויכגעשטעלטע שרים, צי פאַר דעם קעניגלעכן גאַסט, דעם רב אין דער ווייסער זשיפּיצע?

— יהודי בלאַ! האָט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק אַ געשריי געטון צו ר׳ אלין, הערט וואָס מען דברט צו אייך!

ר׳ אלי האָט אויפגעהויבן די אויגן און נאָך אַמאָל אָנגעקוקט דעם ייד, דעם אָרימאַן צווישן די אויסגעפּוצטע שרי־מלכות. דאָס וווּנדער איז פאַר אים נאָך גרעסער געוואָרן אין די אויגן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך דורך אַן אייגענעם ייד אָנגעהויבן צו פילן אַ קאַפּעטשקע היימישער. ער האָט זיך געבויגן און געבוקט, פאַראויס געלאָפן אין דער קרעטשמע אַריין און אַרויסגערופן זיין ווייב און להבדיל די עטלעכע שיקסעס וואָס זענען געווען משרתות ביי אים אין דער קרעטשמע.

מען האָט דעם מלכס געסט, דעם רב מיט ר׳ פייווקען, מיט פיל הכנעה אַריינגעפירט אינעם גרעסטן חדר פון דער קרעטשמע. דאָס חדר האָט מען אויפאינדערגעשווינד אויסגעקערט מיט אַ סך בעזימס, אויפגערוימט און אויסגעפּוצט מיט דעם שענסטן וואָס ר׳ אלי דער אַרענדאַר האָט פאַרמאָגט. אויפן טיש האָט מען אַוועקגעשטעלט די זילבערנע שבת־לייכטער און אין זיי אָנגעצונדן ליכט.

די קעניגלעכע שרים האָבן נאָך אַמאָל ר׳ אלין אָנגעזאָגט מיט גרויס ירגזון, ער זאָל וויסן וועמען ער האָט ביי זיך. ער זאָל גאָר נישט זשאַלעווען וואָס שייך עסן און טרינקען און אַנדערע תענוגים פאַרן צדיק. ער זאָל נישט קוקן אויף קיין שום הוצאות, מחמת דעם מלכס אוצר שטייט פאַר אים אָפן.

און די גאָלדענע קאַטשן זענען אַוועק פון דער קרעטשמע ווי אַ ווי־כער.

קאַפּיטל עלף

ווייסט איר ווער איך בין, ר׳ סימכעצקע? — ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק הויבט אָן צו רעדן.

ווייבאַלד די קעניגלעכע שרים זענען נאָר אוועקגעפאָרן האָט ר׳ פּייווקע אָנגעזאָגט ר׳ אלין דעם ארענדאר, אז ער קאָן אריינקומען אין צדיקס חדר, סיידן נאָר ווען מען וועט אים רופן. ער איז געבליבן אַליין מיט סימכע פלאַכטען.

סימכע פלאַכטע איז נעבעך געשטאַנען ווי א קלאָץ אינמיטן דער שטוב און געקוקט אויף ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק. ר׳ פּייווקע האָט אים צוריק אָנגעקוקט. זינט ער קאָן סימכע פלאַכטען האָט זיך אים אָנגע־הויבן אויסדאַכטן, אז אין אָט דעם בהמהשן קאָפּ האָט איצטער עפּעס אויפגעשימערט ווי א שטראַל פון פארשטאַנד. ר׳ פּייווקע האָט אים שאַרף אָפּגעמאָסטן מיטן בליק פון קאָפּ ביז די פיס.

— איר ווייסט ווו מיר זענען איצט, ר׳ סימכעצקע — האָט ר׳ פּייווקע אים ענדלעך געפרעגט מיט א שמייכל.

— לאָמיר אַנטלויפן, ליטוואַק, האָט סימכע פלאַכטע געזאָגט. מיר קאָנען דאָ ארויסקריכן דורכן פענצטער און אנטלויפן אין אָט יענע וועל־דער, האָט ער געזאָגט און געוויזן מיט א פינגער אויף די וועלדער אין דער ווייטנס.

— מען לויפט נישט, האָט ר׳ פּייווקע געשמייכלט.

— מען וועט אונדז הענגען, ליטוואַק, האָט סימכע פלאַכטע א ריטש געטון מיט זיינע לעצטע כוחות, א וואָרף געגעבן דעם רבישן ספּאָדיק אויף דער ערד און געבליבן שטיין בגילוי־ראש להבדיל ווי א גוי.

ר׳ פייוקע האָט זיך געלאָזן אוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און נאָך אַמאָל שאַרף אָנגעקוקט סימכע פלאַכטען.

— הער, סימכע, האָט ר׳ פייוקע געזאָגט נאָך אַ קליינער ווײַלע, איך ווייס נישט צי דו ווײסט פאַרשטיין אפילו איין וואָרט וואָס איך רעד צו דיר. דו האָסט פאַרשטאָפּטע אויערן און אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, ר׳ סימכעצקע, און דו ביסט אויפן עולם־העשיה נישט מער ווי אַ שטומער פיש. נישקשה, — דער ליטוואַק פייוקע האָט דיך אַרויפגעשלעפּט גאָר אויבנאָן אַזש ביז צו דער כסא־מלוכה. צי מען וועט אונדז הענגען ווייס איך נישט. אפשר יאָ. ווען מען גייט און מען גייט און מען קומט אַרויף צום סאַמע שפּיץ — איז אָדער מען ברעכט דאָס גניק, אָדער מען זעט טאַקע אַלצדינג וואָס מען וויל זען. דו ביסט אַ גראָבער קאָפּ, ר׳ סימ־כעצקע. דו ווייסט כאָטש ווער איך בין?

—ליטוואַק! פייוקע ליטוואַק! האָט סימכע פלאַכטע געטופּעט מיט די פּיס.

— טאַקע פייוקע ליטוואַק, האָט ר׳ פייוקע געשמייכלט. ווייסטו כאָטש, גראָבער קאָפּ, פאַרוואָס איך האָב דיך, גראָד דיך, אַרויפגעשלעפּט אויפן גלגל־החוזר? דו זאָגסט — הענגען. אפשר יאָ. עס לוינט זיך אַלץ, ווען פייוקע ליטוואַק וויל אַ קוק טון אויף דער וועלט און מאַכן מיט איר אַ חשבון.

סימכע פלאַכטע האָט ווייטער געוואָלט ריטשען, נאָר דאָס קול איז אים נישט אַרויס פון האַלדז און ער האָט בלויז געמאַכט מיט די גראָבע ליפּן.

— הער זשע מיך אויס, סימכע פלאַכטע, האָט ר׳ פייוקע ווייטער געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, — הגם דו ביסט דער שטומסטער פיש אין די וואַסערן פון דער וועלט, — פאָרט בין איך מיט דיר צוזאַמען געגאַנ־גען אַ גרויס שטיק פון מיין וועג. איך, פייוקע, צוזאַמען מיט דיר, סימכע פלאַכטע, אָדער אַרויף גאָר הויך אָדער אַראָפּ גאָר אונטן — ס׳איז באמת אַ שאַרף שטיקל גמרא. יעדע לעצטע מינוט איז אַ טשיקאַווע מינוט, און איך מוז דיר פאָרט, בהמה, זאָגן ווער עס איז פייוקע ליטוואַק.

און ר׳ פייוקע האָט אָנגעהויבן צו רעדן. עס האָט אויסגעקוקט, אַז ער זעט גאָר נישט סימכע פלאַכטען און רעדט סתם צו די ליידיקע ווענט.

סימכע פלאַכטע

אין קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר דערציילן ווי ר׳ פּייווקע האָט פאַר סימכע פלאַכטעס פאַרשטאָפּטע אויערן דערציילט פון וואַנען ער איז געקומען און ווו ער איז געבוירן — ער וויל נישט קיין כבוד און וויל נישט קיין געלט. ער איז סתם טשיקאַווע אַ שפּיל צו טון מיט דער וועלט.

קאַפּיטל צוועלף

ר׳ פּייוּוּקע דערציילט סימכע פלאַכטען פון ווערעמל מיטן ליכטעלע.

יש שתי מדרגות — פאַראַן צוויי מדרגות פון דעם ג אָ ר אונטן, האָט ר׳ פּייוּוּקע דער ליטוואַק אָנגעהויבן צו רעדן צו סימכע פלאַכטען. ר׳ פּייוּוּקע האָט אָנגעהויבן דווקא אויף לשון־קודש און דווקא מיט אַ שאַרפן גמרא־ניגון גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ שטענדער ערגעץ אין אַ קלויז אין דער ווייטער ליטע. דער חומר האָט זיין גאָר אונטן, האָט ר׳ פּייוּוּקע געזאָגט, און דער שכל האָט אויך זיין גאָר אונטן. דער גאָר אונטן פון חומר קוקט אויס נייערט ווי אַ בלינדער וואָרעם וואָס ליגט טיף אין דער בלאָטע און נאָגט פון זיין אייגענעם בויך. דער גאָר אונטן פון שכל איז געגליכן צו אַ פּיצעלע ליכטעלע אינמיטן פון ווינטן. דאָס ליכטעלע צאַנקט און צאַנקט. יעדע רגע קאָן עס אויסגעלאָשן ווערן און בלייבן אין אַן אייביקער חשכות.

אַלצדינג וויל אָבער גיין העכער און האָבן אַן עליה. דער גאָר אונטן **פון חומר, דאָס נעבעכדיקע ווערעמל,** וויל אויסוואַקסן צו אַ גרויסן וואָרעם, צו אַ חיה, צו אַ גיפטיקן פּיפּערנאָטער. גרייליך וואָלט עס חשק געהאַט אָנצופּילן מיט זיין אויסגעוואַקסענער ווערעמדיקייט גאָר די וועלט, און צו פאַרצוקן און אויפפרעסן אַלצדינג וואָס פאַלט אים אין די בלינדע אויגן אַריין.

דאָס פּיצעלע ליכטעלע, די אונטערשטע מדרגה פון שכל, צאַנקט, און אָט ווערט עס אויסגעלאָשן. נישט געקוקט אָבער אויף איר ווינציקייט חלומט עס גאָר צו ווערן די גרויסע זון. אויפצולויכטן אין גאָר דער וועלט און אַריינצוקוקן מיט איר ליכטיקייט אין אַלע ווינקעלעך און שפּאַרונעס.

אַלאַ וואָס דען? — זאָגט פּייוּוּקע דער ליטוואַק — ניין! עס איז נ״שט

קיין דרך. ווען דאָס ליכטעלע וועט אויסוואַקסן צו אַ זון און דאָסווערעמל צו אַ חיה — איז וואָס זשע וועט זיין? אַנשטאָט וואָס עס זענען זיך דם־שונאים דאָס ווערעמל מיטן ליכטעלע, וועלן זיך ווערן דם־שונאים די זון מיט דער גרויסער חיה. די וועלט וועט נאָך ווערן משוגענער ווי זי איז איצט. ניין! אָמר — זאָגט פייווקע ליטוואַק (ר׳ פייווקע האָט זיך דערביי גמראדיק צוגעזונגען) ווי איך בין אַ ייד, עס איז נישט קיין דרך.

סימכע פלאַכטע איז געשטאַנען ווי אַ קלאָץ און געקוקט ווי ר׳ פייווקע שאָקלט זיך אין אים אַריין ווי אין אַ שטענדער.

ר׳ פייווקע האָט ווייטער גערעדט:

— מיר קומען ביידע טאַקע פון גאָר אונטן, ר׳ סימכעצקע. דו פון דעם בלינדן ווערעמל, איך — פון דעם צאַנקענדיקן ליכטעלע.

— אלא וואָס דען? ווער דו ביסט און ווי דו האָסט אויסגעקוקט, סימכע פלאַכטע, ווייס איך. דיין שליחות ווי דאָס ווערעמל אין דער וועלט האָסטו אויסגעפירט בשלמות. האָסט אויסגעלעקט טעלער, געגאַנגען אָדם־נאַקעט און געטראָגן וואַסער.

— איך, פייווקע ליטוואַק, איך בין געווען דאָס קליינע ליכטעלע פון שכל, דאָרט אין דער ליטע. האָב איך געצאַנקט און געצאַנקט גאָר אונטן. געטראַכט האָב איך אָבער דערפון, אַרויסצוקריכן פון דעם אונטן און צו ווערן די זון.

איך — די זון אין דער ליטע, דו — אַ חיה אין נאַרקאָווע? איז נישט געווען קיין דרך, ר׳ סימכעצקע סערדצע.

טאָ וואָס זשע טוט פייווקע דער ליטוואַק?

איז ער דאָך אַ ממזר־קאָפּ, איז ער זיך מיישב, פייווקעלע, און קוקט אַריין אין חקירה־ספרים. זאָגן דאָרט די חכמים אַזוי צו זאָגן: כדי צו מאַכן פון דער וועלט אַ שטיקל טאָלק מוז מען אַ פּרווו טון און צוזאַמענשפּאַנען דאָס ווערעמל מיט דעם ליכטעלע אין איין מזל. מען מוז, זאָגן די חכמים, אַזוי לאַנג זיי צוזאַמענשפּאַנען, טרייבן מיט דער בייטש און שרייען וויאָ ביז די זוניקייט מיט דער חיהשקייט וועלן זיך אפשר צוזאַמענגיסן אין איין ליכטיקייט. דאָס ליכט וועט ווערן א יי נ ס מיט דער פינצטערניש. כ׳וויל דיר גאָר נישט זאָגן, גראָבער קאָפּ, סימכע פלאַכטע, ווי די חכמים האָבן עס אָנגערופן אין זייערע חקירה־ספרים.

קאַפּיטל דרייצן

ר׳ פּייווקעס טאַטע מאַמע.

— אמר — האָט געזאָגט ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק צו סימכע פּלאַכטען:

— אַזוי ווי, שטיק בהמה, כ׳האָב דיר אַ קאַפּעטשקע דערציילט פון וואָס איך טראַכט, ממילא מוז איך דיר אויך דערציילן ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. און ווער עס האָט מיך אַרויפגעפירט אויף די אַלע מחשבותן.

— ליטע, ליטע, דו ביסט אַן ארץ מגדלת חכמים. איי וואָלט דאָס ווערעמל דאָרט געהאַט אַ ביטער לעבן. וואָס איז די ליטע? אַ שהיה פּיה. מאָגער און אָרעם. די פעלדער — קוים זיי זשיפּען. די ביימער — קוים זיי וואַקסן. וואָס וואָלט דאָס ווערעמל נעבעך דאָרט געפרעסן? דערפאַר פאַרן ליכטעלע איז די ליטע ממש אַ גן־עדן. אַלץ איז גראָשנדיק אין דער ליטע. קאָן דאָרט אין דער גראָשנדיקייט דאָס ליכטעלע צאַנקען און טראַכטן וועגן דער זון.

אין אָט דער ליטע האָט מיך געבוירן אַ יידענע אַ ליטוואַטשקע. אַ קבצנטע אין זיבן פּאָלעס, אַ מדינה־גייערקע. אַ פאַרשוואַרצטע, אַ פאַר־פּינצטערטע, אַ הונגעריקע מאַמע, ווי דער שטייגער איז אין דער ליטע. מיין טאַטע, דער מדינה־גייער, האָט זיך מיישב געווען און געשטאָרבן ערגעץ אין אַ הקדש. אַז פּייווקעלע האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט — האָט זיך די מאַמע, די מדינה־גייערקע, מיישב געווען: וואָס וועט זי זיך אָפּמוטשען מיט אָט דעם פּייווקעלען? און זי איז אַוועק אַהין פון וואַנעט מען קומט שוין נישט צוריק, סיידן אַמאָל עמעצן צו חלום.

סימכע פלאַכטע

איז פּייווקעלע געבליבן אַן אָרעמאַנסקע יתומל. אָרעמעלייט מדינה־גייער האָבן אים גענומען בירושה. מאַלע וואָס סע מאַכט זיך! פּייווקע קאָן אַמאָל אויסוואַקסן אַ ווּיסטע קאַליקע. און עס איז ידוע, אַז אין די בוידן פון מדינה־גייער איז אַ קאַליקע מיט גאָלד אָפּצוּוועגן. ער מאַכט ווייך יידישע הערצער.

פּייווקע האָט זיך אויפגעכאָוועט אין די בעטלערישע בוידן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער דער אָרעמער ליטע. מילא, פון צרות און קלעפּ איז אָפּגערעדט. אָבער געוואַקסן איז ער קיין עין־הרע און געפּאָרן איבער דער וועלט.

אין די ליטווישע קלויזן האָט ער געזען ווי יידן נעמען אַ ספר, קוקן דערין אַריין און ווערן קליגער. הייסט עס, האָט פּייווקע געטראַכט, אַז ווען מען קוקט אַריין ווערט מען קליגער. אפשר איז די וועלט אויך אַ ספר? האָט פּייווקע געטראַכט, און ווען מען פּאָרט אין בוידן איבער דער וועלט, הייסט: מען מישט די בלעטער פון דער וועלט. הייסט: מען לערנט די וועלט. מען מאַכט פון דער וועלט אַ ש״ס־גמרא און מען לערנט זי. איז — ווען מען האָט אַ ממזר־קאָפּ קנעלט מען טאַקע די וועלט און מען ווערט דערפון קליגער.

קאַפּיטל פּערצן

ר' פּייוּוקע פאַרט איבער דער ליטע אין אָרעמאַנסקע בוידן און טראַכט וועגן דער וועלט.

האָט ר' פּייוּוקע דער ליטוואַק ווייטער גערעדט צו דער בהמה סימ־כע פלאַכטען:

— אַזוי בין איך מיך אויסגעזעסן אויף אָרעמאַנסקע בוידן. די בידנע פערדלעך האָבן געצויגן און די בוידן האָבן זיך געהאָצקעט. איך בין גע־זעסן אין היץ און אין קעלט, אין רעגן און אין שנייען. אָרעמעלייט האָבן אין די בוידן געדאַוונט מיט מנין און געלערנט גמרא. געמאַכט בריתן. מיט די קליינע קבצנימלעך האָט מען געלערנט דרדק און חומש מיט רשי. ביי אונדז אין דער ליטע איז מען נישט גורם קיין עמי־הארצים.

מיר זענען געפאָרן וואַלד אויס, וואַלד איין, פון שטעטל צו שטעטל, פון ישוב צו ישוב. די יאָרן זענען פאַרגאַנגען אויף די בוידן און אין די הקדשים. אין די פּרייטיק־צו־נאַכטסן און שבתים איז מען געשטאַנען ביי די טירן פון די קלויזן און בתי־מדרשים. פּייוּוקע האָט געלערנט וועלט. אַלאַ וואָס דען? די ליטע, סימכע פלאַכטע סערדצע, איז גאָלע תורה. אַלע קענען זיי דאָרט. דער וואַסערטרעגער שטייט ביי דעם ברונעם, ציט אַרויף אַן עמער מיט וואַסער און טראַכט וועגן אַ תוספות. די ליטוואַקעס, אַ געזונט זיי אין די ביינער, זענען הונגעריקע יידן. האָבן זיי נישט וואָס אַריינצולייגן אין די קישקעס, לייגן זיי אַריין דאָרט תורה. האָט מען די תורה אין די קישקעס, — צי מען וויל יאָ צי נישט, — ווערט מען פאַ־מעלעכל אויס ווערעמל און מען ווערט אַ שכלדיק ליכטעלע.

— דאָס ליכטעלע מוז דורכאויס געפינען דאָס ווערעמל — כדי

סימכע פלאָכטע

די וועלט זאָל האָבן אַ טאָלק. צו דעם האָט זיך דערטראַכט פּייווקע ליט־וואַק, ווען ער איז אַמאָל דורכגעפאָרן דורך אַ פינצטערן וואַלד.

האָט ער געהערט, אַז אין פּוילן איז פאַראַן אַ שטעטעלע נאַרקאָווע, איז דאָרט דאָ אַ סימכע פלאָכטע. אַ ייִד אַ ניע בע ניע מע. אַ ייִד אַ פּרעסער און קאָן נישט קיין צלם פאַר קיין אַלף. אַ ייִד גאָר־גאָר פון אונטן.

האָט זיך פּייווקע מיישב געווען און אַ פּאָר געטון קוקן.

קאַפּיטל פופצן

דעם מלכס נאַר קומט אַ קוק טון אויף ר׳ פּייווקען. — זיי שמועסן.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך פּלוצים אויסגעטון די שמאָטע־וואַטע קאַפּאָטע און דאָס צעריסענע שמויסענע מיצל. ער איז געבליבן שטיין אין אַ העמד פון וועלכן עס זענען געפאַלן שטיקער. ר׳ פּייווקע האָט אויסגעקוקט ווי ער וואָלט פּלוצים איינגעשרומפּן געוואָרן צו עפּעס גאָר אַ קליין יידעלע. נישט מער ווי אַ ביסעלע הויט און ביין. אַ גרוגרת דר׳ צדוק. אַ טונקל גופל באַוואַקסן מיט האָר. די ריפּעלעך האָבן אים אַרויסגעשטאַרצט פון דער מאָגערער הויט. דער נאַקעטער אויסגעקראָכע־נער קאָפּ מיט גרויסע טיף באַברעמטע אויגן און מיט אַ קליין אויסגע־צופּט בערדעלע איז אים געזעסן אויפן לאַנגן האַלדז ווי ער וואָלט דאָרט געווען אַריינגעשרויפט.

ר׳ פּייווקע איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויסן מגושמדיקן סימכע פּלאַכ־טען. ער האָט זיך לעבן אים אַוועקגעשטעלט. אַן אויסגעטוענער האָט ער לגבי סימכען אויסגעקוקט ווי אַ קאַרליקל. אַ וויסקראָביקל. סימכע פּלאַכטע האָט אים בייז אָנגעקוקט. ר׳ פּייווקע האָט צו אים אַפּערגעהויבן די טיף־באַברעמטע אויגן:

—אָט אַזוי, ר׳ סימכעצקע, זענען מיר געגאַנגען צוזאַמען ווי דאָס ליכטעלע מיטן וואָרעם. דאָס ליכטעלע האָט אויפגעלויכטן. דער וואָרעם איז געוואַקסן. צי וועלן מיר ביידע אַרויפקומען גאָר גאָר אין דער הויך און זיך אַוועקשטעלן אויפן שפּיץ — און ווערן א יי נ ס ? אָדער מיר

וועלן זיך אַראָפּקאָלערן ב יי ד ע אויף צוריק צו בלייבן צ ו יי?
האַ, וואָס איר זאָגט, ר׳ סימכעצקע?

פּלוצים האָט זיך אָן עפּן געטון די טיר. ר׳ אלי דער אַרענדאַר איז מיט גרוים ערפורכטיקייט געשטאַנען אויף דער שוועל.

ר׳ אלי האָט געוואָלט זאָגן „רבי" — נאָר זעענדיק סימכע פּלאַכטען בגילוי ראש און ר׳ פּיוּוקען אַ נאַקעטן, האָט ער אינדערגעשווינד בלויז אַרויסגעזאָגט:

— יידן, עפּעס אַ שר איז געקומען צו רייטן פון ווארשע און פרעגט זיך אויף אייך.

ר׳ פּייווקע האָט זיך אויפאינדערגעשווינד אָנגעטון די קאַפּאָטע. ער האָט אויך אַרויפגעזעצט דעם ספּאָדיק סימכע פּלאַכטען אויפן קאָפּ.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ קליין גויטשיקל מיט אַ הויקער. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אַ סאַמעטענעם מאַנטל און אַ היטל פון אַ גרויסן פּריץ.

— גיי אַרויס, מאָשעק, האָט דאָס גויטשיקל שאַרף באַפוילן דעם אַרענדאַר, איך קום פון קעניגלעכן שלאָס און האָב עפּעס צו רעדן מיט די געסט פון זיין מאַיעסטעט.

ר׳ אלי האָט זיך איינגעבויגענערהייט אַרויסגערוקט הינטערוויי־לעכס.

דאָס גויטשיקל האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם סאַמעטענעם מאַנטל און דאָס רייכע פּריצישע היטל. ער איז געבליבן שטיין אין די געל־רויטע מלבושים פון מלכס נאַר.

דעם מלכס נאַר האָט לאַנג געקוקט אויף סימכע פּלאַכטען. דאַן האָט ער שאַרף אָנגעקוקט ר׳ פּייווקען דעם ליטוואַק און זיך הילכיק צעלאַכט.

— איך זע, האָט דעם מלכס נאַר געזאָגט, אַז סיי אין די פּאַלאַצן פון די קעניגן און סיי אין די ייִדן קרעטשמעס ביי יידן — אומעטום גייט דאָס איינענע שפּיל. איינער איז דער גרויסער, דער חשוב און דער עלטסטער. אַזוי צו זאָגן — דער מלך. דער צווייטער איז אַ קליינער און אַ נישטי־קער. ער איז דער נאַר פון מלך. דו אָפּגעריסענער זשידעק, ביסט מן־הסתם דער נאַר ביי דעם דאָזיקן באַרימטן וונדער־ייד?

— האסט געטראָפן אויף דער האָר, יאַשניע פאַניע, האָט ר׳ פייווקע געזאָגט.

—הייסט עס, האָט ווייטער געפרעגט דאָס קליינע גויטשיקל, אמאָל איז די וועלט אַ יידישע קרעטשמע און אמאָל אַ כסא־מלוכה? סע געווענדט זיך נאָר ווי אַזוי זי דרייט זיך אוים דעם דאַשעק?

— ביסט גאָר אַ קלוגער פּריץ, האָט געזאָגט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק.

— איך בין דעם מלכם נאַר. ווען איך שטיי הינטער דער כסא־מלוכה טראָג איך אַ מיצל מיט גלעקלעך, האָט געענטפערט דאָס גויטשיקל. איך בין דאָס גלעקל פון דער מלוכה.

— ביסט דאָך באמת אַ חכם, האָט געזאָגט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק.

דאָס גויטשיקל האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

נאָך אַ ווייל האָט ער געזאָגט:

— הער, מאַשעק! אמאָל איז געווען אַ שפּעדיקער באַל אין קעניג־לעכן שלאָס. ס׳זענען געווען צוגאַסט צוויי שכנישע מלכים. דער מלך האָט זיך געריסט, אַז ער פאַרמאָגט דעם גרעסטן נאַר און ער האָט מיר באַפוילן צו זאָגן ביי דער סעודה דאָס גרעסטע נאַרישקייט. גראָד איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן און איך בין געווען שטאַרק פאַרמרהשחורהט. איך בין גע־גאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן און געטראַכט. דאָס גרויסע נאַריש־קייט איז מיר נישט איינגעפאַלן. כ׳האָב געטראָפן אַ ייד און אים געגעבן אַ גאָלדן רענדל, אַז ער זאָל מיר זאָגן עפּעס אַ גרוים נאַרישקייט. דער ייד האָט עס מיר געזאָגט. שפּעטער האָב איך עס נאָכגעזאָגט הינטער דער כסא־מלוכה. דער גאַנצער באַל האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. די פרעמדע קעניגן האָבן מקנא געווען דעם פּוילישן מלך מיט זיין נאַר. איר, יידן, באַשיימפּערלעך זענט איר דעם מלכם נאַראָנים אין דעם שפּיל פון דער וועלט — דעריבער זענט איר אַזוי קלוג.

— אויך איך האָב אמאָל געטראָפן דעם גאָר גרויסן נאַר — האָט געזאָגט ר׳ פייווקע דער ליטוואַק. — אויך ער האָט געטראָגן אַ מיצל מיט גלעקלעך. איך בין געזעסן אויף אַ שטיין ביים נאַרקאָווער וואַלד און געטראַכט מחשבותן. דער נאַר האָט זיך צו מיר צוגעזעצט. ער איז גע־ווען דאָס מזל פון דער וועלט. אַזוי צו זאָגן, גאָטס נאַר. דאָס מזל האָט

מיר אָנגעשלאָגן צו שליסן מיט אים שותפות. אומעטום מוז זיין דער נאַר, וואָס פירט דאָס רעדל — און ער פירט עם אַמקליגסטן.

דעם מלכם נאַר האָט זיך הויך צעלאַכט. ער האָט זיך צוריק אָנגעטון דעם פריצישן מאַנטל מיטן היטל, איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן פאַר דער קרעטשמע, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין פערד און צוריק געריטן קיין וואַרשע.

אין קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר דערציילן ווי ביים מלך לעשעק דעם פליכעוואַטן, קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, האָבן זיך געפירט הייסע דעבאַטן צווישן די פריצים און מאַגנאַטן. מען האָט זיך דערטראַכט גאָר טיף צו שטעלן סימכע פלאַכטען אויף דער פריוו. די שריי־מלוכה, — אחד הממעיט ואחד המרבה האָבן באַשלאָסן צו פרעגן סימכע פלאַכטען רעטענישן זייער הארבע.

קאַפּיטל זעכצן

ווידער אַן אסיפה בחצרות המלכים — די יועצי־המלך שרייען געוואַלד. — דאָס אַלטע פּריצל רעדט וועגן חכמות און וועגן נאַרישקייטן.

נאָכדעם ווי סימכע פּלאַכטע איז געזעסן צוויי טעג על חשבון המלך אין ר׳ אלים קרעטשמע, האָט מען אין קעניגלעכן שלאָס אין וואַרשע ווידער צוזאַמענגערופן די גרויסע אסיפה. ווידער איז זי פאָרגעקומען אין דער גרויסער סאַליע און ביי דעם לאַנגן גאָלדענעם טיש. אויבנאָן אויף דער כסא־מלוכה איז געזעסן דער מלך לעשעק דער פליכעוואַטער, אָנגעטון אין זיין קרוין און אין די בגדי־מלכות. הינטער דער כסא־מלוכה איז כנהוג געשטאַנען דעם מלכס נאַר. אַרום און זענען געזעסן די פּריצים מכל קצווי־פּוילן, און האַרט ביים אויבנאָן — די קלוגע יועצי־המלך אין זייערע שפּאַקולן.

דער מלך לעשעק האָט דערציילט וועגן דעם ייד אויף וועלכן דער פּריץ וויטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט אָנגעוויזן, אַז ווען מען וועט אים אַ שטעל אַרויף געבן אויף די וואָג־שאָלן פון חכמה, וועט פּוילן ווידער כמקדם שטיין בראש פון אַלע קלוגע מלוכות: דער מלך וועט רואיק שלאָפן אויף זיין גאָלדן בעט — האָט דער מלך לעשעק נאָכגעזאָגט די ווערטער פון פאַן וויטשעך — און אונטער דער זילבערנער קאָלדרע וועט ער אויסשטעקן אַ פייג צו אַלע זיינע שונאים.

דער דאָזיקער יידישער וועלט־חכם איז שוין געברענגט געוואָרן קיין וואַרשע כדי אים צו ווייזן פאַר אַלע שרי־מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז ער וווינט נישט אין וואַרשע גופא, נייערט הינטער וואַרשע אין דער קרעטשמע ביי אַ יידישן אַרענדאַר. און ער, דער מלך לעשעק, רופט צונויף צוזאַמען די גרעסטע פּריצים פון פּוילן און פרעגט ביי זיי וואָס צו טון ווייטער מיט דעם אָהער־געברענגטן יידישן חכם.

די יועצי־המלוכה — הגם זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט צווישן זיך איין דעה און זענען געווען צווישן זיך ברוגז, האָבן זיך אַלע צוזאַ־מען אויפגעשטעלט און אָנגעקוקט דעם מלך לעשעק דעם פּליכעוואַטן דורך זייערע שפּאַקולן:

עס איז נאָך אין דער וועלט נישט געהערט געוואָרן — האָבן די יועצי־המלוכה אין איין קול געזאָגט צום מלך לעשעק, — און זיי זענען גרייט עס נאָכצווייזן אין די ספרי־המדינות, סיי אין די געדרוקטע און סיי אין די וואָס ליגן בכתב־יד אין די שפּינוועבעכצן פון די גנזי־המלך. עס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן — האָבן די יועצי־המלך געזאָגט — צווישן אַלע מלכי מזרח ומערב, אַז מען זאָל צולאָזן צום העכסטן ראַט פון מלך אַ מענטש, וואָס קאָן נישט רעדן לאַטיין ווי אַ וואַסער, אַ מענטש, וואָס האָט נישט געענדיקט די שקאָלעס פון מלך ווו מען לערנט די פּריצים ווי אַזוי צו פירן אַ מלוכה. אַ מענטש, וואָס האָט נאָך נישט געגעסן ברויט פון אַ סך אויוונס און קאָן נישט אויף אויסנווייניק דאָס און דאָס — דאָ האָבן די יועצים אויסגערעכנט אויף לאַטיין וואָס אַ מלוכה־יועץ דאַרף קענען אויף אויסנווייניק און עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז זיי האָבן עס אויסגערעכנט און האָבן נאָך צוגעגעבן, אויך אויף לאַטיין, אַ סך „און אַזוי ווייטערס”. מען קאָן נישט נעמען גלאַט אַזוי אַ מענטש, און דערצו אַ ייד, און דערצו אַ ייד פון אַ נאַרקאָווע און אים אַוועקזעצן ביים רעדל און אים הייסן זאָגן דעות. סיידן מען וויל אַוועקשטעלן די וועלט אויפן קאַפּויער און מאַכן פון סדר־העולם אַ האַנטשערקע. אַזוי האָבן דער־קלערט די יועצי־המלך און זייערע דינע ליפּעלעך האָבן געציטערט. די יועצי־המלך האָבן זיך בייז אויף אַלעמען אומגעקוקט דורך זייערע שפּאַ־קולן און אויפן פּאַן וואָיטשעך האָבן זיי געוואָרפן אַ בליק ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט אויפעסן אַ לעבעדיקן.

דאָ האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערופן איינער אַ גאָר אַלטער פּריץ, אַ גוי אַ בן־שמונים. אַליין האָט ער שוין נישט געקאָנט גיין און אַ לאָקאַי האָט אים געמוזט פירן. די הענט זענען ביי אים געווען פון סאַמע טרו־קענע אָדערן און האָבן שטאַרק געציטערט. אויך דאָס קעפּל מיטן פּאַרוק און מיטן צעפּל האָט אויף אים געציטערט. זיין גאַנצער עולם־הזה איז גע־ווען צו נעמען אַ שמעק־טאַבאַק פון זיין גאָלדן פּושקעלע. די ווייסע שפּיצן

פון זיין האַלדז־קאַלנער, ווי אויך די פינגער פון זיינע הענט זענען געווען כסדר באַשיט מיט שמעק־טאַבאַק. ער האָט געטראָגן גרויסע גאָלדענע שפּאַקולן מיט טונקעלע גלעזער פון וועלכע מען האָט נישט אַרויסגעזען די אויגן.

— אדוני קעניג, און איר פּאַנאָוויע שליאַכטע, האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט און גענומען אַ שמעק־טאַבאַק פון זיין גאָלדענער פּושקע, איך ווייס אַז איר זענט אַלע געלערנטער פאַר מיר, ווי אויך באַהאַוונטער אין די עניני־מלוכה. דערפאַר אָבער, אדוני קעניג, זענען יאָרן אויך גוטע שקאָלעס. ביי מיינע אַכציק יאָר האָב איך ניש־קשה עפּעס געלערנט. — און איך מוז אייך זאָגן, פּאַנאָוויע שליאַכטע, אַז איך האָב שוין געזען אַלערליי חכמים. איך האָב געזען חכמים וואָס פאַרשטייען זיך טאַקע אויף אַלערליי חכמות און קלוגשאַפטן. פרעגט מען אָבער ביי זיי אַ נאַרישקייט בלייבן זיי שטיין ווי די לעמעשקעס. זיי כאַפּן צומאָל נישט וואָס מען פרעגט. אין זייער גרויסן מוח איז גאָר נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר נאַרישקייטן. סאַמע חכמה! איז דוכט זיך וואָס פעלט זיי? פּאַנאָוויע שליאַכטע! ניין! עס פעלט זיי די אַנדערע זייט פון דער חכמה. עס פעלט זיי די חכמה וואָס מען קען זיך נישט אויסלערנען אין שקאָלעס. מחמת די גרעסטע חכמה איז פאַר זיך אַליין גאַרנישט. זי איז נישט מער נייערט ווי אַ משל צו נאָך אַ טיפערן נמשל. דעריבער איז אויך די נאַרישקייט נישט שטענדיק טאַקע גאָלע נאַרישקייט. טייל מאָל זעט אויס, אַז די טיפע קלוגשאַפט וואָס קאָן נאָר רעדן אין משלים און גלייכענישן — זי איז זיך מיישב און קומט צו אונדז אַריין נישט מיט שפּאַקולן אויף דער נאָז און נישט מיט ספרים אונטערן אָרעם. זי וויל אונדז כלל נישט אָפּשרעקן און זיך ווייזן ווי דאָס גרויסע וויסעניש. די גאָר קלוגע קלוגשאַפט מאַכט עס קליגער; זי פאַרשטעלט זיך כלומרשט פאַר אַ נאַרישקייט און רעדט צו אונדז דורך אַ משל פון דעם פּשוטסטן שטייגער. מכלומרשט ווייסט זי נישט וואָס זי רעדט און דערפאַר רעדט זי גראָד וואָס זי ווייסט.

דאָס אַלטע פּריצל האָט זיך שטאַרק צעהוסט און האָט ווידער גענומען אַ שמעק־טאַבאַק פון דער גאָלדענער פּושקע. דער מלך לעשעק אויף דער כסא־מלוכה און דער נאַר הינטער דער כסא־מלוכה האָבן זיך ביידע

אויפמערקזאַם צוגעהערט. די יועצי־המלך האָבן אויפגעשטעלט זייערע שפּאַקולן אויפן אַלטן פּריצל און אים זייער בייז אָנגעקוקט.

נאָכן שמעק־טאַבאַק האָט זיך דאָס פּריצל ווייטער צערעדט:

— איז מיין עצה, אדוני קעניג, אַז מען זאָל געוווּיר ווערן צו וואָסער סאָרט חכמים עס באַלאַנגט אָט דער ייד פון נאַרקאָווע. איז ער פון די אויסגעלערנטע, פון די וואָס רעדן נאָר מיט חכמות און פאַרשטייען נישט דעם נמשל פון אַ נאַרישקייט — איז דאָס גלייכסטע אים צוריק צו שיקן אין זיין שטעטל. ווי קאָן אַזאַ זשידעקל מער וויסן ווי די קלוגע יועצי־המלך וואָס זענען אויסגעגאַנגען אַלע דיינע שקאָלעס, אדוני הקעניג, און רעדן לאַטייניש ווי אַ וואַסער? רופן זאָלסטו אים נאָר אויב ער איז פון יענע חכמים, וואָס די חכמה ליגט זיי אין די נירן ווי אַן עצם, און ווי יעדער עצם האָט זי אַ גוף מיט אַ נשמה, דאָס הייסט: אַ משל מיט אַ נמשל; אַ חכמה, וואָס קאָן זיך אָנטון אין אַ לבוש פון אַ נאַרישקייט כדי פאַר אונדז צו באַהאַלטן איר קלוגשאַפט.

די יועצי־המלך האָבן מיט זייערע בליקן געקוקט דורך די שפּאַקולן ווי מיט שאַרפע שפּיזן. זיי האָבן געשאָקלט מיט די גראָע קעפּ און געוויזן מיט די פינגער אויף זייערע שטערנס, אַז דעם אַלטן פּריץ פעלט לא עליכם די קלעפּקע.

די אַנדערע פּריצים האָבן געפרעגט:

— פון וואַנען וועלן מיר עס אָבער וויסן, יאַשניע פּאַניע כראַביע, צו וועלכן סאָרט חכמים עס באַלאַנגט דער ייד פון נאַרקאָווע?

דער אַלטער פּריץ האָט ווידער גענומען אַ שמעק־טאַבאַק פון דער גאָלדענער פּושקע און געענטפערט:

— זייער פּשוט, יאַשניע פּאַנאָוויע, מיר וועלן ביי אים פרעגן אַ רע־טעניש. דאָס הייסט, מיר וועלן אים פרעגן כלומרשט אַ נאַרישקייט הינ־טער וועלכער עס באַהאַלט זיך אַ מעשה־שהיה. דער זין פון אַ דרך־העולם. וועט דער ייד וויסן דעם זינפולן דרך־העולם, וואָס האָט זיך מתלבש געווען אין אַ פּוסטער בבא־מעשה — איז עס אַ סימן אַז ער איז טאַקע פון די וואַרהאַפטיקע חכמים, און דו, מלך לעשעק, זיי זיך נישט לאַנג מיישב, נעם אים באַלד אַרויס פון דער קרעטשמע און זעץ אים אַוועק ביי דעם גאָל־דענעם טיש און האַלט זיך מיט אים אַן עצה.

קאַפּיטל זיבעצן

דער זינג־פויגל און דאָס רעטעניש.

די פּריצים ביים גאָלדענעם טיש האָבן געשוויגן און געוואַרט וואָס עס וועט זאָגן דער קעניג לעשעק.

— אַז דו ביסט יאָ אַזוי קלוג, פאַניע כראַביע, האָט זיך אָנגערופן דער קעניג לעשעק, אפשר קאָנסטו אונדז זאָגן וואָסער רעטעניש מיר זאָלן פרעגן ביים פאַן וווּיטשעכם ייד?

דאָס אַלטע פּריצל האָט געענטפערט:

— אדוני קעניג! ווי דו ווייסט בין איך נאָך געווען פון די מקורבים ביי דיין טאַטן דעם מלך יאַצעק דעם הינקעדיקן און ביי דיין זיידן דעם מלך וואַצעק דעם בלינדן און איך ווייס דעריבער וואָס עס טוט זיך בחדרי־חדרים פון דיין קעניגלעכן שלאָס. ווייס איך, אַז אין דיין שלאָף־חדר הענגט אַ גאָלדן שטייגל מיט אַ טייערן זינג־פויגל. ער וועקט דיך אַלע אינדערפרי מיט זיין זיס פייפן און דו קאָרמעסט אים אַליין מיט דיינע קעניגלעכע הענט. ווייס איך אויך, אַז לעבן דעם גאָלדן שטייגל איז אין דער וואַנט אויסגעהאַקט אַ קליין שענקל פאַרשלאָסן מיט אַ גאָלדן טירל. אין דעם דאָזיקן שענקל האַלטסטו דעם זיגל פון דער פּוילישער מלוכה. איז מיין עצה: זאָל מען אין דעם שענקל אַריינשטעלן עסן און טרינקען פאַרן פויגל, וואָס זאָל אים קלעקן אויף דריי טעג. דערנאָך זאָל מען נעמען דעם פויגל און אים אַריינלאָזן אין שענקל און עס פאַרשליסן אויפן גאָלדענעם טירל. דאָס שטייגל זאָל מען באַהאַלטן, קיינער זאָל נישט וויסן אַז אין דיין שלאָף־חדר האָט זיך אַמאָל געפונען אַ זינג־פויגל. עס איז, דוכט זיך, נאָר אַ קליינע פּאַסירונג. מען וועט פרעגן ביים ייד, זאָל ער

סימכע פלאכטע

זאָגן וואָס עס איז געשען אין דיין קעניגלעכער שלאָף־שטוב. אויב ער וועט עס וויסן, איז אַ סימן אַז ער איז פון יענעם מין חכמים, וואָס די קלוגשאַפט איז זייער דרך־הטבע און זי ליגט אין זייער בלוט ווי אַן עצם.

דאָ האָבן זיך די יועצי־המלך אויפגעשטעלט און הויך צווישן זיך גערעדט אויף לאַטיין און געוויזן מיט די פינגער אויף זייערע שטערנס, דאָס הייסט: דעם אַלטן פּריץ פעלט לא עליכם די קלעפּקע.

עס האָט זיי אָבער גאָר נישט געפּועלט. דער גאַנצער אסיפה, ובתוכם דעם מלך לעשעק, איז דעם זקנס עצה שטאַרק געפעלן געוואָרן און מען האָט באַשלאָסן אומר ועושה צו טון אַזוי ווי דער אַלטער פּריץ האָט גע־ראָטן.

קאַפּיטל אַכצן

מען טוט מיטן זינג־פויגל ווי דער זקן האָט געראָטן. — און מען שיקט אַ גאָלדענע קאַטש צו ברענגען סימכע פלאַכטען אין קעניגלעכן שלאָס.

כאיש אחד איז די גאַנצע קעניגלעכע אסיפה אויפגעשטאַנען פון זייערע פאָטערשטולן אַרום דעם גאָלדענעם טיש. אויך דער מלך לעשעק דער פליכעוואַטער איז אויפגעשטאַנען פון דער כסא־מלוכה. פאַרשטייט זיך, אַז דעם מלכס נאַר איז פוס־טריט נאָכגעגאַנגען דעם מלך לעשעק.

צוזאַמען זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אין קעניגלעכן שלאָף־חדר.

דאָרט איז געשטאַנען דאָס גאָלדענע בעט מיט דער זילבערנער קאָל־דרע אויף וועלכן דער מלך פון פּוילן האָט לעצטנס נישט געקאָנט צוטון קיין אויג. ביי דער וואַנט איז טאַקע געוועזן דאָס פאַרשלאָסענע גאָלדענע טירל פונעם באַהאַלטענעם שענקל. דערלעבן איז געהאַנגען דאָס גאָלדענע שטייגל. אינעם שטייגל האָט אַרומגעהיפּט און געפּיפּן דער טייערער זינג־פויגל.

מען האָט געטון ווי דער זקן האָט געראָטן. דער מלך לעשעק האָט אַרויסגענומען אַ גאָלדן שליסעלע פון די טאַשן פון זיינע קעניגלעכע הויזן און דערמיט אויפגעשלאָסן דאָס גאָלדענע טירל. די לאָקאַיעס האָבן אַריינגעשטעלט אין שענקל עסן און טרינקען פאַרן פויגל אויף דריי טעג.

דערנאָך האָט דער מלך לעשעק באַפוילן זיין לייב־דינער אַרויסצונעמען דעם זינג־פויגל פון דעם שטייגל און אים אַריינצולאָזן אינעם באַהאַלטענעם שענקל און אים דאָרטן צו פאַרשליסן הינטערן גילדערנעם טירל.

דער לייב־דינער האָט געטון כמצוות המלך. אָבער ווען מען איז

גענאַנגען פאַרשליסן דאָס טירל האָט זיך דער פויגל מיישב געווען און אַרויסגעפלויגן.

די לאַקאַיעס און שרי־מלוכה האָבן זיך איבערן מלכס שלאָף־חדר אַרומגעיאָגט נאָכן פליענדיקן פויגל. ענדלעך האָט מען אים געכאַפּט און אים בכבוד גדול ווידער אַריינגעזעצט אין שענקל.

דאָ איז דער פויגל דאָס צווייטע מאָל אַרויסגעפלויגן.

מען האָט זיך ווידער נאָך אים געיאָגט און מען האָט אים ווידער געכאַפּט.

דער מלך לעשעק ירום הודו בכבודו ובעצמו האָט איצט גענומען דעם פויגל מיט דער האַנט און אים מיט גרויס פאָרזיכטיקייט אַריינגעזעצט אין שענקל אַריין, און אייגנהענדיק מיט זיין שליסעלע פאַרשלאָסן דעם פויגל הינטער דעם גאָלדענעם טירל.

דאָס גאָלדענע שליסעלע האָט ער צוריק אַריינגעלייגט אין דער קע־שענע פון זיינע קעניגלעכע הויזן.

אַלע האָבן דערין געזען אַן אצבע־אלהים און אַ גרויס וווּנדער און האָבן באַוווּנדערט די קלוגע עצה פון דעם זקנישן פריצל.

דאָס פריצל האָט גענומען דעם גרויסן שמעק־טאַבאַק און געזאָגט:

— אדוני קעניג לעשעק און איר, יאַשניע פּאַנאָוויע שליאַכטע! איצט האָבן מיר אַ משל מיט אַ פּאַסירונג. דער פויגל וואָס איז צוויי מאָל אַנט־לאָפן און צוויי מאָל געכאַפּט געוואָרן, האָט אונדז גאָר קלוג געלערנט וואָס צו פרעגן. באַהאַלטס דאָס שטייגל! און דו, אדוני מלך, שיק אין דער קרעטשמע אַריין נאָך דעם נאַרקאָווער ייד. מיר וועלן אים פרעגן און מיר וועלן זען וואָסער סאָרט חכם ער איז.

אין די קעניגלעכע שטאַלן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם באַפעל תיכף ומיד צו שיקן אַ גאָלדענע קאַטש אין דער קרעטשמע אַריין צו ר' אַלין דעם אַרענדאַר און תיכף ומיד צו ברענגען סימכע פלאַכטען אין קע־ניגלעכן שלאָס.

אין קומענדיקן קאַפּיטל וועלן מיר דערציילן ווי סימכע פלאַכטע דורך ר' פּייווקעס מויל טרעפט די רעטענישן גאָר וווּיל, די יועצי־המלך כאַפּט אָן אַ גרויל און זייער פּנים ווערט שוואַרץ ווי קויל. אָבער דער מלך לעשעק און די הויכע שליאַכטע שרייען: זאָל לעבן דער וועלט־חכם סימכע פלאַכטע!

קאַפּיטל ניינצן

ר׳ פּייווקע זיצט אין דער קאַטש און טראַכט וועגן מזל. — ר׳ פּייווקע דערציילט דעם אמת ווי אַ משל. — וויוואַט דער וועלט־חכם!

ווען די גאָלדענע קאַטש מיטן מלכס שליחים זענען געקומען צופאָרן צו ר׳ אלין אין דער קרעטשמע, האָבן זיי נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות מחמת הרצים יצאו דחופים בדבר המלך, מען האָט געהייסן, אַז עס זאָל זיין תיכף ומיד. די קעניגלעכע אסיפה האָט געוואַרט. מען איז אריינגע־פאַלן מיט גרויס איילעניש אין דער קרעטשמע, אַ כאַפּ געטון סימכע פלאַכטען און אים אויפאינדערגעשווינד אַריינגעזעצט אין דער גאָלדענער קאַטש. אין גרויס יאָגעניש האָט זיך ר׳ פּייווקע קוים דערבעטן און געוויזן אויף זיך ווי אויף דעם לייב־דינער פונעם צדיק און אַז אויך אים מיינט מען. מען האָט ווייטער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און ר׳ פּייווקען אַ וואָרף־אַריין־געגעבן אין דער קאַטש צו סימכע פלאַכטען און אַוועק ווי אַ ווייכער קיין וואַרשע.

ווהין מען פירט זיי, צי לחיים, צי למות און וואָס מען וויל מיט זיי טון? — דאָס האָט נישט געוווסט נישט בלויז סימכע פלאַכטע. ער האָט בכלל גאָר נישט געוווסט. אויך ר׳ פּייווקע איז געזעסן אין זיינע פּרעמאַנסקע בגדים און זיך געבראָכן דעם קאָפּ אונטערן צעריסענעם שמוי־סענעם מיצל.

די קאַטש איז געפלויגן ווי אַ פייל פונעם בויגן. פאַר ר׳ פּייווקעס אויגן האָבן געמיניעט פעלדער און ביימער. ער האָט אַ קוק געטון אויף די שליחי־המלך. זיי זענען געזעסן און געשוויגן ווי די וואַנט.

ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך פאַרטראַכט. צום סוף איז ער געקומען צו דער מסקנה אַז פאַרפאַלן — מען מוז דערציילן דעם אמת. ער מוז זיך פאַרלאָזן און זען ווי זיין שותף, דער ר׳ מזל, וועט זיך באַנע־מען מיטן נאַקעטן אמת. צי וועט דאָס מזל מיט אים, מיטן נאַקעטן אמת הייסט עס, אויך באַוויייזן אַרויפצופירן סימכע פלאַכטען ביז צו דער כסא־מלוכה כמדובר, אַזוי ווי ר׳ פּייווקע האָט זיך אויסגערעדט מיט אים אויפן שטיין ביים נאַרקאָווער וואַלד? — ביים סאַמע שפּיץ וועלן מיר זען, האָט ר׳ פּייווקע געטראַכט, וואָסער פּאַרשוין עס איז דאָס מזל פון דער וועלט — צי איז עס טאַקע אַ ממזר־קאָפּ, וואָס קאָן זיך טון אַן עצה, צי גאָר אַ שלימזל און אַ לעמעשקע — אַ משל כחרס הנשבר אויף וועלכן מען קאָן דאָס מינדסטע נישט בויען? עס איז גריילעך מעגלעך, האָט ר׳ פּייווקע אַ שמייכל געטון צו זיך אַליין, אַז אויף די עלטערע יאָרן מעג מען אַ טראַכט טון מכוח ווידוי. וואָס איז? מען וועט הענגען? מילא, ווען אַפילו פּייווקע ליטוואַק וועט הענגען אויף איין תליה מיט אַ סימכע פלאַכטע איז עס אויך ניש־קשה פון אַ שפּיצל. וואַרט זשע! האָט ר׳ פּייווקע צו זיך געזאָגט. פון חקירה־ספרים ווייסן מיר, אַז אַלצדינג איז בלויז אַ משל צו אַ נמשל. מוז מען דעם נאַקעטן אמת אויך זאָגן גלייך ווי ער וואָלט געווען נייערט אַ נמשל. מיר וועלן זען — האָט ר׳ פּייווקע געטראַכט.

ער איז געזעסן ביי דער זייט פון סימכע פלאַכטען. די שליחי־המלך האָבן געשוויגן ווי די שטיינער. פאַר די קאַטש־פענצטער האָבן געמיניעט די ביימער.

— מיר וועלן זאָגן דאָס משל, האָט ר׳ פּייווקע ווייטער געטראַכט. און עס איז כדאי צו קוקן אויף וואָסער טעלערל דאָס מזל וועט אויסלייגן דעם נמשל.

ווי ר׳ פּייווקע איז אַזוי געזעסן און געטראַכט איז די קאַטש דערווייל געפאָרן איבער די וואַרשעווער גאַסן. ר׳ פּייווקע האָט אַרויסגעקוקט פון די קאַטש־פענצטער. די וואַרשעווער גאַסן זענען פול געווען מיט קאַטשן און מיט רייטערס, מיט פּריצים און פּריצהס. אין די קראָם־פענצטער איז גע־ווען אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע כל־טוב פון עולם־הזה.

י. י. טרונק

די קאַטש איז פאַרפאַרן פאַר דער ברייטער טעראַסע פון קעניגלעכן שלאָס. פונדערווייטנס האָט זיך געזען די ווייסל. די שליחי־המלך האָבן געאײַלט און מען האָט די ביידע יידן אַרויפגעפירט איבער ברייטע מירמל־שטיינערנע טרעפּ און גלייך אַריינגעפירט אין קעניגלעכן שלאָף־צימער. דאָרט האָבן שוין געוואַרט דער מלך לעשעק דער פּליכעוואַטער, דער נאַר פונעם מלך, די הויכע שליאַכטע ווי אויך די קעניגלעכע ראַטגעבער. די ראַטגעבער האָבן בייז געקוקט דורך זייערע שפּאַקולן.

דער מלך לעשעק און די שרי־מלוכה האָבן קוים באַוויזן זיך אומצו־קוקן אויפן רב אין דער ווייסער זשיפּיצע מיטן ספּאַדיק, און דער עיקר אויף דעם קריעה־ובליהדיקן ייד, וואָס האָט זיך פּלוצעם אַריינגעכאַפּט אין קעניגלעכן שלאָף־צימער. — ר׳ פּייווקע דער ליטוואַק האָט זיך אוועק־געשטעלט אויף דער גאָלדענער שוועל, געהאַלטן דאָס צעריסענע שמוי־סענע מיצל אין דער האַנט און געזאָגט:

— אדוני מלך, און איר הויכע שרים פון פּוילן! דאָס ערשטע מאָל איז דעם פויגל געגראָטן און ער איז פריי אַוועקגעפלויגן. דאָס צווייטע מאָל איז דעם פויגל אויך געגראָטן אַוועקצופליען. דאָס דריטע מאָל — אין מלכס האַנט איז דעם פויגל נישט געגראָטן און ער איז נישט אַוועק־געפלויגן.

געמיינט האָט ר׳ פּייווקע צו זאָגן בדרך משל דעם גאַנצן ביטערן אמת פון די געשעענישן. דאָס ערשטע מאָל — מיטן פערד אין וואַלד איז עס געראָטן. דאָס צווייטע מאָל מיטן גאָלדענעם קעסטעלע איז עס ווידער געראָטן. איצטער איז ער אין מלכס האַנט, און ער, ר׳ פּייווקע, ווייסט דערווייל נישט צי עס וועט אים געראָטן.

אין דער ערשטער רגע האָט דעם מלך לעשעק ירום הודו און דער הויכער שליאַכטע פאַרפעלט אָטעם פון דעם גרויסן וווּנדער. אויף דער גאָלדענער שוועל, איידער מען פרעגט אים נאָך, ווייסט שוין דער נאַר־קאָווער וווּנדער־ייִד אַלצדינג וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן טייערן זינג־פויגל! אַלע זענען געשטאַנען מיט אָפענע מײַלער און באַקוקט סימכע פּלאַכטען. מען האָט פאַרגעסן, אַז אויף דער גאָלדענער שוועל איז סך־הכל דער זאָגער גאַר געווען אָט דער ווינציקער קריעה־ובליהדיקער יידל פּייווקע. פאַר אַלעמען איז אויסגעקומען: ר׳ פּייווקע האָט דאָ נישט מער

סימכע פלאַכטע

געטון סיידן וואָס עס האָט געהייסן דער הויכער רב אין דער ווייסער זשיפּיצע און מיטן ספּאַדיק אויפן קאָפּ.

ווען נאָך אַ קליינע ווײַלע איז מען געקומען צו זיך און באַנומען וואָס עס איז געשען — האָבן אַלע, די הויכע שליאַכטע בראַש מיטן מלך לעשעק דעם פּליכעוואַטן אַ געשריי געטון:

— וויוואַט! זאָל לעבן דער וועלט־חכם פּאַן סימכע!

דעם מלכס נאַר האָט אַ קלונג געטון מיט אַלע גלעקלעך פון זיין מיצל און איז צוגעגאַנגען צו ר׳ פּייווקען און אים אַ קלאַפּ געטון אויף דער פּלייצע. די איבעריקע גרויסע שרים האָבן אַרומגערינגלט סימכע פלאַכטען און אים געווינטשעוועט.

קאַפּיטל צוואַנציק

די פּוילישע מלכה מיט אירע הויף־דאַמעס קומען זען סימכע פלאַכטען.

באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַלע זאַלן פון קעניגלעכן שלאָס די ידיעה פון דעם גרויסן גליק וואָס האָט געטראָפן דער מדינה פּוילן. דאָס גליק צו האָבן אין אירם אַ שטעטל דעם גרעסטן חכם אין דער וועלט. פּוילן פאַרמאָגט איצט אַ ייד, וואָס איידער מען פרעגט אים נאָך טרעפט ער שוין די שווערסטע רעטענישן. די סריסי־המלך האָבן עס באַלד דער־טראָגן צו די אויערן פון דער פּוילישער מלכה, דער קעניגין יאַדוויגע, דער הויף־געוויקסיקער. תיכף ומיד האָט די מלכה אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז זי וויל אויך זען דעם וועלט־חכם פון נאַרקאָווע.

יאַדוויגע די הויף־געוויקסיקע האָט געשיקט דעם ראש־הסריסים צו בעטן ביים מלך לעשעק דעם פליכעוואַטן די דערלויבעניש.

פאַרשטייט זיך, אַז אין זיין גרויסער פרייד האָט עס איר דער מלך נישט אָפּגעזאָגט.

די מלכה איז באַלד בכל יפיה, אין איר גאַנצער שיינקייט, אַריינ־געקומען צום מלך אין שלאָף־צימער. זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ קלייד פון שווערן בראָקאַט וואָס איז געווען אויסגעשטיקט מיט פּערל און גאָלד, אַ קלייד מיט אַ לאַנגער שלעפּע. קליינע פאַזשלעך האָבן געמוזט האַלטן ביי די זוימען פון דער שלעפּע און נאָכטראָגן זי פון הינטן. די מלכה האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ גרויסע גילדענע פּאַווע מיט אַ פּנים פון אַ זעלטענער יפת־תואר. אַרום דער מלכה זענען געגאַנגען די הויף־דאַ־מעס אויך אין טייערע קליידער מיט לאַנגע שלעפּעס. די באַגלייטערינס

פון דער קעניגין האָבן געבלענדט מיט זייער שיינקייט ווי די לבנה אין דער מיט־חודש. די שרים און אפילו דער מלך גופא האָבן זיך טיף געבוקט.

דאָ האָט דער מלך לעשעק נאָך אַ מאָל אויפגעהויבן זיין קול און דער־ציילט דער מלכה אַלצדינג, וואָס דאָס אַלטע פּריצל האָט געראָטן, די גאַנצע מעשה מיטן זינג־פויגל און ווי אַזוי דער נאַרקאָוער וואונדער־ייד האָט געטראָפן דאָס רעטעניש נאָך איידער מען האָט אים געפרעגט. דער מלך האָט צוגעגעבן: ווען פּוילן האָט אַזאַ וועלט־חכם איז זי די זיכערסטע מדינה און איך, לעשעק, וועל רואיק שלאָפן און האָבן די שענסטע חלו־מות.

סימכע פלאַכטע האָט געפינטלט מיט די אויגן און געקוקט אויף דער שיינקייט פון די קעניגלעכע ווייבער. ער האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען אין זיין לעבן. מער האָט ער גאָר נישט באַנומען. דאָס אַלטע פּריצל האָט לעיני כל גענומען אַ גרויסן שמעק־טאַבאַק פון זיין גאָלדענער פּושקע.

לכבוד דעם גרויסן געשעעניש אין מלכות פּוילן האָט מען געהייסן ברענגען די טייערסטע וויינען. מען האָט אַריינגעברענגט גאָלדענע קאַנען מיט וויין און אים פונאַנדערגעגאָסן אין בעכער פון אַלטן גראַווירטן זיל־בער. אַלע האָבן געטרונקען וויוואַט לכבוד סימכע פלאַכטען דעם וועלט־חכם פון מלכות פּוילן.

אַזוי ווי אַפילו גויים ווייסן, אַז אַ ייד טאָר נישט טרינקען קיין יין־נסך, האָט מען אויפאַינדערגעשווינד געשיקט אַ גאָלדענע קאָטש צו ר׳ אַלין אין דער קרעטשמע כדי צו ברענגען אַ בוטלע וויין כשר־לפסח אייגנגם פאַרן צדיק. אַלץ איז געטון געוואָרן אין גרויס איילעניש און ר׳ אַלי איז שיעור נישט געשטאָרבן פון חידוש און שרעק ווען די קעניג־לעכע לאָקאַיעס זענען אַריינגעפאַלן אין דער קרעטשמע און אים געהייסן נעמען אַ פלאַש יום־טובדיקן וויין. ר׳ אַלין צוזאַמען מיט דער פלאַש וויין האָבן זיי אַ כאַפּ אַריין געגעבן אין דער גאָלדענער קאָטש און זענען מיט אים אַוועקגעפלויגן קיין וואַרשע.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ליהודים אין נאַרקאָווע. — מען גייט אַקעגן דעם קרוב למלכות.

אין צווייטן טאָג צומאָרגנס האָט מען איינגעשפּאַנט די שענסטע קעניגלעכע קאַטשן כּדי אָפּצופירן סימכע פּלאַכטען צוריק אַהיים אין זיין שטעטל נאַרקאָווע. דער מלך לעשעק דער פֿליכעוואַטער האָט זיך מיט אים האַרציק געזעגנט און געזאָגט, אַז אויב דאָס מלכות פּוילן וועט באַדאַרפֿן אַן עצה וועט מען נאָך אים שיקן און זיך מיט אים באַראָטן. אַ סך שרים זענען מיטגעפאָרן אים צו באַגלייטן. פאַרשטייט זיך, דער פּאַן וווּיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי האָט זיך געפילט ווי דער אויבערשטער פון שטייסל און האָט אַרום זיך געמאַכט אַ רעש גלייך ווי ער וואָלט טאַקע געווען דער שני־למלך ביי סימכע פּלאַכטען. דער פּאַן וווּיטשעך האָט גאָר נישט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן. ער איז געפאָרן אין דער אייגענער קאַטש וואָס סימכע פּלאַכע און זיך געזעצט לעבן אים אויבנאָן ווי אַ לייב־לעבער מחותן.

ר׳ פייווקען דעם ליטוואַק האָט מען ערגעץ אוועקגעזעצט אויף די גאָר הינטערשטע פורן וואָס האָבן נאָכגעפירט פּאַשע פאַר די קעניגלעכע פערד. מען האָט ר׳ פייווקען אוועקגעזעצט צווישן די זעק.

נאָך איידער די קאַטשן מיט סימכע פּלאַכטען זענען מיט גרויס פּאַ־ראַד אָנגעקומען קיין נאַרקאָווע, האָט מען דערוויייל פאָראויס געשיקט אַ שליח־מיוחד אויף אַ פערד. ער איז געריטן מיט אַ באַפעל, אַז נאַרקאָווע זאָל מיטן גאַנצן קנאַק מקבל־פּנים זיין דעם מלכּס וועלט־חכם, און מען זאָל מאַכן אין שטעטל אילומינאַציעס.

סימכע פלאַכטע

זינט נאַרקאָווע שטייט האָט מען דאָרט נישט געוווּסט וואָס דאָס הייסט אַזעלכעס אילומינאַציעס. אָבער דער שליח־מיוחד וואָס איז צוגעריטן צום רבס בית־דין־שטוב האָט דאָרט געזאָגט וואָס דאָס מיינט. דער רב האָט בחיפזון געשיקט נאָך ר׳ גאָדלען אַז ער זאָל זיך צוזאַמענרעדן מיטן מלכס גוי, מחמת קיינער אין נאַרקאָווע קאָן זיך נישט כאַפּן וואָס דאָס מלכות איז גוזר אויף יידן. ר׳ גאָדל איז געקומען און האָט עס באַלד צעקיים.

ר׳ גאָדל האָט גערופן ר׳ געצלען דעם בית־דין־שמש און ר׳ יאָקלען דעם שול־קלאַפּער און זיי געהייסן אַרומגיין מבית לבית און הייסן אַרויסשטעלן אין די פענצטער אָנגעצונדענע שבת־לייכטער און חנוכה־לעמפלעך. ר׳ גאָדל האָט אויף זיך גענומען אַלץ צו באַזאָרגן כדת המלך, אַזוי ווי עס פירט זיך אין לייפּציק. ר׳ גאָדל האָט אויך געהייסן, אַז מען זאָל אַקעגנטראָגן די שטאָט־חופּה דעם אָנקומענדיקן קרוב־למלכות. אונטער דער חופּה זאָלן גיין מיט אָנגעצונדענע הבדלות אין די הענט דער רב און די ראשי־הקהל פון נאַרקאָווע. דאָס מוז געשען, האָט ר׳ גאָדל געסטראַשעט, און מען טאָר נישט פרעגן קיין קשיות. סיידן מען וויל זיין אַ מורד במלכות.

ביי פעשען אין שטוב איז געווען שוואַרץ פון יידן און ווייבער. מען האָט איר געווינטשעוועט. פעשע האָט זיך אָנגעטון אַלע יופּקעס און מאַנטילקעס וואָס ר׳ מעכטשע דער שניידער האָט איר געמאַכט, ווי אויך איר טיפּע קופּקע מיט אַלע ציטער־נאָדלען. אויף די פּלייצעס האָט זי זיך פאַרוואָרפן דאָס טערקישע טוך.

אין אַלע יידישע פענצטער אין נאַרקאָווע האָבן באַלד אויפגעלויכטן שבת־לייכטער און חנוכה־לעמפלעך. אָרעמעלייט האָבן אַריינגעשטעלט גראַשנדיקע ליכטלעך אין די אויסגעשאָבענע לעכער פון קאַרטאָפלעס. די אָנגעצונדענע קאַרטאָפלעס האָבן זיי אַרויסגעשטעלט הינטער די צעבראָכענע שויבן. אויפן מאַרק נישט ווייט פון דעם שטעטל־ברונעם האָט מען אָנגעצונדן אַ גרויס פאַס מיט סמאָלע. ר׳ גאָדל האָט קאָמאַנדעוועט און אַלע האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין און געפאָלגט. נאַרקאָווע האָט אויסגעקוקט ווי אַ חנוכה־לאָמפּ אין אַ נגידישער שטוב.

באַלד האָט זיך געהערט דאָס שפּילן פון טראָמפּייטן און פּייפּיאָלן,

און דאָס פּויקן פון פּויקן. דאָס האָט געשפּילט דעם מלכּם קאַפּעליע וואָס איז אַריינגעריטן אין שטעטל אַריין אויף ווייסע פערד ווי די לייבן. נאָך דער קאַפּעליע האָבן זיך באַוויזן די גאָלדענע קאַטשן. אין דער ערשטער קאַטש איז געפאָרן סימכע פלאַכטע מיטן פאַן וואָיטשעך טשאַפּלאַק־טשאַפּלינסקי.

די ווייבער אויסגעפּוצטע אין בגדי־שבת האָבן אַקעגנגעפירט פּעשען די יתומה. מען האָט זי געפירט ווי אַמאָל צו דער חופּה פון איר חתונה.

פון דער אַנדערער זייט האָט מען געטראָגן די שיינע שטאָט־חופּה (מיר געדענקען זי פון סימכע פלאַכטעס חתונה). אונטער דער חופּה איז געגאַנגען דער רב און אַלע חשובֿי־העיר. אַלע האָבן זיי געטראָגן אָנגעצונדענע הבדלות. ר' גאָדל איז געגאַנגען פאַראויס און געפּאַכעט מיטן שטעקעלע וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַנגט פון די לייפּציקער יאַרידן.

די חופּה־שטאַנגען האָבן געהאַלטן די פיר שטאָט־שמשים, מיט ר' געצלען און ר' יאָקלען בראש. ר' יאָקל דער שול־קלאַפּער האָט געפּאַכעט מיט זיין הילצערנעם שול־האַמער. ר' געצל דער בית־דין־שמש האָט אַריינגעשטעלט אַ ברענעדיק ליכט אין זיין גרויסער פּאַפּירענער לאַמטערנע.

נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען גאַנץ נאַרקאָווע, אנשים, נשים וטף.

שבת צום דאַווענען האָט מען בכּבוד גדול געפירט סימכע פלאַכטען אין שול אַריין און אים אָוועקגעשטעלט אויף דער מזרח־וואַנט לעבן רב זאָל לעבן. צום לייענען האָט מען סימכע פלאַכטען מכבּד געווען מיט „ששי" און געמאַכט אַ „מי שברך" דעם מלך לעשעק ווי אויך דעם קרוב למלכות הגביר המפורסם, לפני מלכים יתיצב, מורנו ורבנו ר' שמחה. ווי ר' שמחהס טאַטע האָט געהייסן האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט געוווּיר ווערן.

דאָס קומענדיקע קאַפּיטל וועט זיין דאָס לעצטע פון אונדזער דערציילונג דער קלוגער און דער שיינער. מיר וועלן זיך גאָר פריינטלעך געזעגענען מיט די לייענער. מיר וועלן נישט זיין ווי אַנדערע פאַרפאַסער, וואָס ווען עס קומט צום סוף נעמען זיי אָן אַ מויל מיט וואַסער און ווילן נישט זאָגן וואָס עס איז געוואָרן פון זייערע פאַרשוינען. צי טוען זיי דאָס פון

רשעות, צי עס טוט זיך זיי נישט לוינען? אדרבה! גייט און פרעגט ביי ר׳ יונהן! מיר אָבער, אם ירצה השם, וועלן אומבאַדינגט מעלדן, וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזערע העלדן. ווי אַן אַ ד ע ר ו י ף גיבן מיר דעם צוזאָג — אַז אַלצדינג וועט זיך ענדיקן בכי־טוב. מחמת מיר ווילן נישט אַז יידן זאָלן האָבן שווערע געמיטער — עס איז זיי נעבעך אַזוי אויך שווער און ביטער.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דער מחבר איז מוסר־מודעה, אַז ער וועט נישט גיין אויף די שלעכטע דרכים פון אַנדערע פאַרפאַסער.

ווי מיר ווייסן זענען די פאַרפאַסער די מדריכים פונעם מענטש. זיי פירן אים כּידוע בדרך הישר און לערנען אים מידות טובות. ליידער האָט זיך ביי זיי זינט לאַנגע יאָרן אַריינגעזעצט אַ שאַלקהאַפטיקער מנהג: שוין גאָר ביים סוף פון אַ מעשה ווען מען האַלט, ווי געוועגלעך, נאָך אַלע היומס און דעם לייענער פאַרפעלט אָטעם און ער וויל שוין וויסן וואָס עס איז געוואָרן מיט די אַלע שבעה מדורי הגעשעעניש דורך וועלכע דער מחבר האָט אים אַדורכגעפירט, אָט דעמאָלט ווען אַלע פעדים לויפן זיך צוזאַמען און מען האַלט שוין, דאַנקען גאָט, ביים לעצטן בלעטל, זאָגן די מחברים סטאָפּ. שטעלן דאָס לעצטע פינטל און מאַכן זיך אויס דעם וועג. גיי טרעף! דעם מחבר גייט עס נישט איבערן לב טאָמער חס ושלום האָט פאַרט אַ לייענער אַ שטיקל נחת.

גאָר וויסט און ביטער טוט זיך ביי די טראַגעדיע־שרייבער.

ביי זיי איז עס שוין אַ מנהג פון טויזנטער יאָרן אַרומצושלעפּן זייערע העלדן איבער די אַקטן ווי איבער די קעסלען פון גיהנום. זיי פייניקן און מוטשען אַ מענטש, אַז עס נעמט אָן אַ רחמנות צו קוקן. איז דאָס זיי נאָך אַלץ ווייניק און ווען עס קומט צום לעצטן בלעטל איז אָדער זיי נעמען דעם העלד און טויטן אים מיט אַ מיתה־משונה, אָדער זיי וואַרפן אים סתם אַריין אין כּף־הקל און קיין פויגל טוט נאָך אים נישט קיין פּיפּס.

מענטשן, וואָס האַלטן זיך פאַר די בחירי־היצורים און די אויבערשטע

פון שטייסל, די מחברים מיין איך, זיי האָבן דאָס יהדות צו באַרעדן אַ וועלט, וואָס על פּי אַלע ספרי־חקירה איז זי געגראָטן ווי אַ שבתדיקער לאָקשנקוגל. אונדזער וועלט איז דאָך כידוע די בעסטע פון אַלע וועלטן. אַלצדינג אויף איר איז כי טוב, גוט און וווּל, ליכטיק און ציכטיק. אַלע אויף איר עסן זיך פון גרויס גוטפרייינטשאַפט פון די פּיסקלעך. און בראש שטייט דער מענטש ווי די קרוין פון דער גוטסקייט. אַט אַזאַ וועלט נע־מען די מחברים און וואַרפן אויף איר בלאָטע אָדער מאַכן פון איר אַ פּלעדערוויש.

מיר אָבער, דאָס הייסט, דער ערשטער מחבר פון „סימכע פלאַכטען" ר' יאַנקל לערער פון לאָדזש המכונה מאַרגנשטערן, און ואני הקטן, די צווייטע האַנט פון יאַנקל לערער, אַזוי צו זאָגן זיין שני־למלך — מיר זענען יידן בני רחמנים, מיר זענען נישט קיין גזלנים און מיר ווילן נישט פאַרשוואַרצן ביי דער וועלט דאָס פּנים. מיר ווייסן נישט פון קיין שלעכ־טע־יאַרידן — נאָר מיר געדענקען דעם מאמר חז"ל: בטוב העולם נידון. די וועלט, ווי מיר האָבן זי קענען געלערנט אין דער מעשה פון סימכע פלאַכטע, איז נייערט אַן אייביקע שבע־ברכות. קיינעם אויף איר געשיט נישט צו להכעיס. אדרבא, ווו מיר טוען זיך ווענדן און קערן לייכטן באַלד די זון און די שטערן: די גליקן טוען זיך מערן ווי די פיש אין טייך און ווי אין וואַלד די בערן. מיר, די מחברים פון „סימכע פלאַכטע" זענען באַ־רעמהאַרציקע שרייבער. מיר ווילן חס ושלום נישט מצער זיין קיין מענטש־לעכע לייבער, רק בלויז משמח זיין יידן און ווייבער. און מיר זאָלן אַלע נאָך בימינו צוזאַמען דערלעבן משיח צדקנו. טאַקע בנערינו ובזקנינו ונאמר אמן.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

כבקרת רועה עדרו. — פּונקט ווי דער פּאַסטעך בלאָזט אויף זיין האָרן. — אַזוי וועט דאָ דער מחבר דערציילן וואָס פון זיינע העלדן איז געוואָרן.

סימכע פלאַכטע מיט זיין ווייב פעשע די יתומה האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין גרויס עושר וכבוד און אין אַלדעם גוטן. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און באַקומען בייכער.

באַלד נאָך די געשעענישן ביים מלך לעשעק האָט זיך געעפנט די טראַכט ביי פעשען דער רביצין. זי האָט יעדעס יאָר געמאַכט אַ ברית. ביי סימכע פלאַכטען אין „רבישן הויף" איז געוואָרן אַ יאַריד פון קינדער, מלמדים, גבאים און משמשים. ר' סימכע פלאַכטע און פעשע זיין אשה האָבן געלעבט פּונקט צו די הונדערט און צוואַנציק יאָר. — און האָבן דערלעבט צו זען ווי פון זייערע קינדער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך זענען געוואָרן גרויסע לייפּציקער סוחרים, רבנים און טאַקע גוטע יידן אויך. אויף אַלע יידן געזאָגט אַזאַ כבוד און אַזאַ נחת. אַלע זענען זיי געווען קרובים למלכות עד היום הזה.

דער נאַרקאָווער רב זאָל לעבן ווי אויך די קלוגע רביצין זענען נפטר געוואָרן בשיבה טובה. דער רב האָט אַלץ נישט געקאָנט רעכט איינבייסן די מעשה מיטן נאַרקאָווער וואַסערטרעגער. ער האָט געשוויגן כדי נישט צו זיין קיין מורד־במלכות. ער איז געזעסן יומם ולילה על התורה ועל העבודה. ביי דער פּטירה איז עס דעם מלאך המות נישט לייכט אָנגעקומען זיך אַן עצה צו געבן מיטן רבס ליכטיקער נשמה. אַפילו אויפן טויטנבעט איז געווען לא פסק פומיה מגירסא. ווי מיר ווייסן פון דער גמרא האָט דער

סימכע פלאַכטע

מלאך המות נישט קיין שליטה אויף יידן וואָס האַלטן גראָד אינמיטן לערנען.

הגם ר׳ שעפּסעלע דער מורה־הוראה איז געווען דער עלטסטער זקן פון נאַרקאָווע — פונדעסטוועגן האָט ער איבערגעלעבט אַלע זקנים און ער לעבט נאָך עד היום הזה. ר׳ שעפּסעלע האָט באַקומען אַ ברכה פון אַ גרויסן מקובל אַז ער וועט אם ירצה השם דערלעבן משיחן. מן־הסתם וועט עס אַזוי זיין. דערווייל, ביז משיח וועט קומען זיצט ר׳ שעפּסעלע אין זיין טוליפּל און לערנט פון אויסנווייניק סיי נגלה און סיי נסתר.

ר׳ מעכטשע איז געווען עד יום מותו דער הויף־שניידער ביי סימכע פלאַכטען. ער איז אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אַ פריילעכער און מיט אַ שניידעריש גלייך־ווערטל. פאַרן טויט האָט ער זיך געהייסן געבן אַ גלעזל בראָנפן און געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ פּאָר צעריסענע תחתונים, וועלכע מען מוז כסדר שטשאָבען. ער איז געשטאָרבן בשיבה טובה.

אויך ר׳ זישע דער בדחן איז אהיים געגאַנגען צו זיינע עלטערן אין אַ גוטער עלטער. וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ שענער האָט ער געגראַמט גראַמען. מען האָט אים מקבר געווען ביי ר׳ שמעלקען דעם בדחן. שפּעטער איז צווישן זייערע קברים אויסגעוואַקסן אַ גרויסער און שיינער בוים.

ר׳ פייוועלע דער קלעזמער איז אויך געשטאָרבן בשיבה טובה. ווען עס האָט שוין געהאַלטן ביים בלע המות לנצח און מען איז געגאַנגען אָנ־צינדן ליכט, האָט ר׳ פייוועלע זיך געהייסן געבן דאָס פידעלע און אָפּגע־שפּילט אַ ווידוי. פייגל האָבן זיך געזאַמלט אויפן דאַך פון ר׳ פייוועלעס הייזל און מענטשן זענען דאָרט געשטאַנען הינטער דעם פענצטער כדי צו האָרכן ווי ר׳ פייוועלע שפּילט צום לעצטן מאָל. הגם חברה־קדישא האָט זיך שוין מכין געווען האָט מען געמיינט אַז נאַרקאָווע וועט צעגיין פון מתיקות.

ר׳ געצל דער בית דין שמש און ר׳ יאָקל דער שול־קלאַפּער האָבן אויך אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין שמשישער שפע. זיי זענען געוואָרן פון די מקורבים ביי דער קרוב־למלכותטע דער רביצין פעשע.

ר' גאָדל האָט זיך ווייטער געדרייט אין „הויף" ביים פאַן וווי־טשעך. מען האָט אים דאָרט ווי תמיד גערופן „מאַי גאָדל", אים געריסן פאַר דער באָרד און פאַרשטופט מיט אים אַלע לעכער. קיין לייפּציק אויף די יאַרידן איז ער שוין מער נישט געפאָרן. ער איז געווען „זשידעק" ביים פאַן וויטשעך ביז העט טיף אין די שמונים. נאָך זיין פטירה איז געבליבן אַ שיינע ירושה אין רענדלעך. די יורשים האָבן געמוזט פאַר־ריכטן דעם איינגעפאַלענעם „גדר" אויפן „גוטן אָרט" און חברה־קדישא האָט געמאַכט אַ סעודה כיד המלך.

דער פאַן וויטשעך האָט געהאַלטן וואָרט און האָט געשאָנקען ר' משה בערן די אַרענדע פון דער קרעטשמע אויף אַ משך פון פופצן יאָר. נאָך די פופצן יאָר האָט זיך דער פאַן וויטשעך מיישב געווען און אים אוועק־געשאָנקען די קרעטשמע אויף לצמיתות. נאָך דעם גרויסן וווּנדער מיטן גאָלדענעם קעסטעלע האָט זיך די שפע אין ר' משה בערס קרעטשמע פאַר־טאָפּלט און פאַרצענפאַכט. פון די ווייטסטע דערפער זענען גויים געקו־מען טרינקען ביי ר' משה בערן בראָנפן. גויים האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה צו אַ גערעטעניש. ר' משה בער און זיין יידענע גענענדל האָבן דערלעבט קינדס קינדער. אַלע זענען געבליבן אין דער קרעטשמע און זי האָט זיי מפרנס געווען מיט עושר און מיט כבוד. ר' משה בער און גע־נענדל האָבן דערלעבט אַ שיבה טובה און זענען ביידע געשטאָרבן אין איין טאָג און יש אומרים, אַז אפילו אין איין מינוט. אַזוי האָבן זיי זיך גע־ווּנטשן כל ימיהם און דער אויבערשטער האָט עס זיי צוליב געטון.

דער פאַן וויטשעך האָט באַלד נאָך סימכע פלאַכטעס נסים געמאַכט אַ ברית און געהאַט אַ בן־זכר. מען האָט עס אויך געהאַלטן פאַר אַ מופת פון נאַרקאָווער צדיק. צום פאַן וויטשעכס גאָלדענעם קעסטעלע האָט זיך שוין מער קיינער נישט צוגערירט. יעדן טאָג האָט ער געקאָנט איבער־לייענען דעם כתב־יחוס און קוקן אויף דעם זיידנס שווערד. ביי אים אין די גיטער איז יעדעס יאָר געווען דאָס גרויסע גערעטעניש. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס איז בזכות סימכע פלאַכטען. דער פאַן וויטשעך איז ביי סימכע פלאַכטען אין „הויף" געוואָרן כמעט ווי דער „שבת־גוי". ער האָט זיך געהאַלטן אַ מקורב ביי פּעשען און כסדר געזאָרגט צו שאַפן פאַר איר די בעסטע און פעטסטע עופות. אַלע מאָל ווען פּעשע

איז געלעגן אין דער קימפּעט איז די פּאַני יאַדוויגע געקומען איר ווינ־טשעווען און געברענגט די שענסטע מתנות.

באַלד נאָכדעם ווי סימכע פלאַכטע איז בכבוד גדול צוריק אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין נאַרקאָווע איז די מלכה פון פּוילן, יאַדוויגע די הויך־געוויקסיקע, פאַרגאַנגען אין טראָגן. צום יאָר איז זי געלעגן געוואָרן מיט אַ בן־מלך. מען האָט עס אויך געהאַלטן פאַר סימכע פלאַכטעס אַ מופת. די שמחה איז געווען אין לשער און דער מלך לעשעק דער פליכעוואַטער האָט געהייסן קלינגען אין אַלע גלאָקן. מען האָט געטיילט נדבות אָרעמע־לייט, יעדן אַ האַרטן פּוילישן גראָשן, מען האָט געשאָנקען פאַרלעגענע פּאַדאַטקעס און אַרויסגעלאָזט אַלע גנבים פון די תפיסות. ס׳האָבן זיך אַפילו שפּעטער געמאַכט גרויסע גניבות און מען איז נישט זיכער געווען מיט דער וויסל פונעם אויג, נאָר נישקשה, דערפאַר האָט פּוילן געהאַט אַ בן־מלך. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, נאָכדעם ווי דער מלך לעשעק און די מלכה יאַדוויגע זענען געשטאָרבן בשיבה טובה, איז דער נעמלע־כער בן־מלך געוואָרן דער מלך פון פּוילן. ער האָט געהייסן: סטאַך דער שיקלדיקער, אָדער סטאַך דער צענטער.

די מעשה מיט סימכע פלאַכטען און ווי אַזוי ער האָט געטראָפן די רעטענישן האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער אַלע גרענעצן פון פּוילן. די מלכים, וואָס האָבן געהאַט שאָקלהאַפּטיקע געדאַנקען וועגן פּוילן האָבן געציטערט ווי די פיש. זייערע יועצים האָבן זיך געלייגט איבערן בענקל און אַליין מודה געווען, אַז קעגן אַזאַ וווּנדער־ייִד ווי סימכע פלאַכטע זענען זיי נייערט נעגליכן צו די מילבן. ס׳גלייכסטע איז איצט צי זיצן שטיל און נישט טשעפּען מיט פּוילן. פּוילן איז, צוליב סימכען, געווען זיכער אין איר שלום ושלוה. דער מלך לעשעק דער פליכעוואַטער האָט גאָרנישט געטון, רק זיך גאַנצע טעג משמח געווען מיטן בן־מלך.

איצט ווילן מיר אייך עפּעס זאָגן וועגן די יועצי־המלך, — יענע גויים, וואָס האָבן דורך זייערע שפּאַקולן קרום געקוקט אויף סימכע פלאַכ־טען. מיר ווייסן וויל, אַז די לייענער ווילן זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ ווען מיר ווילן פאַר אָט די שונאי־ישראל צוגרייטן אַ שוואַרצן סוף. טוען מיר עס טאַקע בכבוד גדול און דערציילן פון זייי המנס מפּלה. יידן מעגן זיך פרייען ווען ביי זייערע שונאים איז אַ בהלה. דער רוב פון די

יועצי־המלך האָט נישט משלים שנתם געווען און זיי זענען געשטאָרבן ווי די פליגן. די וואָס זענען איבערגעבליבן, האָט זיי דער מלך לעשעק מיט גרויס בזיונות אַרויסגעיאָגט פון זיין שלאָס און זיי זענען געוואָרן פּשוטע בעטלערס. טייל האָבן געבלעקערצט אויף די טרעפּ פון תיפלהס. טייל ווידער זענען מיט זעק אויף די פּלייצעס און מיט באַנדורעס אונטערן אָרים, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע אַרומגעגאַנגען איבער פּוילן מקרעטשמע לקרעטשמע און האָבן דאָרט געשפּילט פאַר שכורע פּויערים. זיי האָבן אויך געשפּילט פאַר ר׳ משה בערם קרעטשמע. ר׳ משה בער האָט זיי צוגעוואָרפן אַ האַרטן פּוילישן גראָשן און געהייסן ווייטער שפּילן. זיי האָבן אויך געבעטלט פאַר סימכע פּלאַכטעס פענצטער. די רביצין פעשע האָט זיי צוגעוואָרפן אַ ביין פון אירע עופות. זיי האָבן אים גע־גריזשעט און געווינטשעוועט פעשען כל־טוב בדרך הבעטלערס. איך ווינטש מיר און אַלע יידן, אַז אַלע שונאי־ישראל זאָלן האָבן אַזאַ שוואַרצן סוף ווי יענע יועצי־המלך. וד"ל.

ר׳ אלי דער אַרענדאַר איז צוזאַמען מיט זיין ווייב געשטאָרבן בשיבה טובה און געלעבט האָבן זיי אין גרויס שפע. זינט דער מעשה מיט סימכע פּלאַכטען זענען די גרויסע שרים געקומען צורייטן פון וואַרשע צו ר׳ אלין אין דער קרעטשמע און געמאַכט ביי אים די כוסה. אַ טייל פון זיי האָבן זיך ביי אים אָנגעשכורט ווי פּראָסטע גויים — און ס׳איז גאָר אַ חרפה צו דערציילן.

אויף דעם אַלטן קלוגן פּריצל, וואָס האָט געגעבן דעם מלך לעשעק די טייערע עצה מיטן זינג־פויגל, זאָגט מען, אַז ער לעבט נאָך עד היום. ער שמעקט נאָך טאַבאַק פון דער גאָלדענער פּושקע און גיט עצות. אינ־גאַנצן זיכער דערין בין איך נישט. עס איז אָבער אַ דבר־ידוע, אַז ער איז געווען פון די יושבים־ראשונה אויך ביי דעם נייעם מלך סטאַך דעם שיקלדיקן אָדער דעם צענטן, וואָס איז געזעסן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר אויף דער פּוילישער כסא־מלוכה.

דעם מלכס נאַר איז כמקדם פאַרבליבן דער נאַר הינטער דער כסא־מלוכה און אויך ער איז געשטאָרבן זאַט מיט יאָרן. באַגראָבן האָט מען אים הינטערן פּלויט. נאַראָנים באַגראָבט מען הינטער די פּלויטן. דעם לייענער וועט אפילו די דאָזיקע ידיעה נישט שמעקן. בנאמנות, כ׳האָב

נישט דערצו קיין עצה. עס פירט זיך אַזוי אין דער וועלט זינט קדמונים — ואין לשנות. עס לאָזט זיך נישט ענדערן.

ר׳ פייווקען דעם ליטוואַק האָט מען אין דער גרויסער שפּע גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן. שפּעטער האָט מען זיך אין נאַרקאָווע געכאַפּט, אַז דער ליטוואַק איז עפּעס ווי אויסגערונען. ווען און ווו האָט מען נישט געוווּסט. אַ ייִנגל פון דער נאַרקאָווער ווייסער חברה האָט שפּעטער דער־ציילט, אַז ער האָט געזען ר׳ פייווקען דעם ליטוואַק מיטן זעקל אויף די פּלייצעס און מיטן גראָבן אָרעמאַנסקען שטעקן אין דער האַנט אַוועקגיין אַ באָרוועסן אויפן וועג, וואָס פירט פון נאַרקאָווע צו די ווייטע ווייטענישן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספארקויפט)
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן) (אויספארקויפט)
17) חיים גראַדע: פּליטים (לידער) (אויספארקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספארקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשטשינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספארקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניא פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן (אויספארקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים (פּאָעמע)
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאָנעצנעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק (אויספארקויפט)
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פאָלקס־לידער (אויספארקויפט)
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד"ר ח. שאָשקעס: אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) ערשטער באַנד
49) ש. איזבאַן: פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) צווייטער באַנד
50) ד"ר א. מוקדוני: מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאַמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאַמף פאַרן לעבן
54) יצחק פערלאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג: שבת־יומטובדיקע יידן
56) שלום אַש: פּעטערבורג (ראָמאַן)
57) שלום אַש: וואַרשע (ראָמאַן)
58) שלום אַש: מאָסקווע (ראָמאַן)
59) ד"ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד איינס
65) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", באַנד צוויי
66) חיים גראַדע: שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ: פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים: מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי: גלות דייטשלאַנד
70) ד"ר יעקב שאַצקי: קולטור־געשיכטע פון דער השכלה

71) נחמן מייזיל: געווען אמאל א לעבן...
72) י. י. טרונק: סימכע חלאכטע פון נארקאווע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יהודה עלבערג: אונטער קופערנע הימלען
ד״ר א. מוקדוני: אין אויסלאנד
זיגמונט טורקאָוו: פראגמענטן פון מיין לעבן
בעלכאטאָוו (זאמלבוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
ב. מיכאַלעוויטש: זכרונות פון א יידישן סאָציאַליסט
ז. י. אנכי: ר׳ אבא און אנדערע דערציילונגען
דניאל טשארני: ווילנע
יעקב לעשטשינסקי: ערב דעם חורבן
ד״ר יוסף טענענבוים: גאליציע — מיין אַלטע היים
ש. בריאנסקי: זשעלעכאָווער געשטאַלטן
מרדכי שטריגלער: גורלות
רחל אויערבאך: פון רינגעלבלומס אַרכיוו
יוסף רייך: זכרונות פון א פּאַרטיזאַן
ד״ר יעקב וויגאָדסקי: זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
ד״ר גרשון לעווין: דאָס בוך פון מיין לעבן
ז. סעגאַלאָוויטש: פּופּציק בריוו
ש. בערלינסקי: ירושה
קאדיע מאָלאָדאָווסקי: אַמאָל איז געווען
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

י. בלומשטיין שרייבט וועגן מנשה אונגערס „פשיסכע און קאָצק" אין זיין אויספירלעכן אַרטיקל א. נ. "אַ העלע וועלט, וואָס איז פאַר־שוווּנדן", צוו' אַנד' („דאָס יידישע וואָרט", סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 8טער אַפּריל, 1949):

עס איז גוט געווען, וואָס די רע־דאַקציע פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס ווערט

אַרויסגעגעבן דורכן צ. פ. פון פּוי־לישע יידן אין אַרגענטינע, האָט נישט אויסגעלאָזן די חסידישע באַ־וועגונג, וואָס האָט גייסטיק באַזעלט גאָר גרויסע מאַסן פונעם אַמאָל אַזוי־בליענדיקן יידנטום אין פּוילן. אָן אַ גענויער שילדערונג פון יענער פאַרצווייגטער און בלוט־פולער באַ־וועגונג וואָלט די דערמאָנטע ביכער־סעריע אויסגעזען ווי אַ גרויסער און שיינער מאָנומענט מיט אַן אָפּגע־נעם ציגל־חלל אין סאַמע פראָנט.

דאָס בוך „פשיסכע און קאָצק", פון מנשה אונגער, כאָטש עס האָט אַלס צענטראַלע פיגור נאָר איינעם פון די פיל צענדליקער רביים, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג, נעמט אָבער אַרום אַ גאָר גרויסן שטח פון חסידיזם און ברענגט שיל־דערונגען פון יענע אַלע פּערסאָ־נאַזשן, מאַסן און מקומות, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך די סאַמע קערנדיקסטע, און די אַממערסטן די־נאַמישע און באַוועגלעכע כוחות אין דער דערמאָנטער באַוועגונג.

די צענטראַלע פיגור פונעם ווערק איז דער קאָצקער רבי. אַן אָריגי־

נעלע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע געשטאַלט אינעם חסידיזם, וואָס דער מחבר שילדערט מיט די בולטסטע שטריכן און פּסיכאָלאָגישער פּאַרטיפונג, אַזוי אַז אויפן אַלגעמיינעם פאָן פון חסידיזם, טיילט זיך אויס די דאָזיקע אָריגינעלע רבנישע פּערזענלעכקייט, מיט דער גאַנצער שיינקייט פון אַן אומרואיקן גייסט, אַן אוניקום, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך רעוואָלוציאָנערן אויפברויז קעגן אָנגענומענע יסודות און פאָרמען, און וואָס שטעלט זיך אין קאָנפליקט אַפילו מיט דער אייגענער סביבה, וואָס האָט אים, דעם אויסדערוויילטן, אַרויסגעהויבן צו פּירערשאַפט.

***

דער מחבר פון „פּשיסכע און קאָצק" און דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן, האָבן אויפגעשטעלט אַ ווערטפולע מצבה אויפן ווייטן קבר פון אַן הויך־גייסטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן — אַ טראַגישער אמת־זוכער, וועמען די סביבה האָט נישט פאַרשטאַנען, אָבער וועמענס אידעען און אומרו עס האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געדינט ווי אַ קוואַל פון באַגייסטערונג פאַר גרויסע טיילן פונעם רעליגיעזן יידנטום אין פּוילן.

נ. י. גאָטליב שרייבט וועגן דעם בוך „אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן" פון דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער טאַניאַ פוקס („קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 10טער דעצעמבער 1948):

וועגן יידישן „דריטן חורבן" זענען שוין דערשינען גאָר אַ גרויסע צאָל ביכער. אָבער וויפל מען זאָל וועגן דאָזיקן שרעקלעכן חורבן נישט דערציילן, איז אַלץ וויינִיק. דער פאַרנעם פון די אומקום־יאָרן 1939־1945 איז אַזאַ גרויסער, אַז דער „ליטעראַרישער מאַטעריאַל" וועגן אים וועט קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט ווערן אויסגעשעפּט. האַלטן טאַקע אין איין דערשיינען אַלץ נייע ביכער וועגן דעם דאָזיקן גרוילידיקסטן פּעריאָד אין דער יידישער געשיכטע. און יעדעס נייע בוך וועגן דער־אָ צייט דעקט אויף אַלץ נייע ווינקלען פון דייטשישער אכזריות און יידישער מאַרטירערשאַפט. דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות איז שוין אויסגעקומען צו לייענען און דורכבלעטערן אַ סך צענדליקער ביכער, וואָס האָבן צו טון מיט דער לעצטער אומגעהייערער יידישער טראַגעדיע.

און אַט האָב איך לעצטנס דורכגע־לייענט־דורכגעוויטיקט אַ נײַ בוך פֿון דעם־אָ מין.

דאָס בוך געהערט צו דער פּען פֿון דער באַקאַנטער שרייבערין טאַניאַ פוקס. זי איז די פֿרוי פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם זשורנאַליסט לאַזאַר פוקס. יאָרנלאַנג האָט זי גע־האַט געתושבֿט אין פּוילן, אין לאָדזש, ווו זי האָט מיטגעאַרבעט אינעם „נײַעם פֿאָלקס־בלאַט". מיטן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה פֿאַרלאָזט זי לאָדזש, מאַכט דורך פֿאַרשידענע שווידערלעכע גילגולים, פֿײַניקט זיך אָפּ קאַרגע דרײַ יאָר אין געטאָ־טשערנאָוויץ און, בדרך נס, דערלעבט זי די באַפֿרײַ־אונג.

אין דעם־אָ מלחמה־בוך דערציילט טאַניאַ פוקס פֿון אירע שווידערלעכע איבערלעבונגען אונטער די נאַציס. דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 ברעכט אויס דער צווייטער וועלט־קריג. לאָדזש ווערט באַלד באָמבאַר־דירט. די לאָדזשער תּושבֿים מיינען צוערשט, אַז עס איז בלויז אַ פּראָ־בע־אַלאַרם. באַלד אָבער צייגן זיי זיך איבער, אַז עס איז אַן אמתער לופֿט־אָנגריף. און שוין אין די ער־שטע מלחמה־שעהען איז טאַניאַ פוקס אַן עדות פֿון אַ מלחמה־קרבן. דאַן אָבער, אין די ערשטע מלחמה־שעהען, האָט איינעמס טויט גע־מאַכט נאָך אַ רושם. אַרומיקע מענ־טשן האָבן דעם ערשטן לאָדזשער מלחמה־קרבן שטאַרק באַדויערט: אָט האָט געלעבט אַ מענטש און — אָט איז ער שוין נישטאָ... זיי האָבן אים אָבער אויך מקנא געווען: פֿאַר אים איז די מלחמה שוין געענ־דיקט...

דערווײַל ווערן די באָמבאַרדירונ־גען שטאַרקער. מענטשן זיצן שוין אין שוץ־קעלערן, אָבער אויך די קע־לערן שיצן שוין נישט... און די שטאָט נעמט זיך אויסליידיקן. ווער עס קאָן, אַנטלויפֿט. אין איין נאַכט פֿאַרלאָזן לאָדזש העכער 2 הונדערט טויזנט מענטשן... די ריזיקע פּלי־טים־מחנות ווערן אָבער, אויף די פֿולגעפּאַקטע וועגן, באָמבאַרדירט און באַשאָסן פֿון דײַטשישע לופֿט־מחבלים. די וועגן, די פֿעלדער ווערן פֿאַרזייט מיט טויזנטער הרוגים. פֿון גרויל און פֿאַרצווייפֿלונג קערן זיך פֿיל אום צוריק. און אויך טאַ־ניאַ פוקס, וואָס האָט פֿאַרלאָזן לאָדזש, קערט זיך אום צוריק. — קומט זי צוריק קיין לאָדזש און אַ פּאָר טעג שפּעטער דערזעט זי דאָרט דעם דײַטשישן אָקופּאַנט.

די לאָדזשער יידן ווערן באַלד באַרויבט, מערדעריש געשלאָגן, סאַ־דיסטיש אומגעבראַכט. ערגער אָבער פֿון דעם אַלעם איז דער טיוולאָני־שער חוזק, מיט וועלכן די היטלע־

רישע קאניבאלן באציען זיך צו די יידן. מע כאפט זיי, די יידן, ווי הינט. מע נויט זיי צו קערן מיט די בערד די גאסן... די שטאט ווערט מיט יעדער רגע אלץ מער פארחיהט, פארווילדעוועט. טאניא פוקס ציטערט פאר יעדן דייטש. זי האט שוין חרטה אויף איר צוריקקער און זי באשליסט באניים צו פארלאזן די שטאט.

זי אנטלויפט באניים, מיט איינער אירער א חברטע — צעשא הירשפעלד. ביידע זעען זיי היפש אויס, ווי אריערינס. שיצט עס זיי פיל אין זייער סכנה־פולן וועג. און נאך פארשידענע שרעקלעכע איבערלעבונגען דערשלאגן זיי זיך קיין פשעמישל. דא כאפן זיי זיך אריבער צו די רוסן, וואס געפינען זיך אויף דער אנדער זייט פונעם טייך סאן.

ביי די סאוויעטן איז א ייד, ראשית־כל, זיכער מיטן לעבן, שנית, אויב מע ארבעט, האט מען אויך וואס צו עסן. פרווט דא די שרייבערין איינארדענען זיך. אין פשעמישל, הארט ביים דייטשישן דעמאלטיקן גרענעץ, וויל זי אבער נישט בלייבן. אין פשעמישל פילט זיך דעם דייטשס טייוולאנישער אטעם... פשעמישל האט שוין געהאט איבערגעלעבט א ברייט־פארנעמיקן פאגראם. זעקס הונדערט ייִדן, פון דער שטאטישער „פני", האבן געמוזט אליין פאר זיך גראבן קברים, ווו זיי זענען פארשאטן געווארן... איז טאניא פוקס אפגעפארן קיין לעמבערג. דא האט זי געפונען אן אייגענע סביבה — פון לאקאלע און אנגעלאפענע שרייבער און קולטור־טוער. לעמבערגער יידן, און אויך די צענדליקער טויזנט פליטים, האבן געפרווט איבערארייענטירן זיך, צופאסן זיך צו דער נייער — דער סאוויעטישער — לאגע. און געמיינט האט מען שוין, אז דא לעבט מען איבער די מלחמה. האט זיך אבער דער היטלער־מבול גענומען פארשפרייטן אלץ ווייטער און ווייטער.

עס ברעכט אויס די דייטש־סאוויעטישע מלחמה. טאניא פוקס געפינט זיך דאן אין טשערנאוויץ, וווהין זי איז געקומען אין יוני 1941. און דא, אין דייטשישן קלעם, בלייבט זי שוין.

טשערנאוויץ האט געהאט אביסל מזל. פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זי געליטן פיל ווייניקער ווי אנדערע יידישע ישובים. די מאכט איז דא געווען א געמישטע: דייטשן און רומענער. די רומענער האבן „אביסל געשעמט זיך" — נישט אויסגעראטן אזוי גרינטלעך די יידן ווי די דייטשן אין טויזנטער אנדערע יידישע ישו־

בים. זענען טאַקע לעבן־געבליבן אין טשערנאָוויץ פיל מער יידן ווי ערגעץ אַנדערשוו.

אָבער אויך טשערנאָוויץ האָט בלוטיק געצאָלט. באַלד מיטן דייטשישן אַריינקום קומט פאָר אַ מוראדיקער פאָגראָם. נאָכדעם ווערט געשאַפן אַ געטאָ. אַרום פופציק טויזנט יידן ווערן אָפגעשלאָסן אין אַ שטייג פון עטלעכע גאַסן. נאָכדעם הויבן זיך אָן „אויסזידלונגען”. מער ווי אַ העלפט געטאָ־יידן ווערן פאַרשיקט קיין טראַנסניסטריע. טויזנטער פון זיי קומען אום — פון קלעפ, הונגער, קראַנקייט, צעשיסונגען און פאַרפייניגונגען, — אין וועג. די אַנדערע ווערן פאַרטיליגט אין זייערע נייע גלות־מקומות. ערב יעדער „דעפאָרטאַציע” באַגייען פיל יידן זעלבסטמאָרד... אויך די שרייבערין טראַכט פון דעם... זי וויל אָבער נאָך לעבן. איבערהויפט, כדי קאָנען דערנאָך דערציילן דער וועלט פון די דייטשישע און רומענישע מערדערייען און דער יידישער מאַרטירערשאַפט... קעמפט זי קעגן גרויזאַמען גורל און, ווי עס איז, דרייט זי זיך אַרויס פון אַלע „דעפאָרטאַציעס”.

אין געטאָ־טשערנאָוויץ שרייבט טאַניאַ פוקס אַ טאָג־בוך. בהדרגהדיק פאַרצייכנט זי אַלע גזרות און דאָס גאָרע „לעבן” פון די געטאָ־יידן. אין טאָג־בוך רעדט זי זיך אויך אַראָפ פון האַרצן: אַ פאָלק — שרייבט זי — גייט צו גרונט און קיינער קומט נישט צו הילף... לסוף, פון די אימהדיקע ליידן, ווערט זי ערנסט קראַנק און מע נעמט זי אַריין אין יידישן שפיטאָל.

דאָ זעט זי זיך אָן מיט נייע אומגליקן. אין שפיטאָל ליגן פיל קראַנקע יידן, אַנטלאָפענע פון פוילן, פון נאַציישן גיהנום. די רומענישע רוצחישע מאַכט האַלט זיי אין איין איבערשיקן צוריק קיין פוילן, ווו עס וואַרטן אויף זיי שרעקלעכע לאַגערן און גאַז־קאַמערן... באַגייען אייניקע קראַנקע זעלבסטמאָרד. ווערן אַנדערע משוגע פון די צרות.

און אַזוי מאַכט דורך די שרייבערין קאַרגע דריי יאָר נאַצי־גיהנום אין טשערנאָוויץ. ביז עס קומט דער 29סטער מערץ פון יאָר 1944. אין יענעם טאָג ווערט טשערנאָוויץ פאַרנומען פון די „רויטע” און ביי אַ צוואַנציק טויזנט יידן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך די פאַרפאַסערין פון בוך „אַ וואַנדערונג איבער אָקופירטע געביטן”, ווערן באַפרייט.

Este libro se terminó de imprimir
el día veinticuatro de Febrero de 1951
en los Tall. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231 — Buenos Aires